STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09522

DER OYFSHTAND FUN DI MALOKHIM

Anatole France

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַנאַטאָל פראַנס

דער אויפשטאַנד פון די מלאכים

(LA REVOLTE DES ANGES)

איבערגעזעצט פון פראַנצויזיש:

נ. פערלמאַן

פאַרלאַג „מאַקס יאַנקאָוויטש"

MAX JANKOVITZ, *Publisher*

179 East Broadway, New York.

אינהאַלט

קאַפּיטל איינס

וואו עס ווערט אין עטלעכע שורות געגעבן די געשיכטע פון אַ פראַנצויזישער פאַמיליע, פון 1789 ביז צו אונזער צייט . . 9

קאַפּיטל צוויי

וואו דער לייענער וועט געפינען נוציקע ידיעות וועגן אַ ביבליאָטעק, אין וועלכער עס וועלן באַלד פּאָרקומען מאָדנע געשעעניש 15

קאַפּיטל דריי

וואו מען טרעט אַריין אין דער מיסטעריע............ 23

קאַפּיטל פיר

וואָס אין זיין באַצווינגענדיקער קורצקייט פאַרטראָגט עס אונז צו די גרעניצן פון דער רעאַלער וועלט........... 30

קאַפּיטל פינף

וואו די קאַפּליצע פון די הייליקע מלאכים אין דער קירך סען־סולפּיס גיט מאַטעריאַל צום נאָכקלערן וועגן קונסט און טעאָלאָגיע 33

קאַפּיטל זעקס

וואו פּאָטער סאַריעט געפינט צוריק זיינע אוצרות...... 43

קאַפּיטל זיבן

וואָס איז פון גאַנץ לעבעדיקן אינטערעס און וואָס דער מוסר השכל דערפון וועט, האָף איך, שטאַרק אויסנעמען ביי אַלע לייענער, מחמת ער קאָן פאָרמולירט ווערן אין אָט־דעם פּיינ־לעכן אויסרוף: „גערדאַנק, וואוהין טוסטו מיך פירן?״ — און עס איז דאָך, כידוע, אַן אַלגעמיין־אָנגענומענער אמת, אַז טראַכטן איז אומגעזונט און אַז די אמתדיקע חכמה איז גאָרנישט צו טראַכטן............................ 47

קאַפּיטל אַכט

וואו עס רעדט זיך פון ליבע; דאָס דאַרף אויסנעמען ביים לייענער, ווייל אַ מעשה אָן ליבע איז ווי לעבערוואורשט אָן זענעפט, — אַ ניט־געשמאַקער מאכל.................. 55

קאַפּיטל ניין
וואו עס ווייזט זיך אַרויס, אַז (ווי עס האָט געזאָגט אַן אַלטער גריכישער פּאָעט) „קיין זאַך איז ניט אַנגענעמער פון דער גילדערנער אַפראָדיטא" 64
קאַפּיטל צען
וואָס שטייגט מיט זיין געוואַגטקייט אַריבער די פאַנטאַזיע פון דאַנטע און פון מילטאָן........................ 69
קאַפּיטל עלף
ווי אַזוי דער מלאך, אַנגעטון אין די קליידער, וואָס זענען פאַרבליבן נאָך אַ זעלבסטמערדער, האָט איבערגעלאָזט דעם יונגן מאָריסן אַן אַ הימלשן שומר.............. 80
קאַפּיטל צוועלף
וואו עס ווערט דערציילט, ווי אַזוי דער מלאך מיראר, ברענגענדיק געגנאָד און טרייסט אין דעם קוואַרטל פון די עליזייער פעלדער, אין פאַריז, האָט דאָרט דערזען אַ זינגערין פון אַ קאַפעשאַנטאַן, מיטן נאָמען בושאָט, און האָט זיך אין איר פאַרליבט 87
קאַפּיטל דרייצען
וואו מען הערט ווי דער שיינער ערץ-מלאך זיטאַ אַנטפּלעקט אירע הויכע כוונות און וואו מען זעט מיראַרס פליגל, צעגעסן פון מילבן אין אַ שאַפע...................... 95
קאַפּיטל פערצען
וואָס ווייזט אונז דעם כרוב, ווי ער אַרבעט אויפן גליק פון דער מענטשהייט, און ענדיקט זיך העכסט-משונהדיק מיט דעם וואונדער פון דער פלייט 103
קאַפּיטל פופצען
וואו מען זעט, ווי דער יונגער מאָריס, אפילו אין די אָרעמס פון זיין געליבטער, באַדויערט זיין פאַרלוירענעם מלאך, און וואו מען הערט, ווי דער גייסטלעכער פּאַטוי ווייזט צוריק יעדן געדאַנק וועגן א נייער מרידה פון די מלאכים, ווי אַ פאַרפירונג און אַ פאַרבלענדעניש....................... 114
קאַפּיטל זעכצען
וואָס פירט נאָכאַנאַנד אַרויף אויף דער בינע מוראַ די זעערין, זעפירין און דעם פאַטאַלן אמעדעי, און וואו דורך מאָסיע סאַריעטס שרעקלעכן בוישפּיל ווערט אילוסטרירט אייריפּידעס' געדאַנק, אַז יופּיטער נעמט אַוועק דעם שכל פון דעם, וואָס ער וויל אים אומברענגען....................... 123

קאפיטל זיבעצן
וואו מען דערוויסט זיך, אז סופר, וואס איז פונקט אזוי להוט
נאך געלד, ווי מאמאן, האט זיין הימלש פאטערלאנד ליב
געהאט א סך ווייניקער, ווי ער האט ליב געהאט פראנקרייך,
דאס געבענטשטע לאנד פון שפארעוודיקייט און קרעדיט, און
וואס ווייזט נאך אן איבעריק מאל, אז דער, וואס באזיצט
פארמעגן, שרעקט זיך פאר ענדערונגען.............. 136

קאפיטל אכטצען
וואו עס הויבט זיך אן דעם גערטנערס דערציילונג, וואס
וויקלט נאכאנאנד אויף די מזלות פון דער וועלט און וואס
אירע אנבליקן זענען אזוי ברייט און פראכטיק, ווי באסיועס
אנבליקן אין זיין „פארטראג איבער דער אוניווערסאלער גע־
שיכטע” זענען שמאל און טריב................ 142

קאפיטל ניינצען
המשך פון דער דערציילונג..................... 157

קאפיטל צוואנציק
המשך פון דער דערציילונג..................... 164

קאפיטל איין־און־צוואנציק
המשך און סוף פון דער דערציילונג................. 176

קאפיטל צוויי־און־צוואנציק
וואו מען זעט ווי פאטער גינארדאנס זינדיק גליק ווערט אין
אן אנטיקן־קראם צעשטערט דורך דער איינפערזוכט פון א
שטארק־פארליבטער פרוי......................... 188

קאפיטל דריי־און־צוואנציק
וואו מען זעט ווי בושאט, אין איר וואונדערבארן כאראקטער,
שטעלט זיך אנקעגן געוואלט און גיט נאך דער ליבע. און
זאל מען נאך דעם מער ניט זאגן, אז דער מחבר איז א פרויען־
האסער 197

קאפיטל פיר־און־צוואנציק
דערציילנדיק די סיבות, וואס האבן געהאט געטראפן מיט דעם
„לוקרעציוס” פון פריאר פון וואנדאם............... 204

קאפיטל פינף־און־צוואנציק
וואו מארים געפינט צוריק זיין מלאך............... 207

קאפיטל זעקס־און־צוואנציק
די אסיפה 217

קאפיטל זיבן־און־צוואנציק
וואו עס ווערט אויפגעדעקט א געהיימע און טיפע ליבה, וואס

גאנץ אפט שטויסט זי א מלוכה קעגן א מלוכה און ברענגט חורבן סיי דעם זיגער, סיי דעם באזיגטן, און וואו דער קלוגער לייענער (אויב אזוינער איז פאראן, וואס איך צווייפל אין דעם) וועט נאכקלערן וועגן אט־דעם שטארקן ווארט: „מלחמה איז געשעפט" 222

קאפיטל אכט־און־צוואנציק

געווידמעט א פיינלעכער פאמיליען־סצענע.......... 232

קאפיטל ניין־און־צוואנציק

וואו מען זעט, ווי דער מלאך, וואס איז געווארן א מענטש, פירט זיך אויך אזוי ווי א מענטש, ד. ה. גלוסט צו אן אנדערנס פרוי און פארראט זיין פריינט. דאס דאזיקע קאפיטל וועט ווייזן דעם יונגן ד׳עספארוויעים ריכטיקע אויפפירונג 236

קאפיטל דרייסיק

וואס באהאנדלט א מעשה פון ערנגעפיל, פון וועלכער עס וועט זיך לאזן זען, צי ס׳איז ריכטיק, ווי ארקאד פארזיכערט, אז די דערפארונג פון אונזערע באגאנגענע טעותן מאכט אונז פאר בעסערע מענטשן 244

קאפיטל איין־און־דרייסיק

וואו מען וואונדערט זיך, מיט וואסער לייכטקייט א מענטש, וואס איז בטבע ערלעך, שרעקעדיק און מילד, קאן באגיין א שוידערלעך פארברעכן 255

קאפיטל צוויי־און־דרייסיק

וואו נעקטארס פלייט ווערט געהערט אין קלאדאמירס שענקל.. 263

קאפיטל דריי־און־דרייסיק

ווי א שרעקלעך פארברעכן ווארפט אן אן אימה אויף פאריז.. 273

קאפיטל פיר־און־דרייסיק

וואו מען זעט מאריסעס און בושאטס ארעסטירונג, די קאטא־סטראפע פון דער ביבליאטעק פון די ד׳עספארוויעס און דאס אוועקגיין פון די מלאכים........................ 280

קאפיטל פינף־און־דרייסיק

דאס לעצטע קאפיטל, וואו עס ווערט אויפגעוויקלט דעם שטנס דערהויבענער חלום........................ 293

קאפיטל איינס

וואו עס ווערט אין עטלעכע שורות געגעבן די געשיכטע פון א פראנ־צויזישער פאמיליע, פון 1789 ביז צו אונזער צייט.

אונטערן שאטן פון דער קירך סען־סולפיס הויבט זיך מיט זיינע דריי כמורע גארן ארויס דאס הויז פון די ד׳עספארוויעס. פון איין זייט, א מאך־באוואקסענער הויף, פון דער אנדערער זייט, א גארטן, וואס איז מיט די יארן פארשניטן געווארן דורך אלץ העכע־רע און אלץ מער אנגעהויפטע געביידעס און וואו צוויי גרויסע קאש־טאן־ביימער האלטן נאך אלץ הויך זייערע פארוועלקטע קעפ.

אט־דא האט פון 1825 ביז 1875 געלעבט דער גרויסער מאן פון דער פאמיליע, אלעקסאנדר ביוסאר ד׳עספארוויעי, וויצע־פרעזי־דענט פון מלוכה־ראט אונטער דער יולי־רעגירונג, מיטגליד פון דער אקאדעמיע פון פאליטישע און מאראל־וויסנשאפטן און מחבר פון דער עסעי „וועגן די ציווילע און רעליגיעזע אינסטיטוציעס פון די פעלקער“, א ווערק אין דריי אקטאווא־בענד, וואס איז, צום באַ־דויערן, געבליבן נים־געענדיקט.

דער דאזיקער אנגעזעענער טעארעטיקער פון דער ליבעראלער מאנארכיע האט איבערגעלאזט פארן יורש פון זיין נאמען און פון זיין פארמעג פיולזשאנס־אדאלף ביוסאר ד׳עספארוויעי, סענאטאר אונטער דער צווייטער אימפעריע, וואס האט היבשלעך פארגרעסערט דעם פאטערס ירושה, אפקויפנדיק דעם באדן, וואו עס האט געזאלט דורכגיין די אוועניו דע ל׳ענפעראטריס, און גע־האלטן א מערקווירדיקע רעדע לטובת דער וועלטלעכער מאכט פון די פויפסטן.

פיולזשאנס האט געהאט דריי זין. דער עלטערער, מארק־אלעק־

סאנדר, איז אנגעקומען אין דער ארמיי און האט דארט געמאכט א גלענצנדיקע קאריערע: ער האט געקענט שיין ריידן. דער צווייטער, גאעטאן, האט ניט ארויסגעוויזן קיין שום באזונדער פייאיקייט און געלעבט מערסטנס אויפן לאנד, וואו ער האט זיך פארנומען מיט געיעג, מיט פערדנצוכט און געטון אביסל אין מוזיק און אין מאלעריי. דער דריטער, רענע, באשטימט פון קינדווייז אן פאר יוריספרודענץ, האט רעזיגנירט פון זיין דעפוטאטן־אמט, ניט צו באטייליקן זיך אין דער אנווענדונג פון די פערי־דעקרעטן קעגן די קאנגרעגאציעס; און נאך שפעטער, צוזענדיק, ווי אונטער דער פרעזידענטשאפט פון מאסיע פאליער, האבן די טעג פון דעציוס און דיאקלעטיאן אויפגעלעבט אויפסניי, האט ער זיין וויסן און זיין התמדה געשטעלט אין דינסט פון דער גערודפטער קירך.

זינט דעם קאנקארדאט פון 1801 ביז די לעצטע יארן פון דער צווייטער אימפעריע פלעגן אלע ד׳עספארוויעס גיין, לפנים וועגן, צו דער מעסע. סקעפטיקער אין דער נשמה, האבן זיי באטראכט די רעליגיע ווי א מיטל צו רעגירן.

מארק און רענע האבן די ערשטע פון זייער ראסע ארויסגעוויזן סימנים פון אויפריכטיקער פרומקייט. דער גענעראל, בעת ער איז נאך געווען א קאלאנעל, האט געווידמעט זיין רעגימענט צום „הייליקן הארץ” און געדינט גאט מיט א ברען, וואס איז זעלטן צו טרעפן אפילו ביי א קריגסמאן, כאטש אלע ווייסן, אז די פרומקייט, די טאכטער פון הימל, האט אויסדערוויילט דאס הארץ פון די גענעראלן פון דער דריטער רעפובליק פאר איר באליבטן וואוינארט אויף דער ערד.

דער גלויבן האט זיך זיינע איבערגענג. אונטער דעם אלטן רעזשים איז דאס פאלק געווען גלויביק. די אריסטאקראטיע איז עס ניט געווען, אזוי אויך ניט די געבילדעטע בורזשואזיע. אונטער דער ערשטער אימפעריע איז די ארמיי, פון אויבן ביז ארונטער, געווען אינגאנצן אומרעליגיעז. היינט גלויבט דאס פאלק אין קיין זאך ניט. די בורזשואזיע וויל גלויבן און אמאל געלינגט עס איר, פונקט ווי דאס איז געלונגען מארק און רענע ד׳עספארוויעי. אקעגן־אבער זייער ברודער גאעטאן, דער דארפישער איידלמאן, איז

דערצו קיינמאָל ניט דערגאַנגען. ער איז געווען אַן אַגנאָסטיקער, ווי מען רופט עס אין דער הויכער געזעלשאַפט, ניט צו געברויכן דאָס מיאוסע וואָרט פ ר י י ד ע נ ק ע ר. ער האָט זיך אַפילו אָפן דערקלערט פאַר אַן אַגנאָסטיקער, להיפוך דעם פיינעם מנהג צו האַלטן דאָס בסוד.

אין דעם יאָרהונדערט, אין וועלכן מיר לעבן, זענען דאָ אַזוי פיל שטיינערס פון גלויבן און אומגלויבן, אַז די צוקונפטיקע היסטאָריקער וועלן האָבן פיל שווערקייט צו דערגיין דאָ אַ טאָלק. קליבן מיר זיך דען אָבער היינט בעסער פונאַנדער אין דעם צושטאַנד פון גלויבנס אין די צייטן פון סימאַכוס און אַמבראָזיוס?

אַ פאַנאַטישער קריסט, איז רענע ד'עספאַרוויעי דאָך געווען שטאַרק פאַרבונדן מיט די ליבעראַלע אידייען, וואָס זיינע אורעלטערן האָבן אים איבערגעגעבן, ווי אַ הייליקע טראַדיציע. געצוואונגען צו באַקעמפן די אַטעאיסטישע און יאַקאָבינישע רעפובליק, האָט ער זיך נאָך אַלץ גערופן רעפובליקאַנער. און אין נאָמען פון פרייהייט האָט ער עס געפאָדערט די אונאָפהענגיקייט און די אויבערהערשאַפט פון דער קירך. בשעת די גרויסע דעבאַטן וועגן אָפטיילן די קירך פון שטאַט און די דיספוטן וועגן די אינווענטאַרן, זענען די סינאָדן פון די ביסקופן און די פאַרזאַמלונגען פון די גלויביקע געהאַלטן געוואָרן ביי אים אין הויז.

ווען די פולמאַכטיקסטע פירער פון דער קאַטוילישער פאַרטיי, פרעלאַטן, גענעראַלן, סענאַטאָרן, דעפוטאַטן, זשורנאַליסטן, האָבן זיך פאַרזאַמלט אין גרויסן גרינעם זאַל; ווען יעדער נשמה דאָרט האָט מיט שטילער הכנעה אָדער מיט געצוואונגענער געהאָרכיקייט זיך געווענדט צו רוים; און ווען מאָסיע ד'עספאַרוויעי, מיטן עלנבויגן אויפן מירמלשטיין פון קאַמין, האָט דעם ציווילן רעכט אַקעגנשטעלט דאָס קאַנאָנישע רעכט און מיט פיינעם לשון פראָטעסטירט קעגן דער אויספלינדערונג פון דער פראַנצויזישער קירך, האָבן צוויי אַנטיקע פיגורן, שטום און אומבאַוועגלעך, באַטראַכט די מאָדערנע פאַרזאַמלונג. רעכטס פון קאַמין, געמאָלט פון דאַווידן, איז געווען ראָמען ביוסאַר, אַן ערד־אַרבעטער אין עספאַרוויעי, אין אַ קאַמזויל און אין לייוונטענע פלודערן, פאַרגרעבט און ביטרע, אַביסל

שפּאַטיש. דאָס פֿויערל האָט געהאַט פֿון וואָס צו לאַכן: ער האָט געהאַט אָפּגעקויפט פֿון דער קירך אירע גיטער און געלייגט דעם יסוד פאַר דעם פאַרמעג פֿון דער פאַמיליע. לינקס, געמאָלט פֿון זשעראַר, אין פּאַראַדישע קליידער, אינגאַנצן אויסגעצירט מיט אָרדנס, איז געווען דעם פויערס זון, באַראָן עמיל ביוסאַר ד׳עספּאַרוויעי, פּרעפעקט פֿון דער אימפּעריע, גרויס־רעפערענדאַר פֿון זיגל פֿון פראַנקרייך, אונטער שאַרל X, קירכן־פאַרשטייער פֿון זיין געמיינ־דע, מיט קופּלעטן פֿון וואָלטערס „יונגפרוי" אויף די ליפּן. ער איז געשטאָרבן אין 1837.

רענע ד׳עספּאַרוויעי האָט אין 1888 חתונה געהאַט מיט מאַריע־אַנטואַנעט קופּעל, טאָכטער פֿון באַראָן קופּעל, אייזנמייסטער אין בלענוויל (הויך־לואַר). מאַדאַם רענע איז זינט 1903 פּרעזידענטין פֿון דער „געזעלשאַפט פֿון קריסטלעכע מוטערס". דאָס דאָזיקע אַי־דעאַלע פּאָר פּאָלק האָט אין 1908 אויסגעגעבן זייער עלצטע טאָכטער, האָבנדיק מיט זיך נאָך דריי קינדער, אַ מיידל און צוויי אינגלעך.

לעאָן, דער אינגערער, זעקס יאָר אַלט, האָט געהאַט פאַר זיך אַ צימער, ביי דער זייט פֿון זיין מוטערס און פֿון זיין שוועסטער בערטאַס צימערן. מאַריס, דער עלטערער, האָט געוואוינט אין אַ פּאַוויליאָן, וואָס איז באַשטאַנען פֿון צוויי צימערן, אין הינטער־גרונד פֿון גאָרטן. דאָרט האָט דער בחור געפֿונען פאַר זיך אַ פרייקייט, וואָס האָט דאָס פאַמיליען־לעבן געמאַכט צום דערליידן. ער איז געווען אַ גאַנץ שיינער יונג, עלעגאַנט, אָן צופיל אָנשטעל; זיין דינער שמייכל, וואָס האָט אָנגערירט ניט מער ווי אַ ווינקל פֿון די ליפּן, איז געווען ניט אָן אַ געוויסן חן.

צו פינף־און־צוואַנציק יאָר האָט מאַריס פאַרמאָגט די חכמה פֿון אַ קהלת. צווייפלענדיק, צי דער מענטש געווינט עפּעס פֿון דער גאַנצער מי, וואָס ער מיט זיך אונטער דער זון, האָט ער זיך קיינמאָל ניט אָנגעטון קיין איבעריקן כוח. פֿון די צאַרטסטע קינ־דער־יאָרן אָן האָט ער זיך געפלייסט צו וויכן פֿון לערנען, און טאַקע נאָר דורך זיין פאַרבלייבן אַ פרעמדער צו די לימודים פֿון שול איז ער געוואָרן דאָקטאָר פֿון רעכט און אַדוואָקאַט פֿון אַפּעלאַציע־גע־ריכט.

ער האָט זיך מיט אַדוואָקאַטור ניט אָפּגעגעבן. ער האָט גאָר־ נישט ניט געוואוסט און גאָרנישט ניט געוואָלט וויסן, וואָס דערמיט האָט ער זיך געהאַט צוגעפּאַסט צו זיינע גייסטיקע פיזיקייטן, ניט צו ווען איבערלאָזן זייער ליבנסווערדיקע קליינקייט מיט קיין צו־ שווערער משא. זיין פיינער אינסטינקט האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז ס׳איז גלייכער צו פאַרשטיין ווייניק, איידער צו פאַרשטיין שלעכט.

מאָריס האָט, ווי דער גייסטלעכער פּאַטוי האָט זיך אויסגע־ דריקט, באַקומען פון הימל די ברכה פון אַ קריסטלעכער דערציאונג. פון קינדוויז אָן האָט ער געזען פאַר זיך היימישע מוסטערן פון גאָטספאַרכטיקייט. ווען ער האָט געהאַט פאַרלאָזן די הויך־שול און איז אָנגעקומען אין יורידישן פאַקולטעט, האָט ער געטראָפן דאָס וויסן פון די געלערנטע, די מידות טובות פון די גייסטלעכע און די טריישאַפט פון די פרומע ווייבער פאַרזאַמלט אין זיין פאָטערס הויז. צוגעלאָזט צום געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן אין דער צייט פון דער גרויסער רדיפה אויף דער פראַנצויזישער קירך, האָט מאָריס ניט פאַרפעלט קיין איין מאַניפעסטאַציע פון דער קאַטוילי־ שער יוגנט; ער האָט געקעמפט אויף די באַריקאַדן פון זיין קירכן־ געמיינדע, אין דער צייט פון די אינווענטאַרן, און אינאיינעם מיט זיינע חברים אויסגעשפּאַנט די פערד פון דעם ערצביסקופ, ווען יענער איז אַרויסגעטריבן געוואָרן פון זיין פּאַלאַץ. דערביי האָט ער אָבער אַרויסגעוויזן אַ צוריקגעהאַלטנקייט: מען האָט אים קיינמאָל ניט געזען אין די ערשטע רייען פון אָט־דער העלדישער באַנדע, וואָס האָט געהעצט די סאָלדאַטן צו אַ גלאָררייכן ווידערשטאַנד און געשליידערט בלאָטע און זידלערייִ אויף די אַגענטן פון דער רעגי־ רונג.

ער האָט געטון זיין חוב, מער גאָרנישט. און אויב ער האָט אין דער צייט פון דער גרויסער פּילגרימעריי פון 1911 זיך אויסגע־ צייכנט אין לורד צווישן די טרעגער פון די אינוואַלידן־בעטלעך, איז דאָ אַ חשד, אַז ער האָט דערמיט געוואָלט אויסנעמען ביי מאַדאַם דע־לאַ־ווערדעליער, וואָס האָט ליב געזונטע מענער.

דער גייסטלעכער פּאַטוי, אַ פריינט פון דער פאַמיליע און

אַ גרינדלעכער מענטשנקענער, האָט געוואוסט, אַז מאָריסעס שטרעבן צו מאַרטירערײַ איז ניט געווען זײַער גרויס. ער האָט אים אויסגעמוסרט פאַר זײַן לעבלאַכקײט און אים געצויגן פאַרן אויער, אַנדרופנדיק געפּגרט פערד.

מאָריס איז דאָך פאַרבליבן אַ גלויביקער. אין די בלאָנדזשענישן פון זײַן יוגנט איז זײַן גלויבן פאַרבליבן גאַנץ: ער האָט אים קײנמאָל ניט געהאַט אָנגערירט, קײנמאָל ניט געהאַט אויסגעפאָרשט קײן אײן־אײנציקן פּונקט דערפון. ניט מער אויפמערקזאַם האָט ער אויך באַטראַכט די עטישע פּרינציפּן, וואָס האָבן געהערשט אין דער געזעלשאַפט, צו וועלכער ער האָט געהערט. ער האָט זײ אויפגענומען אַזוי ווי זײ זענען אים געגעבן געוואָרן. אַזוי אַרום האָט ער אונטער אַלע אומשטענדן זיך אַרויסגעוויזן צו זײַן אַ מענטש פון דער שטרענגסטער ערלעכקײט, וואָס ער וואָלט עס אַוודאי ניט געקאָנט אויספירן, ווען ער וואָלט געהאַט נאָכגעקלערט וועגן די יסודות פון מאָראַל. ער איז געווען אַן אויפגערעגטער, אַ היציקער און האָט פאַרמאָגט ערנגעפיל, וואָס ער האָט זיך געמיט נאָך מער צו אַנטוויקלען עס אין זיך. ער איז געווען אַ מענטש אָן אַמביציע און אָן פּוסטער גאווה. ווי דאָס רוב פראַנצויזן, האָט ער ניט ליב געהאַט אויסצוגעבן קײן געלט; ער וואָלט קײן זאַך ניט אוועקגעגעבן די פרויען, ווען זײ וואָלטן ניט געוואוסט, ווי אַזוי אים צו באַצווינגען. גלויבנדיק, אַז זײַן געפיל צו זײ איז פאַראַכטונג, האָט ער זײ גאָר אין דער אמתן באַוואונדערט, און זײַנע פאַרלאַנגען זענען געווען צופיל בדרך הטבע, ער זאָל זיך אויף זײ אומקוקן. אײן זאַך איז פאָרט געווען, וואָס קײנער ניט, ווײניקער פון אַלץ ער אַלײן, האָט דערפון געוואוסט, כאָטש דאָס שטילע וואַרעמע ליכט, וואָס פלעגט פון צײַט־צו־צײַט אויפשײַנען אין זײַנע שײנע, העל־ברוינע אויגן, האָט אפשר געקאָנט דערויף אָנדײַטן, — און דאָס איז, אַז ער האָט געהאַט אַ ווײך האַרץ און איז געווען פּיאיק אויף פרײַנטשאַפט. אחוץ דעם אָבער, איז ער אין טאָגטעגלעכן לעבן געווען אַ גאַנץ גרוי מענטשל.

קאַפּיטל צוויי

ווּאו דער לייענער וועט געפינען נוציקע ידיעות וועגן אַ ביבליאָטעק, און וועלכער עס וועלן באַלד פאַרקומען מאָדנע געשעענישן.

האָבנדיק חשק אַרומצונעמען דעם גאַנצן קרייז פון מענטשלעכן וויסן און כדי צו געבן זיין ענציקלאָפּעדישן מוח אַ קאָנקרעטן סימבאָל און אַ פאָרם, צוגעפּאַסט צו זיינע געלט־מיטלען, האָט באַראָן אַלעקסאַנדער ד׳עספּאַרוויעי זיך געשאַפן אַ ביבליאָטעק פון דריי הונדערט און זעכציק טויזנט בענד, סיי געדרוקטע, סיי אין כתב־יד, וואָס דער גרעסטער טייל פון זיי איז געקומען פון די בענעדיקטינער פון ליגיוזשע.

דורך אַ ספּעציעלן פּונקט אין זיין צוואה האָט ער פאַרזאָגט זיינע יורשים, זיי זאָלן נאָך זיין טויט פאַרגרעסערן די ביבליאָטעק מיט אַלץ, וואָס זיי וועלן האַלטן פאַר וויכטיק אין פּאָליטישע, סאָציאַלע, פילאָזאָפישע, רעליגיעזע, נאַטור־ און מאָראַל־וויסנשאַפטן. ער האָט אָנגעצייכנט די סומען, וואָס זאָלן אויף דעם אַרונטערגענומען ווערן פון דער ירושה, און אַרויפגעלייגט אויף זיין עלטערן זון, פּיולזשאַנס־אַדאָלף, די אַרבעט פון אָט־דער פאַרגרעסערונג. פּיולזשאַנס־אַדאָלף האָט מיטן געהעריקן דרך ארץ פון אַ זון דערפילט דעם ווילן פון זיין באַרימטן פאָטער.

נאָך אים איז די גרויסע ביבליאָטעק, וואָס האָט פאָרגעשטעלט מער ווי אַ חלק ירושה פון איין קינד, פאַרבליבן ניט־צעטיילט צווישן דעם סענאַטאָרס דריי זין און צוויי טעכטער, און רענע ד׳עספּאַרוויעי, וואָס אויף זיין חלק איז אויסגעפאַלן דאָס הויז אויף רו גאַראַנסיער, האָט באַקומען די השגחה איבער דער דאָזיקער רייכער קאָלעקציע. זיינע צוויי שוועסטער, מאַדאַם פּאָלע דע סען־פען און מאַדאַם קוויסאַר, האָבן אַ סך מאָל פאַרלאַנגט, אַז אָט־דאָס גרויסע פאַרמעגנס, וואָס האָט זיי גאָרנישט ניט געהאַט אַריינגעבראַכט, זאָל ליקווידירט ווערן. אָבער רענע און גאַעטאַן האָבן אָפּגעקויפט דעם חלק פון די צוויי יורשטעס און די ביבליאָטעק איז געראַטעוועט גע־

וואָרן. רענע ד'עספּארוויעי האָט זיך אַפילו אַ נעם געטון זי צו פאַרגרעסערן, לויט דעם ווילן פון איר גרינדער. אָבער פון יאָר־צו־יאָר האָט ער פאַרמינערט די צאָל און די וויכטיקייט פון די נייע בייטראָגן, האַלטנדיק, אַז די גייסטיקע שאַפונגען פון אייראָפּע זענען נידעריק געזונקען.

גאַעטאַן האָט פונדעסטוועגן אויף זיינע אייגענע מיטלען באַרייכערט די ביבליאָטעק מיט נייע ווערק, וואָס זענען פּובליקירט געוואָרן סיי אין פראַנקרייך, אַזוי אויך אין אויסלאַנד, און וואָס ער האָט זיי געהאַלטן פאַר גוטע ביכער. אין דעם פּרט איז ער גראָד געווען אַ מבין, כאָטש זיינע ברידער האָבן עס אויף קיין אופן ניט געוואָלט צוגעבן. צו פאַרדאַנקען דעם דאָזיקן מענטשן, וואָס איז געווען נייגיריק און האָט געהאַט פרייע צייט, זענען די קאָלעקציעס פון באַראָן אַלעקסאַנדר כמעט געהאַלטן געוואָרן אין גייסט פון דער צייט.

די ביבליאָטעק פון די ד'עספּארוויעס איז נאָך אַפילו ביז צום היינטיקן טאָג, אין טעאָלאָגיע, אין יוריספּרודענץ און אין געשיכטע, איינע פון די שענסטע פריוואַטע ביבליאָטעקן פון גאַנץ אייראָפּע. איר קאָנט דאָרט שטודירן פיזיק, אָדער בעסער געזאָגט, די פיזישע וויסנשאַפטן אין אַלע זייערע אָפּצווייגן, און ווי ווייניק דאָס זאָל אייך אָנגיין, אויך מעטאַפיזיקע, ד. ה. אַלץ, וואָס איז פאַרבונדן מיט פיזיקע און האָט ניט קיין אַנדער נאָמען: אַזוי אוממעגלעך איז עס צו באַצייכענען מיט אַ סובסטאַנטיוו אַזוינס, וואָס עס האָט ניט קיין סובסטאַנץ און איז ניט מער ווי אַ חלום און אַן אילוזיע. איר קאָנט דאָרט באַוואונדערן די פילאָזאָפן, וואָס נעמען זיך פאַר דער לייזונג און אויפלייזונג פון דעם אבסאָלוט, פאַר דער באַשטימונג פון דעם אומבאַשטימטן און דער דעפיניציע פון דעם אומענד. אַלץ געפינט זיך אין דער דאָזיקער אָנגעהויפטער מאַסע ביכער און ביכלעך, רעליגיעזע און וועלטלעכע, — אַלץ, ביז דעם סאַמע נייעם און סאַמע מאָדישן פראַגמאַטיזם.

אַנדערע ביבליאָטעקן זענען אפשר אַ סך רייכער מיט איינבאַנדן, וואָס צוליב זייער אַלטקייט און יחוס ווערן זיי געהאַלטן אין גרויס חשיבות, וואָס דאָס געוועב און דער קאָליר פון זייער לעדער

מאַכן זיי אַנגענעם צום באַרירן, וואָס ווערן הויך געשעצט צוליב דעם באַגילדערס קונסטפולע גאָלדנעצן און שפּיצן, בלעטער און בלומען, עמבלעמען און הערבן, און צויבערן מיט זייער פּראַכטיקייט דאָס אויג פון מבין. אַנדערע ביבליאָטעקן האָבן אפשר אַ גרעסערע צאָל מאַנוסקריפּטן, אילוסטרירט פון ווענעציאַנישע, פלאַמאַנדישע אָדער טורענישע מייסטער מיט פיינע לעבהאַפטיקע מיניאַטורן. אָבער קיין איין ביבליאָטעק שטייגט ניט אַריבער די ביבליאָטעק פון די ד׳עספּאַרוויעס מיט שיינע און גוטע אויסגאַבן פון אַלטע און מאָדערנע, רעליגיעזע און וועלטלעכע מחברים.

מען געפינט דאָרט אַלץ, וואָס עס איז אונז פאַרבליבן פון דער אַנטיקער צייט; אַלע קירכנפאָטערס, אַפּאָלאָגעטן און דעקרעטאַליסטן, אַלע הומאַניסטן פון רענעסאַנס, אַלע ענציקלאָפּעדיסטן, די גאַנצע פילאָזאָפיע, די גאַנצע וויסנשאַפט.

און דערפאַר האָט דער קאַרדינאַל מערלען, ווען ער האָט איינגעוויליקט צו באַזוכן די ביבליאָטעק, געזאָגט:

— עס איז גאָר ניטאָ קיין מענטש מיט אַ גענוג שטאַרקן קאָפּ צו קאָנען אויפהאַלטן דאָס גאַנצע וויסן, וואָס איז אָנגעזאַמלט אויף די דאָזיקע פּאָליצעס. צום גליק איז דאָס אָבער ניט נויטיק.

מאָנסעניאָר קאַשפּאַ, וואָס פלעג דאָרט אָפט אַרבעטן, בעת ער איז געווען וויקאַר אין פּאַריז, פלעג זאָגן:

— איך זע דאָ דעם מאַטעריאַל אויף צו בילדן דערפון טאָמאַסעס אַקווינער און אַריוסעס, ווען דער מענטשלעכער גייסט וואָלט ניט געהאַט פאַרלוירן זיין אַמאָליקן ברען פאַר גוטס און שלעכטס.

די מאַנוסקריפּטן האָבן אָן צווייפל פאַרגעשטעלט דעם רייכסטן טייל פון דער דאָזיקער גרויסער קאָלעקציע. אַ זייער חשובן פּלאַץ האָבן דאָרט פאַרנומען די ניט־פאַרעפנטלעכטע בריוו פון גאַסענדי, פון פּאָטער מערסען, פון פּאַסקאַל, וואָס ווארפן אַ נייַ ליכט אויפן גייסט פון זיבעצעטן יאָרהונדערט. און מ׳דאַרף אויך ניט פאַרגעסן די העברייאישע ביבלס, דעם תלמוד, די רבנישע כתבים, סיי געדרוקטע, אַזוי אויך אין כתב־יד, די אַראַמייאישע און שומרונישע טעקסטן אויף שעפּסנפעל און אויף סיקאָמאָרן־האָלץ, אַלע יענע ווערטפולע אַנטיקע עקזעמפּליאַרן, וואָס דער באַרימטער משה הדינאי האָט זיי געזאַמלט

אין מצרים און אין סיריע און וואָס אַלעקסאַנדר ד׳עספּאַרוויעי האָט פאַר אַ קליינעם פּרייז זיי אָפּגעקויפט אין 1826, ווען דער געלערנ־טער העברייער איז געקומען קיין פּאַריז צו שטאַרבן דאָרט פון אַלט־קייט און נויט.

די ביבליאָטעק פון די ד׳עספּאַרוויעס האָט פאַרנומען דעם צווייטן גאָרן פון אַלטן הויז. די ווערק, באַטראַכט צו זיין פון מיטלמעסיקן אינטערעס, אַזוינע, ווי די ביכער פון פּראָטעסטאַנטי־שער עקזעגעטיקע פון ניינצעטן און צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, גע־שענקט פון מאַסיע גאַעטאַן, זענען ניט־געבונדענע, פאַררוקט געוואָרן אין דער אומענדלעכער טיף פון בוידעם־שטיבל. דער קאַטאַלאָג, מיט אַלע זיינע צולאָגן, איז באַשטאַנען פון ניט־ווייניקער, ווי אַכט־צען פאָליאָ־בענד. דער דאָזיקער קאַטאַלאָג איז געווען צוגעפירט ביז צום לעצטן טאָג און די גאַנצע ביבליאָטעק געהאַלטן אין דער בעסטער אָרדענונג. מאָסיע זשוליען סאַריעט, ארכיוואַר און האַנט־שריפט־קענער, וואָס האָט, אַן אָרעמער און אַ שטילער, געלעבט פון געבן לעקציעס, איז אין 1895, אויף דער רעקאָמענדאַציע פון ביס־קופּ פון אַגרא, געוואָרן לערער פון יונגן מאָריס און כמעט אין דער אייגענער צייט אויך אויפזעער פון דער ביבליאָטעק. באַשאַנקען מיט מעטאָדישער אַרבעטזאַמקייט און איינגעשפּאַרטער סבלנות, האָט מאָ־סיע סאַריעט קלאַסיפיצירט אַלע טיילן פון אָט־דער גרויסער זאַמלונג. די סיסטעמע, וואָס ער האָט געהאַט אויסגעטראַכט און זיך באַנוצט מיט איר, איז געווען אַזאַ פאַרפּלאָנטערטע, די צעטעלעך, וואָס ער האָט געהאַט אַרויפגעטון אויף די ביכער, זענען באַשטאַנען פון אַזוי פיל גרויסע און קליינע אותיות, לאַטיינישע און גריכישע, פון אַזוי פיל אַראַבישע און רוימישע ציפערן, באַגלייט מיט שטערנדלעך, איינ־פאַכיקע, צווייפאַכיקע און דרייפאַכיקע שטערנדלעך, און מיט יענע צייכנס, וואָס אין דער אַריפמעטיקע דריקן זיי אוים גרייסן און וואָרצ־לען, אַז אויף צו שטודירן זיי וואָלט זיך געפאָדערט אַ סך מער צייט און אַרבעט, ווי אויף אויסצולערנען גרינדלעך אַלגעברע. און אַזוי ווי עס האָט זיך ניט געפונען קיין איין מענטש, וואָס זאָל וועלן זיך פאַרטיפן אין די דאָזיקע טונקעלע צייכנס און אוועקגעבן דערויף זיין צייט, וואָס וואָלט מיט מער נוצן געקאָנט פאַרברויכט ווערן אויף

צו אַנטדעקן די געזעצן פון צאָלן, איז מאָסיע סאַריעט פאַרבליבן דער איינציקער, וואָס האָט געקענט זיך פונאַנדערקלייבן אין אָט־דער קלאַסיפיקאַציע, און אָן זיין הילף איז גאָר ניט געווען מעגלעך צו געפינען אַ בוך, וואָס מען האָט עס באַדאַרפט נויטיק, צווישן די דריי הונדערט און זעכציק טויזנט בענד, וואָס זענען געווען איבערגעגעבן אין זיין רשות. אָט־דאָס איז געווען דער רעזולטאַט פון זיין מי. גאַנץ ווייט פון צו באַקלאָגן זיך, איז ער, פאַרקערט, געווען דערמיט שטאַרק צופרידן.

מאָסיע סאַריעט האָט ליב געהאַט זיין ביבליאָטעק. ער האָט זי ליב געהאַט מיט אַן אייפערזיכטיקער ליבע. יעדן טאָג, פון זיבן אַזייגער אינדערפרי, האָט ער זיך אַהין פאַרקליבן צו קאַטאַלאָגירן ביים גרויסן טיש פון רויטן האָלץ. די קאַרטלעך, פאַרשריבענע מיט זיין האַנט, האָבן אָנגעפילט אַ מאָנומענטאַלן קאַסטן פון קאַרטאָן, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים, מיט אַ גיפּסענעם ביוסט פון אַלעקסאַנדר ד'עספּאַרוויעי פון אויבן: די האָר פאַרקעמט אַרויפצו, אַ דערהויבענער בליק, טראַגנדיק, ווי שאַטאָבריאַן, קליינע פּוכיקע פּאות ביים ברעג אויער, די ליפּן פאַרשפּיצט, די ברוסט אויפגעדעקט. פּונקט צוועלף אַזייגער בייטאָג איז מאָסיע סאַריעט געגאַנגען איבערבייסן אין דעם מילכיקן רעסטאָראַן „פון די פיר ביסקופּן”, אויף דער ענגער פינצטערער רו דע־קאַנעט, וואו עס פלעגן פאַרצייטנס זיך צונויפקומען באַרבלער, טעאָדאָר דע באַנוויל, שאַרל אַסעלינאָ, לואי מענאַר און אַ שפּאַנישער גראַנד, וואָס האָט געהאַט איבערגעזעצט „די געהיימענישן פון פּאַריז” אין דעם לשון פון די „קאָנקוויסטאַדאָרן” (זיגער). און די קאַטשקעס, וואָס פּליושקען זיך אַזוי שיין אויף דער אַלטער שטיינערנער שילד, וועלכע האָט געגעבן דער גאַס איר נאָמען, פלעגן שוין דערקענען מאָסיע סאַריעטן. פּונקט אַ פערטל צו איינס האָט ער זיך אומגעקערט צוריק אין ביבליאָטעק און איז דאָרט פאַרבליבן ביז זיבן פאַרנאַכט. דעמאָלט איז ער ווידער אוועק צו „די פיר ביסקופּן” און זיך געזעצט עסן באַשיידענעם מאָלצייט, שמעקנדיק פאַרענדיקט מיט פלוימען־קאָמפּאָט. זיין חבר, מישעל גינאַרדאָן, באַוואוסט אונטערן נאָמען פאָטער גינאַרדאָן, דעקאָראַטאָר און פאַררייכטער פון אַלטע בילדער, וואָס האָט געאַרבעט

אין קירכן, פלעג יעדן אוונט, נאָך וועטשערע, קומען פון זיין אוי־בערשטיבל אויף רו פּרענסעס אין רעסטאָראַן פון „די פיר בים־קופּן" צו טרינקען דאָרט קאַווע און ליקער, און די צוויי פריינט פלעגן שפּילן אַ פּאַרטיי דאָמינאָ.

פּאַטער גינאַרדאָן, אַ פאַרהאַרטעוועטער בוים, נאָך פול מיט זאַפט, איז געווען אַ סך עלטער, ווי ער אַליין וואָלט עס געקאָנט אויף זיך גלויבן: ער האָט נאָך געקענט שענאַוואַרן. אַ מענטש פון שטרענגער צניעות, האָט ער פונדעסטוועגן ניט אויפגעהערט צו שימפּן מיט די מיאוסטע ווערטער די אויסגעלאַסנקייט פון דעם נעאָ־פּאַגאַניזם. ער האָט ליב געהאַט צו ריידן. מאָסיע סאַריעט האָט אים גערן אויסגעהערט. מער פון אַלץ האָט ער ליב געהאַט צו דער־ציילן זיין פריינט וועגן דער קאַפּליצע פון די מלאכים אין דער קירך סען־סולפּיס, וואו די מאָלערייען אויף די ווענט האָבן זיך ער־טערוווייז אָפּגעשיילט און וואָס ער וועט זיי, מיטן הימלס ווילן, מוזן רעסטאַורירן, ווייל זינט די קירכן זענען אָפּגעטיילט פון דער מלוכה, געהערן זיי מער צו קיינעם ניט, ווי נאָר צו גאָט אַליין, און קיינער וועט ניט נעמען אויף זיך דאָרט צו רעמאָנטירן אַפילו דאָס סאַמע נויטיקסטע. פּאַטער גינאַרדאָן האָט ניט פאַרלאַנגט קיין שכר טרחה.

— מיכאל איז מיין באַשיצער, — פלעגט ער זאָגן, — און איך האָב באַזונדערן יראת הכבוד פאַר די הייליקע מלאכים.

אָפּגעשפּילט די פּאַרטיי דאָמינאָ, פלעגן זיי — מאָסיע סאַ־ריעט, דאַר און קליינגעוואַקסן, און פּאַטער גינאַרדאָן, שטאַרק ווי אַ דעמב, באַוואַקסן ווי אַ לייב, און הויך ווי אַ מין הייליקער קרים־טאָפאָר — פאַרלאָזן דעם רעסטאָראַן, שפּאַצירן זייט־ביי־זייט איבער דעם פּלאַץ סען־סולפּיס און פלוידערן בייננאַנד, סיי די נאַכט איז געווען אַ מילדע, סיי אַ שטורמדיקע. מאָסיע סאַריעט פלעגט גיין גלייך צו זיך אַהיים, צום גרויסן באַדויערן פון מאָלער, וואָס איז בטבע געווען אַ באַריידעוודיקער און אַ נאַכטפויגל.

אויפן אַנדערן טאָג, ווי נאָר דער זייגער האָט געשלאָגן זיבן, האָט מאָסיע סאַריעט שוין געהאַט פאַרנומען זיין פּלאַץ אין דער ביבליאָטעק און קאַטאַלאָגירט. זיצנדיק אַזוי ביים שרייבטיש, פלעגט

ער וואַרפן אַ בליק פון אַ מעדוזע אויף יעדן איינעם, וואָס איז אַריינגעקומען, אין הוילן שרעק, טאָמער איז מען געקומען נאָך אַ בוך. מיט דעם דאָזיקן בליק וואָלט ער גערן פאַרוואַנדלט אין שטיין נים נאָר די ריכטער, די פּאָליטיקער, די פּרעלאַטן, וואָס פלעגן צוליב זייער נאָענטער באַקענטשאַפט מיטן באַלעבאָס פון הויז זיך נעמען דאָס רעכט אויסצובאָרגן עפּעס אַ ווערק, נאָר אויך מאָסיע גאַעטאַן, דעם פּראָטעזשירער פון דער ביבליאָטעק, וואָס פלעג אַמאָל אַרויסנעמען עפּעס אַן אַלט לוסטיק אָדער לעסטערדיק ביכל אויף צו ווייַלן דערמיט די רעגנדיקע טעג אויפן לאַנד, אָדער מאַדאַם רענע ד'עספּאַרוויעי, ווען זי איז געקומען נאָך אַ בוך אויף פּאָרצולייענען פאַר די קראַנקע פון איר שפּיטאָל, און אפילו מאָסיע רענע ד'עספּאַרוויעי אַליין, וואָס האָט גענויינטלעך זיך באַנוגנט מיטן „ציוויל קאָדעקס" און מיט אַ באַנד דאַלאָז. אַוועקגענומען פון אים דאָס מינדסטע ביכל, האָט מען אויך מיטגעריסן אַ שטיק פון זיין נשמה. כדי נים צו געבן קיין בוך אפילו יענע מענטשן, וואָס האָבן מער פון אַלעמען געהאַט דערויף אַ רעכט, פלעג מאָסיע סאַריעט אויסטראַכטן אָן אַ שיעור שאַרפזיניקע אָדער גראָבע ליגנס, נים אָפּשרעקן זיך צו מאַכן אַ בלבול אויף זיין אייגענער פאַרוואַלטונג, אָדער שטעלן אין ספק זיין וואַכזאַמקייט, זאָגנדיק, אַז דאָס בוך איז פאַרוואָרפן אָדער פאַרפאַלן געוואָרן, כאָטש נאָרוואָס האָט ער עס געהאַט געלאָבט מיט די אויגן און צוגעדריקט צום האַרצן. און האָט ער סוף־כל־סוף דאָך געמוזט זיך שיידן מיט אַ באַנד, האָט ער אים אַמאָל צוואַנציק צוריקגענומען פון דעם אויסבאָרגער, איידער ער האָט אים געלאָזט דערמיט אַוועקגיין.

ער פלעג האַלטן אין איין ציטערן, טאָמער וועט פאַרלוירן גיין איינע פון די זאַכן, וואָס מען האָט אים אָנגעטרויט. אַ שומר פון דריי הונדערט און זעכציק טויזנט בענד, האָט ער שטענדיק געטראָגן אויפן קאָפּ דריי הונדערט און זעכציק טויזנט זאָרג. אַמאָל פלעג ער זיך אויפכאַפּן אין מיטן דער נאַכט, באַשלאָגן מיט אַ קאַלטן שווייס און אַרויסלאָזנדיק אַ מוראדיק געשריי, ווייל עס האָט זיך אים געחלומט, אַז ער האָט געזען אַ ליידיק אָרט אויף איינער פון די פּאָליצעס פון זיינע שראַנקען.

עס האָט אים אויסגעזען צו זיין משונה־ווילד, געמיין און האַרצ־ברעכעריש, אַז אַ בוך זאָל אַמאָל פאַרלאָזן די פּאָליצע. די דאָזיקע איידעלע קמצנות האָט געבראַכט מאָסיע רענע ד'עספּאַרוויעי אין אַ פאַרצווייפלונג, ווייל ער האָט ניט איינגעזען די גוטע מעלות פון זיין מוסטערהאַפטיקן ביבליאָטעקאַר און אים געהאַלטן פאַר אַן אַלטן עובר בטל. מאָסיע סאַריעט האָט ניט געוואוסט פון אָט־דעם אומרעכט, ער איז אָבער געווען גרייט אויסצושטיין די ערגסטע צרות, אַריבערצוטראָגן יעדן בושת פּנים, אַבי נאָר אָפּצוהיטן די גאַנצקייט פון דער ביבליאָטעק. צו פאַרדאַנקען זיין פּליים, זיין גע־דולד, זיין התמדה, מיט איינעם וואָרט, זיין ליבע, האָט די ביבליאָ־טעק פון די ד'עספּאַרוויעיס ניט פאַרלוירן קיין איין בלעטל פאַר די גאַנצע זעכצען יאָר פון זיין פאַרוואַלטונג, וואָס האָבן זיך געהאַט פאַרלאָפן דעם 9־טן סעפּטעמבער, 1912.

קאַפּיטל דריי

וואו מען טרעט אַריין אין דער מיסטעריע.

אין דעם דאָזיקן טאָג, זיבן אַזייגער אויפדערנאַכט, ווען ער האָט, ווי זיין שטייגער איז, שוין געהאַט אוועקגעשטעלט צוריק אויף די פּאָליצעס אַלע ביכער, וואָס זענען געווען אַרויסגענומען, און זיך פאַרזיכערט, אַז ער לאָזט אַלצדינג איבער אין דער בעסטער אָרדענונג, איז ער אַרויס פון דער ביבליאָטעק און האָט צוגעשלאָסן פעסט די טיר.

ווי געוויינטלעך, האָט ער געגעסן אָוונטברויט אין דעם מילכיקן רעסטאָראַן פון „די פיר ביסקופן" און געלייענט די צייטונג „לאַ קרואַ". צען אַזייגער איז ער געקומען אַהיים, אין זיין קליינער דירה אויף רו דיו רעגאַר. אַ מענטש אַ פּשוטער, האָט ער ניט געהאַט קיין זאָרג און קיין פאַרגעפילן. זיין שלאָף איז געווען אַ רואיקער. אויפן אַנדערן טאָג, פונקט זיבן אַזייגער אינדערפרי, איז ער אַריין אין פירהויז פון זיין ביבליאָטעק, האָט, אַזוי ווי אַלע טאָג, אויסגעטון דעם פיינעם פראַק, גענומען אַן אַלטען ראָק, וואָס איז געהאַנגען אין אַ שראַנק איבער אַ וואַשטישל, און אים אַרויפגעצויגן אויף זיך. דערנאָך איז ער אַריבער אין דעם ארבעט־צימער, וואו גאַנצע זעכצען יאָר, זעקס טעג אַ וואָך, פלעג ער קאַטאַלאָגירן, אונטער דעם דערהויבענעם בליק פון אַלעקסאַנדר ד'עספּאַרוויעי. גרייטנדיק זיך צו מאַכן אַ רעוויזיע פון אַלע זאַלן, איז ער אַריינגעקומען אין דעם ערשטן און גרעסטן זאַל, וואו ווערק איבער טעאָלאָגיע און רעליגיע האָבן אָנגעפילט די גרויסע שראַנקן מיט די ביוסטן פון אַנטיקע פּאָעטן און אָראַטאָרן אויף זייערע קאַרניזן. צוויי ריזנדיקע גלאָבוסן, וואָס האָבן פאָרגעשטעלט די ערד און דעם הימל, האָבן אויסגעפילט די פאַרטיפונג פון די פענצטער. אָבער ביים ערשטן שריט, וואָס מאָסיע סאַריעט האָט געהאַט געמאַכט, איז ער, אַ צעמישטער, געבליבן שטיין: ער האָט ניט געקאָנט צווייפלען אין דעם, וואָס ער האָט געזען, ער האָט אָבער אויך ניט געקאָנט גלויבן

זיינע אייגענע אויגן. איבערן בלויען געוואַנט פון שרייבטיש זענען געווען פונאַנדערגעוואָרפן ביכער, אייניקע אוועקגעלייגט פלאַך, אַנדערע מיט די רוקנס אין דער הייך. קוואַרטאָ־בענד זענען געלעגן אָנגעהויפט אין אַ ווילדער צעוואָרפנקייט. צוויי גריכישע לעקסיקאָנען, אַריינגעדרונגען איינס אין אַנדערן, האָבן געשאַפן איין וועזן, וואָס האָט אויסגעזען נאָך משונהדיקער, ווי די מענטשלעכע פּאָרלעך פון דעם געטלעכן פלאַטאָ. אַ פאָליאָ־באַנד מיט אַ גאָלדשניט האָט געגענעצט, אַרויסווייזנדיק דריי שענדלעך־פאַרבייגענע בלעטער.

קומענדיק אין עטלעכע מינוט אַרום צו זיך פון דער טיפער דערשטוינונג, איז דער ביבליאָטעקאַר צוגעגאַנגען נענטער צום טיש און האָט אין דער אָנגעהויפטער מאַסע דערקענט זיינע ווערטפולסטע העברייאישע, גריכישע און לאַטיינישע ביבלס, אַן איינציקן תלמוד, רבנישע כתבים, געדרוקטע און אין כתב־יד, אַראַמייאישע און שומרונישע טעקסטן, ספרי־תורות פון שולן, — קורץ, די ווערטפולסטע מאָנומענטן פון ישראל, פונאַנדערגעעפנט און צוזאַמענגעדריקט אין אַן אָנגעוואָרפענער הורבע.

מאָסיע סאַריעט האָט געזען פאַר זיך עפּעס אַזוינס, וואָס עס איז געווען אוממעגלעך צו פאַרשטיין, דאָך האָט ער זיך אָנגע־שטרענגט צו מאַכן זיך די זאַך קלאָר. ווי גערן וואָלט ער אָנגענומען די השערה, אַז מאָסיע גאַעטאַן, אַ מענטש אָן פרינציפּן, וואָס צוליב זיין אומגליקלעכער פרייגעביקייט צו דער ביבליאָטעק, האָט ער זיך גענומען דאָס רעכט צו שעפּן פון איר מיט פולע הויפנס, בעת ער האָט געוויילט אין פּאַריז, איז געווען דער מחבר פון דער דאָזיקער שרעקלעכער אומאָרדענונג. אָבער מאָסיע גאַעטאַן האָט גראָד דעמאָלט געמאַכט אַ נסיעה איבער איטאַליע. נאָכטראַכטנדיק אַ פּאָר מינוט, האָט מאָסיע סאַריעט זיך פאָרגעשטעלט, אַז מאָסיע רענע ד'עספּאַרוויעי האָט שפּעט אין אָוונט אוועקגענומען די שליסל פון דעם משרת היפּאָליט, וואָס פלעג פאַר די לעצטע פינף־און־צוואַנציק יאָר אויפראַמען די צימערן פון צווייטן גאָרן און די בוידעם־שטיבלעך. מאָסיע רענע ד'עספּאַרוויעי האָט אָבער קיינמאָל ניט געהאַט געאַרבעט ביינאַכט און האָט אויך ניט געלייענט קיין העברעאיש. פונדעסטוועגן, האָט מאָסיע סאַריעט געטראַכט, אפשר

האָט ער אַריינגעפירט, אָדער געהייסן אַריינפירן אין דעם דאָזיקן זאַל עפּעס אַ גייסטלעכן, עפּעס אַ ירושלימער מאָנאַך, וואָס איז פאַרבייגעפאָרן פּאַריז, אַ געלערנטן אָריענטאַליסט, וואָס גיט זיך אָפּ מיט ביבל־פאָרשונג. מאָסיע סאַריעט האָט זיך אויך געפרעגט, צי האָט ניט דער גייסטלעכער פּאַטער, וואָס האָט געהאַט אַ פאָרשנדיקן גייסט און די טבע צו פאַרבייגן די בלעטער פון די ביכער, זיך אַרויפגעוואָרפן אויף אָט־די אַלע ביבלישע און תּלמודישע טעקסטן, אָנגעכאַפּט פון אַ פּלוצלינגדיקן ברען אויפצורעקן שמס נשמה. איין ווײַלע איז אים אײַנגעפאַלן, אַז דער אַלטער משרת היפּאָליט, וואָס האָט אין לויף פון אַ פערטל יאָרהונדערט געשטויבט און געראַמט די ביבליאָטעק, איז מסתמא ביסלעכווייז פאַרסמט געוואָרן פון דעם וויסנשאַפטלעכן שטויב, און שוין צו נייגיריק, האָט ער אין שיין פון דער לבנה זיך געפּטרט די ראיה, איינאיינעם מיטן שכל, און פאַרלוירן זיין נשמה איבער די דאָזיקע אומפאַרשטענדלעכע אותיות. מאָסיע סאַריעט איז אַזוי אַוועק אַזוי ווייט, אַז ער האָט זיך אַפילו פאָרגעשטעלט, ווי דער יונגער מאַריס, אַרויסקומענדיק פון זיין קלוב אָדער פון עפּעס אַ נאַציאָנאַליסטישער פאַרזאַמלונג, האָט פון שנאה וועגן צום אַלטן יעקב און זיינע היינטיקע קינדער אַרויסגעשלעפּט פון די פּאָליצעס די אידישע ספרים און זיי פונאַנדערגעשליידערט איבערן טיש: דער תּכשיט איז געווען אַן אַנטיסעמיט און זיך געחברט נאָר מיט אידן, וואָס זענען געווען פּונקט אַזוינע אַנטיסעמיטן, ווי ער אַליין. דאָס איז, אמת, שוין געווען צו־ווייט אַוועק, אָבער מאָסיע סאַריעטס כח־הדמיון האָט ניט געקאָנט רוען און אַרומגעוואַנדלט צווישן די איבערגעטריבנסטע השערות. אומגעדולדיק אויסצוגעפינען דעם אמת, האָט דער געטרייער שומר פון די ביכער אַריינגערופן דעם משרת.

היפּאָליט האָט פון גאָרנישט ניט געוואוסט. דער שווייצאַר פון הויז האָט אויך גאָרנישט געקאָנט אָנווייזן. קיינער פון דער דינערשאַפט האָט קיין זאַך ניט געהערט. מאָסיע סאַריעט איז אַרונטערגעקומען אין קאַבינעט פון מאָסיע רענע ד'עספּאַרוויע. יענער האָט אים אויפגענומען אין כאַלאַט און אין נאַכטמיצל, האָט אויסגעהערט זיין געשיכטע מיט דער מינע פון אַן ערנסטן מענטשן,

וואָס ווערט געשטערט דורך נאַרישער פּלוידעריי, און אים אָפּגעלאָזט מיט אָט־די ווערטער, וואָס עס האָט זיך אין זיי געלאָזט פילן דער גרויזאַמער טאָן פון רחמנות:

— נעמט זיך ניט צום האַרצן, מיין גוטער מאָסיע סאַריעט, און זייט זיכער, אַז די ביכער זענען היינט אינדערפרי געלעגן דאָרט, וואו איר האָט זיי נעכטן איבערגעלאָזט.

מאָסיע סאַריעט האָט נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל אויסגעפרעגט די דינערשאַפט, האָט גאָרנישט אויסגעפונען און דערפילט אַ אומ־רואיקייט, וואָס האָט אוועקגענומען פון אים דעם שלאָף. אויף מאָרגן, אַרום זיבן אַזייגער אינדערפרי, איז ער אַריינגעקומען אין זאַל פון די ביוסטן און די גלאָבוסן. דערזעען, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג, האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ זיפץ פון דערלייכטערונג. באַלד אָבער האָט זיין האַרץ גענומען קלאַפּן ביז צום פּלאַצן: אויפן געזימס פון קאַמין האָט ער געהאַט דערזען ליגן אַ בראָשירטן אָקטאַוואַ־באַנד, אַ מאָדערן בוך, מיטן מעסער פון בוקסנהאָלץ אויף צו צעשניידן די בלעטער אַריינגעשטעקט אינמיטן. עס איז געווען אַ דיסערטאַציע וועגן די צוויי פּאַראַלעלע נסחאות פון ב ר א ש י ת, אַ ווערק, וואָס מאָסיע סאַריעט האָט עס געהאַט פּאַררוקט אויפן בוידעם און וואָס איז קיינמאָל ניט געווען אַרויסגענומען געוואָרן פון דאָרטן, ווייל קיינער פון מאָסיע ד'עספּאַרוויעס קרייז איז ניט געווען נייגיריק צו אונטערשיידן צווישן דעם בייטראַג פון דעם מאָנאָטעאיסטישן רעדאַקטאָר און דעם בייטראַג פון דעם פּאָליטע־איסטישן רעדאַקטאָר ביים צוזאַמענשטעלן דעם ערשטן ספר פון די הייליקע שריפטן. דאָס בוך האָט געטראָגן דאָס צעטל $R < 3214\ \mathrm{VIII}/_2$ און אין מאָסיע סאַריעטס מוח האָט מיטאַמאָל אויפגעבליצט דער פיינלעכער אמת, אַז אפילו ביי דער גרינדלעכסטער נומעראַציע קאָן מען ניט געפינען קיין בוך, וואָס שטייט ניט מער אויף זיין פּלאַץ.

אַלע וויטערדיקע טעג, אין לויף פון אַ חודש צייט, איז דער טיש געווען פאַרלייגט מיט ביכער. גריכיש און לאַטיין האָבן זיך דאָרט צונויפגעמישט מיט העברייאיש. מאָסיע סאַריעט האָט זיך געשטעלט די פראַגע, צי די דאָזיקע ביינאַכטיקע אַריבערוואַנדערונג פון די ביכער איז ניט געווען די אַרבעט פון גנבים, וואָס זענען

אַריינגעדרונגען דורך די דאַך־פענצטער צו גנבנען זעלטענע און ווערטפולע זאַכן. ער האָט אָבער ניט אַנטדעקט קיין איין שפור פון איינברעכעריי. די גענויסטע אויספאָרשונגען, וואָס ער האָט געהאַט געמאַכט, האָבן אויך ניט באַוויזן, אַז עפּעס אַ זאַך זאָל פעלן. אַ שרעקלעכע צעטומלעניש האָט באַהערשט זיין מוח און ער האָט זיך ווייטער געפרעגט, צי איז ניט אַ שכנס אַ מאַלפּע אַריינגעדרונגען אַהין דורכן קוימען און נאָכגעמאַכט, ווי אַ מענטש שטודירט. די מאַלפּעס, האָט ער געטראַכט, האָבן אַ טבע נאָכצוקרימען מענטשלעכע האַנדלונגען. ווייסנדיק די זיטן פון די דאָזיקע חיות דערעיקרשט פון וואַטאָס און שאַרדענס מאַלערייען, האָט ער זיך פאַרגעשטעלט, אַז אין דער קונסט פון נאָכמאַכן אַ זשעסט אָדער פון פאַרשטעלן אַ כאַראַקטער זענען זיי ענלעך צו די אַרלעקינען, די סקאַראַמושן, די זערלינס און די דאָקטוירים פון דער איטאַליענישער אָפּערע; ער האָט זיך זיי פאַרגעשטעלט, ווי זיי אַרבעטן מעשים מיט אַ פּאַלעטע און פּינזלען, ווי זיי גיסן כעמישע שטאָפן אין אַ שטויסל, ווי זיי בלעטערן, לעבן אַן אַלכעמישן אויוועלע, אין אַלטן טראַקטאַט איבער אַלכעמיע. און אין איין אומגליקלעכן פרימאָרגן, ווען ער האָט געהאַט דערזען אַ גרויסן טינט־פלעק אויף אַ בלאַט פון דריטן באַנד פון דער פּאָליגלאָטישער ביבל, געבונדן אין בלויען מאַראָקאָ־לעדער און באַצירט מיטן הערב פון גראַף מיראַבאַ, האָט ער שוין מער ניט געצווייפלט, אַז טאַקע נאָר אַ מאַלפּע האָט געהאַט אָפּגעטון דאָס דאָזיקע מיאוסע שטיקל אַרבעט. די מאַלפּע האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי זי וואָלט נאָטירט, און איבערגעקערט דעם טינטער. עס האָט געמוזט זיין די מאַלפּע פון אַ געלערנטן.

דורכגעדרונגען מיט דעם דאָזיקן געדאַנק, האָט מאָסיע סאַריעט אויסגעשטודירט פאַרזיכטיק די טאָפּאָגראַפיע פון דעם קוואַרטאַל, כדי צו ציען אַ גענויע ליניע אַרום דער גרופּע הייזער, וואָס פון צווישן זיי הויבט זיך אַרויס דאָס הויז פון די ד'עספּאַרוויעס. דערנאָך איז ער אַרומגעגאַנגען איבער די פיר אַרומיקע גאַסן און זיך אָנגעפרעגט ביי יעדער טיר, צי סאיז ניטאָ קיין מאַלפּע אין הויז. ער האָט אויסגעפרעגט שווייצאַרן און זייערע ווייבער, וועשערינס, דינסטן, אַ שוסטער, אַ פרוכטפאַרקויפערין, אַ גלעזער, באַשעפטיקטע

אין בוכהאַנדלונגען, אַ גלח, אַן איינבינדער, צוויי פּאָליציסטן, קינדער, שטודירנדיק אַזוי אַרום די פאַרשיידנקייט פון כאַראַקטערן און די באַזונדערקייט פון געמיטער ביי איין־און־דעמזעלביקן פאָלק. די ענטפערס, וואָס ער האָט געהאַט באַקומען, זענען גאָרנישט געווען קיין גלייכע. עס זענען געווען ענטפערס גראָבע און איידעלע, פרעכע און העפלעכע, נאַאיווע און איראָנישע, לאַנגע און קורצע, און אַפילו שטומע. פון דער חיה, וואָס ער האָט געזוכט, האָט ער נאָך גאָר קיין שפּור ניט געהאַט געפונען, ווען אונטערן געוועלב פון אַן אַלטן הויז אויף רו סערוואַנדאָני האָט אַ קליין, רויטהאָריק, געשפּרענקלט מיידעלע, וואָס האָט געהיט דאָס הויז, אים געענטפערט:

— עס איז דאָ פאַראַן מאָסיע אָרדאָנאַס מאָלפּע... איר ווילט זי אָנקוקן?...

ניט אויסצוריידן מער קיין וואָרט, האָט זי אריינגעפירט דעם אַלטן אין אַ שטאַל, אויפן צווייטן עק הויף. אויף פוילער שטרוי און אויף אַ צעלומפּטער קאָלדרע איז דאָרט געלעגן אַ יונגער מאַקאַקאָ מיט אַ קייטל אויפן מיטן קערפּער און האָט געציטערט. ער איז געווען ניט גרעסער פון אַ פינף־יעריקן קינד. זיין אויסגעבלייכט געזיכט, זיין געקנייטשטער שטערן און זיינע דינע ליפּן האָבן אויסגעדריקט טויטלעכן צער. ער האָט אויפגעהויבן אויפן גאַסט די אויגן, וואָס אין זייערע ברוינע אַפּלען האָט נאָך געשפּילט אַביסל לעבן. דערנאָך האָט ער מיט זיין קליינער טרוקענער לאַפּקע אַ כאַפּ געטון אַ מער, אים צוגעטראָגן צום מויל און באַלד צוריק־געוואָרפן. באַטראַכט אַ ווײַלע די אריינגעקומענע, האָט דער גלות־אָפּריכטער אוועקגעדרייט דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט שוין מער גאָרנישט ערוואַרט פון מענטשן און פון לעבן. איינגענורעט אין זיך, אָנ־האַלטענדיק זיך מיט דער לאַפּקע אָן דער קני, האָט ער זיך שוין מער קיין ריר ניט געטון, נאָר פון צייט־צו־צייט האָט אַ טרוקענער הוסט אויפגעטרייסלט זיין ברוסט.

— דאָס איז עדגאַר, — האָט דאָס מיידעלע געזאָגט, — איר ווייסט, ער איז צום פאַרקויפן...

אָבער דער אַלטער ליבהאָבער פון ביכער, וואָס האָט זיך געהאַט באַוואָפנט מיט גרימצאָרן, וואָס האָט זיך געהאַט געריכט צו

באַגעגענען אַ ציניִשן שונא, אַ מאָנסטער פון בייזוויליקייט, אַן אַנטיביבליאָפיל, איז איצט, אַן איבעראַשטער, אַ טרויעריקער, אַ טיף־געריִרטער, געבליבן שטיין פאַר אָט־דעם קליינעם באַשעפעניש אָן כחות, אָן פרייד און אָן פאַרלאַנגען. צוגעבנדיק זיין טעות, צעמישט פון אָט־דעם כמעט מענטשלעכן געזיכט, וואָס דער טרויער און דער צער האָבן עס נאָך מער פאַרמענטשלעכט, האָט ער אָנגעבויגן דעם קאָפּ און אַרויסגעזאָגט:

— אַנטשולדיקט!

קאפיטל פיר

וואס אין זיין באצווינגענדיקער קורצקייט פארטראגט עס אונז צו די גרעניצן פון דער רעאלער וועלט.

צוויי חדשים זענען פארביי. די איבערקערעניש אין ביבליאטעק אלץ ניט אויפגעהערט, האט מאסיע סאריעט גענומען טראכטן וועגן די פריימויערער. די צייטונגען, וואס ער האט געלייענט, זענען געווען פול מיט זייערע פארברעכנס. דער גייסטלעכער פאטוי האט געהאלטן, אז זיי זענען פייאיק אויף די פינצטערסטע מעשים, און געגלויבט, אז אינאייעם מיט די אידן פלאנען זיי חרוב צו מאכן די גאנצע קריסטלעכע וועלט.

דערגרייכט צו יענער צייט די העכסטע מאכט, האבן זיי גע־האט א דעה אין אלע טיילן פון דער מלוכה־פירונג, האבן אנגע־פירט די פארלאמענטן, געהאט פינף פון זייערע לייט אין מיניס־טארן־קאבינעט און פארנומען די עליזייער פעלדער. האבנדיק אנור־מעלטן דערהרגעט צוליב זיין פאטריאטיזם א פרעזידענט פון דער רע־פובליק, האבן זיי אפגעראמט פון וועג די מיטהעלפער און די עדות פון זייער שוידערהאפטיקן פארברעכן. זעלטן ווען עס איז פאריבער א טאג, אז פאריז זאל מיט שרעק זיך ניט דערוויסן פון עפעס א מיסטעריעזן מארד, וואס איז צוגעגרייט געווארן אין זייערע לאזשן. דאס זענען אלץ געוועזן פאקטן, וואס מען האט אין זיי ניט געקאנט צווייפלען. ווי אזוי ארום זענען זיי ארייגעדרונגען אין דער ביב־ליאטעק? מאסיע סאריעט האט עס ניט געקאנט באנעמען. וואס פאר א מין ארבעט זענען זיי געקומען אהין דורכפירן? פארוואס האבן זיי דווקא אטאקירט די הייליקייטן פון דער אנטיקער צייט און דעם אנהויב פון דער קירך? וואס פאר גאטלאזע כוונות האבן זיי דערביי געהאט? א נעדיכטער שאטן האט צוגעדעקט די דאז־זיקע שרעקלעכע מעשים. דער קאטוילישער ארכיוואר האט דער־פילט, אז די זין פון חירם האלטן אויף אים אן אויג, און פון גרויס שרעק איז ער אוועקגעפאלן א קראנקער.

קוים איז ער נאָר געקומען צו זיך, אַזוי האָט ער באַשלאָסן צו פאַרברענגען די נאַכט אויפן סאַמע פּלאַץ, וואו אַזוינע מאַוויימדיקע געהיימענישן זענען פאָרגעקומען, און איבעראַשן די געשייטע און גע־פערלעכע געסט. די דאָזיקע אונטערנעמונג איז געווען אַ צו־טייערער ביסן פאַר זיין שוואַכן מוט.

אַ מענטש אַ קרענקלעכער און אַן אומרואיקער, איז מאָסיע סאַריעט, נאַטירלעך, געווען אַ בעל פּחדן. דעם 8־טן יאַנואַר, ניין אַזייגער אויפדערנאַכט, בעת די שטאָט איז איינגעשלאָפן אונטער אַ שניישטורעם, האָט מאָסיע סאַריעט געמאַכט אַ גוטן פייער אין דעם זאַל, וואָס איז געווען באַצירט מיט די ביוסטן פון די אַנטיקע פּאָעטן און פילאָזאָפן, און זיך אַרונטערגעלאָזן אין אַ ווייכער שטול, אין אַ ווינקל ביים קאַמין, מיט אַ צודעק איבער די קני. ביי זיין האַנט איז געשטאַנען אַ טישל מיט אַ לאָמפּ, אַ טעפּל שוואַרצע קאַווע און אַ רעוואָלווער, אויסגעבאָרגט פון יונגן מאָריס. ער האָט געפּרואווט לייענען די צייטונג „לאַ קרואַ", אָבער די אותיות האָבן געטאַנצט אונטער זיינע אויגן. ער האָט אָנגעשטעלט די אויגן צו קוקן פאָראויס פאַר זיך, האָט ער אָבער גאָרנישט ניט געזען ווי נאָר דעם שאָטן, גאָרנישט ניט געהערט ווי נאָר דעם ווינט, און איז באַלד איינ־געשלאָפן.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז דער פייער געווען טויט. דער אויסגעלאָשענער לאָמפּ האָט פאַרשפּרייט אַ בייסיקן ריח. די פינצטערניש אַרום איז אָבער געווען אָנגעפילט מיט אַ קלאָרקייט פון מילך און מיט אַ פאָספאָרישער ליכטיקייט. עס האָט זיך אים אָפּגעדאַכט אַז ער זעט, ווי עפּעס רירט זיך אויפן טיש. דורכגענומען ביזן ביין מיט מורא און קעלט, אָבער געשטאַרקט פון אַ באַשלוס, וואָס איז געווען שטאַרקער פון דער מורא, האָט ער זיך אויפגעהויבן, איז צו צום טיש און האָט אַ פיר געטאָן די הענט איבערן געוואַנט. ער האָט דאָרט גאָרנישט ניט געזען: דאָס ליכט איז געווען אויסגעגאַנגען. ער האָט אָבער דערפילט אונטער די פינגער אַ ברייט־פונאַנדערגעעפנטן פאָליאָ־באַנד. ער האָט אים געוואָלט פאַר־מאַכן, דאָס בוך האָט זיך ניט געלאָזט. עס איז אויפגעשפרונגען און דערלאַנגט דעם ניט־אויסגעהיטן ביבליאָטעקאַר דריי שווערע

קלעפּ איבערן קאָפּ. מאָסיע סאַריעט איז געפאַלן אין חלשות...

זינט דעמאָלט איז דער עסק געוואָרן אַלץ ערגער און ערגער: נאָך מער ווי פריער האָבן די ביכער פאַרלאָזן די פּאָליצעס, וואָס זענען פאר זיי באַשטימט געווען, און טײלמאָל איז גאָר ניט געווען מעגלעך זיי צוריקצוברענגען אויף זייער פּלאַץ: זיי זענען נעלם געוואָרן. מאָסיע סאַריעט האָט יעדן טאָג אַנטדעקט נייע פארלוסטן. די באָלאַנדיסטן זענען צעפאַלן געוואָרן, דרייסיק בענד עקזעגעטיקע האָבן אויסגעפעלט. מען האָט אים ניט געקאָנט דערקענען: זיין געזיכט איז געוואָרן קליין ווי אַ פויסט און געל ווי אַ לימענע; דער האַלז אויסגעצויגן גאָר אָן אַ מאָס, די אַקסל איינגעפאַלן; די קליידער זענען געהאנגען אויף אים, ווי אויף אַ נאָגל. ער האָט גאָרנישט ניט געגעסן, און אין רעסטאָראַן פון „די פיר ביסקופן" האָט ער מיט שטאַרע פאַראָבלטע אויגן און מיט אַן אַרונטערגעלאָזענעם קאָפּ געקוקט, ניט זעענדיק, אויפן שיסעלע, וואו אין אַ מוטנער פליסיקייט האָבן זיך געטובלט די פלוימען. ער האָט ניט געהערט, ווי פאָטער גינאַרדאָן האָט אים דערציילט, אַז ער האָט, ענדלעך, גענומען פאַרריכטן דעלאַקרואַס מאָלערייען אין דער קירך סען־סולפּיס.

מאָסיע רענע ד'עספּאַרוויעי האָט אויסגעהערט די שלעכטע נייס פון דעם אומגליקלעכן ביבליאָטעקאַר און געענטפערט טרוקן:

— די דאָזיקע ביכער האָבן זיך ערגעץ פאַרוואַלגערט, זיי זיינען ניט פאַרלוירן געגאַנגען. זוכט זיי גוט, מאָסיע סאַריעט, זוכט זיי גוט און איר וועט זיי געפינען.

און הינטער דעם אַלטנס רוקן האָט ער אַרויסגעמורמלט:

— מיט דעם אָרעמען אַלטן סאַריעט האַלט עס זייער שמאָל.

— איך גלויב, — האָט צוגעגעבן דער גייסטלעכער פּאַטוי, — אַז ער גייט אַרונטער פון זינען.

קאַפּיטל פינף

וואו די קאַפּליצע פון די הייליקע מלאכים, אין דער קירך פען־סולפּיס, גיט מאַטעריאַל צום נאָכקלערן וועגן קונסט און טעאָלאָגיע.

די קאַפּליצע פון די הייליקע מלאכים, וואָס געפינט זיך אין דער רעכטער האַנט ביים אַריינגאַנג פון דער קירך סען־סולפּיס, איז געווען באַהאַלטן הינטער אַן אַרומשלאָג פון ברעטער. דער גייסט־לעכער פּאַטער, מאָסיע גאַעטאַן, מאָסיע מאָריס, זיין פּלימעניק, און מאָסיע סאַריעט זענען אַהין אַריינגעקומען איינציקווייז, דורך דער נידעריקער טיר, אויסגעשניטן אין דעם אָפּצאַם, און האָבן געטראָפן פּאָטער גינאַרדאָן אויף דער פּלאַטפאָרם פון זיין לייטער, שטייענדיק אַקעגן דעם בילד העליאָדאָרוס. באַזאָרגט מיט כלערליי געצייג און מאַטעריאַלן, האָט דער אַלטער אַרטיסט אַריינגעטון אַ ווייסלעכן טויג אין דעם שפּאַלט, וואָס האָט פונאַנדערגעטיילט אין צווייען דעם גרויס־פּריסטער אָניאַס. זעפירין, פּאַל באָדריס באַליבטסטע מאָדעל, זעפירין, וואָס האָט אירע בלאָנדע האָר און פּערלמוטערנע אַקסל אויסגעליען אַזוי פיל מאַגדאַלענעס, מאַרגעריטעס, סילפן און ים־מיידלעך, זעפירין, וואָס דער אימפּעראַטאָר נאַפּאָלעאָן דער דריטער האָט, זאָגט מען, זי ליב געהאַט, איז געשטאַנען צופוסנס פון לייטער, — די האָר צעשויבערט, דאָס פּנים שוואַרץ ווי די ערד, די אויגן פאַרלאָפן מיט בלוט, דער קין רייך־באַוואַקסן מיט לאַנגע האָר, נאָך עלטער פון פּאָטער גינאַרדאָן, מיט וועמען זי האָט געהאַט אָפּגעלעבט אַריבער אַ האַלבן יאָרהונדערט. זי האָט געבראַכט דעם מאָלער עסן אין אַ קערבל.

כאָטש דאָס ליכט פון דרויסן האָט קאַלט און שיף זיך אַריינ־געשלייכט דורך דעם בליי־באַדעקטן און פאַרגראַטעטן פענצטער, האָבן דעלאַקרואַס מאָלערייען דאָך געפינקלט מיט זייערע העלע פאַרבן און די לייבער פון זיינע מענטשן און מלאכים האָבן מיט זייער שימערדיקן גלאַנץ פאַרטונקלט דעם רויט־אָנגעצונדענעם פּרצוף פון פּאָטער גינאַרדאָן, וועלכער האָט זיך געהאַט אַרויסגעהויבן אויף אַ

זייל פון טעמפל. די דאָזיקע וואַנט־מאָלערייען פון דער קאַפּליצע פון די מלאכים, אויסגעלאַכט און באַליידיקט ביי זייער געבוירן, זענען איצט געווען אריינגעטראָטן אין דער קלאַסישער טראַדיציע און זיך געהאַט פאַראייניקט אין אומשטערבלעכקייט מיט די מייסטערווערק פון רובענס און טינטאָרעטאָ.

דער אַלטער גינאַרדאָן האָט מיט דער באָרד און מיט די לאַנגע האָר אויסגעזען, ווי די צ י י ט, וואָס ווישט אָפּ די ווערק פון דעם גאון. גאַעטאַן, אַן איבערגעשראָקענער, האָט אויסגעשריגן צו אים:

— פאַרזיכטיק, מאָסיע גינאַרדאָן, פאַרזיכטיק. קראַצט ניט צופיל.

דער מאָלער האָט אים בארואיקט:

— האָט קיין מורא ניט, מאָסיע ד'עספּאַרוויעי. דאָס איז ניט מיין שטייגער מאָלן. מיין קונסט איז אַ העכערע. איך מאָל אין סטיל פון סימאַבוע, דזשיאָטאָ, בעאַטאָ אַנדזשעליקאָ, ניט אין דעלאַקרואַס. אָט דאָס בילד איז צופיל איבערגעלאָדן מיט קאָנטראַסטן און ווידערשפּרוכן צו געבן אַן איינדרוק פון אמתדיקער הייליקייט. עס איז אמת, שענאַוואַר האָט געזאָגט, אַז די קריסטלעכקייט האָט ליב דאָס בילדלעכע, אָבער שענאַוואַר איז געווען אַן אויסוואורף, ניט צו גאָט, ניט צו לייטן, אַן אומגלויביקער... זעט, מאָסיע ד'עספּאַרוויעי: איך פיל אוים די איינגעשפּאָלטענע ערטער, איך פאַרקלעפּ די שופּן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשיילט, מער גאָרנישט... די צעשטערונג, וואָס איז געשען דורך אַראָפּזעצן זיך פון דער וואַנט, אָדער גיכער דורך אַן ערדציטערניש, נעמט אַרום אַ זייער קליינעם שטח. די דאָזיקע מאָלעריי פון אויל און וואַקס, אַרויפגעזעצט אויף אַ זייער טרוקענעם גרונט, איז אַ סך פעסטער, ווי מען וואָלט עס זיך געקאָנט פאָרשטעלן. איך האָב געזען דעלאַקרואַן אַרבעטן אויף דעם דאָזיקן ווערק. אַ האַסטיקער, אָבער אומרואיקער גייסט, האָט ער מאָדעלירט פיבערהאַפטיק, האָט אָפּגעריבן און איבערגעמאָלט אַן אַן אויפהער; זיין מאַכטיקע האַנט איז באַגאַנגען קינדישע פעלערן; די אַרבעט איז געטון מיט דער מייסטערשאַפט

פון אַ גאון און מיט דער אומדערפאַרנקייט פון אַ לערן־אינגל. עס איז נאָר אַ וואונדער, ווי אַזוי זי האַלט זיך.

דער אַלטיטשקער איז אַנשווינן געוואָרן און זיך אַ נעם געטון אויסצופילן אַ שפּאַלט אין דער וואַנט.

— ווי קלאַסיש, — האָט גאַעטאַן געזאָגט, — און ווי טראַ־דיציאָנעל עס איז די דאָזיקע קאָמפּאָזיציע! אַמאָל האָט מען אין דעם געזען אַ וואונדערלעכע נייקייט, איצט זעען מיר דאָ ניט מער, ווי אַ מאַסע אַלטע איטאַליענישע פאָרמעלן.

— איך קאָן זיך פאַרגינען דעם לוקסוס צו זיין יושרדיק, — האָט דער אַלטער אַרויסגעזאָגט פון דער הייך פון זיין לייטער, — איך האָב דערצו אַלע נויטיקע מיטלען. דעלאַקרוּאַ האָט געלעבט אין אַ גאָטלעסטערנדיקער און צעלאָזענער צייט. אַ מאָלער פון דעקאַדענץ, איז ער געווען ניט אָן שטאָלץ און ניט אָן פאַרנעם. ער איז געווען גרעסער פון זיין עפּאָכע. עס האָט אים אָבער געפעלט גלויבן, די תמימות פון הארצן, ריינקייט. כדי צו זען און צו מאָלן מלאכים, האָט אים אויסגעפעלט צניעות, אָט־די שיינע מידה פון די מלאכים און פון די פּרימיטיווע, די מידה, וואָס איך האָב זי, מיט גאָטס הילף, דערהאַלטן אויף ווי ווייט איך האָב נאָר געקענט.

— האַלט כאָטש ס׳מויל, מישעל, ביסט פונקט אַזאַ שוויין, ווי אַלע אַנדערע!

אַזוי האָט זעפירין, אויפגעפרעסן פון אייפערזוכט, אויס־געשריגן: נראַד יענעם פרימאָרגן האָט זי געזען, ווי איר געליבטער האָט אויף די שטיגן געקושט דער ברויטפאַרקויפערינס טאָכטער, די יונגע אָקטאַוויע, וואָס איז פונקט אַזאַ אומזויבערע און פונקט אַזאַ ליבטיקע, ווי איינע פון דעמבראַנדטס כלות. פאַרליבט איז מישעלן ביז משוגעת אין די גליקלעכע טעג, וואָס זענען שוין לאַנג פאַרביי, האָט זעפירין נאָך אויך איצט אויפגעהיט אין איר האַרץ דעם פייער פון ליבע.

פאָטער גינאַרדאָן האָט מיט אַ באַהאַלטענעם שמייכל אויפ־גענומען די דאָזיקע שמייכלהאַפטיקע באַליידיקונג, פאַררייסנדיק די אויגן צום הימל, וואו דער מלאך מיכאל, אַ שרעקלעכער אין זיין

הימלבלויען פאנצער און שארלאך־רויטן העלם, האט ארומגעפלאטערט אין דער גאנצער שטראליקייט פון זיין גלאריע.

אין דערזעלביקער צייט האט דער גייסטלעכער פאטוי געמאכט מיט זיין הוט א דעכל איבער די אויגן קעגן דעם שארפן ליכט פון פענצטער און באטראכט נאכאנאנד העליאדארוסן, וואס ווערט גע־בייטשט פון די מלאכים, דעם הייליקן מיכאל, וואס איז מנצח די בייזע גייסטער, און יעקבס ראנגלען זיך מיטן מלאך.

— דאס אליץ איז זייער שיין, — האט ער, ענדלעך, ארויס־געמורמלט, — אבער פארוואס האט דער מאלער פארגעשטעלט אויף די דאזיקע ווענט דווקא דערצערנטע מלאכים? וואו איך זאל ניט ווארפן מיין בליק אין דער דאזיקער קאפליצע, זע איך נאר העראלדן פון הימלשן צארן, שלוחים פון געטלעכער נקמה. גאט וויל, מ׳זאל פאר אים מורא האבן; ער וויל אבער אויך, מ׳זאל אים ליב האבן. איך וואלט א בעלן געווען צו געפינען אויף אט־די ווענט שלוחים פון שלום און גענאד. איך וואלט דא וועלן זען דעם ברענענדיקן מלאך, וואס האט געלייטערט דעם נביאס לעפצן; דעם הייליקן רפאל, וואס האט זעעוודיק געמאכט דעם אלטן טביה; גבריאלן, וואס האט אנטפלעקט פאר מרימן דעם סוד פון יעזוסעס פארמענטש־לעכונג; דעם מלאך, וואס האט פריינעלאזט דעם הייליקן פעטרוס פון זיינע קייטן; די כרובים, וואס האבן די הייליקע קאטערינע ארויפגעטראגן נאך איר פטירה אויפן שפיץ פון בארג סיני. עס וואלט געווען באזונדערס כדאי צו קאנען דא באטראכטן די הימלשע שומרים, וואס גאט גיט אלע מענטשן, געטויפטע אין זיין נאמען. יעדערער פון אונז האט זיין שומר, וואס גייט אונז נאך, טראט נאך טראט, טרייסט אונז און האלט אונז אונטער. ווי אנגענעם וואלט געווען צו באוואונדערן דא, אין דער קאפליצע, אט־די גייסטער, פול מיט חן, אט־די צויבערדיקע געשטאלטן!

— א, גייסטלעכער פאטוי, מען דארף קוקן דערויף פון א באשטימטן שטאנדפונקט, — האט גאטאן געענטפערט, — דעלא־קרוא האט ניט געהאט קיין צארטקייט. דער אלטער ענגר איז גארנישט געווען אזוי אומגערעכט, ווען ער האט געזאגט, אז פון אט־דעם גרויסן מענטשנס מאלערייען הערט זיך דער ריח פון שוועבל.

זעט די מלאכים, וואָס זייער שיינקייט איז אַזוי גלענצנדיק און אַזוי טריב, די שטאַלצע און בייזע אַנדריגונגען, די גרויזאַמע יונגען, וואָס הויבן אויף העליאָדאָרוסן נקמהדיקע ריטער, דעם יונגן מיס־טעריעזן ראַנגלער, וואָס רירט אָן יעקבס היפט...

— ששש! — האָט געזאָגט דער גייסטלעכער פּאַטוי, — לויט דער ביבל איז דאָס ניט קיין מלאך, אַזוי ווי אַנדערע מלאכים; און איז ער אַפילו יאָ אַ מלאך, איז דאָס דער מלאך פון באַשאַף, דער אייביקער זון פון גאָט. עס איז מיר אַ חידוש, וואָס דער חשובער וויקאַר פון סען־סולפּיס, וואָס האָט אָנגעטרויט מאַסיע אייזשען דעלאַקרואַ צו דעקאָרירן די קאַפּליצע, האָט אים ניט אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז יעקבס סימבאָלישער קאַמף מיט דעם, וואָס האָט ניט אויסגעזאָגט זיין נאָמען, איז פאָרגעקומען אין אַ שטאָק־פינצטערער נאַכט און אַז דאָס גאַנצע בילד איז דאָ גאָרנישט אויפן פּלאַץ, ווייל עס שטעלט פאַר יעזוסעס פּאַרמענטשלעכונג. די בעסטע קינסטלער בלאָנדזען, ווען זיי קריגן ניט פון אַ פולמאַכטיקן גייסטלעכן די אידייען פון דער קריסטלעכער איקאָנאָגראַפיע. די אינסטיטוציעס פון דער קריסטלעכער קונסט ווערן באַהאַנדלט אין אַ גרויסער צאָל ווערק, מיט וועלכע איר, מאַסיע סאַריעט, מוזט אוודאי זיין באַקענט.

מאַסיע סאַריעט האָט אויפגעהויבן די אויגן, ער האָט אָבער גאָרנישט ניט געזען. עס איז געווען דער דריטער פרימאָרגן נאָך דער ביינאַכטיקער אוואַנטורע אין דער ביבליאָטעק. אַזוי ווי אָבער דער חשובער גייסטלעכער האָט זיך צו אים געווענדט, האָט ער זיך אָנגעטון אַ כוח און געענטפערט:

— ווענן דעם דאָזיקן ענין קאָן מען מיט ערפאָלג נאָכזען מאָלאַנוסעס De Historia Sacrarum Imaginum et Picturarum אין דער אויסגאַבע פון נאָעל פּאַקאָ, לואווען, 1771; קאַרדינאַל פרעדעריקאָ באָראָמעאָס De Pictura Sacra און דידראָנס איקאָנאָ־גראַפיע; דאָס לעצטע ווערק אָבער דאַרף געלייענט ווערן מיט פאָרזיכט.

אָפּגערעדט, איז מאַסיע סאַריעט ווידער געבליבן שטיל. ער האָט זיך פאַרטראַכט וועגן דעם חורבן פון זיין ביבליאָטעק.

— און צוריקגערעדט, — האָט דער גייסטלעכער פּאַטוי

ווידער גענומען דאָס וואָרט, — אַזוי ווי מען האָט אין אַט־דער קאַפּליצע באַדאַרפט האָבן אַ מוסטער פון דעם הייליקן צאָרן פון די מלאכים, קומט דעם מאָלער אַ יישר־כוח, וואָס ער האָט נאָכגעטון ראַפאַעלן און אונז פאַרגעשטעלט די מלאכים, געשיקט פון הימל צו באַשטראָפן העליאָדאָרוסן. באַפוילן פון סעלייקוסן, קיניג פון סיריע, אַוועקצונעמען די אוצרות פון טעמפּל, איז העליאָדאָרוס געטראָפן געוואָרן פון אַ מלאך אין אַ גאָלדענעם פאַנצער, אויף אַ פּראַכטיק־אויסגעשטייערטן פערד. צוויי אַנדערע מלאכים האָבן אים געשלאָגן מיט ריטער. ער איז אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד, ווי מאָסיע דעלאַקרואַ ווייזט אים אונז דאָ, און געוואָרן איינגעוויקלט אין פינצטערניש. עס וואָלט געווען אַ גלייבע און נוציקע זאַך, ווען מען זאָל אָט־די אַוואַנטורע געבן פאַר אַ מוסר־השכל די רעפּובליקאַנישע פּאָליציי־קאָמיסאַרן און די גאָטלעסטערנדיקע אַגענטן פון דער רעגירונג. עס וועלן שטענדיק זיין העליאָדאָרוסן, אָבער זייט ווייסן: יעדן מאָל, ווען זיי וועלן לייגן אַ האַנט אויף דעם פאַרמעג פון דער קירך, וואָס איז דאָס פאַרמעג פון די אָרעמע, וועלן זיי דורך די מלאכים געשלאָגן ווערן מיט ריטער און געטראָפן ווערן מיט בלינדעניש. איך וואָלט וועלן, אַז אָט־דאָס בילד, אָדער נאָך בעסער, ראַפאַעלס מער דערהויבענע קאָמפּאָזיציע אויף דער אייגענער טעמע, זאָל אויסגראַווירט ווערן אין מיניאַטור, מיט אַלע פאַרבן, און אויסגעטיילט פאַר אַן אויסצייכענונג אין די שולן.

— פעטער, — האָט דער יונגער מאָרים אַרויסגעזאָגט מיט אַ געניץ, — איך האַלט, אַז דאָס זענען נודנע שמירערייען. איך האָב בעסער ליב מאַטיסן און מעצינגערן.

די ווערטער זענען נעפאַלן ניט־געהערטע. פּאַטער גינאַרדאָן האָט פון דער הייך פון לייטער ווידער געלאָזט הערן זיין שטים:

— נאָר די פּרימיטיווע האָבן דערזען דעם הימל. שיינקייט געפינט מען נאָר צווישן דעם 13־טן און דעם 15־טן יאָרהונדערטער. די אַנטיקע צייט, די זינדיקע אַנטיקע צייט, וואָס האָט געהאַט איר פאַרדערבלעכע השפעה אויף די מוחות פון 16־טן יאָרהונדערט, האָט אינספּירירט פּאָעטן און מאָלער מיט פאַרברעכערישע אידייען און אויסגעלאַסענע פאַרשטעלונגען, מיט שרעקלעכער אומזויבערקייט

און שווינערײַ. אַלע קינסטלער פון רענעסאַנס זענען שווײַנען, ניט אויסצושליסן אַפילו מיקעל־אַנדזשעלאָ.

ווען פּאַטער גינאַרדאָן האָט דערזען, אַז גאַעטאַן קלײַבט זיך שוין אַוועקצוגיין, האָט ער אָנגענומען אַ מינע פון גוטמוטיקייט און אים אײַנגערוימט מיט אַ סודותדיקן טאָן:

— מאָסיע גאַעטאַן, אויב איר האָט ניט קיין מורא אַרויפצו־שטײַגן מײַנע פינף גאָרן, קומט אַמאָל אַרײַן צו מיר, אין מײַן אויבער־שטיבל. איך האָב אַ צוויי־דרײַ קלײנע לײַוונטן, וואָס איך וואָלט זײַ וועלן אַוועקגעבן. זײַ וועלן אײַך פאַראינטערעסירן. אַלץ גוטע, אויפריכטיקע, ערלעכע בילדער. צווישן אַנדערע זאַכן וועל איך אײַך אויך ווײַזן אַ קלײנעם באָדוען, אַזוי פריש און צאַפּלדיק, אַז עס וועט אײַך פאַרכאַפּן דער אָטעם.

ביי אָט־דער רעדע איז גאַעטאַן אַרוים אין דרויסן. און בעת ער איז אַרונטער פון די שטיגן און האָט זיך אַרײַנגעדרייט אין רו פּרענסעס, האָט ער, מיטן אַלטן סאַריעט לעבן זיך, אים פּאָרטרעטירט, ווי ער וואָלט עס פּאָרטרעטירט יעדן אַנדערן בן־אדם, אָדער אַפילו אַ בוים, אַ גאַסן־לאָמפּ, אַ הונט, זײַן אײַגענעם שאָטן, דאָס פאַר־דראָסיקע געפיל, וואָס דער אַלטער מאָלער האָט אין אים אַרויס־גערופן מיט זײַנע עסטעטישע טעאָריעס:

— דער אַלטער גינאַרדאָן כאַפּט אַריבער יעדער מאָס מיט זײַן קריסטלעכער קונסט און מיט זײַנע פּרימיטיוועס! אַלץ, וואָס דער מאָלער זעט אויפן הימל, איז גענומען פון דער ערד. גאָט, די יונגפרוי, די מלאכים, די הייליקע, סײַ מענער, סײַ פרויען, דאָס ליכט, די וואָלקנס. ווען דער אַלטער ענגר האָט געצייכנט פיגורן פאַר די פענצטער פון דער קאַפּליצע אין דרעי, האָט ער מיט גראַפיט געמאַכט, נאָך אַ מאָדעל נאָך, אַ פײַנע קלאָרע סקיצע פון אַ פרוי. מען קאָן די סקיצע זען, צווישן אַ סך אַנדערע, אין דעם מוזעי באָנאַ, אין בעיאָן. און אונטן, אויפן בלעטל, האָט דער אַלטער ענגר, מורא האָבנדיק, ער זאָל ניט פאַרגעסן, פאַרצייכנט: „מ אַ ד מ ו אַ ז ע ל ס ע ס י ל, וואונדערלעכע פיס און היפטן". און כדי צו מאַכן פון מאַדמואַזעל סעסיל אַ הייליקע אין גן־עדן, האָט ער איר אָנגעטון אַ קלייד, אַ מאַנטל, אַ

שלייער, און אַזוי אַרום גורם געווען אויף איר אַ שענדלעכע ירידה, ווייל די געוועבן פון לעאָנס און גענוא זענען ווערטלאָז אַקעגן דעם לעבעדיקן און יונגן געוועב, ראַזיק פון ריינעם בלוט. די שענסטע טוכן זענען מיאוס, ווען פאַרגליכן מיט די ליניעס פון אַ שיינעם קערפּער, און קליידער פאַר אַ לייב, וואָס ווערט באַגערט און איז צייטיק באַמאַנט צו ווערן, זענען באמת אַן אומפאַרדינטע שאַנד און די ערגסטע דערנידערונג.

און גאַעטאַן, אַריינטרעטנדיק אומפאַרזיכטיק אין דעם פאַר־פרוירענעם רינשטאָק פון רו גאַ־אַנסיער, האָט גערעדט ווייטער:

— פּאָטער גינאַרדאָן איז אַ בייזוויליקער אידיאָט. ער לעסטערט די אַנטיקע צייט, די הייליקע אַנטיקע צייט, ווען די געטער זענען געווען גוט. ער פּרייזט אַן עפּאָכע, ווען דער מאָלער און דער סקולפּטאָר האָבן באַדאַרפט אַלץ לערנען פון דאָס ניי. די קריסט־לעכקייט איז אין דער אמתן געווען קעגן דער קונסט דערמיט, וואָס זי האָט ניט דערמוטיקט דאָס שטודירן דעם נאַקעטן קערפּער. קונסט הייסט פאָרשטעלן די נאַטור, און נאַטור איז קודם כל דער מענטשלעכער קערפּער, די נאַקעטקייט.

— ערלויבט, ערלויבט, — האָט אַרויסגעשטאַמלט דער אַלטער סאַריעט, — עס איז דאָ אַ גייסטיקע שיינקייט, אַזוי צו זאָגן, אַן אינעווייניקסטע שיינקייט, וואָס פון פראַ אַנדזשעליקאָ ביז היפּאָליט פלאַנדרין האָט די קריסטלעכע קונסט —

אָבער גאַעטאַן, ניט צו הערן קיין וואָרט, האָט געשליידערט זיינע שטורעמדיקע ווערטער אויף די שטיינער פון דער אַלטער גאַס און אויף די שניי־באַלאָדענע וואָלקנס, וואָס האָבן זיך געטראָגן איבער זיין קאָפּ:

— די פּרימיטיווע קאָן מען ניט באַטראַכטן, ווי אַ גאַנצקייט, ווייל זיי זענען גאָרנישט ענלעך איינער צום אַנדערן. דער דאָזיקער אַלטער משוגענער מישט אַלץ צוזאַמען. סימאַבוע איז אַ פאַר־דאָרבענער ביזאַנטינער. דזשיאָטאָ ווייזט אַרויס סימנים פון מעכ־טיקער געניאַליטעט, ער קאָן אָבער ניט מאָדעלירן און אַלע זיינע פּערזאָנען גיט ער צו, אַזוי ווי עס טוען קינדער, איין־און־דאָסזעלביקע געזיכט. די פאַרצייטיקע איטאַליענער האָבן גראַציע און פרייד, ווייל

זיי זענען איטאַליענער. די ווענעציאַנער האָבן דעם אינסטינקט פון שיינע קאָלירן. אָבער נאָך אַלעמען זענען די דאָזיקע אויסגעצייכנטע מייסטער געווען גיכער עמאַלירער און גילדערער, איידער מאָלער. אייער בעאַטאָ אַנדזשעליקאָס האַרץ און פּאַלעטע זענען אַבסאָלוט צו צאַרט פאַר מיין גוסט. וואָס איז שייך די פלאַמאַנדער, איז דאָס גאָר אַ באַזונדער געשיכטע. זיי קענען די מלאכה און זייער גלענצנדיקע פּאַכמאַנשאַפט שטעלט זיי אויף איין הייך מיט די בינעזישע לאַקיר־מייסטער. די טעכניק פון די ברידער וואַן עיק איז וואונדערלעך. דאָך קאָן איך ניט געפינען אין דער „פאַרגע־טערונג פון קאַלב“ דעם צויבער און די מיסטעריע, וואָס ווערן אַזוי גערימט. אַלץ ווערט דאָרט באַהאַנדעלט מיט אומדערבאַרעמדיקער השלמה, אַלץ איז דאָרט וואולגאַר אין געפיל און גרויליק מיאוס. מעמלינג קאָן אפשר רירן, ער שאַפט אָבער קיין זאַך ניט, ווי נאָר קאַליקעס און לאָמע בעטלער, און אונטער די רייכע, שווערע און ניט־גראַציעזע קליידער פון זיינע יונגפרויען און הייליקע לאָזט זיך פילן אַ קלעגלעכע נאַקעטקייט. איך האָב ניט ערוואַרט, אַז ראָזשיער וואַן דער ויידן זאָל זיך אַ נאָמען געבן „ראָזשע דע לאַ פּאַסטיור“ און ווערן אַ פראַנצויז, כדי ער זאָל מיר בעסער געפעלן, ווי מעמלינג. דער דאָזיקער ראָזשיער אָדער ראָזשע איז ווייניקער נאַאיוו, דערפאַר אָבער איז ער שווערמוטיקער און די האַרטקייט פון זיין ליניע דערקלערט אויפן בעסטן אופן די אָרעמקייט פון זיינע פאָרמען. עס איז אַ מאָדנע פאַרדאָרבנקייט פון געשמאַק הנאה צו האָבן פון די דאָזיקע קאַרניוואַלישע פיגורן, ווען עס זענען פאַראַן בילדער פון לענאָאַרדאָ, טיציאַן, קאָרעדזשיאָ, וועלאַסקעז, רובענס, רעמבראַנדט, פּוסען און פּרוד'האָן. עס איז אין דעם באמת פאַראַן אַ מין סאַדיזם !...

אין דערזעלביקער צייט האָבן הינטער דעם עסטעט און דעם ביבליאָטעקאַר געשפּאַנט לאַנגזאַם דער גייסטלעכער פּאַטער און מאָ־רים ד'עספּאַרוויעי. דער גייסטלעכער פּאַטער, בטבע ניט זייער גענייגט צו פאַרפירן אַ שמועס וועגן טעאָלאָגיע מיט וועלט־לעכע מענטשן און אַפילו ניט מיט קלעריקאַלן, איז אָבער דאָסמאָל אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם אינטערעסאַנטן ענין און האָט דער־

ציילט דעם יונגן מאָרים וועגן דער הייליקער שליחות פון די שוץ־מלאכים, וואָס מאָסיע דעלאַקרואַ האָט זיי, צום באַדויערן, אויסגע־שלאָסן פון זיינע קאָמפּאָזיציעס. און כדי בעסער אויסצודריקן זיינע געדאַנקען וועגן אַזוינע דערהויבענע ענינים, האָט דער גייסטלעכער פּאַטוי אויסגעליען פון באָסיוע גאַנצע ווענדונגען, אויסדריקן און פראַזן, וואָס ער האָט זיי געהאַט אויסגעלערנט אויף אויסנווייניק, כדי זיי אַריינצושטעלן דערנאָך אין זיינע דרשות, מחמת ער איז געווען שטאַרק צוגעבונדן צו דער טראַדיציע.

— יאָ, מיין קינד, — האָט ער געזאָגט, — גאָט האָט אַוועק־געשטעלט לעבן אונז גייסטער, וואָס זאָלן אונז שיצן. זיי קומען צו אונז, באַלאָדענע מיט זיינע מתנות; זיי קערן זיך אום צוריק, באַ־לאָדענע מיט אונזערע תפילות. אָט־דאָס איז זייער עובדא. אין יע־דער שעה, אין יעדער רגע זענען זיי גרייט אונז צו העלפן, גע־טרייע, ניט־מיד־ווערנדיקע שומרים, וואַכלייט, וואָס שלאָפן קיינמאָל ניט איין.

— ריכטיק, גייסטלעכער, — האָט מאָרים אַרויסגעמורמלט, טראַכטנדיק דערביי, וואָס פאַר אַ תירוץ ער קאָן געפינען צו רירן דאָס האַרץ פון זיין מוטער און אַרויסקריגן פון איר אַ געוויסע סומע געלט, וואָס ער האָט דעמאָלט זייער נויטיק באַדאַרפט האָבן.

קאַפּיטל זעקס

וואו פּאַטער סאַריעט געפינט צוריק זיינע אוצרות.

אויפן צווייטן טאָג, אין פרימאָרגן, איז מאָסיע סאַריעט אריין, ניט אָנצוקלאַפּן, אין קאַבינעט פון מאָסיע רענע ד'עספּאַרוויעי. ער האָט אויפגעהויבן די הענט צום הימל, די שיטערע האָר אויפן קאָפּ האָבן זיך אים אויפגעשטעלט. זיינע אויגן זענען געווען גרויס פון שרעק. ער האָט, שטאַמלענדיק, דערציילט וועגן דעם אומגליק: א זייער אַלטער כתב־יד פון יאָזעפוס פלאַוויוס; זעכציק בענד פון פאַרשיידענעם פאָרמאַט; אַן אַנטיקל ניט אָפּצושעצן, אַ לוקרע־ציוס, מיט דעם הערב פון פיליפּ דע וואַנדאָם, גרויס־פּריאָר פון פראַנקרייך, און מיט נאָטיצן אין וואָלטערס האַנטשריפט; א כתב־יד פון ריכאַרד סימאָן און גאַסענדיס בריוו צו גאַבריעל נאָדע, צוויי הונדערט אַכט־און־דרייסיק ניט־פּובליקירטע בריוו, האָבן ניט גע־סטייעט. דאָסמאָל איז דער אייגנטימער פון דער ביבליאָטעק גע־וואָרן שטאַרק באַאומרואיקט.

ער איז שנעל אַרויף אין זאַל פון די פילאָזאָפן און גלאָבוסן און האָט דאָרט מיט זיינע אייגענע אויגן דערזען די גרייס פון דעם היזק.

אויף אַ סך פּאָליצעס האָבן זיך אַרויסגעזען ליידיקע ערטער. ער האָט געזוכט אומעטום, געעפנט די שראַנקן, אַרויסגעשלעפּט די בעזימער, די שטויב־באַרשטן, די פייער־אויסלעשער, האָט מיטן שאָפל פונאַנדערגעשאַרט די קוילן אין קאַמין, אויסגעטרייסלט מאָסיע סאַריעטס פיינעם פראַק, וואָס איז געהאַנגען איבערן וואַשטישל, און מיט אַ באַשווערטע האַרץ באַטראַכט דערנאָך די ליידיקייט, וואָס גאַסענדיס פאָרטפעלן האָבן איבערגעלאָזט. די גאַנצע וויסנשאַפט־לעכע וועלט האָט אין לויף פון אַ האַלבן יאָרהונדערט הויך גע־מאָנט, אַז די קאָרעספּאָנדענץ זאָל פאַרעפנטלעכט ווערן. מאָסיע רענע ד'עספּאַרוויעי האָט ניט נאָכגעגעבן אָט־דעם אַלגעמיינעם פאַר־לאַנג. ער האָט ניט געוואָלט נעמען אויף זיך אַזאַ שווערע אויפ־

גאָב, אָדער אפילו זי אַרויפלייגן אויף אַנדערע. ער האָט געהאַט געפונען אין די בריוו אַ סך דרייסטקייט פון געדאַנק און אַ צאָל שטעלן, וואָס זענען פיל פריוהייטלעכער, ווי די פּיעטעט פון צוואַנ־ציקסטן יאָרהונדערט קאָן עס פאַרטראָגן, האָט ער, דעריבער, גע־רעכנט, אַז עס איז גלייבער, די בלעטער זאָלן פאַרבלייבן ניט־פאַר־עפנטלעכט. ער האָט אָבער געפילט, אַז ער טראָגט אויף זיך די אחריות פאַרן אוצר צו זיין לאַנד און צו דער גאַנצער ציוויליזיר־טער וועלט.

— ווי אַזוי האָט איר געקאָנט זיך לאָזן בארויבן פון אַזאַ אוצר? — האָט ער שטרענג געפרעגט מאָסיע סאַריעטן.

— ווי אַזוי האָב איך געקאָנט זיך לאָזן בארויבן פון אַזאַ אוצר! — האָט דער אומגליקלעכער ביבליאָטעקאַר געענטפערט — מאָסיע, ווען מען וואָלט מיר געעפנט מיין ברוסט, וואָלט מען גע־פונען די דאָזיקע פראַגע אויסגעקריצט אויף מיין הארצן.

ניט־גערירט פון די שטאַרקע ווערטער, האָט מאָסיע ד'עספּאַר־וויעי גערעדט ווייטער מיט איינגעהאַלטענעם כעס:

— און איר קאָנט גאָר ניט אַנטדעקן קיין איין סימן, וואָס זאָל אייך אַרויספירן אויפן גנבס שפּור, מאָסיע סאַריעט? איר האָט גאָר ניט קיין שום חשד, די מינדסטע השגה, ווי אַזוי דאָס איז געשען? איר האָט גאָרנישט געזען, גאָרנישט געהערט, גאָר־נישט באַמערקט, גאָרנישט אויסגעפונען? איר מוזט צוגעבן, אַז דאָס איז אומגלויבלעך. טראַכט זיך אריין, מאָסיע סאַריעט, טראַכט זיך אריין אין די מעגלעכע רעזולטאַטן פון דער אומגעהערטער גנבה, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן אונטער אייערע אויגן. אַ דאָקומענט פון ניט־אָפּשעצלעכן ווערט פאַר דער געשיכטע פון מענטשלעכן גייסט איז ניט געוואָרן. ווער האָט אים צוגעגנבעט? פאַרוואָס האָט מען אים צוגעגנבעט? פון וועמעס נוצן וועגן? די, וואָס האָבן אים איצט אין זייערע הענט, מוזן אוודאי וויסן, אַז אין פראַנק־רייך קאָנען זיי אים ניט באַשטאַטן. זיי וועלן אוועק מיט אים קיין אַמעריקע, אָדער קיין דייטשלאַנד, און אים דאָרט פאַרקויפן. דייטש־לאַנד קוקט אַרוים אויף אַזוינע ליטעראַרישע מאָנומענטן. אויב גאַ־סענדיס קאָרעספּאָנדענץ מיט גאַבריעל נאָדע וועט אַריבער קיין

בערלין, אויב די דייטשישע געלערנטע וועלן זי דאָרט פאַרעפנט־לעכן, וואָס פאַר אַן אומגליק, וואָס פאַר אַ סקאַנדאַל, וואָלט איך אַפילו געזאָגט! מאָסיע סאַריעט, האָט איר גאָר וועגן דעם ניט אַ טראַכט געטון?

אונטער די קלעפּ פון דער באַשולדיקונג, וואָס איז געווען אַלץ גרויזאַמער, ווייל ער אַליין האָט זי געמאַכט קעגן זיך, איז מאָסיע סאַריעט געבליבן שטיין אַ מטושטשער און האָט ניט אַרויסגערעדט קיין וואָרט.

און מאָסיע ד'עספּאַרוויעי האָט ווייטער געשליידערט אויף אים די ביטערסטע פאָרוואורפן:

— און איר מאַכט גאָר ניט קיין פאַרזוך, איר זוכט גאָר ניט קיין מיטלען צוריקצוגעפינען די דאָזיקע ניט־אָפּשעצלעכע אוצרות? מאַכט אונטערזוכונגען, טוט זיך אַ ריר, מאָסיע סאַריעט, ווענדט אַן אייער שכל. עס איז כדאי יעדער אָנשטרענגונג.

און מאָסיע ד'עספּאַרוויעי איז אַרויס, וואַרפנדיק אַן אייז־קאַלטן בליק אויף זיין ביבליאָטעקאַר.

מאָסיע סאַריעט האָט געזוכט די פאַרלוירענע ביכער און מאַ־נוסקריפּטן אומעטום, וואו ער האָט זיי שוין געהאַט געזוכט אַ הונדערט מאָל און וואו זיי האָבן גאָר אויף קיין אופן ניט געקאָנט זיין. ער האָט זיי אַפילו געזוכט אין דעם עמער פון קוילן און אונ־טער דעם לעדערנעם זיץ פון זיין ווייכער שטול. ווען דער זייגער האָט געשלאָגן צוועלף, איז ער אויטאָמאַטיש אַרונטערגעגאַנגען. צו־פוסנס פון די שטיגן האָט ער באַגעגנט זיין אַמאָליקן תלמיד, מאָריסן, און זיך מיט אים באַגריסט. ער האָט אָבער געזען מענטשן און זאַכן נאָר אַזוי ווי דורך אַ נעפּל.

דער נידערגעשלאָגענער ביבליאָטעקאַר איז שוין געווען אין פּיר־הויז, ווען מאָרים האָט אים צוריקגערופן:

— מאָסיע סאַריעט, גוט, וואָס כ'האָב זיך דערמאָנט, הייסט אוועקנעמען די ביכער, וואָס מ'האָט פאַרשלעפּט צו מיר אין פּאַ־וויליאָן.

— וואָסערע ביכער, מאָרים?

— כ'קאָן אייך גענוי ניט זאָגן, מאָסיע סאַריעט, נאָר כ'האָב

דאָרט געזעזן פון ווערים צעפרעסענע ביכער אין העברייאישן און אַ גאַנצן פּאַק אַלטע פּאַפּירן. זיי מאַכן מיר ענג. מען קאָן זיך שוין מער ניט אַ קער טון אין פאָדערשטן צימער.

— ווער האָט זיי אַהין פאַרטראָגן?

— פרעגט מיך עפּעס גרינגערס.

און דער יונגערמאַן האָט זיך געלאָזט שנעל גיין צום עסזאַל, וואו דער מיטיק איז שוין אַ היבשע ווײַלע געווען געמאָלדן.

מאָסיע סאַריעט איז אַוועקגעלאָפן צום פּאַוויליאָן. מאָרים האָט געזאָגט דעם אמת. אַן ערך אַ הונדערט בענד זענען דאָרט געווען אויף די טישן, אויף די בענקלעך, אויפן דיל. אַ געמישט געפיל פון פרייד און שרעק האָט באַהערשט דעם אַלטן, ווען ער האָט דאָס דערזען. פול מיט איבעראַשונג און אַנגסט, אַ גליקלעכער צוריקצוגעפינען זיין פאַרלוירענעם אוצר און מורא האָבנדיק אים ווידער צו פאַרלירן, ניט קאָנענדיק גאָר קומען צו זיך פון דערשטוינונג, האָט דער ביכער־מענטש אָט געפּלאַפּלט, ווי אַ קליין קינד, אָט געמאַכט ווילדע קולות פון אַ משוגענעם. ער האָט דערקענט די העברייאישע ביבלס, דעם אַלטן תלמוד, דעם זייער אַלטן כתב־יד פון יאָזעפוס פלאַוויוס, גאַסענדיס בריוו צו גאַבריעל נאָדע און דאָס טייערסטע אַנטיקל, ל ו ק ר ע צ י ו ס, מיטן הערב פון גרויס־פּריאָר פון פראַנקרייך און מיט די נאָטיצן אין וואָלטערס האַנטשריפט. ער האָט געלאַכט, געוויינט, געקושט דעם מאַראָקאָ, דעם קאַלב־לעדער, דעם פּאַרמעט, דעם וועלין, אַפילו די הילצערנע מיט נעגל באַשלאָגענע ברעטלעך. אַזוי שנעל ווי דער משרת היפּאָליט האָט אַרײַנגעבראַכט אין ביבליאָטעק אַריין אַ הויפן ביכער, האָט מאָסיע סאַריעט מיט אַ ציטערדיקער האַנט זיי פרום צוריקגעשטעלט אויף זייערע פּלעצער.

קאַפּיטל זיבן

וואָס איז פון גאַנץ לעבעדיקן אינמיטערעס און וואָס דער מוסר השכל דערפון וועט, האָף איך, שטאַרק אויסנעמען ביי אַלע לייענער, מחמת ער קאָן פאָרמולירט ווערן אין אָט־דעם פּיינלעכן אויסרוף: „געדאַנק, וואוהין טוסטו מיך פירן?" — און עס איז דאָך, בידוע, אַן אַלגעמיין־אָנגענומענער אמת, אַז טראַכטן איז אומגעזונט און אַז די אמתדיקע חכמה איז גאָרנישט צו טראַכטן.

אַלע ביכער זענען ווידער געווען צוזאַמענגענומען אונטער מאָסיע סאַריעטס געטרייע הענט. עס איז אָבער ניט באַשערט געווען, אַז דער דאָזיקער גליקלעכער בונד זאָל האָבן אריכת ימים. אויף דער צווייטער נאַכט האָבן צוואַנציק בענד פאַרלאָזן זייערע פּלעצער, צווישן זיי אויך ל ו ק ר ע צ י ו ס פון פיליפּ דע וואַנדאָם. אין איין וואָך צייט האָבן די אַלטע העברייאישע און גריכישע טעקסטן פון אַלטן און נייעם טעסטאַמענט זיך אַלע אומגעקערט צוריק אין פּאַוויליאָן, און אין לויף פון גאַנצן קומענדיקן חודש האָבן זיי נאַכט נאָך נאַכט פאַרלאָזן זייערע פּאָליצעס און אוועק אין געהיים איבערן זעלביקן וועג. אַנדערע ביכער האָבן זיך פאַרקליבן ווער ווייס וואוהין.

אויסגעהערט פון זיין ביבליאָטעקאַר די דאָזיקע מיסטעריעזע פאַקטן, האָט מאָסיע רענע ד׳עספּאַרוויעי, אַן אומצופרידענער, בלויז באַמערקט:

— מיין אָרעמער מאָסיע סאַריעט, דאָס אַלץ איז זייער מאָדנע, באמת זייער מאָדנע.

און ווען מאָסיע סאַריעט האָט געפּרואווט אים עצהנען אַריינצוברענגען אַ קלאַגע אָדער מעלדן דעם קאָמיסאַר פון דער פּאָליציי, האָט מאָסיע ד׳עספּאַרוויעי זיך צעשריגן אויף אים:

— וואָס הייסט איר מיר טון, מאָסיע סאַריעט? אויפדעקן פאַמיליען־סודות, מאַכן אַ סקאַנדאַל!... איר מיינט עס אוודאי ניט!... איך האָב שונאים, און איך בין שטאָלץ דערויף: איך

רעכן, אַז איך בין זיי ווערט. איך קאָן זיך טאַקע יאָ באַקלאָגן, אַז אין מיין אייגענער פּאַרטיי בין איך מיט אומגעהערטער רציחה אַטאַקירט געוואָרן פון פאַנאַטישע ראַיאַליסטן, וואָס זענען זיך אַפשר גאַנץ גוטע קאַטאָליקן, אָבער זייער שלעכטע קריסטן... מ׳האַלט אויף מיר אַן אויג, מ׳שפּיאָנירט מיך נאָך, מ׳היט מיין יעדן טראַט, — שלאָגט איר, מאָסיע סאַריעט, מיר פאָר, אַז איך זאָל צואווארפן דער בייזוויליקייט פון די זשורנאַליסטן אַ קאָמישע מיסטעריע, אַן אַוואַנטורע אויף שפּאַס, אַ געשיכטע, אין וועלכער מיר ביידע שפּילן אַ גאַנץ קלעגלעכע ראָלע? איר ווילט, הייסט עס, מיך מאַכן צום נאַר?

צום סוף פון אַט־דעם שמועס האָבן די צוויי מענער באַשלאָסן צו בייטן אַלע שלעסער פון דער ביבליאָטעק. מ׳האָט זיך באַדונגען מיט די באַלמעלאָכעס און זיי געהייסן קומען צו דער אַרבעט. זעקס וואָכן נאָכאַנאַנד האָט דאָס הויז פון די ד׳עספּאַרוויעס, פון פריי־מאָרגן אָן ביזן אָוונט, אָפּגעקלונגען מיט אַ קלאַפּעריי פון האַמערס, אַ הוזשעריי פון עגבערס און אַ קריצעריי פון פיילן. פייערן זענען אָנגעצונדן געוואָרן אין דעם זאַל פון די פילאָזאָפן און גלאָבוסן און דער ריח פון הייסן אויל האָט אַרויסגערופן ביי די איינוואוינער אַ נישט־גוטקייט. די אַלטע, לייכטע, שטילע שלעסער אויף די טירן פון די זאַלן און אויף די שראַנקן זענען פאַרביטן געוואָרן אויף שלעסער מיט קאַפּריזן און המצאות. עס זענען אַלץ געווען שלעסער מיט קאָמבינאַציעס, בלאַטשלעסער מיט בוכשטאַבן, זיכערקייט־ריג־לען, שטאַנגען, קייטן און עלעקטרישע ליאַרעם־אַפּאַראַטן.

דאָס דאָזיקע גאַנצע אייזנוואַרג האָט אָנגעוואָרפן אַ פּחד. די פלאַטן האָבן געבליאַסקעט, די ריגלען האָבן געקלימפּערט. צו עפענען וואָסער עס איז זאַל, שראַנק אָדער שופלאָד, האָט מען געמוזט וויסן עפּעס אַ ציפער, וואָס נאָר מאָסיע סאַריעט אַליין האָט געהאַט אין דעם אַ ידיעה. זיין קאָפּ איז געוואָרן פול מיט אויסטערלי־שע ווערטער און געוואַלטיקע צאָלן, און ער האָט זיך געפּלאָנטערט אין אַט־די אַלע געהיימשריפטן, אין אַט־די פירעקיקע, קובישע און דרייעקיקע צאָלן. ער אַליין האָט ניט געקאָנט עפענען די טירן און די שראַנקן, דאָך האָט ער זיי יעדן פרימאָרגן געפונען פונאַנדער־

געפּראַלט און די ביכער צעוואָרפן, צעשלעפּט, אַרויסגעגנבעט. איין נאַכט האָט אַ פּאָליציסט אויפגעהויבן פון רינשטאָק אויף רו סער־וואַנדאָני אַ בראָשורע פון סאָלאָמאָן רייניאַק וועגן דער אידענטישקייט פון באַראַבאַס און יעזוס. אַזוי ווי זי האָט געהאַט אויף זיך דעם שטעמפּל פון ד'עספּאַרוויעס ביבליאָטעק, האָט ער זי אומגעקערט צוריק צום אייגנטימער.

מאָסיע רענע ד'עספּאַרוויעי האָט אָן מאָסיע סאַריעטס וויסן באַשלאָסן צו קאָנסולטירן זיינעם אַ פריינט אַ יוריסט, אַ מענטשן, וואָס מ'האָט אים געקאָנט געטרויען, מאָסיע דעזאָבעל, געריכט־אַד־וואָקאַט, וואָס האָט געהאַט דורכגעפירט אייניקע וויכטיקע פּראָצעסן. דאָס איז געווען אַ קליין, קיילעכדיק מענטשל, זייער רויט, זייער פליכעוואַטע, מיט אַ שאַרבן, וואָס האָט געשיינט, ווי אַ ביליאַרד־קויל. איינמאָל, אין אַ פרימאָרגן, איז ער אַריינגעקומען אין דער ביבליאָטעק, מאַכנדיק דעם אָנשטעל, אַז ער איז געקומען ווי אַ ליבהאָבער פון ביכער. ער האָט אָבער באַלד געוויזן, אַז ער הויבט גאָרנישט אָן צו וויסן אין ביכער. בעת די ביוסטן פון די אַנטיקע פילאָזאָפן האָבן זיך געשפּיגלט אין דעם קרייז פון זיין שאַרבן, האָט ער געשטעלט מאָסיע סאַריעטן פאַרשיידענע איבערגעשפּיצטע פראַגעס. דער ביבליאָטעקאַר איז מבולבל געוואָרן און האָט זיך פאַררויטלט: די אומשולד דערפילט זיך באַלד געטראָפן. דאָ האָט מאָסיע דעזאָבעל באַקומען אַ שטאַרקן חשד, אַז מאָסיע סאַריעט איז אַליין באַגאַנגען די גנבות, וואָס ער האָט זיי מיט שרעק פאַרדאַמט. און עס איז אים גלייך איינגעפאַלן צו זוכן די מיטשולדיקע פון דעם פאַרברעכן. וואָס איז שייך די מאָטיוון, האָט ער וועגן זיי זיך ניט געקימערט: מאָטיוון קאָן מען שטענדיק געפינען. מאָסיע דעזאָבעל האָט פאָרגעשלאָגן מאָסיע רענע ד'עספּאַרוויעי, ער זאָל אוועקשטעלן אַן אַגענט פון דער פּרעפעקטור צו באַוואַכן שטילערהייט דאָס הויז.

— איך וועל זען, אַז מ'זאָל אייך געבן מיניאָנען, — האָט ער געזאָגט, — ער איז אַן אויסגעצייכנטער דינער, אויפמערקזאַם און קלוג.

אויפן צווייטן טאָג, פון זעקס אַזייגער אינדערפרי, האָט מיניאָן שוין אַרומגעשפּאַצירט אַרום דעם הויז פון די ד'עספּאַרוויעס. מיטן

קאָפּ פאַרזונקען אין די אַקסל, טראָגנדיק חן־לאָקן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעזען פון אָונטער די שמאָלע ראַנדן פון זיין האַרטן קאַפּעליוש, מיט די אויגן אויף אַ זייט, מיט ריזנדיקע מאַט־שוואַרצע וואַנצעס, מיט גיגאַנטישע הענט און פיס, — קורץ, פון אַן אויסזען, וואָס האָט זיך איינגעקריצט אין זכרון, האָט ער געשפּאַנט רעגלמעסיק פון דעם נעענטסטן פון די גרויסע זיילן מיט די קעפּ פון ווידערס, וואָס האָבן באַצירט דעם האָטעל דע לאַ סאָרדיער, ביזן סוף דו גאַראַנסיער, צו דער אַלטאַר־וואַנט פון דער קירך סען־סולפּיס און דער קאַפּליצע פון דער יונגפרוי.

פון דעמאָלט אָן האָט מען ניט געקאָנט פאַרלאָזן דאָס הויז פון די ד'עספּאַרוויעס, אָדער אַריינקומען אַהין, אַז מ'זאָל ניט פילן, ווי אַלע באַוועגונגען און אפילו געדאַנקען ווערן נאָכגעשפּיאָנירט. מיניאָן איז געווען אַ וואונדער־מענטש, באַשענקט מיט פייאיקייטן, וואָס די נאַטור האָט אָפּגעזאָגט אַלע אַנדערע מענטשן: ער האָט ניט געגעסן און איז ניט געשלאָפן. אין יעדער שעה פון טאָג און נאַכט, אין ווינט און אין רעגן, האָט מען אים געטראָפן אַרום דעם הויז און קיינער האָט ניט אויסגעמיטן די ראַדיום־שטראַלן פון זיין בליק. מען האָט זיך דערפילט דורכגעשטאָכן דורך און דורך, דורכגענומען ביזן ביין, ערגער ווי נאַקעט, — אַ סקעלעט. און אַלץ איז געטון געוואָרן אין איין כהרף עין. דער אַגענט האָט זיך אפילו ניט אָפּגעשטעלט, נאָר איז זיך געגאַנגען זיין אייביקן גאַנג. עס איז געוואָרן ניט צום אַריבערטראָגן. דער יונגער מאָרים האָט געסטראַשעט, אַז ער וועט ניט קומען מער אונטערן פאָטערס דאַך, אויב ער וועט דאָרט ווייטער ווערן אַזוי ראַדיאָגראַפירט. זיין מוטער און זיין שוועסטער האָבן זיך באַקלאָגט אויף דעם דאָזיקן דורכנעמענדיקן בליק, וואָס האָט באַליידיקט די צניעות און די באַשיידנקייט פון זייערע נשמות. מאַדמואַזעל קאַפּאָראַל, דעם יונגן לעאָן ד'עספּאַרוויעס באָנע, האָט זיך געפילט שרעקלעך זשעניִרט. מאָסיע רענע ד'עספּאַרוויעי, מיד פון גאַנצן עסק, האָט יעדן מאָל, ביים אַריבערטרעטן זיין אייגענע שוועל, אַפּריער אָנגערוקט דעם הוט אַריבער די אויגן, כדי אויסצומיידן דעם פאָרשנדיקן שטראַל, און געשיקט צו אַלדי רוחות דעם אַלטן סאַריעט, די הויפּט־סיבה פון אָט־די אַלע צרות. די בני־בית,

ווי דער גייסטלעכער פּאַטוי און דער פּעטער גאַעטאַן, האָבן זיך זעלטן באַוויזן אויף די אויגן, די געסט האָבן אויפגעגעבן זייערע וויזיטן, די קרעמער האָבן געהאַט אַ ישוב הדעת, צי זאָלן זיי צושטעלן זייערע סחורות, די וועגענער פון די גרויסע קראָמען האָבן קוים געוואַגט אָפּצושטעלן זיך. אָבער די גרעסטע אומאָרדענונג האָט די דאָזיקע שפּיאָנעריי אַרויסגערופן צווישן דער דינערשאַפט.

דער לאַקעי, אין מורא צו באַזוכן אונטער דעם אויג פון דער פּאָליציי דעם שוסטערס ווייב, בעת זי האָט נאָך מיטיק איינע אליין געאַרבעט ביי זיך אין דער היים, איז געווען מיט דער דעה, אַז דאָס הויז איז אומדערטרעגלעך, און האָט געמאָלדן דעם באַלעבאָס וועגן זיין אַוועקגיין. אָדיל, מאַדאַם ד׳עספּאַרוויעס שטובמיידל, האָט זיך מער ניט דערוועגט אַריינצופירן, ווי איר שטייגער פלעג זיין, צו זיך אין אויבערשטיבל, נאָכדעם ווי די באַלעבאָסטע האָט זיך געהאַט געלייגט שלאָפן, אָקטאַוון, דעם שענסטן יונג פון דער שכנהשער בוכהאַנדלונג, און איז געוואָרן מעלאַנכאָליש, אויפגערעגט, נערוועז, האָט גערעדט צו איר געריסן ביים קעמען דער באַלעבאָסטעס האָר, האָט גערעדט צו איר מיט חוצפּה און גענומען זיך שאַרן צו מאָריסן. די קעכין, מאַדאַם מאַלגואַר, אַן ערנסטע פרוי פון אַן ערך פופציק יאָר, האָט מער ניט געקראָגן קיין וויזיטן פון אַווגוסטן, דעם וויינהענדלערס אַ מענטשן פון רו סערוואַנדאָני, און ניט צו קאָנען מער אַריבערטראָגן די איינגעהאַלטנקייט, וואָס איז געווען ניט פאַר איר טעמפּעראַמענט, איז זי אַרונטער פון זינען, האָט דערלאַנגט די באַלעבאַטים צום טיש אַ רוי קראָליקל און געמאָלדן, אַז דער פויפּסט האָט איר אָנגעבאָטן חתונה צו האָבן.

צולעצט, נאָך צוויי חדשים פון איבערמענטשלעכן אויסדויער, להיפּוך צו אַלע באַוואוסטע געזעצן פון אָרגאַנישן לעבן און די הויפּטתנאים פון אַנימאַלישער עקאָנאָמיע, האָט דער אַגענט מיניאָן, ניט צו געפינען קיין זאַך, וואָס זאָל זיין אויסער אָרדענונג, אויפגעהערט שפּיאָנירן, זיך צוריקגעצויגן, ניט אויסצורײדן קיין וואָרט, און זיך אָפּגעזאָגט פון יעדער באַלוינונג. דער טאַנץ פון די ביכער אין דער ביבליאָטעק איז זיך אַליין אָנגעגאַנגען אויפן שענסטן שטייגער.

— דאָס איז זייער גוט, — האָט געזאָגט מאָסיע דעזאָבעל, —

אזוי ווי קיינער קומט ניט אריין און גייט ניט ארויס, מוז דער פאַר־ברעכער זיך געפינען אין הויז.

דער אדוואָקאט האָט גערעכנט, אז ער וועט קאָנען אויפדעקן דעם פאַרברעכער אָן אַ פאַרהער און אָן אַן אויספאָרשונג. אין אַ באַשטימטן טאָג, ארום האַלבער נאַכט, האָט ער געהייסן באַשיטן מיט טאַלק־פודער דעם דיל פון דער ביבליאָטעק, די שטיגן, דאָס פירהויז, די גאָרטן־אַלייע, וואָס פירט צו מאָריסעס פּאַוויליאָן, און דאָס פּאָדער־שטע צימער פון פּאַוויליאָן. אין פרימאָרגן איז מאָסיע דעזאָבעל געקומען מיט אַ פאָטאָגראַפער פון דער פרעפעקטור ארונטערצונעמען די אָפּדרוקן. מאָסיע רענע ד׳עספּארוויעי און מאָסיע סאַריעט זענען מיטגעגאַנגען. אין גאָרטן האָט מען גאַרנישט ניט געפונען, דער ווינט האָט אַוועקגעבלאָזן דעם טאַלק־שטויב. אויך אין פּאַוויליאָן איז גאַר־נישט ניט געווען. דער יונגער מאָרים האָט געמיינט, — אזוי האָט ער געזאָגט, — אז אימיצער האָט געמאַכט אַ שלעכטן שפּאַס, האָט ער מיט דעם קאַמין־בעזימל אויסגעקערט אָט־דעם ווייסן שטויב. דער אמת אָבער איז געווען, אז ער האָט פאַרווישט די שפּורן, וואָס אַדיל, דאָס שטובמיידל, האָט דאָרט איבערגעלאָזט מיט אירע שיך. אויף די שטיגן און אין דער ביבליאָטעק האָט מען דאָ און דאָרט געזען דעם זייער לייכטן אָפּדרוק פון אַ באָרוועסן פוס, גלייך ווי ער וואָלט זיך געשלייכט אין דער לופטן און נאָר זעלטן וואו קוים באַרירט דעם באָדן. בסך הכל האָט מען אַנטדעקט פינף אַזוינע שפּורן. דער דיימ־לעכסטער שפּור האָט זיך געפונען אין דעם זאַל פון די ביוסטן און גלאָבוסן, אויפן ברעג טיש, וואו עס זענען געלעגן אָנגעוואָרפן די ביכער. דער פאָטאָגראַפער פון דער פרעפעקטור האָט ארונטערגענומען עטלעכע נעגאַטיוון פון אָט־דעם אָפּדרוק.

— דאָס איז שרעקלעכער פון אַלץ, — האָט געמורמלט מאָסיע סאַריעט.

מאָסיע דעזאָבעל האָט ניט געקאָנט באַהאַלטן זיין איבעראַשונג.

אין דריי טעג ארום האָט מען פון דעם אַנטראָפּאָמעטרישן אָפּטייל פון דער פּאָליציי צוריקגעשיקט די קאָרעקטורן, וואָס מ׳האָט זיי אַהין געהאַט איבערגעגעבן צום עקזאַמענירן, מיט דער מעלדונג, אז זיי זענען ניטאָ אין די אַרכיוון. מאָסיע רענע האָט נאָך מיטיק געוויזן

די דאָזיקע פאָטאָגראַפיעס זיין ברודער געטאַן. יענער האָט זיי עקזאַמענירט מיט טיפער אויפמערקזאַמקייט און נאָך אַ לאַנגען שטיל־שווייגן אויסגערופן:

— איך בין זיכער, אַז זיי האָבן דאָס ניט אין דער פּרעפעקטור. עס איז דער פוס פון אַ גאָט אָדער פון אַן אַנטיקן אַטלעט. דער פוס, וואָס האָט געמאַכט דעם אָפּדרוק, האָט די פולקומקייט, וואָס איז ניט באַוואוסט צווישן אונזער ראַסן און אונזערע קלימאַטן. ער ווייזט אַרויס פינגער פון זעלטענער גראַציע און אַ געטלעכן קנאָפל.

רענע ד׳עספּאַרוויעי האָט אויסגערופן, אַז זיין ברודער איז אַ משוגענער.

— ער איז אַ פּאָעט, — האָט מאַדאַם ד׳עספּאַרוויעי אַרויס־געזיפצט.

— פּעטער, — האָט מאַריס געזאָגט, — איר וועט זיך נאָך פאַרליבן אין אָט־דעם פוס, ווען איר וועט אים אַמאָל באַגעגענען.

— דאָס איז געווען דער גורל פון וויוואַן דענאָן, וואָס האָט באַלייט באָנאַפּאַרטן קיין מצרים, — האָט געטאָן געענטפערט, — אין טעבעס, אין אַ קבר, וואָס די אַראַבער האָבן געהאַט פאַרשוועכט, האָט ער געפונען אַ וואונדערלעך־שיין, קליין פיסל פון אַ מומיע. ער האָט עס באַטראַכט מיט אויסערגעוויינטלעכער באַגייסטערונג. „דאָס איז דער פוס פון אַ יונגער פרוי, — האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין, — פון אַ פּרינצעסין, פון אַ צויבערדיק וועזן. קיין שוך האָט קיינמאָל ניט פאַרדאָרבן זיין פּערפעקטע פאָרם“. דענאָן האָט דעם פוס פאַרערט, פאַרגעטערט, ליב געהאַט. מ׳קאָן זען אַ צייכענונג פון אָט־דעם קליינעם פוס פון דער מומיע אין דענאָנס אַטלאַס פון זיין נסיעה קיין מצרים, וואָס מען וואָלט, ניט צו גיין ווייט, אים געקאָנט דורכבלעטערן דאָ אויבן, ווען פּאַטער סאַריעט זאָל נאָר לאָזן אַמאָל אָנקוקן אַ באַנד פון זיין ביבליאָטעק.

אַמאָל, אין מיטן דער נאַכט, פלעגט מאַריסן זיך אָפּדאַכטן, אַז ער הערט פון צווייטן צימער אַ גערויש פון איבערגעמישטע בלעטער און דאָס פאַלן פון געבונדענע ביכער אויפן דיל.

איינמאָל, ארום פינף אזייגער פארטאָג, ווען ער איז געקומען אהיים פון קלוב, נאָך א נאַכט פארלירן אין קאָרטן, און האָט, שטייענדיק ביי דער טיר פון פּאַוויליאָן, געזוכט אין די קעשענעס די שליסל, האָבן זיינע אויערן דייטלעך געהערט אַ שטים, וואָס האָט ארויסגעזאָגט מיט אַ זיפץ:

— ווייסן, וואוהין טוסטו מיך פירן? געדאַנק, וואוהין טוסטו ריכטן מיין וועג?

ווען ער איז אָבער אריינגעקומען אין די צוויי צימערן, האָט ער דאָרט קיינעם ניט געזען און זיך געזאָגט, אַז די אויערן האָבן אים אוודאי אָפּגענאַרט.

קאַפּיטל אכט

וואו עס רעדט זיך פון ליבע; דאָס דאַרף אויסנעמען ביים ליוענער, ווייל אַ מעשה אַן ליבע איז ווי לעבערוואורשט אָן זענעפט, — אַ ביט־געשמאַקער מאכל.

מאָריס האָט זיך אויף קיין זאַך ניט געוואונדערט. ער האָט קיינמאָל ניט געזוכט צו וויסן די סיבות פון זאכן און געלעבט רואיק אין דער וועלט פון ממשותדיקייטן. ניט צו לייקענען אין דעם אייביקן אמת, האָט ער דאָך נאָכגעגעבן זיין לוסט צו פוסטע זאכן.

וויניקער פאַרטון אין ספאָרט און אין ברוטאַלע איבונגען, ווי דאָס רוב יונגעלייט פון זיין דור, האָט ער אינסטינקטיוו אָפּגעהיט די עראָטישע טראַדיציע פון זיין ראַסע. די פראַנצויזן זענען שטענדיק געווען די גאַלאַנטסטע מענער, און עס וואָלט געווען אַ שאָד, זיי זאָלן אָט־די מעלה זייערע אָנווערן. מאָריס האָט זי אויפגעהיט. ער איז ניט געווען פאַרליבט אין קיין באַשטימטער פרוי, ער האָט אָבער ליב געהאט צו ליבן, ווי עס האָט געזאָגט דער הייליקער אווגוסטין. באַצאָלט דעם געהעריקן צינז דער אומצעשטערלעכער שיינקייט און דער געהיימער קונסט פון מאדאם דע לאַ וועדרעליער, האָט ער דערנאָך פאַרזוכט די האַסטיקע צערטלעכקייטן פון אַ יונגער זינגערין, מיטן נאָמען לוסיאַל. איצט האָט ער אָן פרייד צופרידנגעשטעלט די פשוטע פאַרדאָרבנקייט פון זיין מוטערס שטובמיידל, אָדיל, און די טרערנדיקע פאַרליבטקייט פון דער שיינער מאדאם בואַטיע. און ער האָט געפילט אין זיין האַרץ אַ גרויסע ליידיקייט.

איינמאָל, אין אַ מיטוואָך, אַריינקומענדיק אין זאַל, וואו זיין מוטער האָט אויפגענומען געסט, דאָס רוב שטייפע, נודנע דאַמען, אינאיינעם מיט עטלעכע זקנים און זייער יונגע לייט, האָט ער אין אָט־דעם אינטימען קרייז באַמערקט מאדאם דעזאָבעל, די פרוי פון דעם אַדוואָקאַט, וואָס מאָסיע רענע ד'עספּאַרוויעי האָט געהאַט אומזיסט געזוכט זיין הילף אין דער מיסטעריעזער אויספינדערונג

פון דער ביבליאָטעק. זי איז געווען יונג. זי איז אים געפעלן פאַר איר שיינקייט, — און מיט רעכט. זשילבערט איז מאָדעלירט געוואָרן דורך דעם גייסט פון דער ראַסע און קיין שום אַנדער גייסט האָט אין אָט־דעם ווערק ניט געהאַט קיין חלק. אַזוי אַרום האָט אַלצדינג אין איר געוועקט פאַרלאַנג און קיין זאַך אין איר פיגור אָדער אין איר וועזן האָט ניט אינספּירירט קיין אַנדערע מינים געפילן. דער געדאַנק, וואָס ציט צו וועלטן, האָט אויך באַוועגט דעם יונגן מאָריסן צוצוקומען נענטער צו אָט־דעם שיינעם באַשעפעניש. ער האָט איר אָנגעבאָטן זיין אָרעם, כדי צוצופירן זי צום טיש, וואו מ׳האָט דערלאַנגט טיי. ווען זשילבערט איז סערווירט געוואָרן, האָט ער געזאָגט:

— מיר וואָלטן געקאָנט ביידע אינאיינעם זייער פיין פאַרברענגען, וואָס זאָגט איר?

ער האָט אַזוי גערעדט, ווי דאָס איז דער שטייגער היינטיקע צייטן, כדי צו פאַרמיידן די נאַרישע קאָמפּלימענטן און כדי צו פאַרשפּאָרן דער פרוי די מי אויסצוהערן איינע פון יענע אַלטע דערקלערונגען אין ליבע, וואָס זייער אינהאַלט איז אַזוי ניט דייטלעך און אַזוי ניט באַשטימט, אַז זיי פאָדערן גאָרנישט קיין קלאָרן, גענויען ענטפער. ער האָט זיך באַנוצט מיט דער געלעגנהייט צו קאָנען עטלעכע מינוט ריידן אין דער שטיל מיט מאַדאַם דעזאָבעל און זיך אַרויסגעזאָגט קורץ און צו דער זאַך. זשילבערט איז, אויף ווי וווייט מען האָט עס געקאָנט אַרויסזען, באַשאַפן געוואָרן מער אויף צו דערוועקן פאַרלאַנגען אין יענעם, ווי זיי אַליין צו פילן. דאָך האָט זי גוט געוואוסט, אַז איר מיסיע אין לעבן איז ליבע, און זי האָט זי דורכגעפירט גערן און מיט הנאה. מאָריס איז פאַר איר ניט געווען באַזונדערס אומאַנגענעם. זי וואָלט אָבער בעסער געוואָלט, ער זאָל זיין אַ יתום, ווייל די דערפאַרונג האָט זי געלערנט, ווי שלעכט עס איז אַמאָל ליב צו האָבן אַ טאַטנס אַ זון.

— איר ווילט עס? — האָט ער געפרעגט צום שלוס.

זי האָט זיך געמאַכט, ווי זי וואָלט ניט פאַרשטאַנען, האָט פאַרהאַלטן אַ ווײַלע מיט דער האַנט דעם קליינעם סענדוויטש ביי אירע ליפּן און געקוקט אויף אים מיט פאַרחידושטע אויגן.

— וואָס? — האָט זי איבערגעפרעגט.

— איר ווייסט עס גאַנץ גוט.

מאַדאַם דעזאָבעל האָט אַרונטערגעלאָזן די אויגן, געטון אַ זופּ טיי און גאָרנישט ניט געענטפערט, ווייל איר שעמעוודיקייט איז נאָך ניט געווען אינגאַנצן באַזיגט.

ביים אַוועקגעמען פון איר דאָס ליידיקע טעשל, האָט איר מאָרים דאָך איינגערוימט:

— שבת, פינף אַזייגער, 126, רו דע־ראָם, אויפן ערשטן גאָרן, די טיר רעכטס, אונטערן געוועלב. קלאַפט אָן דריי מאָל.

מאַדאַם דעזאָבעל האָט אויפגעהויבן אויפן תכשיט אַ פּאָר שטרענגע און רואיקע אויגן און איז מיט אַ זיכערן טראָט צוגעגאַנגען צו דער גרופּע בכבודיקע פרויען, וואָס מאַסיע לע פּאַל, דער סענאַטאָר, האָט זיי געהאַלטן אין דערקלערן, ווי אַזוי עס ווערן באַנוצט קינסטלעכע אויסבריער אין דער אַגריקולטורעלער קאָלאָניע פון סענט־זשוליען.

דעם קומענדיקן שבת האָט מאָרים, אין זיין וואוינונג אויף רו דע־ראָם, געוואַרט אויף מאַדאַם דעזאָבעל. ער האָט געוואַרט אויף איר אומזיסט. דאָס קליינע הענטל האָט ניט באַוויזן אָנצוקלאַפּן דריי מאָל אין טיר, וואָס אונטערן געוועלב. מאָרים האָט אין האַרצן אויסגעזידלט מאַדאַם דעזאָבעל פאַר איר פאַרפעלן צו קומען, זי אָנגערופן קליאַטשע און קעמל. זיין אומזיסטיק וואַרטן, זיינע אָפּגענאַרטע פאַרלאַנגען האָבן אים געמאַכט אומגערעכט: פאַר ניט קומען אהין, וואו זי האָט גאָרנישט צוגעזאָגט צו קומען, האָט מאַדאַם דעזאָבעל ניט פאַרדינט די דאָזיקע נעמען. מיר משפּטן אָבער די מענטשלעכע האַנדלונגען לויט דעם פאַרגעניגן אָדער לויט דעם עגמת נפש, וואָס זיי פאַרשאַפן אונז.

מאָרים האָט זיך ווידער באַוויזן אין זיין מוטערס סאַלאָן ניט פריער ווי ערשט אין צוויי וואָכן אַרום נאָך דעם שמועס ביים טיי־טישל. ער איז אַריינגעקומען שפּעט, נאָכדעם ווי מאַדאַם דעזאָבעל איז שוין דאָרט געווען אַ האַלבע שעה. ער האָט זי קאַלט

באַגריסט, האָט זיך אַוועקגעזעצט פון דערווייטנס און געמאַכט אַ מינע, ווי ער וואָלט זיך איינגעהערט אין געשפּרעך.

— ... זיי זענען ווערט געווען איינס ס'אַנדערע, — האָט זיך געהערט אַן אַנגענעמע מענערישע שטים, — די צוויי קעגנער זענען געווען גוט צוגעפּאַסט צו מאַכן דעם קאַמף שרעקלעך און אומזיכער. גענעראַל באַל, אַ מענטש פון אומגעהערטער כאַראַקטער־פעסטקייט, האָט זיך געהאַלטן, גלייך ווי ער וואָלט געווען אַריינגעוואַקסן מיט די פיס אין דער ערד. גענעראַל מילפּערטווי, אין זיין איבערמענטשלעכער פלינקייט, האָט געמאַכט שווינדלדיק־שנעלע צוגן ארום זיין פעסט־אויסהאַלטנדיקן קעגנער. די שלאַכט איז אָנגעגאַנגען מיט אַ געוואַלטיקער עקשנות. אַ פּאַנישער שרעק האָט אונז אַלעמען ארומגעכאַפּט.

דאָס איז געווען גענעראַל ד'עספּאַרוויעי, וואָס האָט דערציילט וועגן די גרויסע הארבסט־מאַנעוורען. ער האָט גערעדט שיין און האָט אויסגענומען ביי די דאַמען, וואָס האָבן אים אויסגעהערט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. דורכגעפירט דערנאָך אַ פּאַראַלעל צווישן דער פראַנצויזישער און דער דייטשישער מעטאָדן, האָט ער דעפינירט זייערע כאַראַקטער־שטריכן, האָט מיט גרויס אומפּאַרטייאישקייט ארויסגעבראַכט בולט די פאַרדינסטן פוןביידע מעטאָדן, האָט זיך ניט אָפּגעשראָקן צו באַהויפּטן, אַז סיי די, סיי די אַנדערע האָבן זייערע מעלות, און אויפגעוויזן צוערשט, אַז דייטשלאַנד באַלאַנסירט אין מאַכט מיט פראַנקרייך. די דאַמען זענען געוואָרן איבערראַשט, אַנטוישט, צעטומעלט, זייערע געזיכטער האָבן זיך אויסגעצויגן. ווי אָבער דער קריגסמאַן האָט גענומען אַליין געגויער כאַראַקטעריזירן די צוויי מעטאָדן, אַזוי האָט די פראַנצויזישע מעטאָדע ביסלעכווייז אָנגעהויבן ווערן בויגיק, עלעגאַנט, פול מיט קראַפט, גראַציע, שאַרפזין און לוסטיקייט, בעת די דייטשישע איז געוואָרן שווער, אומגעשיקט און וואַקלדיק. די געזיכטער פון די דאַמען האָבן ביסלעכווייז זיך אויסגערונדיקט און אויפגעלייכטן אין אַ פריידיקן שמייכל. צו פאַרזיכערן נאָך ווייטער אָט־די מוטערס, פרויען, שוועסטער און געליבטע, האָט דער גענעראַל זיי געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מיר זענען אין דער לאַגע צו קאָנען, ווען דאָס לוינט זיך פאַר אונז,

אויסנוצן די דייטשישע מעטאָדע, בעת די פראַנצויזישע מעטאָדע קאָן פון די דייטשן ניט אָנגעווענדט ווערן.

ביי די דאָזיקע ווערטער איז צום גענעראַל צוגעשטאַנען מאַסיע לע טריוק דע־ריופעק, וועלכער האָט געהאט געגרינדעט אַ פּאַטריאָטישע געזעלשאַפט אונטערן נאָמען „געפעבכט פאַר אַלעמען", וואָס דער ציל אירער איז געווען דאָס אויפלעבן פון פראַנקרייך און דאָס פאַרזיכערן איר אויבערהערשאַפט איבער אַלע אירע שונאים. קינדער אין די וויגן האָבן געזאָלט אָנגענומען ווערן אין אָט־דער געזעלשאַפט, און מאַסיע לע טריוק דע־ריופעק האָט אָנגעבאָטן דעם גענעראַל ד'עספּאַרוויעי די ערן־פּרעזידענטשאַפט.

מאַרים האָט די גאַנצע צייט אויסגעזען, ווי ער וואָלט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צום געשפּרעך צווישן אַן אַלטער, זייער ליבער דאַמע און דעם גייסטלעכן לאַפּעטיט, קאַפּלאַן פון דער קירך „די דאַמען פון הייליקן בלוט". שווער געטראָפן די לעצטע צייט פון אבלות און קראַנקהייטן, האָט די אַלטע דאַמע געוואָלט וויסן, פאַרוואָס מענטשן זענען אַזוי אומגליקלעך אויף דער וועלט, און זי האָט דעם גייסטלעכן לאַפּעטיט געשטעלט די פראַגע:

— ווי אַזוי דערקלערט איר די אַלע צרות, וואָס דער מענטש האָט אויסצושטיין? צו וואָס די מגפות, דער הונגער, די פאַר־פלייצונגען, די ערדציטערנישן?

— עס איז נויטיק, אַז גאָט זאָל פון צייט צו צייט זיך דערמאָנען אָן אונז, — האָט דער גייסטלעכער לאַפּעטיט געענטפערט מיט אַ הימלישן שמייכל.

מאַרים האָט אויסגעזען צו זיין שטאַרק פאַראינטערעסירט אין אָט־דעם געשפּרעך. אַביסל שפּעטער האָט ער געוויזן, אַז ער איז באַצויבערט פון מאַדאַם פילאַ־גראַנדען, אַ יונגע, נאָך גאַנץ בליענדיקע פרוי, וואָס איר נאַאיווע אומשולד האָט אָבער אוועקגענומען יעדן חן פון איר שיינקייט, יעדן רייץ פון אירע גלידער.

אַ זייער אַלטע דאַמע, וואָס האָט, אַ זויערע און אַ טומלדיקע, אין איר טריבער הלבשה פון אָרעמקייט אַרויסגעפּראַלט די גאווה פון אַ גראַנד־דאַמע פון דער קריסטלעכער פינאַנץ־וועלט, האָט מיט אַ גרילציקער שטים אויסגערופן:

— נו, מיין גוטע מאַדאַם ד'עספּאַרוויעי, איר האָט עס געהאַט אַביסל אומאַנגענעמלעכקייט. די צייטונגען האָבן געגעבן אָנצו־הערענישן וועגן גנבות, וואָס זענען באַגאַנגען געוואָרן אין דער רייכער ביבליאָטעק פון מאָסיע ד'עספּאַרוויעי, וועגן פאַרשוואונדענע בריוו.

— אָ, — האָט מאַדאַם ד'עספּאַרוויעי געענטפערט, — ווען מ'זאָל וועלן גלויבן אַלץ, וואָס די צייטונגען שרייבן!...

— מילא, טייערע מאַדאַם, אַבי איר האָט צוריקגעפונען אייערע אוצרות. אַלץ איז גוט, וואָס ענדיקט זיך גוט.

— די ביבליאָטעק איז אין דער בעסטער אָרדענונג, — האָט מאַדאַם ד'עספּאַרוויעי פאַרזיכערט, — עס פעלט דאָרט קיין זאַך ניט.

— די ביבליאָטעק געפינט זיך דאָך מיט א גאָרן העכער, ניט אַזוי? — האָט די יונגע מאַדאַם דעזאָבעל געפרעגט, אַרויסווייזנדיק גאָר אומגעריכט אַן אינטערעס פאַר ביכער.

מאַדאַם ד'עספּאַרוויעי האָט איר געענטפערט, אַז די ביבליאָטעק פאַרנעמט דעם גאַנצן צווייטן גאָרן און די ביכער, וואָס האָבן ניט קיין גרויסן ווערט, זענען אָפּגעלייגט אין אויבערשטיבל.

— קאָן איך איצט אַרויפגיין זען די ביבליאָטעק?

די באַלעבאָסטע פון הויז האָט זי פאַרזיכערט, אַז דאָס איז פון די גרינגסטע זאַכן. זי האָט צוגערופן איר זון:

— מאָריס, גיי ווייז מאַדאַם דעזאָבעל די ביבליאָטעק.

מאָריס האָט זיך אויפגעהויבן און, ניט אויסצורעדן קיין וואָרט, באַלייט מאַדאַם דעזאָבעל אַרויף, צום צווייטן גאָרן. ער האָט אויסגעזען צו זיין גלייכגילטיק, אָבער אין הארצן האָט ער זיך געפרייט, ווייל ער האָט ניט געצווייפלט, אַז זשילבערט האָט מיט אַ כיוון זיך געמאַכט, אַז זי וויל זען די ביבליאָטעק, כדי צו קאָנען פאַרבלייבן מיט אים אונטער פיר אויגן. און כאָטש ער האָט נאָך אַלץ ניט אָפּגענומען די מינע פון גלייכגילטיקייט, האָט ער זיך אָבער געגעבן דאָס וואָרט צו מאַכן אויפסניי דעם אָנבאָט, וואָס וועט אים דאָסמאָל ניט אָפּגעזאָגט ווערן.

אונטער דעם ראָמאַנטישן ביוסט פון אַלעקסאַנדר ד'עספּאַרוויעי האָט זיי שטיל באַגעגנט דער שאָטן פון אַ קליינעם אַלטיטשקן מיט

אַ וואַקס־געלן געזיכט, טיף־אַריינגעזעצטע אויגן און אַן אויסדרוק פון פאַרגליווערטן שרעק.

— שטערט זיך ניט, מאָסיע סאַריעט, — האָט מאָריס געזאָגט,
— איך ווייז מאַדאַם דעזאָבעל די ביבליאָטעק.

מאָריס און מאַדאַם דעזאָבעל זענען אַריבער אין גרויסן זאַל, וואו די פיר ווענט זענען געווען אַרומגעשטעלט מיט שראַנקן, פול מיט ביכער, וואָס זייערע קאַרניזן האָבן געטראָגן אויף זיך די בראָנז־געפאַרבטע ביוסטן פון פּאָעטן, פילאָזאָפן און אָראַטאָרן פון דער אַנטיקער צייט. אַלץ איז דאָרט געווען אין דער בעסטער אָרדענונג, וואָס איז, דאַכט זיך, פון אייביק אָן קיינמאָל ניט צעשטערט געוואָרן. נאָר אויפן פּלאַץ, וואָס איז ערשט נעכטן געווען פאַרנומען מיט דעם ניט־פּובליקירטן כתב־יד פון ריכאַרד סימאָן, האָט זיך אַרויסגעזען אַ שוואַרצע ליידיקייט. מאָסיע סאַריעט, אַ בלאַסער, אַ ניט־אָנזעעוודי־קער, אַ שטילער, איז נאָכגעגאַנגען ווי אַ שאָטן ביי דער זייט פון דעם יונגן פּאָרל.

מאָריס האָט מיט אַ בליק פון פאָרוואורף זיך געווענדט צו מאַדאַם דעזאָבעל:

— איר זענט באמת נאַרניש געווען העפלעך!

זי האָט אים געמאַכט אַ צייכן, אַז דער ביבליאָטעקאַר קאָן נאָך דערהערן. אָבער ער האָט זי פאַרזיכערט:

— נעמט אים ניט אין אַכט. דאָס איז דער אַלטער סאַריעט. ער איז געוואָרן אַ פולשטענדיקער אידיאָט.

און ער האָט ווידער אַרויסגעזאָגט:

— ניין, איר זענט ניט געווען העפלעך. איך האָב אויף אייך געוואַרט. איר זענט ניט געקומען. איך האָב זיך געפילט אומ־גליקלעך.

נאָך אַ ווײַלע שטילשווייגעניש, וואָס האָט געלאָזט הערן דאָס שטילע, טרויעריקע געזאַנג פון אַסטמאַ אין די לונגען פון דעם אָרעמען סאַריעטן, האָט דער יונגער מאָריס ווידער אָנגעהויבן מיט אַן ענערגישן טאָן:

— איר זענט אומגערעכט.

זי:
— מיט וואָס?
— מיט דעם, וואָס איר זענט זיך ניט צוזאַמענגעקומען מיט מיר.
— איר טראַכט נאָך אַלץ וועגן דעם?
— זיכער.
— זענט איר, הייסט עס, טאַקע געווען ערנסט?
— אַזוי ערנסט, ווי מען קאָן נאָר זיין.

גערירט פון דער פאַרזיכערונג אין דער ערנסטקייט און פעסט־קייט פון זיין געפיל, איז זשילבערט איצט געווען מיט דער דעה, אַז זי האָט שוין געהאַט גענוג געקעמפט, און זי האָט אים איצט נאָכגעגעבן, וואָס זי האָט אים מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק געהאַט אָפּגעזאָגט.

זיי האָבן זיך אַריינגעשלייכט אין אַ פּאַרטיפונג פון פענצטער, הינטער אַ ריזנדיקן הילמשן גלאָבוס, אויף וועלכן עס זענען געווען אויסגעקריצט די מזלות און די פיגורן פון די שטערן, און דאָרט, מיטן בליק אָנגעשטעלט אויפן ליב, אויף דער בתולה און אויף דער וואָגשאָל, אין אָנגעזיכט פון אַ גרויסער צאָל ביבלס, פאַר די ווערק פון די גריכישע און לאַטיינישע פּאָעטרס, אונטער די געשטאַלטן פון האָמער, עסכיל, סאָפאָקל, אייריפּידעס, העראָדאָט, טוקידידעס, סאָקראַט, פּלאַטאָ, אַריסטאָטל, דעמאָסטען, ציצעראָ, ווירגיל, האָראַ־ציוס, סענעקאַ און עפּיקטעט, האָבן זיי זיך צוגעזאָגט צו ליבן זיך און זיך געגעבן אַ לאַנגן קוש אויף די ליפּן.

גלייך נאָך דעם האָט מאַדאַם דעזאַבעל זיך דערמאָנט, אַז זי האָט נאָך צו מאַכן עטלעכע וויזיטן און אַז זי מוז שנעל לויפן: די ליבע האָט ניט אַוועקגענומען פון איר אינגאַנצן די זאָרג פאַר איר נאָמען אין דער געזעלשאַפט. ווי נאָר זי איז מיט מאָריסן צו צו די טרעפּ, אַזוי האָבן זיי דערהערט אַ שאַרפן אויסגעשריי און דערזען, ווי מאָסיע סאַריעט לאָזט זיך אָן אָן אָטעם אַרונטער מיט אַ געוואַלט פון די שטיגן:

— האַלט אים! האַלט אים! איך האָב אים געזען אַוועק־פליען!... ער איז אַרונטער פון דער פּאָליצע... ער איז אַדורך דאָס צימער... אָט איז ער! אָט איז ער! ער לאָזט זיך אַראָפּ פון די

שטיגן... האַלט אים... ער איז אַריין אין דער טיר פון ערשטן גאָרן!

— ווער? — האָט מאָרים געפרעגט.

מאַסיע סאַריעט האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער און אין טויט־שרעק אַרויסגעמורמלט:

— ער גייט אַדורך דעם גאָרטן!... ער קומט אַריין אין פּאַוויליאָן!... האַלט אים!... האַלט אים!

— אָבער ווער איז דאָס? — האָט מאָרים ווידער געפרעגט — אין גאָטס ווילן, ווער איז דאָס?

— מיין פלאַוויוס יאָזעפוס! — האָט מאַסיע סאַריעט אויסגערופן — האַלט אים!...

און ער איז שווער אַנידערגעפאַלן אויפן רוקן.

— זעט איר שוין, אַז ער איז ניט ביים זינען? — האָט מאָרים געזאָגט צו מאַדאַם דעזאָבעל, אויפהויבנדיק דעם אומגליקלעכן ביבליאָטעקאַר.

זשילבערט, אַ ביסל בלייך־געוואָרן, האָט געזאָגט, אַז זי האָט, דאַכט זיך, אויך געזען עפּעס פליען אין דער ריכטונג, וואָס דער אָרעמער אַלטער האָט געהאַט אָנגעוויזן. מאָרים האָט גאָרנישט ניט געזען, ער האָט אָבער געפילט אַזוי ווי אַ הויך פון אַ ווינט.

ער האָט געלאָזט מאַסיע סאַריעטן אין די אָרעמס פון דעם משרת היפּאָליט און פון דער אויפפּאַסערין פון הויז, וואָס זענען געקומען צו לויפן אויף זיינע געוואַלדן.

דער אַלטער האָט געהאַט אַ לאָך אין קאָפּ.

— עס איז בעסער אַזוי, — האָט די אויפפּאַסערין געזאָגט, — ווען ניט די דאָזיקע וואונד וואָלט ער אפשר געקראָגן אַ מאַרך־שטורם.

מאַדאַם דעזאָבעל האָט געגעבן איר טיכעלע אויף אָפּצושטעלן דאָס בלוט און רעקאָמענדירט אַ קאָמפּרעס פון אַרניקאַ.

קאַפּיטל ניין

וואו עס ווייזט זיך אַרויס, אַז (ווי עס האָט געזאָגט אַן אַלטער גריכישער פּאָעט) „קיין זאַך איז ניט אַנגענעמער פון דער גילדערנער אַפראָדיטאַ".

באַטש ער האָט גאַנצע זעקס חדשים געהאַט מאַדאַם דעזאָבעל פאַר זיך, האָט מאָריס זי נאָך אַלץ ליב געהאַט. אמת, די שיינע זומער־טעג האָבן זיי געהאַט צעשיידט. ניט האָבנדיק קיין געלט, האָט ער געמוזט פריער באַלייטן זיין מוטער אין דער שווייץ, דערנאָך וואוינען מיט דער פאַמיליע אין „שאַטאָ ד'עספּאַרוויעי". זי האָט פאַרבראַכט דעם זומער ביי איר מוטער אין ניאָר און דעם האַרבסט אויף אַ קליינעם נאָרמאַנדישן פּלאַזש מיט איר מאַן, — און זיי האָבן זיך קוים געטראָפן אַ פיר אָדער פינף מאָל. אָבער זינט דער ווינטער, וואָס איז פריינטלעך צו געליבטע, האָט זיי אויפסניי צוזאַמענגעבראַכט אין שטאָט, אונטער זיין פּראָסטיקן מאַנטל, האָט מאָריס זי אויפגענומען צוויי מאָל אַ וואָך, אין זיין קליינער וואוינונג אויף רו דע־ראָם, און טאַקע מער קיינעם ניט ווי נאָר זי אַליין. קיין אַנדער פרוי האָט אין אים ניט אַרויסגערופן אַזוינע געפילן פון געטריישאַפט און שטענדיקייט. דאָס, וואָס ער האָט געגלויבט, אַז זי האָט אים ליב, האָט געמאַכט זיין פאַרגעניגן נאָך גרעסער. ער האָט אויך געגלויבט, אַז זי נאַרט אים ניט, ניט ווייל ער האָט געהאַט אַ גרונד אַזוי צו גלויבן, נאָר עס האָט אים אויסגעזען רעכט און נאַטירלעך, אַז זי זאָל זיך צופרידנשטעלן מיט אים אַליין. איין זאַך האָט אים אָבער שטאַרק פאַרדראָסן, און דאָס איז, וואָס זי פלעג פאַרשפּעטיקן צו קומען צו די ראַנדעוואוס און אים שטענדיק לאָזן וואַרטן אויף זיך, — אַמאָל ווייניקער, אַמאָל מער, אָבער אָפטמאָל אַ גאַנץ היבשע צייט.

שבת, דעם 30־טן יאַנואַר, פון פיר אַזייגער בייטאָג, האָט מאָריס, אויסגעפּוצט אין געבלימטע פּידזשאַמאַס, געוואַרט אויף מאַדאַם דעזאָבעל אין דעם קליינעם ראָזיקן צימער, לעבן דעם

לוסטיק־ברענענדיקן פייער פון קאַמין, רויכערנדיק אָריענטאַלישע ציגאַרעטן. אין אָנהויב האָט ער זיך פאַרגעשטעלט, אַז ער וועט זי באַגעגענען מיט לאַנגע הייסע קושן און נאָך ניט אויסגעפּרוּווטע צערטלעכקייטן. אין אַ פערטל שעה אַרום האָט ער שוין געהאַט אין זינען צו מאַכן איר פריינטלעך־ערנסטע פאָרוואורפן פון אַ פאַרליבטן. שפּעטער, נאָך אַ שעה אומזיסטיק וואַרטעניש, האָט ער זיך געגעבן דאָס וואָרט אויפצונעמען זי מיט קאַלטער פאַראַכטונג.

ענדלעך, האָט זי זיך באַוויזן, אַ פרישע און אַ דופּטיקע.

— עס האָט זיך שוין ניט געלוינט די מי צו קומען, — האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט פאַרביטערטקייט, בעת זי האָט אַוועקגעלייגט אויפן טיש איר מופע און איר קליינעם האַנטטאַש און אויסגעטאָן איר וואָאַל פאַרן שפּיגל פון קליידערשראַנק.

זי האָט פאַרזיכערט איר געליבטן, אַז זי האָט נאָך קיינמאָל ניט געהאַט אַזוי פיל שוועריקייט אַרויסצורייסן זיך פון הויז. זי האָט אים אָנגעגעבן אַן אַ שיעור תירוצים און ער האָט זיי אַלע עקשנותדיק צוריקגעוויזן. ווי אָבער זי האָט נאָר געהאַט שכל צו ווערן אַנשוויגן, אַזוי האָט ער צו איר מער ניט געהאַט קיין טענות און קיין זאַך האָט אים שוין ניט אָפּגעווענדט פון דעם פאַרלאַנג, וואָס זי האָט אין אים דערוועקט.

באַשאַפן צו געפעלן און צו באַצויבערן, האָט זי זיך לייכט אויסגעטון, ווי אַ פרוי, וואָס וויים, אַז עס פּאַסט איר צו זיין נאַקעט און אויפצודעקן איר שיינקייט. אין אָנהויב האָט ער זי ליב געהאַט מיט דער שווערמוטיקער לוסט פון איינעם, וואָס די נויטיקייט, די הערשערין איבער מענטשן און געטער, האַלט אים אין איר געפאַנגענשאַפט. אונטער דעם צאַרטן אָנבליק האָט זשילבערט דאָך געהאַט דעם כוח אַריבערצוטראָגן די קלעפּ פון דער אומפאַרמיידלעכער געטין. דערנאָך האָט ער זי ליב געהאַט אויף אַ ווייניקער פּאַטאַלן אופן, לויט דעם שטייגער פון דער פיל־דערפאַרענער ווענוס און לויט דעם גאַנג פון דעם איינפאַל־רייכן עראָס. צו זיין נאַטירלעכן כוח זענען דעמאָלט נאָך צוגעקומען די המצאות פון אַן איבערגעשפּיצטן מוח, ווי עס וויקלט זיך דער וויינריב אַרום די שליידערשפּיזן פון די באַקכוס־פּריסטערינס. און צוזעענדיק, אַז

זי האט הנאה געהאט פון די דאזיקע שפּילערייען, האט ער זיי פאַרלענגערט, ווייל עס איז אין דער טבע פון ליבהאָבער צו זוכן די באפרידיקונג פון זייערע געליבטע. דערנאך זענען זיי ביידע אריינגעפאלן אין א שטילער, זיסער פארשמאכטקייט.

די פאַרהאַנגען זענען געווען ארונטערגעצויגן. דאס צימער האט זיך געטוקט אין ווארעמע שאָטנס, וואו עס האבן געטאנצט די ליכט־פלעקן פון דעם קאמין־פייער. לייב און וועש האבן אויסגעזען צו לייכטן מיט א פאַספאָרישער ליכטיקייט. די שפּיגלען פון קליידערשראנק און פון קאמין האבן אפּגעשיינט מיט מיסטעריעזער העלקייט. זשילבערט, מיטן עלנבייגן אויפן קישן און דעם קאפּ אנגעשפּארט אויף דער האנט, האט זיך פארטראכט. א קליינער גאָלד־הענדלער, א ראיעלער און מיושבדיקער מענטש, האט איר געהאט געוויזן א וואונדערלעך־שיינעם בראַצלעט, באזעצט מיט פערל און סאפירן, וואס איז ווערט געווען א סך געלט און וואס מ'וואָלט אים געקאָנט באקומען פאר גאר א קלייניקייט. ער האט אים געקראָגן פון עפּעס א נויטבאדערפטיקער קאָקעטין, וואס איז געווען געצוואונגען פון אים לויז צו ווערן. עס איז געווען א געלעגנהייט, וואס טרעפט ניט יעדן טאָג, און עס וואָלט געווען א גרויסער שאד זי אדורכצולאָזן.

— ווילסטו, מיין טייערער, אים אָנקוקן? איך וועל בעטן דעם גאָלד־הענדלער, ער זאָל מיר אים אויסבאָרגן.

מאָרים האט ניט אינגאנצן צוריקגעוויזן דעם פאָרשלאָג, מען האט אָבער געקאָנט זען, אז ער איז גאָרנישט געווען פארכאפּט פון דעם וואונדערלעכן בראַצלעט.

— ווען קליינע גאָלד־הענדלער, — האט ער געזאָגט, — טרעפן אָן א מציאה, האלטן זיי זי פאר זיך און לאָזן ניט זייערע קונים פּראָפיטירן דערפון. און ווידער האט היינט דאס צירונג קיין שום ווערט ניט. פרויען מיט פיינעם געשמאק טראָגן ניט מער קיין צירונג. יעדער פרוי פארנעמט זיך היינט מיט ספּאָרט, און צירונג מיט ספּאָרט פּאַרט זיך ניט.

מאָרים האט אזוי גערעדט, להיפוך צום אמת, ווייל אזוי ווי ער האט זיין געליבטער שוין געהאט געשענקט א פּוטערנעם מאנטל,

האָט ער זיך ניט געיאָגט צו געבן איר אַ נייע מתנה. כאָטש ניט קיין קאַרגער, האָט ער זיך גערעכנט מיט זיינע הוצאות. זיינע עלטערן האָבן אים ניט באַשטימט קיין זייער גרויסע סומען געלט און זיינע חובות זענען געוואַקסן מיט יעדן טאָג. ער האָט מורא געהאַט, אַז מיט זיין איילן זיך צופרידנצושטעלן די פאַרלאַנגען פון זיין געליבטער, וועט ער אַרויסרופן נייע, נאָך גרעסערע פאַרלאַנגען. די מציאה האָט אין זיינע אויגן אויסגעזען צו זיין ניט אַזוי אויסערגעוויינטלעך, ווי זי האָט אויסגעזען פאַר זשילבערט. אחוץ דעם האָט ער געוואָלט האָבן די אייגענע איניציאַטיוו אין געבן מתנות. ער האָט אויך אַ טראַכט געטאָן, אַז ווען ער זאָל איר שענקען צופיל מתנות, וועט ער ניט קאָנען זיין זיכער, צי האָט זי אים ליב נאָר צוליב אים אַליין.

מאַדאַם דעזאָבעל איז פון אָט־דער האַלטונג פון איר געליבטן ניט געווען איבעראַשט און עס האָט איר אויך ניט פאַרדראָסן אויף אים: זי האָט געהאַט אין זיך איידלקייט און איינגעהאַלטנקייט; זי האָט געקענט די מענער, האָט פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף זיי אָננעמען אַזוי ווי זיי זענען, אַז מערסטנטייל גיבן זיי ניט זייער גערן און אַז אַ פרוי דאַרף קאָנען נעמען.

אַ גאַז־לאָמפּ איז מיטאַמאָל אָנגעצונדן געוואָרן אויף דער גאַס. דאָס ליכט האָט זיך דורכגעבראָכן דורך די שפּאַלטן פון די פאָרהאַנגען.

— האַלב זיבן, — האָט זי געזאָגט, — מען דאַרף זיך אָנטון.

אָנגערירט מיט אָט־דעם פליגל־פאָך פון דער שווינדלדיקער צייט, האָט מאָריס דערפילט, ווי עס וואַכן אין אים ווידער אויף די פאַרלאַנגען און ווי זיינע כוחות קריגן ניי לעבן. זשילבערט, אַ ווייסע און אַ שטראַליקע האַסטיע, דער קאָפּ פאַרוואָרפן, די אויגן פאַרצויגן מיט בענקעניש, די ליפּן האַלב־אָפן, אַ שמאַכטיק־פאַרחלומטע, האָט געאָטעמט טיף, ווען פּלוצלינג האָט זי זיך האַלב אויפגעהויבן און אַרויסגעלאָזן אַ געשריי פון שרעק.

— וואָס איז דאָס אַזוינס?

— זיי שטיל! — האָט מאָריס געזאָגט, איינהאַלטנדיק זי אין זיינע אָרעמס.

אין דעם צושטאַנד, אין וועלכן ער האָט זיך איצט געפונען,

וואָלט ער פארבליבן גלייכגילטיק, ווען אפילו דער הימל זאָל האָבן געפאלן צו דער ערד. אָבער מיט איין שפרונג האָט זי זיך ארויסגעריסן פון אים. אייגעבויגן אין דרייען אויפן ראנד פון בעט, די אויגן פול מיט שרעק, האָט זי מיטן פינגער אָנגעוויזן אויף א געשטאלט, וואָס האָט זיך באוויזן אין ווינקל פון צימער, צווישן דעם קאמין און דעם קליידערשראנק מיטן שפיגל. ניט צו קאָנען מער אריבערטראָגן אָט־דאָס שרעק־בילד און נאָענט צום חלשן, האָט זי איינגעגראָבן דאָס געזיכט אין די הענט.

קאַפּיטל צען

וואָס שטייגט מיט זיין גענויגטקייט אַריבער די פאַנטאַזיע פון דאַנטע און פון מילטאָן.

מאַרים האָט, צולעצט, אויסגעדרייט דעם קאָפּ און דערזען די געשטאַלט. ער האָט באַמערקט, אַז זי באַוועגט זיך, האָט ער אויך באַקומען מורא. זשילבערט איז דערווייל געקומען צו זיך. זי האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז דאָס, וואָס זי האָט נאָרוואָס געהאַט געזען, איז געווען אַ מעטרעסע, וואָס איר געליבטער האָט זי געהאַט באַהאַלטן אין צימער. ביים געדאַנק פון אַזאַ פאַראַט, האָט זי, אַן אויפגעפלאַמטע פון כעס און ווייטיק, אַן אויפגעקאָכטע פון צאָרן, קוקנדיק איר אַנגענומענער קאָנקורענטין גלייך אין פּנים אַריין, אויסגעשריגן:

— אַ פרוי... און נאָך אַ נאַקעטע פרוי דערצו!... דו נעמסט מיך אויף אין אַ צימער, וואו דו לאָדסט איין דיינע פרויען, און ווען איך קום אָן, האָבן זיי אפילו קיין צייט ניט זיך אָנצוטון. און דו האָסט נאָך צו מיר טענות, פאַרוואָס איך האָב פאַרשפּעטיקט! האָסט עס אַביסל חוצפה! שנעלער, הייס דיין געליבטער זיך אָפּטראָגן פון דאַנען... אויב דו האָסט אונז געוואָלט ביידן צוזאַמען, האָסטו, וויניקסטנס, מיך באַדאַרפט פרעגן, צי איז דאָס פאַר מיר באַקוועם...

די אויגן אויסגעשטאַרצט, זוכנדיק מיט די הענט אויפן נאַכט־טישל אַ רעוואָלווער, וואָס איז דאָרט גאָר קיינמאָל ניט געווען, האָט מאַרים איינגערוימט זיין געליבטער אויפן אויער:

— זיי שטיל! עס איז ניט קיין פרוי... מען קאָן קוים עפּעס אַרויסזען... אָבער עס זעט מיר אויס צו זיין גיכער אַ מאַן.

זי האָט ווידער אַרויפגעלייגט די הענט אויף די אויגן און גענומען ליאַרעמען נאָך מער ווי פריער:

— אַ מאַן! פון וואַנען קומט ער? אַ גנב!... אַ מערדער!...

ראַטעוועט! ראַטעוועט! מאַריס, הרגע אים! הרגע אים!... מאַך ליכטיק... ניין, מאַך ניט ליכטיק!

זי האָט אין דער מחשבה זיך געגעבען אַ נדר, אַז אויב זי וועט ניצול ווערן פון אָט־דער סכנה, וועט זי אָנצינדן אַ ליכט פאַר דער הייליקער יונגפרוי. עס האָט איר געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן. די געשטאַלט האָט געמאַכט אַ באַוועגונג.

— קומט ניט צו! — האָט זשילבערט געשריגן — קומט ניט צו!

זי האָט אָנגעבאָטן דעם גנב צוצוואַרפן אים דאָס גאַנצע געלט און צירונג, וואָס זי האָט געהאַט אויפן נאַכט־טישל, אויב ער וועט איינשטימען ניט צו רירן זיך פון אָרט.

אינמיטן פון איר איבעראַשונג און שרעק איז איר געקומען אויפן געדאַנק, אַז איר מאַן, האָבנדיק אַ פאַרבאָרגענעם חשד, האָט זי געלאָזט נאָכשפּירן, האָט אָנגעשטעלט עדות און זיך געווענדט צו דער הילף פון דעם פּאָליציי־קאָמיסאַר. אין איין אויגנבליק האָט זי קלאָר דערזען פאַר זיך אַ לאַנגע, פּיינלעכע צוקונפט, דעם אויסברוך פון אַ סקאַנדאַל אין איר אַריסטאָקראַטישן קרייז, די געמאַכטע פאַראַכטונג, דאָס געמיינע אָפּפאַלן פון אירע פריינט, דאָס באַרעכטיקטע געלעכטער פון דער געזעלשאַפט: עס איז דאָך באמת לעכערלעך צו ווערן געכאַפּט ביי דער האַנט. זי האָט געזען פאַר זיך דעם גט, דאָס אָנווערן איר פּלאַץ און איר ראַנג אין דער געזעלשאַפט. זי האָט געזען איר לעבן אין ענגשאַפט און אין ערגערניש ביי איר מוטער, וואו קיינער וועט מער ניט זוכן איר ליבע: מענער האַלטן זיך פון דערווייטנס פון פרויען, וואָס גיבן זיי ניט די זיכערקייט פון דער הייראַט. און צו וואָס האָט זי דאָס אַלץ באַדאַרפט? צו וואָס אָט־דאָס אומגליק, אָט־דער חורבן? צוליב אַ נאַרישקייט, צוליב גאָרנישט. אַזוי האָט אין מאָמענטאַנעם אויפבליץ גערעדט דאָס געוויסן פון זשילבערט דעזאָבעל.

— האָט קיין מורא ניט, מאַדאַם, — האָט זיך דערהערט אַ זייער אָנגענעמע שטים.

דאָס האָט זי אַביסל אויפגעמונטערט און זי האָט געפונען אין זיך כוח צו פרעגן:

— ווער זענט איר?

— איך בין אַ מלאך, — האָט די שטים געענטפערט.

— וואָס האָט איר געזאָגט?...

— איך בין אַ מלאך. איך בין מאָריסעס שוץ־מלאך.

— זאָגט עס נאָכאַמאָל!... איך גיי אַרונטער פון זינען. איך פאַרשטיי ניט.

מאָריס, וועלכער האָט אויך גאָרנישט ניט פאַרשטאַנען, האָט צורעכט געמאַכט זיינע פּידזשאַמאַס, איז מיט איין שפּרונג אַרויס פון בעט און זיך אויפגעשטעלט, אַ באַדעקטער מיט קווייטן. באַוואָפנט מיט אַ שטעקשוך אין דער רעכטער האַנט, האָט ער געמאַכט אַ דראָענדיקן זשעסט און בייז אַרויסגעברומט:

— איר זענט אַ לץ. טוט מיר די טובה און גייט צוריק אין אייער רו אַריין!

—מאָריס ד'עספּאַרוויעי, — האָט די אָנגענעמע שטים ווידער גענומען ריידן, — דער, וואָס איר פאַרערט אים ווי אייער באַשעפער, האָט ביי דער זייט פון יעדן גוטן און פרומען מענטשן אָוועקגעשטעלט אַ גוטן מלאך, וואָס האָט די שליחות צו פירן אים אין ריכטיקן וועג און אים צו באַשיצן. דאָס איז די פעסטע מיינונג פון די היילִיקע פאָטערס: זי איז באַגרינדעט אויף פיל שטעלן פון דער הייליקער שריפט; די קירך נעמט עס איינשטימיק אָן, ניט אַריינצוואַרפן פונדעסטוועגן אין חרם די מענטשן, וואָס האָבן איבער דעם אַ פאַרקערטע מיינונג. איר זעט פאַר זיך איינעם פון אָט־די מלאכים, אייער מלאך, מאָריס. איך בין געשיקט געוואָרן צו וואַכן איבער אייער אומשולד און צו היטן אייער צניעות.

— דאָס איז אפשר מעגלעך, — האָט מאָריס אַרויסגעזאָגט, — איר זענט אָבער זיכער ניט קיין איידלמאַן. אַן איידלמאַן וועט זיך ניט דערלויבן אַריינצוקומען אין אַ צימער אין אַ מאָמענט, ווען... קורץ, וואָס פאַר אַ שוואַרץ יאָר האָט אייך אַהער געבראַכט?

— איך האָב אָנגענומען די געשטאַלט, וואָס איר זעט פאַר זיך, מאָריס, ווייל איך דאַרף פון איצט אָן ווערן אַקטיוו צווישן מענטשן און מוז, דעריבער, זיין געראָטן אין זיי. די הימלישע גייסטער זענען ביכולת אָנצוקליידן זיך אין אַ ממשותדיקע פאָרם,

וואָס מאַכט זיי אַנזיכטיק. די דאָזיקע פאָרם איז רעאַל, ווייל זי איז ממשותדיק, און אין דער וועלט איז ניטאָ קיין אַנדער רעאַלישקייט ווי נאָר דאָס, וואָס איז ממשותדיק.

זשילבערט, אַ בארואיקטע, האָט צורעכט געמאַכט די האָר אויפן שטערן.

דער מלאך האָט גערעדט ווייטער:

— די הימלשע גייסטער נעמען, לויט זייער פרייען ווילן, אָן די פאָרם פון דעם אָדער פון יענעם געשלעכט, אָדער פון ביידע געשלעכטער אויפאַמאָל, זיי קאָנען אָבער ניט צו יעדער צייט זיך פארשטעלן, לויט זייער קאפריז נאָך און לויט זייער פאנטאזיע. זייערע גלגולים זענען אונטערגעוואָרפן אונטער פעסטע געזעצן, וואָס איר וועט זיי ניט קאָנען פארשטיין. אַזוי אַרום האָב איך ניט דעם פארלאַנג און אויך ניט דעם כוח אַנצונעמען פאַר אייך אין די אויגן, פון אייער אָדער פון מיין פארגעניגן וועגן, די געשטאַלט פון אַ לייב, פון אַ טיגער, פון אַ פליג, אָדער פון אַ סיקאָמאָרן־שפּענדל, לויטן מוסטער פון דעם יונגן מצרי, וואָס זיין לעבנס־געשיכטע איז געפונען געוואָרן אין אַ קבר, אָדער גאָר מגולגל צו ווערן אין אַן אייזעל, ווי דאָס האָט געטון לוציוס מיט דער פאָמאַדע פון דער יונגער פאַטיס. מיין חכמה האָט פאראויסבאַשטימט די שעה פון מיין אַנטפּלעקן זיך פאַר מענטשן, קיין זאך האָט זי ניט געקאָנט פארשנעלערן אָדער צוריקהאַלטן.

אומגעדולדיק צו ווערן קלאָר אין דעם ענין, האָט מאָרים געפרעגט צום צווייטן מאָל:

— אָבער נאָך וואָס, צו אַלדי גוטע יאָר, זענט איר אַהער געקומען?

מאַדאַם דעזאָבעל איז אַריינגעפאַלן אין די רייד פון איר געליבטן און האָט אויך געפרעגט:

— טאַקע, זאָגט, וואָס טוט איר דאָ?

דער מלאך האָט געענטפערט:

— בן אדם, נייג צו דיין אויער; פרוי, הער צו מיין שטים! איך וועל אייך אַנטפּלעקן אַ סוד, וואָס פון אים הענגט אָפּ דער מזל פון דער וועלט. שטעלנדיק זיך אַקעגן דעם, וואָס איר באַטראַכט

אים פאַרן באַשעפער פון אַלע אַנזיכטיקע און ניט־אַנזיכטיקע זאַכן, גרייט איך צו די מרידה פון די מלאכים.

— מאַכט ניט קיין שפּאַס, — האָט געזאָגט מאַרים, וועלכער איז געווען אַ גלויביקער און האָט ניט געקאָנט דערלאָזן, אַז מען זאָל זיך שפּילן מיט הייליקייטן.

אָבער דער מלאך האָט געענטפערט מיט אַ טאָן פון פאַרוואורף:

— וואָס מאַכט אייך צו גלויבן, מאַרים, אַז איך בין לייכטזיניק און רעד גלאַט אין דער וועלט אַריין?

— גייט שוין גייט! — האָט מאַרים געזאָגט, אַ ציטערנדיק מיט די אַקסל — איר וועט דאָך ניט מורד זיין אין...

ער האָט אָנגעוויזן אויפן סופים, ניט צו דערוועגן זיך אַרויסצוזאָגן זיך ביזן סוף.

אָבער דער מלאך האָט זיך אָנגערופן:

— ווייסט איר דען ניט, אַז די זין פון גאָט האָבן שוין איינמאָל רעוואָלטירט און אַז אַ גרויסע שלאַכט איז פאַרגעקומען אין הימל?

— דאָס איז געווען לאַנג־לאַנג צוריק, — האָט מאַרים געזאָגט, אַרויפציענדיק די זאָקן.

— דאָס איז געווען, — האָט דער מלאך אָפּגעענטפערט, — פאַר דעם וועלט־באַשאַף. אָבער קיין זאַך האָט זינט דעמאָלט זיך ניט געענדערט אין די הימלען. די נאַטור פון די מלאכים איז היינט ניט אַנדערש, ווי זי איז געווען לכתחילה. דאָס, וואָס זיי האָבן דעמאָלט געטון, קאָנען זיי עס היינט איבערחזרן.

— ניין! דאָס איז אוממעגלעך: עס איז קעגן דעם גלויבן. וואָלט איר געווען אַ מלאך, אַ גוטער מלאך, ווי איר פּרעטענדירט צו זיין, וואָלט אייך גאָרנישט געקומען אויפן געדאַנק צו ווידערשפּעניקן אין אייער באַשעפער.

— איר האָט אַ טעות, מאַרים, און די אויטאָריטעט פון די הייליקע פּאָטערס איז קעגן אייך. אָריגען זאָגט זיך אַרויס אין זיינע דרשות, אַז די גוטע מלאכים האָבן חסרונות, אַז זיי זינדיקן יעדן טאָג און פאַלן פון הימל ווי די פליגן. עס איז מעגלעך, אַז איר וועט ניט וועלן אָננעמען די מיינונג פון אָט־דעם הייליקן פּאָטער (אויב איך מעג אים אַזוי אָנרופן), ניט געקוקט אויף זיין בקיאות

אין די הייליקע שריפטן, ווייל ער איז ניט קאַנאָניזירט. אין אַזאַ פאַל וועל איך אייך דערמאָנען דאָס צווייטע קאַפּיטל פון „אַפּאָקאַליפּס“, וואו די מלאכים פון עפעזוס און פערגאַמאָס ווערן שאַרף אויסגערעדט פאַר האָבן שלעכט געהיט זייער קירך. איר וועט מיר אוודאי אָפּענטפערן, אז די מלאכים, וואָס דער אַפּאָסטל רעדט דאָ פון זיי, זענען, אייגענטלעך, די ביסקופּן פון די דאָזיקע צוויי שטעט, און אַז מחמת זייער גייסטלעכער עובדא רופט ער זיי אָן מלאכים. דאָס קאָן זיך זיין, און איך בין אין דעם מסכים מיט אייך. אָבער וואָס וועט איר, מאַריס, זאָגן צו דער מיינונג פון אַזוי פיל געלערנטע און פּויפּסטן, וואָס לערנען אונז אַלע, אַז די מלאכים זענען גענייגט אריבערצוגיין פון גוטס צו שלעכטס? אָט־דאָס באַשטעטיקט דער הייליקער זשעראָם, אין זיין „בריוו צו דאַמאַזוס“...

— מאָסיע, — האָט געזאָגט מאַדאַם דעזאָבעל, — איך בעט אייך, גייט אַרויס פון דאַנען.

אָבער דער מלאך האָט זי ניט געהערט און גערעדט ווייטער:

— ...דער הייליקער אַווגוסטין, אין זיין חיבור „די אמתדיקע רעליגיע“, קאַפּיטל 13; דער הייליקער גרעגאָרי, אין זיין „מאָראַל“, קאַפּיטל 24; איזידאָר...

— מאָסיע, לאָזט מיך זיך אָנטון. איך האָב קיין צייט ניט.

— ...אין זיין חיבור „דאָס העכסטע גוטס“, ערשט בוך, קאַפּיטל 22; בעד, „וועגן איובן“...

— מאָסיע, איך בעט אייך..

— קאַפּיטל 8; דאַמאַסצענוס, „וועגן גלויבן“, בוך 2, קאַפּיטל 3. דאָס זענען, גלויב איך, אויטאָריטעטן, וואָס האָבן גענוג וואָג, און עס פאַרבלייבט אייך, מאַריס, מער ניט צו טון ווי נאָר צו מודה זיין זיך אין אייער טעות. אייך האָט פאַרפירט דאָס, וואָס איר האָט מיין פרייע, אַקטיווע און באַוועגלעכע נאַטור ניט באַטראַכט אַזוי ווי די נאַטור פון אַלע אַנדערע מלאכים, נאָר געזען אין מיר ניט מער ווי די גוטע מידות און די גליקזעליקייט, וואָס איך בין, גלויבט איר, מיט זיי רייך באַשאָנקען. לוציפער האָט געהאַט באַקומען ניט ווייניקער דערפון, און דאָך האָט ער ווידער־געשפּעניקט.

— אָבער צו וואָס ווידערשפּעניקט איר? — האָט מאָריס געפרעגט, — צו וואָס?

— ישעיה, — האָט דאָס קינד פון ליכט געענטפערט, — ישעיה האָט שוין געהאַט געפרעגט פריער פאַר אייך: „ווי ביסטו געפאַלן פון הימל, לוציפער, זון פון מאָרגנשטערן?" זאָלט איר טאַקע וויסן, מאָריס! פאַר אַלע צייטן האָבן די מלאכים מורד געווען צוליב דער ממשלה איבער די הימלען. דער שענסטער פון די שרפים האָט מורד געווען פון גוואה וועגן. צו מיר אָבער, צו מיר איז דער גרויסאַרטיקער פאַרלאַנג זיך צו באַפרייען געקומען דורך וויסן. געפינענדיק זיך לעבן אייך, אין א הויז, וואָס האָט איינע פון די גרעסטע ביבליאָטעקן אין דער וועלט, האָב איך באַקומען א גוסט צו לייענען און א ליבע צו שטודירן. בעת איר, א מידער פון דער מיזאַמקייט פון א גשמיותדיק לעבן, זענט געווען פאַרזונקען אין א שווערן שלאָף, האָב איך, אַרומגערינגעלט מיט ביכער, שטודירט, זיך פאַרטיפט אין זייערע טעקסטן, — אמאָל אין א זאַל פון דער ביבליאָטעק, אונטער די געשטאַלטן פון די גרויסע גייסטער פון דער אַנטיקער צייט, אמאָל אין דער טיפעניש פון גאָרטן, אין דעם צימער פון פּאַווילִיאָן, וואָס קומט פאַר אייערן.

אויסגעהערט די דאָזיקע ווערטער, האָט דער יונגער ד'עספּאַרוויעי אויסגעבראָכן אין א געלעכטער און גענומען קלאַפּן מיט די פויסטן אין קישן אַריין, זיכערע סמנים פון א לוסטיקייט, וואָס עס איז אוממעגלעך זי איינצוהאַלטן.

— כאַ־כאַ־כאַ! דאָס האָט איר, הייסט עס, פונאַנדערגעשלעפּט מיין טאַטנס ביבליאָטעק און געמאַכט משוגע דעם אָרעמען אַלטן סאַריעט! איר ווייסט, ער איז דאָך געוואָרן א פולשטענדיקער אידיאָט.

— פאַרטון אין דער אויסבילדונג פון מיין שכל, — האָט דער מלאך געזאָגט, — האָב איך זיך ניט געקימערט וועגן אַט־דער נידעריקער בריאה; און האָט ער איינמאָל געוואָלט מיר שטערן אין מיינע פאָרשונגען און זיך אַריינמישען אין מיין אַרבעט, האָט ער פאַר אַט־דער חוצפה זיינער באַקומען פון מיר א פּסק.

„אין א געווּיסער ווינטער־נאכט, אין דעם זאל פון די פילאזאפן און גלאבוסן, האב איך אים דערלאנגט איבערן קאפ מיט א שווער־געוויכטיקן בוך, וואס ער האט עס געפּרואווט ארויסרייסן פון מיינע ניט־אנזיכטיקע הענט. און דא אנומעלטן, אויפהויבנדיק מיט א שטארקן ארעם, פארמירט פון א זייל קאנדענסירטע לופט, א ווערט־פולן כתב־יד פון יאזעפוס פלאוויוס, האב איך את־דעם טפּוש אזוי איבערגעשראקן, אז ער האט מיט א געשריי זיך געלאזט לויפן צו די שטיגן און — צו באנוצן דאנטע אליגיערים א שטארקן אויסדרוק — איז געפאלן, ווי עס טוט פאלן א טויטער קערפער. ער איז אבער דערפאר גוט באלוינט געווארן, ווייל איר, מאדאם, האט אים געגעבן אייער פערפומירטע טיכעלע אויף אפצוהאלטן דאס בלוט פון זיין וואונד... דאס איז געווען אין דעם טאג, ווען איר, אויב איר געדענקט, האט הינטער א הימלשן גלאבוס געטוישט מיט מאריסן א קוש אויף די ליפן.

— מאסיע! — האט מאדאם דעזאבעל, צונויפציענדיק די ברעמען, זיך אנגערופן, א ברוגזע — איך דערלויב אייך ניט...

זי האט זיך אבער גלייך אפגעשטעלט, א טראכט טוענדיק, אז עס איז איצט ניט די צייט צו ווייזן זיך פאר צו־שטרענג אין א פונקט פון העפלעכקייט.

דער מלאך, א רואיקער, האט גערעדט ווייטער:

— איך האב באשלאסן צו אונטערזוכן די יסודות פון גלויבן. איך האב צוערשט זיך ארויפגעווארפן אויף די מאנומענטן פון יודא־איזם און איבערגעלייענט אלע העברייאישע טעקסטן.

— איר קענט, הייסט עס, העברייאיש! — האט מארים אויס־גערופן.

— העברייאיש איז מיין איינגעבוירן לשון: אין גן־עדן האבן מיר א לאנגע צייט גאר קיין אנדער לשון ניט גערעדט.

— אך, איר זענט א איד! איך האב עס באדארפט אליין פארשטיין פון אייער טאקטלאזיקייט.

דער מלאך, ניט איינצוהערן זיך, האט גערעדט ווייטער מיט זיין מעלאדישער שטים:

— איך האב אריינגעדרונגען אין די אנטיקע אוצרות פון

אָריענט, פון גריכנלאַנד און פון רוים. איך האָב פאַרשלונגען די ווערק פון די טעאָלאָגן, די פילאָזאָפן, די פיזיקער, די געאָלאָגן און די נאַטוראַליסטן. איך האָב געקראָגן ווִיסן, איך האָב געדענקט, איך האָב פאַרלוירן מיין גלויבן.

— וואָס! איר גלויבט ניט אין גאָט?

— איך גלויב אין אים, ווייל מיין עקזיסטענץ הענגט אָפּ פון זיינער, און זאָל ער מער ניט זיין, פאַל איך אליין אריין אין גארנישט. איך גלויב אין אים, ווי די סאַטירן און די מענאַדן האָבן געגלויבט אין דיאָניזוסן און צוליב דיזעלביקע טעמים. איך גלויב אין דעם גאָט פון די אידן און פון די קריסטן. איך לייקן אָבער, אז ער האָט באַשאַפן די וועלט. ער האָט העכסטנס אָרגאַניזירט א קליינעם טייל דערפון, און אַלץ, וואָס ער האָט באַרירט, טראָגט אויף זיך דעם צייכן פון זיין ברוטאַלן, ניט־פאָרויסזעענדיקן גייסט. איך האַלט ניט, אז ער איז אייביק, אָדער אומענדלעך, ווייל די השגה פון א וועזן, וואָס האָט ניט קיין סוף, ניט אין רוים און ניט אין צייט, איז אַן אבסורד. איך גלויב, אז ער איז באַשרענקט און אפילו שטאַרק באַשרענקט. איך גלויב ניט מער, אז ער איז דער איין־און־איינציקער גאָט. א לאַנגע־לאַנגע צייט האָט ער אליין אין דעם ניט געגלויבט: ער איז לכתחילה געווען א פּאָליטעאיסט. שפּעטער האָט זיין שטאָלץ און די חניפה פון זיינע פאַרערער אים געמאַכט פאַר א מאָנאָטעאיסט. ער איז ניט זייער אויסגעהאַלטן אין זיינע אידייען; ער איז ניט אזוי מאַכטיק, ווי מען שטעלט זיך עס פאָר. און צו זאָגן ביזן סוף, ער איז ניט אזוי א גאָט, ווי ער איז אַן אומוויסנדיקער דעמיאורג, פול מיט פוסטער גאווה. די, וואָס קענען אזוי ווי איך זיין אמתדיקע נאַטור, רופן אים יאַלדאַבאַאָט.

— ווי זאָגט איר?

— יאַלדאַבאַאָט.

— וואָס הייסט עס, יאַלדאַבאַאָט?

— איך האָב אייך שוין געזאָגט: עס איז דער דעמיאורג, וואָס אין אייער בלינדקייט פאַרערט איר אים ווי דעם איין־און־איינציקן גאָט.

— איר זענט ניט ביים זינען. איך ראָט אייך ניט צו דערציילן אזוינע באָבע־מעשיות דעם גייסטלעכן פאַטער.

— איך האָב, מיין טייערער מאָריס, גאָר קיין האָפענונג ניט דורכצודרינגען די געדיכטע פינצטערניש פון אייער שכל. איך וויל אָבער, איר זאָלט וויסן, אז איך וועל באַקעמפן יאַלדאַבאַאָטן מיט דער האָפענונג צו זיגן.

— גלויבט מיר, עס וועט אייך ניט געלינגען.

— לוציפער האָט אויפגעטרייסלט זיין טראָן און א ווייַלע איז נים געווען זיכער, ווער עס וועט מנצח זיין.

— ווי רופט איר זיך?

— עבדיאל פאַר די מלאכים און די הייליקע, אַרקאַד פאַר מענטשן.

— מיין אָרעמער אַרקאַד, איך באַדויער צו זען אייך אָפּקערן אין שלעכטן וועג. אָבער זייט זיך מודה, אז איר לאַכט פון אונז. איך וואָלט געקאָנט זייער גוט פאַרשטיין, ווען איר וואָלט פאַרלאָרן דעם הימל צוליב א פרוי. די ליבע לאָזט אונז באַגיין די גרעסטע נאַרישקייטן. איר וועט מיר אָבער קיינמאָל ניט איינריידן, אז איר, וואָס איר האָט געזען גאָט פנים אל פנים, האָט דערנאָך געפונען דעם אמת אין דעם אַלטן סאַריעטס אַלטע ביכער. ניין, אַזא זאַך וועט זיך מיר קיינמאָל ניט קאָנען לייגן אויפן שכל!

— מיין טייערער מאָריס, לוציפער איז געווען פנים אל פנים מיט גאָט, און דאָך האָט ער זיך אָפּגעזאָגט אים צו דינען. און וואָס איז שייך דעם סאָרט אמת, וואָס מען געפינט אין די ביכער, איז דאָס אַן אמת, וואָס לאָזט אונז נאָך אַמאָל זען, וואָס זאַכן זענען ניט, ער לאָזט אונז אָבער קיינמאָל ניט אַנטדעקן, וואָס זיי זענען יאָ. און אָט־דער אָרעמער קליינער אמת איז געווען גענוג מיר אויפצואווייזן, אז דער, וואָס איך האָב בלינד געגלויבט אין אים, איז ניט גלויבהאַפטיק, און אז די מענטשן, אינאיינעם מיט די מלאכים, זענען אָפּגענאַרט געוואָרן דורך יאַלדאַבאַאָטס ליגנס.

— עס איז ניטאָ קיין יאַלדאַבאַאָט. עס איז דאָ א גאָט. נו, אַרקאַד, מאַכט א גוטן צוג! זאָגט זיך אָפּ פון אייערע נאַרישקייטן, פון אייער גאָטלאָזיקייט. טוט זיך אויס פון דער צורת־אדם, ווערט א ריינער גייסט און נעמט זיך ווידער צו אייער אַרבעט פון א שוץ־

מלאך. טוט אייער חוב. איך פארגיב אייך, אָבער זאָל מען אייך מער ניט זען.

— איך וואָלט אייך וועלן צוליב טון, מאָרים. איך פיל צו אייך א געוויסע צארטקייט, ווייל מיין הארץ איז שוואך. מיין גורל רופט מיך אָבער פון איצט אָן צו באשעפענישן, וואָס זענען פייאיק צו דענקען און צו האנדלען.

— מאָסיע ארקאד, —האָט מאַדאם דעזאָבעל געזאגט, — איך בעט אייך, גייט ארויס פון דאנען. איך פיל זיך שרעקלעך זשענירט צו געפינען זיך אין איין העמד צווישן צוויי מענער. איר מעגט מיר גלויבן ,אז איך בין דערצו ניט געוויינט.

קאַפּיטל עלף

ווי אזוי דער מלאך, אנגעטון אין די קליידער, וואָס זענען פארבליבן נאָך אַ זעלבסטמערדער, האָט איבערגעלאָזט דעם יונגן מאָריסן אָן אַ הימלשן שומר.

זי איז געזעסן אַ צוזאַמענגענומענע אויפן בעט. אירע גלאַט־געטאַקטע קני האָבן אַרויסגעלויכטן פון אונטער איר קורצן, דינעם העמדל. אירע צונויפגעלייגטע אָרעמס האָבן צוגעדעקט אירע בריסט, איבערלאָזנדיק פאַרן אויג ניט מער ווי אירע פולע, רונדיקע אַקסל און אירע געל־ברוינע, צעשויבערטע האָר.

— זייט רואיק, מאַדאַם, — האָט דער מלאך געענטפערט, — אייער לאַגע איז ניט אַזאַ געפערלעכע, ווי איר זאָגט: איר געפינט זיך דאָ ניט צווישן צוויי מאַנסבילן, נאָר צווישן אַ מאַנסביל און אַ מלאך.

זי האָט עקזאַמענירט דעם פרעמדן מיט אַן אויג, וואָס איז, דורכשניידנדיק די פינצטערניש, געוואָרן באַאומרואיקט פון עפּעס אַן אומדייטלעכן, אָבער גאָרנישט קיין מיטלמעסיקן סימן, און גע־ענטפערט:

— מאָסיע, איז עס טאַקע זיכער, אַז איר זענט אַ מלאך?

דער מלאך האָט זי געבעטן ניט צו צווייפלען אין דעם און איר געגעבן אַ גענויע דערקלערונג וועגן זיין אָפּשטאַם:

— עס זענען דאָ דריי יעראַרכיעס הימלשע גייסטער, וואָס יעדערע פון זיי באַשטייט פון ניין כאָרן; דער ערשטער שליסט איין די שרפים, די כרובים און די טראָנען; דער צווייטער — די הערר־שאַפטן, די טוגענדן און די מאַכטיקייטן; דער דריטער — די פירשט־לעכקייטן, די ערץ־מלאכים און, אייגנטלעך, די מלאכים. איך געהער צום ניינטן כאָר פון דער דריטער יעראַרכיע.

מאַדאַם דעזאָבעל, וואָס האָט געהאַט אירע טעמים צו צווייפלען, האָט אויסגעדריקט, וויניקסטנס, איינעם פון זיי:

— איר האָט ניט קיין פליגל.

— צו וואָס זאָל איך זיי האָבן, מאַדאַם? מוז איך דען געראָטן אין די מלאכים, וואָס באַצירן די האַנטפאַסן אין אייערע קירכן? ניט אַלעמאָל טוען די שלוחים פון הימל באַלאָדן זייערע אַקסל מיט אָט־די פעדערדיקע רודערס, וואָס קלאַפּן איבער די לופטוועלן אין ריטמישן טאַקט. די כרובים קאָנען זיין ניט־באַפליגלטע. די צוויי זייער שיינע מלאכים, וואָס האָבן פאַרבראַכט אַן אומרואיקע נאַכט אין לוטס הויז, באַלאַגערט פון אַן אָריענטאַלישער האָרדע, האָבן גאָר־נישט געהאַט קיין פליגל. ניין! זיי האָבן געהאַט אינגאַנצן דעם אָנבליק פון מענטשן און דער שטויב פון וועג האָט באַדעקט זייערע פיס, וואָס דער פאַטריאַרך האָט זיי אָפּגעוואַשן מיט אַ פּאָרכטיקער האַנט. איך וועל אייך, מאַדאַם, מאַכן אויפמערקזאַם דערויף, אַז לויט דער וויסנשאַפט פון אָרגאַנישע מעטאַמאָרפאָזן, געשאַפן פון לאַמאַרק און דאַרווין, זענען די פליגל פון פייגל נאָכאַנאַנד טראַנספאָרמירט געוואָרן אין פאָדערשטע פיס ביי די פירפיסיקע און אין אָרעמס ביי די פּרימאַטן. און איר וועט זיך אפשר דערמאָנען, מאַריס, אַז צוליב אַ פאַרדראָסיקן פאַל פון אַטאַוויזם, האָט מיס קעט, אייער ענגלישע גוּוערנאַנטין, וועלכע פלעגט האָבן אַזוי פיל פאַרגעניגן אייך צו שמייסן, פאַרמאָגט אָרעמס, וואָס זענען געווען שטאַרק געראָטן אין די פליגל פון אַן אָפּגעפליקטן עוף. מען קאָן אפילו זאָגן, אַז אַ באַשעפעניש, וואָס האָט צוגלייך אי אָרעמס, אי פליגל, איז אַ מאָנסטער, אַן אָביעקט פאַר דער טעראַטאָלאָגיע. מיר האָבן אין גן־עדן כרובים אין דער פאָרם פון באַפליגלטע אָקסן, אָבער דאָס זענען די האַמעטנע שאַפונגען פון אַ גאָט, וואָס איז ניט קיין קינסטלער. עס איז אמת, אַז די פיגורן פון זיג אין דעם טעמפּל פון דער ניקישער אַטענאַ, אויף דעם אַקראָפּאָליס פון אַטענס, זענען שיין מיט זייערע אָרעמס און פליגל; עס איז אויך אמת, אַז דער זיג פון ברעסציאַ איז שיין מיט די אויסגעשטרעקטע אָרעמס און מיט די לאַנגע פליגל, וואָס פאַלן אויף אירע מאַכטיקע לענדן. דאָס איז איינער פון די וואונדער פון דער גריכישער גאונות צו קאָנען באַשאַפן האַרמאָנישע מאָנסטערס. די גריכן האָבן זיך קיינמאָל ניט אָפּגענאַרט. די מאָדערנע נאַרן זיך שטענדיק אָפּ.

— יאָ, — האָט מאַדאַם דעזאָבעל געזאָגט, — איר זעט אָבער ניט אויס צו זיין לויטער גייסט.

— און דאָך בין איך עס, מאַדאַם, אויב עס איז אַמאָל אַזוינס געווען. און ניט איר, אַ געטויפטע, דאַרפט אין דעם צווייפלען. אייניקע הייליקע פאַטערס, אַזוינע ווי דער הייליקער יוסטין, טער־טוליאַן, אָריגען און קלעמענט פון אַלעקסאַנדריע, האָבן געדענקט, אַז די מלאכים זענען ניט לויטער גייסט, נאָר באַזיצן אַ גוף, געשאַפן פון אַ דינעם שטאָף. דער הייליקער אַווגוסטין איז מיט דער דעה, אַז די מלאכים האָבן לייכטנדיקע קערפּער. די קירך האָט די דאָזיקע מיינונג צוריקגעוויזן; הייסט עס, אַז איך בין גייסט. וואָס אַזוינס איז אָבער גייסט און וואָס איז חומר? אַמאָל האָט מען זיי אַקעגנגעשטעלט ווי צוויי היפּוכים; איצט שטרעבט אייער מענטשלעכע וויסנשאַפט צו פאַראייניקן זיי ווי צוויי פאָרמען פון איין־און־דערזעלביקער זאַך. זי לערנט אונז, אַז אַלצדינג קומט אַרויס פון עטער און אַלצדינג גייט צוריק דערצו, אַז באַוועגונג אַליין מאַכט פון די לופט־וועלן שטיינער און מעטאַלן און אַז די אַטאָמען, צעשפּרייט אין דעם אומענדלעכן רוים, שאַפן, דורך דער פאַרשיידענער שנעליקייט פון זייערע לויף־קרייזן, אַלע סובסטאַנצן פון דער מאַטעריעלער וועלט...

אָבער מאַדאַם דעזאָבעל האָט ניט געהערט; זי האָט געהאַט עפּעס אויפן זינען, און צו מאַכן זיך די זאַך קלאָר, האָט זי געפרעגט:

— פון וואַנען זענט איר דאָ?

— איך בין געקומען אַהער איינאיינעם מיט מאַריסן.

זי האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ:

— מ'קאָן נישט זאָגן, עס איז זייער פיין!

אָבער דער מלאך האָט מיט הימלישער רואיקייט גערעדט ווייטער:

— אַלצדינג איז דעם אוניווערז באַשטייט נאָר פון קרייזן, עליפּסן און היפּערבעלן, און דיזעלביקע געזעצן, וואָס הערשן איבער די שטערן, באַהערשן אויך אָט־דאָס קערנדל שטויב. דורך דער אָריגינעלער, איינגעבוירענער באַוועגונג פון זיין סובסטאַנץ איז מיין קערפּער גייסט, ער קאָן אָבער, ווי איר זעט, אָננעמען אָט־די מאַטעריעלע פאָרם דורך ענדערן דעם ריטם פון זיינע עלעמענטן.

אָפּגעזאָגט דאָס, האָט ער זיך אַרונטערגעלאָזן אין אַ ווייכער שטול, אויף מאַדאַם דעזאָבעלס שוואַרצע זאַכן.

אַ זייגער האָט ערגעץ געקלונגען.

— מיין גאָט, שוין זיבן אַזייגער! — האָט זשילבערט אויסגערופן — וואָס וועל איך זאָגן מיין מאַן? ער מיינט, אַז איך בין צוגאַסט אויף רו דע ריוואָלי. היינט אָוונט זענען מיר פאַרבעטן צו די לאַ־וועררעליערס. גייט שנעל אַרויס פון דאַנען, מאָסיע אַרקאַד. איך מוז זיך שוין אָנטון. איך קאָן ניט פאַרלירן קיין איין סעקונדע.

דער מלאך האָט געענטפערט, אַז ער וואָלט גערן געוואָלט פאָלגן מאַדאַם דעזאָבעל, ווען ער וואָלט געווען אין דער לאַגע צו באַווייזן זיך פאַר מענטשן אויף אַן אַנשטענדיקן אופן, עס קאָן אָבער גאָר קיין רייד ניט זיין וועגן אַרויסגיין אין דרויסן גאָר אָן קליידער.

— וואָלט איך אַ נאַקעטער געגאַנגען איבער די גאַסן, — האָט ער צוגעגעבן, — וואָלט איך דערמיט באַליידיקט אַ פאָלק, וואָס האַלט זיך ביי זיינע אַלטע, נאָך קיינמאָל ניט רעווידירטע געוואוינהייטן. דאָס איז דער יסוד פון דער גאַנצער מאָראַל. פאַרצייטנס האָבן די מלאכים, ווידערשפּעניקע אַזוי ווי איך, זיך באַוויזן פאַר די קריסטן אין משונהדיקע, לעבערלעכע געשטאַלטן, שוואַרצע, מיט הערנער, שטאַרק באַוואָקסענע, מיט קלויען אויף די פיס, טיילמאָל אויך מיט אַ מענטשלעכן געזיכט אויפן הינטן. ריינע שטות!... זיי זענען געווען צו שפּאָט פאַר מענטשן פון גוטן געשמאַק, האָבן איבערגעשראָקן ניט מער ווי אַלטע פרויען און קליינע קינדער און גאָרנישט ניט מתקן געווען.

— עס איז טאַקע אמת, אַז ער קאָן אַזוי ווי ער איז ניט אַרויסגיין, — האָט מאַדאַם דעזאָבעל יושרדיק באַמערקט.

מאָריס האָט אַ וואַרף געטון דעם הימלשן שליח זיינע פּידזשאַמאַס און זיינע שטעקשיך. פאַר קליידער צום אַרויסגיין איז דאָס אָבער ניט געווען גענוג. זשילבערט איז צוגעשטאַנען צו איר געליבטען, ער זאָל גלייך לויפן קריגן פאַר אים וואָס אָנצוטון. ער האָט זיך אָנגעבאָטן צו גיין צום אויפזעער פון הויז. זי האָט ענערגיש גענומען פּראָטעסטירן. עס וואָלט, האָט זי געזאָגט, געווען אַ ריינע משוגעת אַריינצושלעפּן די דינערשאַפט אין אַזאַ עסק.

— ווילט איר דען, — האָט זי אויסגערופן — זיי זאָלן וויסן, אַז...

זי האָט אַנגעוויזן אויפן מלאך און ניט געענדיקט.

דער יונגער ד'עספּארוויעי איז ארויס זוכן אַ הענדלער פון קליידער.

זשילבערט האָט דאָרט ניט געקאָנט לענגער פארזאמען, ניט ארויסצורופן אַ שרעקלעכן סקאנדאל אין איר אריסטאָקראטישן קרייז, האָט זי דערווייל אַנגעצונדן דאָס ליכט און גענומען זיך אָנטון פאר דעם מלאכס אויגן. זי האָט עס געטון מיט אַ גרינגען געמיט, ווייל זי האָט געוואוסט, ווי צוצופּאסן זיך צו די אומשטענדן, און פארשטאַנען, אַז ביי אַזאַ אומגעהערטער באַגעגעניש, וואו דער הימל און די ערד האָבן זיך אויסגעמישט אין אַ געמיש, וואָס איז גאָרנישט איבערצוגעבן מיט ווערטער, מעג מען פארקוקן אביסל די שעמעוודיקייט. אַ חוץ דעם האָט זי אויך געוואוסט, אַז זי האָט אַ גרויסארטיקע פיגור און אַז איר אונטערוועש שטימט מיט די פאָדערונגען פון דער לעצטער מאָדע. אזוי ווי דער מלאך האָט מחמת איידלקייט זיך אָפּגעזאָגט אָנצוטון מאָריסעס פּידזשאמאס, האָט זשילבערט ניט־ווילנדיק געמוזט ביים ליכט פון די לאָמפּן באַמערקן, אַז איר חשד איז ניט געווען אומזיסט און אַז די מלאכים זענען אויף אַן אמתן אוים ווי מענטשן. נייגיריק צו וויסן, צי איז אָט־דאָס אויסזען אילוזאָריש, אָדער רעאל, האָט זי געפרעגט דעם זון פון ליכט, צי זענען ניט די מלאכים אזוי ווי די מאַלפּעס, וואָס כדי צו קאָנען זיך ליבן מיט פרויען, פעלט זיי קיין זאַך ניט, ווי נאָר געלט.

— יאָ, זשילבערט, —האָט געענטפערט אַרקאַד, — די מלאכים זענען פייאיק ליב צו האָבן שטערבלעכע פרויען. די הייליקע שריפטן לערנען דאָס אונז. עס ווערט געזאָגט אין זעקסטן קאַפּיטל פון „בראשית": „און עס איז געווען, אַז די מענטשן האָבן אָנגעהויבן זיך מערן אויפן געזיכט פון דער ערד, און ביי זיי זענען געבוירן געוואָרן טעכטער, האָבן די זין פון גאָט געזען, אַז זיי זענען שיין, און זיי האָבן זיך גענומען ווייבער וועמען נאָר זיי האָבן אויסדערוויילט".

זשילבערט האָט פּלוצלינג אויסגערופן מיט אַ וויינענדיקער שטים:

— מיין גאָט! איך וועל קיינמאָל ניט קאָנען צוהעקלען מיין קלייד. עס פאַרשפּיליעט זיך אויפן רוקן.

ווען מאָריס איז צוריק אַריינגעקומען אין צימער, האָט ער געטראָפן דעם מלאך אויף די קני, פאַרשנירענדיק דער אומגעטרייער פרוי די שיך.

זשילבערט האָט גענומען פון טיש איר מופע און איר האַנט־טאַש און געזאָגט:

— איך האָב גאָרנישט פאַרגעסן? ניין... אַ גוטע נאַכט, מאָסיע אַרקאַד. אַ גוטע נאַכט, מאָריס... איך וועל דעם היינטיקן טאָג האָבן צו געדענקען!

און זי איז פאַרשוואונדן ווי אַ חלום.

— אָט האָט איר עס! — האָט מאָריס געזאָגט, צוּוואַרפנדיק דעם מלאך אַ בינטל קליידער.

דערזען אין שוי־פענצטער פון אַ טאַנדעט־הענדלער קלעגלעכע טראַנטעס, אויסגעמישט מיט קלאַרנעטן און קליסטירשפּריצער, האָט מאָריס פאַר ניינצן פראַנק אָפּגעקויפט די שוואַרצע קליידער, וואָס זענען פאַרבליבן נאָך עפּעס אַן אָרעמען, עלנדן זעלבסטמערדער. דער מלאך, אין זיין איינגעבוירענער מאַיעסטעטישקייט, האָט צוגענומען די קליידער און זיי אַרויפגעצויגן אויף זיך. אויף אים האָבן זיי באַקומען אַן אומגעריכטע עלעגאַנץ.

ער האָט געמאַכט אַ שריט צו דער טיר.

— הייסט עס, אַז איר פאַרלאָזט מיך, — האָט מאָריס געזאָגט, — איז דאָס פעסט באַשלאָסן? איך האָב זייער מורא, איר זאָלט ניט אַמאָל שטאַרק חרטה האָבן אויף אָט־דער אומבאַרעכנטער האַנדלונג אייערער.

— איך טאָר זיך ניט אומקוקן אויף צוריק. אַדיע, מאָריס.

מאָריס האָט ניט דרייסט אים אַריינגעשטעקט אין האַנט אַריין פינף לואידאָרן.

— אַדיע, אַרקאַד.

ווי אָבער דער מלאך איז אַריבערגעטראָטן די שוועל, פּונקט אין דעם מאָמענט, ווען מען האָט דורך דער אָפענער טיר מער ניט

ארויסגעזען ווי נאר זיין אויפגעהויבענעם קנאפל, האט מאריס אים צוריקגערופן:

— ארקאד!... איך האב גאר ביז איצט ניט געטראכט פון דעם!... איך האב, הייסט עס, מער ניט קיין שוץ־מלאך!

— עס איז אמת, מאריס, איר האט אים מער ניט.

— וואס־זשע וועט פון מיר איצט ווערן?... מ'מוז דאך האבן א שוץ־מלאך. זאגט מיר, איז אין דעם ניטא קיין גרויסע אומבאקוועמלעכקייט, שטעקט ניט קיין סכנה אין ניט האבן קיין מלאך?

— איידער איך וועל אייך דערויף ענטפערן, מאריס, וועל איך אייך פריער פרעגן, צי ווילט איר, אז איך זאל ריידן צו אייך, לויט אייער גלויבן נאך, וואס איז אמאל אויך געווען מיינער, לויט דער לערע פון דער קירך און פון דעם קאטאליציזם, אדער לויט דער נאטור־פילאזאפיע?

— איך לאך זיך אויס פון אייער נאטור־פילאזאפיע. ענטפערט מיר, לויט דער רעליגיע, וואס איך נעם זי אן און גלויב אין איר און וואס אין איר אליין וויל איך לעבן און שטארבן.

— נו, גוט, מיין טייערער מאריס. דורך דעם פארלוסט פון אייער שוץ־מלאך וועט מסתמא אוועקגענומען ווערן פון אייך א געוויסע גייסטיקע הילף, א געוויסע הימלשע גענאד. דערמיט דריק איך אויס די אומפארענדערלעכע מיינונג פון דער קירך איבער דעם דאזיקן ענין. עס וועט אייך אויספעלן די מיטהילף, דער אנהאלט, די טרייסט, וואס וואלטן אייך געפירט און געשטארקט אויף דעם וועג פון דערלייזונג. איר וועט האבן ווייניקער כח אויסצומיידן זינד. איר האט שוין ביז איצט אויך ניט געהאט זייער פיל דערפון. קורץ, איר וועט אין גייסטיקן לעבן פארבלייבן אן שטארקונג און אן פרייד. אריע, מאריס. ווען איר וועט זען מאדאם דעזאבעל, לאזט איר פון מיינעט וועגן גריסן.

— איר גייט אוועק?

— אדיע.

ארקאד איז פארשוואונדן און מאריס, פארזונקען אין א טיפער שטול, איז נאך לאנג געבליבן זיצן מיטן קאפ אין די הענט.

קאַפּיטל צוועלף

ווּאו עס ווערט דערציילט, ווי אַזוי דער מלאך מיראַר, ברענגענדיק גענאַד און טרייסט אין דעם קוואַרטל פון די עליזייער פעלדער, אין פּאַריז, האָט דאָרט דערזען אַ זינגערין פון אַ קאַפעשאַנטאַן, מיטן נאָמען בושאָטי און האָט זיך אין איר פאַרליבט.

דער מלאך האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין, — דורך גאַסן, פול מיט אַ ברוינלעכן נעפּיל, דורכגעשפּיזלט פון ווייסע און געלע ליכטער, וואו פערד האָבן אַרויסגעהויכט זייער רויכערדיקן אָטעם און וואָס די שווינדלדיקע ליכטוואַרפער פון די אויטאָמאָבילן האָבן אים דורכגעאַקערט אין דער לענג און אין דער ברייט. אויסגעמישט מיט די שוואַרצע פאַליעס פוסגייער, וואָס האָבן געשטראָמט אָן אויפהער, האָט דער מלאך דורכגעשניטן די שטאָט פון צפון צו דרום, ביז צו די ווייסטע בולוואַרן פון דעם לינקן ברעג טייך. ניט ווייט פון די אַלטע ווענט פון פּאָר־רויאַל איז דאָ אַ קליינער רעסטאָראַן, וואָס יעדן אָוונט וואַרפט ער איבערן וועג דאָס טריבע ליכט פון זיינע שויבן, אויסגעשמירטע מיט קרייד. דאָרט איז אַרקאַד געבליבן שטיין. ער איז אַריינגעקומען אין דעם זאַל, וואו אין דער לופט האָבן אַרומגעשוועבט פעטע, וואַרעמע ריחות, אַ דערקוויקונג פאַר די אומגליקלעכע, וואָס שמאַכטן פון הונגער און קעלט. מיט איין אויגנבליק האָט ער דאָרט דערזען רוסישע ניהיליסטן, איטאַליענישע אַנאַרכיסטן, פּאָליטישע אימיגראַנטן, פאַרשווערער, רעוואָלוציאָנערן פון אַלע לענדער, אַלטע מאָלערישע קעפּ, וואָס די האָר און די בערד לויפן פון זיי אַרונטער, ווי עס לויפן שטראָמען און קאַסקאַדן פון פעלזיקע בערג, יונגע פּנימער פון מענערישער האַרטקייט, כמורע, בייזע בליקן, מידע אויגן מיט אַן אויסדרוק פון אומענדלעכער צאַרטקייט, פּיינלעך־אויסגעקרימטע געזיכטער, און אין אַ ווינקל צוויי רוסישע פרויען, איינע זייער אַ שיינע, די אַנדערע אַ מיאוסע, אָבער ביידע גלייך אין זייער אַלצ־איינער גלייכגילטיקייט, סיי צו מיאוסקייט, סיי צו שיינקייט. ניט

צו געפינען די פיגור, וואס ער האט געזוכט, ווייל עס זענען אין זאל ניט געווען קיין מלאכים, האט ער זיך אוועקגעזעצט ביי א קליינעם מירמלשטיינערנעם טישל, וואס איז פארבליבן פריי.

די מלאכים, געטריבן פון הונגער, עסן פונקט אזוי ווי די ערדישע חיות און זייער שפייז, איבערגעאנדערשט פון דער פאר־דייאונג־היץ, ווערט איינס מיט זייער הימלשער סובסטאנץ. ווען אברהם האט דערזען דריי מלאכים אונטער די דעמבן פון ממרא, האט ער זיי מכבד געווען מיט קוכנס, וואס שרה האט אויסגעקנאטן, מיט א גאנצן קעלבל, מיט פוטער און מילך, — און זיי האבן געגעסן. ווען לוט האט אויפגענומען אין זיין הויז צוויי מלאכים, האט ער געהייסן באקן פאר זיי מצות, — און זיי האבן געגעסן. ארקאד האט באקומען פון א ניט־זויבערן קעלנער א הארטן ביפסטייק — און ער האט געגעסן. ער האט אבער בעת מעשה געטראכט פון דער ליבער פרייער צייט, פון זיין אפרו, פון די אנגענעמע שטודיעס, וואס ער האט געהאט פארלאזן, פון דער שווערער עובדא, וואס ער האט געהאט גענומען אויף זיך, פון דער פראצע, פון דער גרויסער אנשטרענגונג און פון די געפארן, וואס ער האט זיך געגרייט צו זיי, און זיין נשמה איז געווען טרויעריק און זיין הארץ איז געווען באטריבט.

ווי ער האט געהאלטן ביים ענדיקן זיין באשיידענעם מאלצייט, איז אין זאל אריינגעקומען א יונגערמאן פון ארעמען אויסזען און אין דינע קליידער. איבערגעלאפן מיטן בליק די טישן, איז ער צו צום מלאך און האט אים באגריסט מיטן נאמען עבדיאל, מחמת ער אליין איז אויך געווען א הימלשער גייסט.

— איך האב געוואוסט, מיראר, אז דו וועסט קומען אויף מיין רוף, — האט געענטפערט ארקאד, אנרופנדיק פונקט אזוי זיין מלאכישן ברודער מיטן נאמען, וואס יענער האט געהאט אמאל געטראגן אין הימל.

אבער פון נאמען מיראר איז דארט מער קיין זכר ניט געבליבן, זינט אט־דער ערד־מלאך האט אויפגעהערט דינען צו גאט. ער האט זיך גערופן אויף דער ערד טעאפיל בעלע, און כדי צו פארדינען

זיין ברויט, האָט ער בייטאָג געלערנט מוזיק מיט קליינע קינדער און ביינאַכט געשפּילט אין די שענקען פידל.

— דאָס ביסטו, טייערער עבדיאל, — האָט טעאָפיל זיך אָנגערופן, — זענען מיר, הייסט עס, צוריק פאַראייניקט אין אָט־דער טרויעריקער וועלט!... איך בין גליקלעך צו טרעפן דיך ווידער, כאָטש איך האָב אויף דיר רחמנות, ווייל מיר פירן דאָ אַ שווער לעבן.

אָבער ארקאַד האָט געענטפערט:

— פריינט, עס וועט באַלד נעמען אַ סוף צו דיין גלות. איך האָב גרויסע פּלענער. איך וויל, דו זאָלסט זיך באַקענען מיט זיי און צושטיין צו מיר.

דעם יונגן מאַריסעס שוץ־מלאך האָט באַשטעלט צוויי טעשלעך קאַווע און אַנטפּלעקט פאַר זיין חבר זיינע אידייען און זיינע פּלענער. ער האָט דערציילט, ווי אַזוי ער האָט, זינט ער וואוינט אויף דער ערד, זיך אריינגעלאָזט אין פאָרשונגען, וואָס זענען וויניק וואָס אין דער טבע פון די הימלישע גייסטער, און זיך פאַרטיפט אין טעאָלאָגיעס, אין קאָסמאָגאָניעס, אין וועלט־סיסטעמען, אין טעאָריעס פון מאַטעריע, אין מאָדערנע עסייען וועגן טראַנס־פאָרמאַציע און וועגן פאַרלוסט פון ענערגיע. האָבנדיק, האָט ער געזאָגט, שטודירט די נאַטור, האָט ער זי געפונען אין שטענדיקער סתירה מיט די לערעס פון דעם האַר, וואָס ער האָט געדינט צו אים. דער דאָזיקער האַר, וואָס איז להוט נאָך לויבגעזאַנגען און וואָס ער האָט אים אַ לאַנגע צייט פאַרערט, האָט איצט געהאַט אין זיינע אויגן אַ פּנים פון אַן אומוויסנדיקן, נאַרישן און גרויזאַמען טיראַן. ער האָט געלייקנט אין אים, אים געלעסטערט און געברענט מיט לוסט אים צו באַקעמפן. זיין פּלאַן איז געווען אָנצוהויבן דעם אויפשטאַנד פון די מלאכים. ער האָט געוואָלט מלחמה און געהאָפט אויף נצחון.

— אָבער קודם כל, — האָט ער צוגעגעבן, — איז וויכטיק צו וויסן אונזערע כוחות און די כוחות פון דעם שונא.

און ער האָט זיך נאָכגעפרעגט, צי די שונאים פון יאַלדאַבאַאָט זענען געווען גרויס אין צאָל און מאַכטיק אויף דער ערד.

טעאָפיל האָט אויפגעהויבן אויף זיין ברודער אַ פאַרחידושטן בליק. ער האָט אויסגעזען ניט צו פאַרשטיין דעם גאַנצן ענין.

— טייערער לאַנדסמאַן, — האָט ער געזאָגט, — איך האָב זיך אָפּגערופן אויף דיין איינלאַדונג, ווייל זי איז געקומען פון אַן אַלטן חבר. איך וויים אָבער ניט, וואָס דו ערוואַרטסט פון מיר, און איך האָב מורא, אַז איך וועל דיר מיט קיין זאַך ניט קאָנען באַהילפיק זיין. איך פאַרנעם זיך ניט מיט קיין פּאָליטיק, איך פּרעטענדיר אויך ניט צו זיין אַ רעפאָרמאַטאָר. איך בין ניט, אַזוי ווי דו, אַ ווידערשפּעניקער גייסט, אַ פריידענקער, אַ רעוואָלוציאָנער. איך פאַרבלייב געטריי, אין דער טיפעניש פון מיין נשמה, מיין הימלשן באַשעפער. איך פאַרער נאָך אַלץ דעם האַר, וואָס איך דין ניט מער צו אים, און איך וויין נאָך די טעג, ווען איינגעהילט אין מיינע פליגל, האָב איך, אינאיינעם מיט דער מאַסע זין פון ליכט, פאַרמירט אַ ראָד פון פלאַם אַרום זיין כסא הכבוד. די ליבע, די פּראָפאַנישע ליבע אַליין האָט מיך אָפּגעשיידט פון גאָט. איך האָב פאַרלאָזן דעם הימל, כדי נאָכצופאָלגן אַ טאָכטער פון מענטשן. זי איז געווען שיין און האָט געזונגען אין קאַפעשאַנטאַנען.

זיי האָבן זיך אויפגעהויבן. אַרקאַד האָט באַלייט טעאָפילן, וועלכער האָט געוואוינט אויפן צווייטן עק שטאָט, אויפן ראָג פון בולוואַר ראָשואַר און רו דע סטיינקערק. גייענדיק איבער די וויסטע גאַסן, האָט דער מלאך, וואָס איז געווען פאַרליבט אין דער זינגערין, דערציילט זיין ברודער פון זיין ליבע און פון זיין פּיין.

זיין ירידה, וואָס איז געשען מיט צוויי יאָר צוריק, איז געקומען אומגעריכט. געהערנדיק צום אַכטן כאָר פון דער דריטער יעראַרכיע, איז זיין אַרבעט געווען צו ברענגען גענאַד די גלוביקע, וואָס זייער צאָל איז נאָך זייער גרוים אין פראַנקרייך, דערעיקרשט צווישן די הויכגעשטעלטע אָפיצירן פון די אַרמייען אויף דער יבשה און אויפן ים.

— איינמאָל, אין אַ זומער־נאַכט, — האָט ער דערציילט, — ווען איך האָב אַראָפּגענידערט פון הימל, כדי צו פאַרטיילן טרייסט, געדולדיקייט און מיתות קלות צווישן אַלערליי גאָטספאָרכטיקע לייט אין דעם קוואַרטל פון עטוואַיי, זענען מיינע אויגן, הגם צוגעוויינטע

צו דער אומשטערבלעכער ליכטיקייט, פאַרבלענדט געוואָרן פון די פייערדיקע בלומען, מיט וועלכע די עליזייער פעלדער זענען געווען פאַרזייט. גרויסע קאַנדעלאַברען, וואָס האָבן, אונטער די ביימער, אָנגעוויזן דעם אַריינגאַנג פון די קאַפע־הייזער און די רעסטאָראַנען, האָבן צוגעגעבן די בלעטער דעם טייערן שימער פון אַ שמאַראַגד. לאַנגע גירלאַנדן העל־לייכטנדיקע פערל האָבן זיך געוויקלט אַרום שטאַכעטן, אונטערן פרייען הימל, וואו אַ מאַסע מענער און פרויען האָט זיך צוזאַמענגעדרענגט אַקעגן אַ לוסטיקן אָרקעסטער, וואָס זיין שפילן איז ניט־קלאָר דערגאַנגען צו מיינע אויערן. די נאַכט איז געווען אַ הייסע, מיינע פליגל האָבן אָנגעהויבן ווערן מיד, האָב איך זיך אַרונטערגעלאָזט אויף איינעם פון די קאָנצערטן און זיך אַוועקגעזעצט, אַ ניט־אָנזיכטיקער, צווישן די צוהערער. אין דעם מאָמענט האָט אויף דער בינע זיך באַוויזן אַ פרוי, אָנגעטון אין אַ קורצן קלייד, באַזעצט מיט גאָלד־פליטערלעך. דער אָפשיין פון די בינע־לעמפלעך און די פאַרב, וואָס האָט צוגעדעקט איר געזיכט, האָבן ניט געלאָזט מער אַרויסזען, ווי נאָר דעם בליק און דעם שמייכל. איר קערפער איז געווען בויגיק און פול מיט לוסט. זי האָט געזונגען און געטאַנצט... אַרקאַד, איך האָב פון שטענדיק אָן ליב געהאַט מוזיק און טענץ, אָבער די קלינגעוודיקע שטים און די פאַרפירערישע באַוועגונגען פון אָט־דעם באַשעפעניש האָבן מיך אַריינגעוואָרפען אין אַ מין צעמישונג, וואָס איז מיר ביז דעמאָלט געווען פרעמד. אָט בין איך געוואָרן בלייך און אָט איז דאָס בלוט מיר אַריין אין פנים; מיינע אויגן האָבן זיך פאַרצויגן מיט אַ נעפּל, די צונג איז מיר געוואָרן טרוקן אין מויל; איך האָב ניט געקאָנט זיך רירן פון אָרט.

און טעאָפיל האָט, זיפצנדיק, דערציילט, ווי דער באַגער צו אָט־דער פרוי האָט אים איינגאַנצן באַהערשט און ער איז מער ניט אַרויף אויפן הימל, נייערט ער האָט אָנגענומען אַ מענטשלעכע געשטאַלט און איז געבליבן לעבן אַן ערדיש לעבן, וואָרען עס שטייט געשריבן: „אין יענע טעג האָבן די זין פון גאָט געזען, אַז די טעכטער פון מענטשן זענען שיין“.

אַ געפאַלענער מלאך, וואָס האָט פאַרלוירן זיין אומשולד,

אינאײנעם מיט דעם אָנגעזיכט פון גאָט, האָט טעאָפיל, װײניקסטנס, נאָך אױפגעהיט די תמימות פון דער נשמה. אָנגעטון אין טראַנטעס, װאָס ער האָט געהאַט אַרונטערגעשלעפּט פון דעם געשטעל פון אַ אידישן טאַנדעט־קרעמער, איז ער אַװעק זוכן די פרױ, װאָס ער האָט ליב געהאַט. זי האָט געהײסן בושאָט און געװאױנט אין אַ קלײנער דירה אין מאָנמאַרטר. ער האָט זיך געװאָרפן צו אירע פיס און איר געזאָגט, אַז זי איז װאונדערלעך־שײן, אַז זי זינגט זײער זיס, אַז ער האָט זי ליב ביז משוגעת, אַז צוליב איר האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון זײן משפחה און פון זײן פאָטערלאַנד, אַז ער איז אַ מוזיקער און האָט ניט װאָס צו עסן. געריהרט פון אַזױפיל יונגשאַפט, אָפנהאַרציקײט, אָרעמקײט און ליבע, האָט זי אים געשפּײזט, געקלײדט און ליב געהאַט.

נאָך לאַנגע און פײנלעכע זוכענישן האָט ער דאָך געקראָגן געזאַנג־לעקציעס און פאַרדינט אַביסל געלט, װאָס ער האָט עס געבראַכט זײן געליבטער, ניט איבערצולאָזן גאָרנישט פאַר זיך. פון דעמאָלט אָן האָט זי אױפגעהערט אים ליב צו האָבן. זי האָט דערפילט צו אים פאַראַכטונג פאַר זײן פאַרדינען אַזױ װײניק און אים קלאָר געװיזן איר גלײכגילטיקײט, איר מידיקײט און איר אָפּקערונג. זי האָט אים פאַרװאָרפן מיט טענות, שטעכװערטלעך און באַלײדיקונגען. דאָך האָט זי אים נאָך אַלץ געהאַלטן, װײל מיט אַנדערע האָט זי נאָך װײניקער געקאָנט זיך צוזאַמענלעבן און װײל זי האָט זיך שױן געהאַט צוגעװײנט צו אָט־די הײמישע קריגערײען; דערצו נאָך האָט זי, אַן אַרטיסטין און אַ פרױ, געפירט אױסער דער הײם אַ זײער אַקטיװ, אַ זײער ערנסט און אַ זײער שװער לעבן. טעאָפיל האָט זי ליב געהאַט, פונקט װי אין דער ערשטער נאַכט, און ער האָט געליטן.

— זי אַרבעט איבער די כחות, — האָט ער געזאָגט צו זײן הימלשן ברודער, — און דאָס מאַכט איר כאַראַקטער אַזױ שװער. איך בין אָבער זיכער, אַז זי האָט מיך ליב. איך האָף צו קאָנען אײנגיכן שאַפן פאַר איר אַ בעסער לעבן.

און ער האָט לאַנג גערעדט װעגן אַן אָפּערעטע, אױף װעלכער ער האָט געהאַלטן אין אַרבעטן, און װאָס ער האָט גערעכנט זי

אויפצופירן אין אַ פּאַריזער טעאַטער. אַ יונגער פּאָעט האָט אים געגעבן די ליברעטאָ. עס איז געווען די געשיכטע פון אַלינע, דער קיניגין פון גאָלקאָנדאַ, לויט אַ לעגענדע פון 18־טן יאָרהונדערט.

— מיט אַ פרייער האַנט, — האָט טעאָפיל געזאָגט, — פּאַרזיי איך אין איר מעלאָדיעס, איך שאַף די מוזיק מיט מיין האַרץ. מיין האַרץ איז אַ ניט־אויסשעפּלעכער קוואַל פון מעלאָדיעס. צום באַדויערן האָט מען אָבער היינט ליב געשולטע אָרגאַנזשירונגען, שווערע פּאַרטיטורן. זיי וואַרפן מיר פאָר, אַז איך בין צו פּליסיק, צו דורכזיכטיק, אַז מיין סטיל האָט ניט גענוג קאָלאָראַטור, אַז איך זוך ניט אַרויסצוקריגן פון דער האַרמאָניע גענוג שטאַרקע עפעקטן און איינדרוקפולע קאָנטראַסטן. האַרמאָניע, האַרמאָניע!... זי האָט אוודאי אירע פאַרדינסטן, זי רעדט אָבער גאָרנישט צום האַרצן, בעת די מעלאָדיע פירט אונז אַוועק אין אַנדערע וועלטן, פאַרכישופט אונז, רופט אַרויס אַ שמייכל אויף אונזערע ליפּן, פילט אָן אונזערע אויגן מיט טרערן.

ביי די דאָזיקע ווערטער האָט ער אי געשמייכלט, אי געוויינט אין זיך. דערנאָך האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט גפיל:

— איך בין אַ פאַנטאַן פון מעלאָדיעס. אָבער די אָרקעסט־רירונג — אָט דאָ ליגט די גאַנצע צרה! אין גן־עדן, ווייסטו דאָך, אַרקאַד, האָבן מיר ניט געהאַט קיין אַנדערע אינסטרומענטן, ווי נאָר די האַרף, דעם פּסאַלטער און דעם אָרגל.

אַרקאַד האָט אים געהערט מיט אַ האַלבן אויער. ער האָט געטראַכט פון די פּלענער, וואָס האָבן אָנגעפילט זיין נשמה און איבערגעלאָדן זיין האַרץ.

— קענסטו עפּעס ווידערשפּעניקע מלאכים? — האָט ער געפרעגט זיין חבר — איך קען נאָר איינעם, פּרינץ איסטאַר. איך האָב זיך מיט אים דורכגעשריבן און ער האָט מיר אָנגעבאָטן צו טיילן מיט אים זיין אויבערשטיבל, ביז וואַנען איך וועל געפינען אַ וואוינונג אין דער דאָזיקער שטאָט, וואו דאָס דירה־געלט, גלויב איך, איז זייער טייער.

טעאָפיל האָט ניט געקענט קיינעם פון די ווידערשפּעניקע מלאכים. ווען ער האָט באַגעגנט אַ געפאַלענעם גייסט, וואָס איז

אַמאָל געוועזן זיין חבר, האָט ער אים געדריקט די האַנט, ווייל ער איז געוועזן געטריי דער פריינטשאַפט. פון צייט־צו־צייט האָט ער אויך באַגעגנט פרינץ איסטאַר. ער האָט אָבער געוויכט פון אַט־די שלעכטע מלאכים, וואָס האָבן אים שאָקירט מיט דער ווילדקייט פון זייערע מיינונגען און וואָס זייערע שמועסן האָבן אים געשניטן ביים הארצן.

— שטימסטו, הייסט עס, מיט מיר ניט איין? — האָט געפרעגט דער היציקער אַרקאַד.

— פריינט, ניט איך שטים איין מיט דיר, ניט איך האָב צו דיר אַ טענה. איך פאַרשטיי אינגאַנצן ניט די אידייען, וואָס רעגן דיין געמיט. איך גלויב אויך ניט, אַז עס זאָל זיין גוט פאַר אַ קינסטלער צו פאַרנעמען זיך מיט פּאָליטיק. עס איז גאַנץ גענוג פאַר אים, ווען ער באַשעפטיקט זיך מיט זיין קונסט.

ער האָט ליב געהאַט זיין פאַך און געהאָפט דורכצוברעכן זיך אַמאָל אַ וועג, אָבער די טעאַטער־זיטן האָבן אים אָפּגעשטויסן. ער האָט ניט געזען פאַר זיך קיין אַנדער מעגלעכקייט אויפצופירן זיין פּיעסע, סיידן ער זאָל צונעמען איינעם, צוויי און אפשר גאָר דריי מיטאַרבעטער, וואָס זאָלן גאָרנישט ניט ביישטייערן צו דער פּיעסע, נאָר אונטערשרייבן זיך אינאיינעם מיט אים און טיילן די פאַר־דינסטן. אַט־באַלד וועט בושאָט אויך פאַרבלייבן ניט־אַנגאַזשירט. ווען זי האָט זיך פאַרגעשטעלט אין עפּעס אַ קליין טעאַטערל, האָט דער דירעקטאָר קודם כל זי אַ פרעג געטון, וויפיל אַקציעס זי וועט נעמען אין געשעפט. זייער מיאוסע זיטן, האָט טעאָפיל געטראַכט.

קאַפּיטל דרייצען

וואו מען הערט ווי דער שיינער ערץ־מלאך זיטאַ אַנטפּלעקט אירע חויבע כוונות און וואו מען זעט מיראַרס פליגל, צעגעסן פון מילבן אין אַ שאַפע.

ריידנדיק אַזוי, האָבן די צוויי ערץ־מלאכים דערגרייכט דעם בולוואַר ראַשואַר. ביים אָנבליק פון אַ שענקל, וואָס האָט אין נעפּיל געוואָרפן איבערן וועג אַ גאָלדיקן שיין, האָט טעאָפיל מיטאַמאָל זיך דערמאָנט אָן דעם ערץ־מלאך יתריאל, וועלכער האָט אין דער געשטאַלט פון אַ שיינער, אָרעמער פרוי געוואוינט אין מאָנמאַרטר, אין אַ מיזערנעם מעבלירטן צימער, און איז יעדן אָוונט געקומען אין אָט־דעם שענקל אַריין לייענען די צייטונגען. דער מוזיקער האָט זי דאָרט אָפט באַגעגנט. זי האָט זיך גערופן זיטאַ. ער איז קיינמאָל ניט געווען נייגעריק צו וויסן די מיינונגען פון אָט־דעם ערץ־מלאך, מען האָט זי אָבער געהאַלטן פאַר אַ רוסישע ניהיליסטין, האָט ער געגלויבט, אַז אויך זי, פונקט ווי אַרקאַד, איז אַטעאיסטיש און רעוואָלוציאָנער. ער האָט געהערט דערציילן וועגן איר מאָדנע מעשיות: מען האָט געזאָגט אויף איר, אַז זי איז געווען אַן אַנדריגונס, אַזביידע געשלעכטלעכע עלעמענטן — דער אַקטיווער און דער פּאַסיווער — זענען געווען אין איר פאַראייניקט אין אַ פעסטן גלייכגעוויכט און זי האָט, דעריבער, פאַרגעשטעלט אַ מוסטערהאַפטיק וועזן, וואָס האָט אין זיך אַליין געפונען אַ שטענדיקע און פולשטענדיקע באַפרידיקונג, כאָטש אומגליקלעך אין זיין גליק ניט צו וויסן פון פאַרלאַנג.

— אָבער, — האָט טעאָפיל צוגעגעבן, — איך בין אין דעם שטאַרק מסופק. איך גלויב, אַז זי איז אַ פרוי און איז אונטער־געוואָרפן דער ליבע אַזוי ווי אַלצדינג, וואָס אָטעמט אין דעם אוניווערז. אגב, האָט מען זי איינמאָל געכאַפּט, שיקנדיק לופט־קושן אַ געזונטן פויער־יונג.

ער האָט אָנגעבאָטן זיין חבר, ער זאָל אים פאַר איר פאָרשטעלן.

די צוויי מלאכים האבן זי געטראפן איינע אליין, לייענענדיק
ציי‌טונגען. ווען זיי זיינען צוגעקומען נאענט, האט זי אויפגעהויבן
אויף זיי א פאר גרויסע אויגן, וואס דאס פליסיקע גאלד אין זיי
האט געשפריצט מיט פונקען ליכט. אירע ברעמען האבן פאר־
מירט יענעם שטרענגען איינקארב, וואס מען זעט אים אויפן שטערן
פון דעם פיטיאנישן אפאלא, איר פולקומע נאז איז געגאנגען אראפ
אין א גלייכער ליניע; אירע צוזאמענגעדריקטע ליפן האבן צוגע־
געבן איר גאנצן געזיכט דעם אויסדרוק פון חוצפהדיקער פארריסנ־
קייט. אירע געלברוינע האר, מיט א שימערדיקן אפגלאנץ, זענען
געווען צונויפגענומען אונטער א שווארצן הוט, וואס האט נאכ־
לאזיק געטראגן אויף זיך די צעלומפטע רעשטלעך פון א גרויסן
רויבפויגל; אירע קליידער, טונקעלע און פארמלאזע, זענען אויף איר
לויז ארונטערגעהאנגען. זי האט געהאלטן איר קין אנגעשפארט
אויף א קליינער פארנאכלעסיקטער האנט.

ארקאד, וועלכער האט אנומעלטן געהאט געהערט ריידן פון אט־
דעם מעכטיקן ערץ־מלאך, האט איר ארויסגעוויזן גרויס אכטונג
און פולשטענדיקן צוטרוי, און גלייך אויפן ארט איר דערציילט
וועגן דעם פארטשריט פון זיין שכל צו וויסן און פרייהייט, וועגן
זיינע אשמורות אין דער ביבליאטעק פון די ד'עספארוויעס, וועגן
זיין לייענען פילאזאפישע ווערק, וועגן זיין שטודירן די נאטור,
וועגן זיין ארבעטן אויף עקזעגעטיקע, וועגן זיין צארן און פאר־
אכטונג, ווען ער האט דערקענט די ליגנס פון דעם הימלשן דע־
מיאורג, וועגן זיין פרייוויליקן גלות צווישן מענטשן און וועגן זיין
פלאן אויפצוהויבן דעם אויפשטאנד אין די הימלען. גרייט צו
וואגן אויף אלץ קעגן א גרויזאמען הערשער, וואס ער האט אים
פארפאלגט מיט א ניט־געשטילטן האס, האט ער אויסגעדריקט זיין
טיפע פרייד צו באגעגענען אין יתריאלן א גייסט, וואס איז פייאיק
אים צו ראטן און צו שטיצן אין דער גרויסער אונטערנעמונג.

— איר זענט נאך ניט זייער אלט אין דער רעוואלוציע, —
האט אים זיטא געזאגט מיט א שמייכל.

זי האט פונדעסטוועגן ניט געצווייפלט ניט אין דער אויפריכ־
טיקייט, אזוי אויך ניט אין דער פעסטקייט פון דעם באשלוס, וואס

ער האָט איר דערקלערט, און זי האָט אים באַגריסט מיט זיין איינ־טעלעקטועלן מוט.

— אָט־דאָס טאַקע פעלט צום מערסטן אונזער פאָלק, — האָט זי געזאָגט, — עס דענקט ניט.

און כמעט גלייך נאָך דעם האָט זי צוגעגעבן:

— אָבער אויף וואָס זאָל זיך שאַרפן דער שכל אין אַ לאַנד, וואו דער קלימאַט איז אַזוי מילד און דאָס לעבן אַזוי גרינג? אפילו דאָ, וואו די נויט טרייבט דעם שכל צו זיין אַקטיוו, איז ניט צו טרעפן קיין זעלטענערע זאַך ווי אַ מענטש, וואָס דענקט.

— פונדעסטוועגן, — האָט מאַריסעס שוץ־מלאך געענטפערט, — האָבן די מענטשן געשאַפן די וויסנשאַפט. עס איז זייער וויכטיק אַריינצוברענגען זי אין הימל. ווען די מלאכים וועלן באַקומען אַ ידיעה אין פיזיקע, כעמיע, אַסטראָנאָמיע און פיזיאָלאָגיע, ווען דאָס שטודירן די מאַטעריע וועט זיי ווייזן וועלטן גאַנצע אין אַן אַטאָם און אַן אַטאָם אין מיריאַדן זונען, ווען זיי וועלן זיך דערזען, פאַר־לוירענע צווישן אָט־די צוויי אומענדלעכקייטן, ווען זיי וועלן וועגן און מעסטן די שטערן, אַנאַליזירן זייער סובסטאַנץ און אויסרע־כענען זייערע לויף־קרייזן, דעמאָלט וועלן זיי אָנהויבן גלויבן, אַז די דאָזיקע מאָנסטערס זענען אונטערגעוואָרפן אונטער כוחות, וואָס קיין שכל קאָן זיי ניט דעפינירן, אָדער אַז יעדערער פון זיי האָט זיין אָרטיקן דעמאָן, זיין היימישן גאָט, און זיי וועלן באַגרייפן, אַז די געטער פון אַלדעבאַראַן, פון בעטלגייז און פון סיריוס זענען גרע־סער פון יאַלדאַבאַאָט. און ווען זיי דערנאָך וואַרפן אַ דורכדרינג־לעכען בליק אויף דעם קליינעם וועלטל, צו וועלכן זיי פאַרבלייבן צוגעבונדן, און פונאַנדערשפּאַלטן די קאָרע פון דער ערד, וועלן זיי איינזען די לאַנגזאַמע עוואָלוציע פון איר חיה־שער און פון איר פלאַנצן־וועלט, דעם פרימיטיוון צושטאַנד פון דעם מענטשן, וואָס האָט אין זיין מקום מקלט אונטער אַ פעלז און אין זיינע ישובים אויפן וואַסער ניט געהאַט קיין אַנדער גאָט, אחוץ זיך אַליין; און וועלן זיי ווייטער האָבן אַנטדעקט, אַז דער בונד פון אַלוועלטלעכער קרובהשאַפט האָט זיי פאַראייניקט מיט פלאַנצן, חיות און מענטשן. וואָס מחמת דעם האָבן זיי נאָכאַנאַנד אָנגענומען אַלע פאָרמען פון

אָרגאַנישן לעבן, אָנגעהויבן פון די סאַמע פּשוטע און סאַמע פּרי־מיטיווע, כּדי סוף־כּל־סוף צו ווערן די שענסטע קינדער פון דער זון, וועלן זיי אָנערקענען, אַז יאַלדאַבאַאָט, אַן אומבאַדייטלעכער דעמאָן פון אַ קליינער וועלט, וואָס איז פאַרלוירן אין רוים, פאַר־פירט זיי, ווען ער פּרעטענדירט, אַז זיי זענען דורך זיין וואָרט ארויסגעקומען פון גאָרנישט, אַז ער זאָגט ליגן, אָנרופנדיק זיך דער אומענדלעכער, דער אייביקער, דער אַלמעכטיקער, און אַז ניט נאָר האָט ער ניט באַשאַפן די וועלטן, נאָר ער ווייס אַפילו ניט זייער צאָל און זייערע געזעצן; זיי וועלן זיך ארומזען, אַז ער איז גע־גליכן צו איינעם פון זיי, זיי וועלן אים פאַראַכטן, זיי וועלן פונאַנ־דערטרייסלען זיין טיראַניי און אים אַראָפּשליידערן אין שאול תחתיה אריין, ווי ער אַליין האָט עס געטון מיט אַזוינע, וואָס זענען אַ סך ווערדיקער פאַר אים.

— גלויבט איר טאַקע אויף אַן אמתן אין דעם? — האָט זיטאַ געפרעגט, בלאָזנדיק דעם רויך פון איר ציגאַרעט — אָבער דיזועלביקע וויסנשאַפטן, וואָס מיט זייער הילף רעכנט איר צו באַפרייען די הימלען, האָבן דאָך ניט אויסגעראָטן דאָס רעליגיעזע געפיל אויף דער ערד. אין די לענדער, וואו זיי זענען אויפגעקומען און וואו מען לערנט פיזיקע, כעמיע, אַסטראָנאָמיע און געאָלאָגיע, וואָס איר גלויבט, אַז זיי זענען פעיאיק צו דערלייזן די וועלט, האָט די קריסטלעכקייט דערהאַלטן כמעט איר גאַנצע הערשאַפט. אויב די פּאָזיטיווע וויסנשאַפטן האָבן אַזאַ שוואַכע השפּעה אויף דעם מענטשנס גלויבעניש, ליגט זיך ניט אויפן שכל, אַז אָט־די השפּעה זאָל זיין גרעסער אויף די מיינונגען פון די מלאכים, און קיין זאַך איז ניט אַזוי אומזיכער, ווי די ווירקזאַמקייט פון וויסנשאַפטלעכער פּראָפּאַגאַנדע.

— וואָס! — האָט אַקראַד אויסגערופן — איר לייקנט, אַז די וויסנשאַפט האָט געגעבן דער קירך אַ טויט־קלאַפּ? איז דאָס מעג־לעך? די קירך האָט ווענן דעם גאָר אַן אַנדער מיינונג. די וויסנ־שאַפט, וואָס האָט, ווי איר גלויבט, קיין שום מאַכט ניט איבער איר, שרעקט זי אָפּ, — אַ סימן, אַז זי איז זי מחרים. זי פאַרדאַמט אַלע אירע אויפקלערונגען, פון גאַליליים דיאַלאָגן ביז צו די קליינע האַנט־

ביכלעך פון מאַסיע אַלאַר. און זי טוט עס ניט אומזיסט. אמאָל, ווען די קירך איז באַשטאַנען פון אַלץ, וואָס עס איז געווען גרויס אין דעם מענטשלעכן געדאַנק, האָט זי געהערשט סיי איבער דעם מענטשנס גוף, סיי איבער זיין נשמה, און דורך אייזן און פייער אַרויפגעצוואונגען די אחדות פון געהאַרכיקייט. היינט איז איר מאַכט ניט מער ווי אַ שאָטן און די אויסדערוויילטסטע גייסטער האָבן זיך אָפּגעקערט פון איר. אָט־דאָס איז דער צושטאַנד, צו וועלכן די וויסנשאַפט האָט זי געבראַכט.

— עס קאָן אפשר זיין, — האָט דער שיינער ערץ־מלאך געענטפערט, — אָבער ווי לאַנגזאַם דאָס איז געשען! וויפיל גלגולים מען האָט געמוזט אדורכגיין! וויפיל אָנשטרענגונג און וויפיל קרבנות דאָס אַלץ האָט אָפּגעקאָסט!

זיטאַ האָט ניט פאַרלייקנט אינגאַנצן די וויסנשאַפטלעכע פּראָפּאַגאַנדע, זי האָט אָבער ניט ערוואַרט פון איר קיין שנעלע און זיכערע רעזולטאַטן. פאַר איר איז דאָ ניט געווען קיין פראַגע ווענן אויפקלערן די מלאכים; עס האָט זיך געהאַנדלט אין זייער באַפרייאונג. לויט איר מיינונג, האָט מען אַנדערש ניט געקאָנט אויסאיבן קיין שטאַרקן איינפלוס אויף יחידים, ווער זיי זאָלן ניט זיין, ווי נאָר דורך אויפרייצן אין זיי די ליידנשאַפטן און דורך ווענדן זיך צו זייערע אינטערעסן.

— איינצורעדן די מלאכים, אַז זיי וועלן זיך באַדעקן מיט גלאָריע, ווען זיי וועלן אַרונטערוואַרפן דעם טיראַן, און וועלן זיין גליקלעך, ווען זיי וועלן ווערן פריי, אָט־דאָס איז די פּראַקטישסטע זאַך, וואָס מען דאַרף אונטערנעמען. איך, פון מיין זייט, טו אין דעם פּרט אַלץ, וואָס איך בין נאָר בכוח. עס איז אוודאי ניט פון די גרינגע זאַכן, ווייל דאָס קיניגרייך פון די הימלען איז אַ מיליטערישע אויטאָקראַטיע און עס איז דאָרט ניטאָ קיין עפנטלעכע מיינונג. ניט געקוקט אָבער אויף דעם אַלעם, גיב איך ניט אויף די האָפענונג אָנצוהויבן דאָרט אַ באַוועגונג פון אידייען. איך קאָן זאָגן אָן באַרימעריי, אַז קיינער קען ניט אַזוי גוט ווי איך די פאַרשיידענע קלאַסן פון דער מלאכישער געזעלשאַפט.

זיטאַ האָט אוועקגעוואָרפן איר ציגאַרעט און זיך פאַרטראַכט

א ווײלע; דערנאָך, אינמיטן דער קלאַפּערײ פון די בײנערנע קוילן, וואָס האָבן זיך געקײקלט איבער דעם ביליאַרד־טיש, אינמיטן דער קלינגערײ פון די גלעזער, אינמיטן די אָפּגעהאַקטע אויסרופן פון די שפּילער און די מאָנאָטאָנע ענטפערס פון די קעלנער צו די געסט, האָט דער ערץ־מלאך אויסגערעכנט די גאַנצע באַפעלקערונג פון די גלאָררײכע גײסטער:

— מען דאַרף ניט רעכענען אויף די הערשאַפטן, די טוגענדן און די מאַכטיקײטן, וואָס שטעלן פאָר די הימלישע קלײן־בורזשואַזיע. עס איז איבעריק דאָס אײך צו זאָגן, ווײל אײך איז ניט ווײניקער ווי מיר באַוואוסט דער עגאָאיזם, די נידעריקײט און די שרעקעדיקײט פון דעם מיטעלן שטאַנד. וואָס איז שײך די פּני, די מיניסטאָרן, די גענעראַלן — די טראָנען, די כרובים און די שרפים — קענט איר זײ דאָך: זײ וועלן פאַרבלײבן זיצן מיט פאַרלײגטע הענט. זאָלן מיר אָבער ווערן די שטאַרקערע, וועלן מיר זײ האָבן אויף אונזער זײט: אויב די אויטאָקראַטן לאָזן זיך ניט אַזוי גרינג אומוואַרפן, זענען זײ אָבער אײנמאָל געפאַלן, אַזוי קערן זיך אַלע זײערע קרעפטן אום קעגן זײ. עס וועט זײן אַ גוטע זאַך צו אַרבעטן אויף דער אַרמײ. ווי געטרײ זי זאָל ניט זײן, וועט זי זיך לאָזן נעמען פון אַ געשיקטער אַנאַרכיסטישער פּראָפּאַגאַנדע. אָבער אונזער גרעסטע און אונאויפהערלעכסטע אָנשטרענגונג דאַרפן מיר אָנווענדן אויף די מלאכים פון אײער קאַטעגאָריע, אַרקאַד, אויף די שוץ־מלאכים, וואָס אַזאַ גרויסע צאָל זײערע וואוינט אויף דער ערד. זײ פאַרנעמען די נידעריקסטע ראַנגן פון דער יעראַרכיע, זענען דאָס רוב אומצופרידן מיט זײער גורל און מער אָדער ווײניקער דורכגעדרונגען מיט די אידײען פון דער הײנטיקער צײט.

זי האָט זיך שוין געהאַט צונויפגערעדט מיט די שוץ־מלאכים פון מאָנמאַרטר, פון גליניאַנקור און פון לע־פּיל־דיו־קאַלווער. זי האָט פאַרטראַכט דעם פּלאַן צו שאַפן אַ גרויסן פאַרבאַנד פון גײסטער אויף דער ערד מיטן ציל צו באַזיגן דעם הימל.

— כדי דאָס דורכצופירן, — האָט זי געזאָגט, — האָב איך זיך אײנגעסטאַלירט אין פראַנקרײך. ניט דערפאַר האָב איך עס געטון, ווײל איך האָב געהאַט די נאַרישקײט צו גלויבן, אַז אין אַ רעפּובּ־

ליק וועל איך זיך פילן פרייער ווי אין א מאָנאַרכיע. אדרבה, עס איז גאָר ניטאָ קיין לאַנד, וואו די פּערזענלעכע פרייקייט ווערט ווייניקער רעספּעקטירט ווי אין פראַנקרייך. אָבער דאָס פאָלק איז דאָ גלייכגילטיק צו דעם ענין רעליגיע, און דעריבער וואָלט איך אין ערגעץ ניט געקאָנט זיין אזוי רואיק ווי דאָ.

זי האָט פאַרגעשלאָגן אַרקאַדן, ער זאָל פּאַראייניקן זיינע כוחות מיט אירע, און זיי האָבן זיך געשיידט אין דרויסן, ווען דער בלעכענער לאָדן האָט שוין, קראַכנדיק, זיך אַרונטערגעלאָזן איבער דער טיר פון שענק.

— קודם כל, — האָט זיטאַ געזאָגט, — איז נויטיק, אַז איר זאָלט זיך באַקענען מיט דעם גערטנער נעקטאַר. איך וועל אייך אמאָל נעמען צו אים, אין זיין דאָרפיש שטיבל.

טעאָפיל, וואָס איז אָפּגעשלאָפן די גאַנצע צייט פון שמועס, האָט געבעטן זיין פריינט, ער זאָל מיטגיין צו אים אהיים רויכערן א ציגאַרעט. ער האָט געוואוינט גאָר נאָענט, אויפן ראָג פון דעם קליינעם געסל, רו דע־סטיינקערק, וואָס מען האָט עס פון בולוואַר אַרויסגעזען.

אַרקאַד וועט זען בושאָט; זי וועט אים געפעלן.

זיי האָבן זיך אויפגעהויבן אויפן פינפטן גאָרן. בושאָט איז נאָך ניט געווען געקומען אהיים. א געעפנט בלעכל סאַרדינען איז געלעגן אויף דער פּיאַנע. רויטע זאָקן האָבן זיך געוואַלגערט אויף די געבעטע שטולן.

— עס איז דאָ קליין, אָבער אַנגענעם, — האָט טעאָפיל געזאָגט.

און אַרויסקוקנדיק דורכן פענצטער, וואָס איז אַרויס צו דער ברוינלעכער נאַכט, פול מיט ליכט־פּליאַמעס, האָט ער צוגעגעבן:

— מען זעט פון דאַנען די קירך פון „היילִיקן האַרץ".

מיט דער האַנט אויף אַרקאַדס אַקסל, האָט ער עטלעכע מאָל איבערגעחזרט:

— איך בין צופרידן דיך צו זען.

דערנאָך האָט ער אַריינגעשלעפּט זיין חבר פון אמאָליקער גלאָריע אין קאָרידאָר, לעבן דער קיך, האָט דאָרט אַוועקגעשטעלט

דעם לייכטער, אַרויסגענומען פון קעשענע אַ שליסל, אויפגעעפנט די וואַנט־שאַפע און, אויפהויבנדיק אַ לייוונט, אַפּגעדעקט צוויי גרויסע פליגל.

— זעסטו, — האָט ער געזאָגט, — איך האָב זיי באַהאַלטן. פון צייט־צו־צייט, ווען איך בין אַליין, נעם איך קוקן אויף זיי. עס פאַרשאַפט מיר פאַרגעניגן.

און ער האָט אויסגעווישט זיינע רויט־געוואָרענע אויגן.

נאָך עטלעכע רגעס פון רירנדיקן שטילשווייגן האָט ער צוגע־טראָגן דאָס ליכט נעענטער צו די לאַנגע פעדערן, וואָס דער פוך איז פון זיי ערטערווייז אָפּגעקראָכן.

— זיי ווערן אויסגעגעסן, — האָט ער אַרויסגעשטאַמלט.

— מען דאַרף זיי באַשיטן מיט פעפער, — האָט אַרקאַד גע־זאָגט.

— איך האָב עס שוין געטון, — האָט דער מלאך דער מוזיקער געענטפערט מיט אַ זיפץ, — איך האָב זיי שוין באַשאָטן מיט פעפער, מיט קאַמפאַר, מיט פאַרשיידענע זאַלצן, אָבער קיין זאַך העלפט ניט.

קאַפּיטל פערצען

וואָס ווייזט אונז דער כרוב, ווי ער אַרבעט אויפן גליק פון דער מענטשהייט, און ענדיקט זיך העכסט־משונהדיק מיט דעם וואונדער פון דער פליט.

די ערשטע נאַכט פון זיין אָננעמען אַ מענטשלעכע געשטאַלט איז אַרקאַד געשלאָפן ביים מלאך איסטאַר, אין אַ בוידעם־שטיבל אויף דער שמאָלער און פינצטערער רו מאַזאַרין, וואָס הויערט אין שאָטן פון דעם אַלטן „אינסטיטוט פון פראַנקרייך". איסטאַר, וואָס האָט געהאַט געוואַרט אויף אים, האָט צוגעשאַרט צו דער וואַנט די מטלטלין פון זיין וואוינונג: די צעבראָכענע רעטאָרטן, די געפּלאַצטע טעפּ, די שטיקלעך פלעשער, דאָס ברוכוואַרג פון אייזערנע אויוונס, — און אויסגעשפּרייט אויפן דיל זיינע קליידער פאַר אַ געלעגער, אָפּטרעטנדיק דעם גאַסט דאָס הימלבעטל מיטן שטרויזאַק.

די הימלשע גייסטער אונטערשיידן זיך איינס פון צווייטן אין אויסזען, לויט דער יעראַרכיע און לויטן כאָר, צו וועלכע זיי געהערן, און לויט זייער אייגענער נאַטור. זיי זענען אַלע שיין, אָבער ניט מיט איין־און־דעמזעלביקן מין שיינקייט, און ניט אַלע אַנטפּלעקן זיי פאַרן אויג די ווייכע רונדיקייט און די שמייכלדיקע חן־גריבעלעך פון קינדערשער ראָזיקער נאַקעטקייט, וואָס שפּילט און מינעט זיך מיט פּערלמוטערנעם אַפּגלאַנץ. ניט אַלע באַצירן זיי זיך אויך, אין זייער אייביקער יוגנט, מיט דער סוגעסטיווער שיינקייט, וואָס די גריכישע קונסט, ביי איר פאַרגיין, האָט זי אַריינגעגעבן אין די געלאָבטסטע פון אירע מירמלשטיינערנע סטאַטוען און וואָס די קריסטלעכע מאָלעריי האָט אַזוי פיל מאָל געפּרואווט מיט אַ ניט־זיכערער האַנט אויסדריקן אין אירע פאַרצערטלטע און פאַרשלייערטע בילדער. עס זענען פאַראַן צווישן זיי אַזוינע, וואָס זייערע גאָמבעס בליִען מיט קאַלטענעוואַטע בערד און זייערע גלידער זענען אויסגעשטאַט מיט אַזוינע מוסקעלן, אַז עס דאַכט זיך, ווי שלענג וואָלטן זיך געקנוילט אונטער זייער הויט. אייניקע האָבן אינגאַנצען ניט

קיין פליגל, אנדערע האבן צו צוויי, צו פיר, אדער צו זעקס; נאך אנדערע, ווידער, זענען ניט מער ווי נאר א קאמבינאציע פון פליגל; א סך פון זיי, וואס געהערן דווקא ניט צו די ווייניקער בארימטע, שטעלן פאר גרויסארטיקע מאנסטערס, אזוינע ווי די צענטאווערן פון דער לעגענדע; מען טרעפט אויך צווישן זיי אפילו אזוינע, וואס זענען לעבעדיקע רייטוואגנס מיט רעדער פון פייער. א מיטגליד פון דער העכסטער הימלשער יעראַרכיע, האט איסטאר געהערט צום כאר פון די כרובים, וואס זענען איבער זיך ניט מער ווי נאר די שרפים. ווי אלע גייסטער פון דעם דאזיקן ראנג, האט ער פריער, אין די הימלען, באקליידט דעם גוף פון א באפליגלטן אקס, וואס האט געהאט אויף זיך א מענטשלעכן קאפ מיט א בארד און מיט הערנער, טראגנדיק אויף זיינע לענדן די אטריבוטן פון שפעדיקער פרוכטבארקייט. גרעסער און שטארקער פון יעדער ערדישער חיה, האט ער מיטן שאטן פון זיינע פונאנדערגעשפרייטע פליגל צוגעדעקט זעכציק ערץ־מלאכים. אזא אין געווען איסטאר אין זיין פאטערלאנד; ער האט דארט ארויסגעשיינט מיט שטאר־קייט און אנגענעמלעכקייט. זיין הארץ איז געווען אומדערשראקן און זיין נשמה פול מיט גוטן ווילן. אין יענער צייט האט ער ליב געהאט זיין האר, גלויבנדיק אין זיין גוטסקייט, און ער האט געדינט צו אים מיט טריישאפט. אבער שוין היטנדיק די שוועל פון זיין האר, פלעג ער שטענדיק טראכטן וועגן דער שטראף פון די ווידערשפעניקע מלאכים און וועגן חווהס קללה. זיין געדאנק איז געווען פאמעלעכדיק, אבער טיף. ווען נאך א לאנגער ריי יאר־הונדערטער האט ער זיך איבערגעצייגט, אז אינאיינעם מיט דער וועלט האט יאלדאבאאט אויך באשאפן דאס בייז און דעם טויט, האט ער אויפגעהערט אים צו פארערן און אים צו דינען. זיין ליבע איז פארביטן געווארן אויף שנאה, זיין פארערונג אויף פאר־אכטונג. ער האט אויסגעשריגן זיין אפשיילעכקייט אים אין פנים אריין און איז אנטלאפן אויף דער ערד.

אנגענומען א מענטשלעכע געשטאלט און אראפגעזעצט צו דער גרייס פון די בני־אדם, האט ער נאך אלץ אויפגעהיט די כאראקטער־שטריכן פון זיין ערשטער נאטור. זיינע גרויסע בולטע אויגן, זיין

שנאָבלדיקע נאָז, זיינע דיקע ליפּן, איינגעראַמט אין אַ שוואַרצער באָרד, וואָס האָט אין לאָקנס זיך אַרונטערגעלאָזן אויף זיין ברוסט, האָבן דערמאָנט אָן די כרובים פון יעהאָוואַס משכן, וואָס די אָקסן פון נינווה גיבן אונז פון זיי אַ גאַנץ געטרייע פאָרשטעלונג. אויף דער ערד, ווי אויפן הימל, האָט ער געטראָגן דעם נאָמען איסטאַר, און כאָטש ער האָט ניט פאַרמאָגט קיין פּוסטע גאווה און איז געווען פריי פון אַלע געזעלשאַפטלעכע פאָראורטיילן, דאָך האָט ער אָפּן דערקלערט זיין הויכן ראַנג אין דער הימלשער יעראַרכיע, אין וועלכן זיין יחוס האָט אים געהאַט אוועקגעשטעלט: ער האָט דעם טיטל כרוב איבערגעזעצט דורך אַ גלייכבאַדייטנדיקן טיטל אין פראַנצויזישן, אָנרופנדיק זיך פּרינץ איסטאַר, — און געטון האָט ער עס מחמת זיין שטאַרקן באַגער אַרויסצואַווייזן אויפריכטיקייט און וואָרהאַפטיקייט אין יעדער זאַך.

אויסגעקליבן זיין וואוינאָרט צווישן מענטשן, האָט אין אים דערוואַכט אַ הייסע ליבע צו זיי. און בעת ער האָט געוואַרט אויף דער שעה צו באַפרייען די הימלען, האָט ער דערווייל נאָכגעקלערט, ווי אַזוי צו דערלייזן די באַנייטע מענטשהייט, און איז געווען להוט חרוב צו מאַכן אָט־די זינדיקע וועלט, כדי אויף איר אַש, אונטער די קלאַנגען פון דער לירע, דערהויבן די שטאָט, וואָס שטראַלט מיט פרייד און ליבע. אַ בעמיקער אויף געהאַלט ביי אַ דראָגן־הענדלער, האָט ער געלעבט אָרעמלעך. ער האָט מיטגעאַרבעט אין ליבעראַלע צייטונגען, האָט גערעדט אויף עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען און איז ווי אַן אַנטימיליטאַריסט ניט איינמאָל פאַרמשפּט געוואָרן צו עטלעכע חדשים געפענקעניש.

איסטאַר האָט אויפגענומען זיין ברודער אַרקאַד גאַנץ פריינטלעך, האָט אים געלויבט פאַר זיין אָוועקרייסן זיך פון דער פאַרברעכערישער פּאַרטיי און אים דערציילט וועגן די פּופציק קינדער פון הימל, וואָס האָבן אַראָפּגענידערט אויף דער ערד און געשאַפן לעבן וואַל־דע־גראַס אַ קאָלאָניע, וואָס איז דורכגענומען מיט גרויס באַגייסטערונג.

— עס רעגנט איצט מיט מלאכים אויף פּאַריז, — האָט ער געזאָגט, לאַכנדיק, — יעדן טאָג פאַלט עפּעס אַ הויכווערדיקער פון

הייליקן פּאַלאַץ אונז אַרונטער אויפן קאָפּ, און אינגיכן וועט דער סולטאַן פון די הימלשע חיילות מער ניט האָבן קיין אַנדערע וויזירן און וועכטער, ווי נאָר דאָס קליינוואַרג מיט די נאַקעטע הינטנס, וואָס וועלן נאָך פאַרבלייבן אין זיינע טויבנשלאַקן.

פאַרוויגט פון אָט די גליקלעכע נייס, איז אַרקאַד איינגע־שלאָפן, פול מיט פרייד און האָפענונג.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט מיטן טאָג און דערזען פרינץ איסטאַרן, אָנגעבויגן איבער זיינע אויוונס, זיינע רעטאָרטן און זיינע באַלונען. פרינץ איסטאַר האָט געאַרבעט אויפן גליק פון דער מענשהייט.

יעדן פרימאָרגן האָט אַרקאַד, אויפכאַפּנדיק זיך פון שלאָף, געזען, ווי פרינץ איסטאַר טוט זיין אַרבעט פון צערטלעכקייט און ליבע. אַמאָל האָט דער כרוב, איינגראָבנדיק דעם קאָפּ אין די הענט, געמורמלט שטילערהייט פאַר זיך כעמישע פאָרמעלן; אַן אַנדערט מאָל איז ער געשטאַנען אויסגעצויגן אין זיין גאַנצער הייך, ווי אַ פינצטערע וואָלקנזייל, דער קאָפּ, די אָרעמס, דער גאַנצער ביוסט אַרויסגעשטעקט דורך דעם פענצטערל אין סופיט, און האָט אַרויס־געשטעלט אויפן דאַך זיין שמעלצטאָפּ, ווייל ער האָט געהאַט געלעבט אונטער דער שטענדיקער געפאַר און מורא פון אַ רעוויזיע. געריירט פון גרויס רחמנות אויף דעם עלנד פון דער וועלט, וואו ער האָט אָפּגעריכט גלות, באַוואוסטזיניק אפשר אויף די קלאַנגען, וואָס זיין נאָמען האָט אַרויסגערופן, און באַרוישט פון זיינע אייגענע גוטע מידות, איז ער געוואָרן דער אַפּאָסטל פון דער מענטשהייט, האָט פאַרנאַכלעסיקט די צילן, וואָס ער האָט זיך געהאַט געשטעלט ביים אַרונטערפאַלן אויף דער ערד, און ניט געטראַכט מער וועגן דער באַפרייאונג פון די מלאכים. אַקעגן־אָבער אַרקאַד, וואָס האָט גאָר פון קיין אַנדער זאַך ניט געטראַכט, ווי נאָר פון זיין טריאומפירנדיקן אַריינטריט אין דעם באַזיגטן הימל, האָט פאַרגעוואָרפן דעם כרוב, וואָס ער האָט פאַרגעסן אָן הימלשן פאָטערלאַנד. פרינץ איסטאַר האָט זיך הויך פונאַנדערגעלאַכט מיט זיין אומהיימלעכן און נאַאיוון

געלעכטער און זיך מודה געווען, אַז די מלאכים זענען ביי אים ניט בילכער פון די מענטשן.

— אויב איך מי זיך, — האָט ער געענטפערט זיין הימלשן פריינט, — אַרויסצורופן אַן אויפשטאַנד אין פראַנקרייך און אין אייראָפּע, איז עס נאָר דערפאַר, ווייל דער טאָג גייט אויף, וואָס וועט זען דעם טריאומף פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. עס איז אַ פּאַרגעניגן צו זייען אויף אַט־דעם אַזוי טיף־צעאַקערטן באָדן. די פראַנצויזן, וואָס זענען איבערגעגאַנגען פון פעאָדאַליזם צו דער מאָנאַרכיע און פון דער מאָנאַרכיע צו דער פינאַנציעלער אָליגאַרכיע, וועלן לייכט איבערגיין פון דער פינאַנציעלער אָליגאַרכיע צו אַנאַרכיע.

— סאַראַ טעות עס איז, — האָט אַרקאַד אָפּגעענטפערט, — צו גלויבן אין דער מעגלעכקייט פון גרויסע און פּלוצלינגדיקע ענדערונגען אין דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג פון אייראָפּע! די אַלטע געזעלשאַפט איז נאָך יונג אין מאַכט און אין כוחות. די מיטלען אויף צו פאַרטיידיקן זיך, וואָס זי האָט אין איר רשות, זענען מאַוויימדיקע. אַקעגן־אַבער דער פּראָלעטאַריאַט פּלאַנט ערשט צו שאַפן אַ שוץ־אָרגאַניזאַציע און ברענגט מיט אין קאַמף ניט מער ווי שוואַכקייט און בהלה. אין אונזער הימלשן פאָטערלאַנד גייט עס צו גאַנץ אַנדערש: אונטער דעם דרויסנדיקן שיין פון אומפאַרענדערלעכקייט איז דאָרט אַלץ דורכגעפוילט, און איין שטויס מיטן אַקסל איז גענוג אויף אומצואוואַרפן אַט־דעם בנין, וואָס איז זינט מילי־מיליאַסן יאָרן ניט באַרירט געוואָרן. אַן אַלטע אַדמיניסטראַציע, אַן אַלטע אַרמיי, אַלטע פינאַנצן, — אַלצדינג איז דאָרט דורכגעוועריממט נאָך מער ווי די רוסישע אָדער די פּערזישע אויטאָקראַטיע.

און דער ליבלעכער אַרקאַד האָט באַשוואוירן דעם כרוב צו קומען פריער צופליען צוהילף זיינע ברידער, וואָס אין די ווייכע וואָלקנס, אונטערן קלאַנג פון די ציטערן, צווישן די בעכערס גן־עדנישער ווייַן איז זייער עלנד אַ סך גרעסער ווי פון די מענטשן, וואָס זענען געצווינגען איבער דער קאַרגער ערד: די לעצטע האָבן, ווייניקסטנס, אַ השגה פון גערעכטיקייט, בעת די מלאכים פרייען זיך אין אומרעכט. ער האָט אים צוגערעדט צו באַפרייען דעם פּרינץ פון ליכטיקייט, איינ־

איינעם מיט זיינע שוועד־געשטראָפטע חברים, און זיי איינשטעלן צוריק אין זייער אַמאָליקער גלאָריע.

איסטאַר האָט זיך געלאָזט איבעררעדן. ער האָט צוגעזאָגט צו שטעלן די איבערצייגנדיקע מתיקות פון זיינע ווערטער און די אויס־געצייכנטע פאָרמעלן פון זיינע אויפרייס־שטאָפן אין דינסט פון דער הימלישער רעוואָלוציע. ער האָט צוגעזאָגט.

— מאָרגן, — האָט ער געזאָגט.

און אויפן צווייטן טאָג האָט ער ווייטער אָנגעפירט זיין אַנטי־מיליטאַריסטישע פּראָפּאַגאַנדע אין איסי־לע־מולינאָ. באַגלייך מיטן טיטאַן פּראָמעטעאוס, האָט אויך איסטאַר ליב געהאַט די מענטשן.

אונטערגעוואָרפן אונטער אַלע בעדערפעניש פון די בני־אדם, האָט ארקאַד זיך געפונען אָן מיטלען זיי צו באַפרידיקן. איסטאַר האָט אים אַריינגעגעבן אין אַ דרוקעריי אויף רו דע־וואָזשיראַר, וואו ער האָט זיך געקענט מיטן הויפט־מייסטער. צו פאַרדאַנקען זיין הימלישער פאַרשטאַנדיקייט, האָט ארקאַד זיך שנעל אויסגעלערנט די מלאכה פון שריפטזעצעריי און אין אַ קורצער צייט איז ער געוואָרן אַ גוטער זעצער.

נאָכדעם ווי ער פלעג אַ גאַנצן טאָג אָפּשטיין אין דעם רוישיקן וואַרשטאַט, מיטן ווינקלהאַקן אין דער לינקער האַנט, און פלינק ארויס־ציען פון קאַסטן די קליינינקע בליי־צייכנס, לויטן סדר, וואָס די קאָפּיע האָט געפאָדערט, פלעג ער זיך וואַשן די הענט ביי דער וואַסער־פּאָמפּע און עסן מיטיק אין אַ קליינעם רעסטאָראַן, האַלטנדיק פאַר זיך אויפן מירמלשטיינערנעם טישל אַן אָפענע צייטונג.

אויפגעהערט צו זיין אַן אינו־נראה, האָט ער מער ניט געקאָנט אַריינדרינגען אין דער ביבליאָטעק פון די ד'עספּאַרוויעס צו שטילן ביי אָט־דעם אומאויסשעפּלעכן קוואַל זיין ברענענדיקן דאָרשט נאָך וויסן. אין די אָוונטן איז ער געגאַנגען לייענען אין דער ביבליאָטעק סענט־זשענעוויעווו, אויף אָט־דעם באַרימטן באַרג פון לומדות, ער האָט אָבער דאָרט באַקומען ניט מער ווי גאַנץ געוויינטלעכע ביכער, וואָס זענען נאָך דערצו געווען פאַרפלעקט, באַדעקט מיט קאָמישע אָנמער־קונגען, און וואָס אַ סך בלעטער אין זיי זענען געווען אויסגעריסן.

דער אָנבליק פון פרויען פלעג אים צעמישן. ער פלעג זיך דער־

מאַגנעט אָן מאַדאַם דעזאַבעל און ווי אירע גלאַט־געטאַקטע קני האָבן אַרויסגעשיינט פון צעוואָרפענעם בעט. כאָטש ער איז געווען אַ שיינער יונג, האָט אָבער קיין איין פרוי זיך ניט פאַרליבט אין אים: ער איז געווען אָרעם און האָט געטראָגן אַרבעט־קליידער. ער פלעג אָפט באַזוכן זיטאַן און עפעס האָבן הנאה צו שפּאַצירן מיט איר יעדן זונטיק איבער די שטויביקע וועגן, וואָס ציען זיך פאַזע די גראָז־באַוואַקסענע גראָבנס פון די פעסטונגען. גייענדיק זאַלבענאַנד פאַרביי דאָרפישע שענקלעך, באַשטאַנעס, גראָז־ביידלעך, פלעגן זיי פאַרלייגן און אַרומריידן די געוואַלטיקסטע פּלענער, וואָס זענען נאָך קיינמאָל ניט געווען אויפגעבראַכט געוואָרן אויף דער דאָזיקער ערד; אַמאָל, ווען זיי האָבן געהאַט אָנגעטראָפן אויפן וועג אַ וואַנדער־צירק, האָט די קאַרוסעל־מוזיק אַקאָמפּאַנירט זייערע ווערטער, וואָס האָבן געדראָט די הימלען.

זיטאַ פלעג אָפטמאָל זאָגן:

— איסטאַר איז ערלעך, אָבער נאַאיוו. ער גלויבט אין דער גוטסקייט פון מענטשן און זאַכן. ער נעמט זיך אונטער חרוב צו מאַכן די אַלטע וועלט און לאָזט איבער פאַר דער אַנאַרכיע, וואָס וועט דערפון אויסברעכען, די אַרבעט צו שאַפן אָרדענונג און האַרמאָניע. איר, אַרקאַד, איר גלויבט אין דער וויסנשאַפט. איר שטעלט זיך פאָר, אַז די מענטשן און די מלאכים זענען פייאיק צו פאַרשטיין, בעת אין דער אמתן זענען זיי באַשאַפן נאָר צו פילן. איר דאַרפט גוט איינזינען האָבן, אַז מען קאָן פון זיי קיין זאַך ניט אַרויסקריגן, ווען מען ווענדט זיך צו זייער שכל. מען דאַרף ריידן צו זייערע אינטערעסן און צו זייערע ליידנשאַפטן.

אַרקאַד, איסטאַר, זיטאַ און נאָך אַ דריי־פיר מלאכים־פאַרשווערער פלעגן פון צייט צו צייט זיך צוזאַמענקומען אין טעאָפיל בעלעמס קליינער וואוינונג, וואו בושאָט האָט זיי מכבד געווען מיט טיי. ניט צו וויסן, אַז דאָס זענען ווידערשפּעניקע מלאכים, האָט זי זיי איינסטינקטיוו פיינט געהאַט און מורא געהאַט פאַר זיי, מחמת דער קריסטלעכער, כאָטש היבשלעך פאַרנאַכלעסיקטער דערציאונג, וואָס זי האָט געהאַט געקראָגן. פרינץ איסטאַר אַליין איז איר געווען

געפעלן; זי האָט געפונען אין אים א גוטמוטיקייט און א נאַטיר־לעכע אידלקייט. דער פרינץ האָט דאָרט איינגעבראַכן דעם דיוואַן, א טל געמאַכט פון די געבעטע שטולן און אָפגעריסן די ווינקלען פון די נאָטן־בלעטער צו מאַכן פאַר זיך נאָטיצן, וואָס ער פלעג זיי אריינ־שפּאַרן אין די קעשענעס, שטענדיק איבערגעשטאָפּטע מיט בראָשורן און פלעשער. דער מוזיקער האָט מיט טרויער צוגעזען, ווי דער כתב־יד פון זיין אָפּערעטע, א ל י נ ע, ק י נ י ג י ן פ ו ן ג אָ ל ק אָ נ ד א, האָט אזוי ארום פארלוירן אלע זיינע ווינקלען. דער פרינץ האָט אויך געהאַט די טבע איבערצוגעבן טעאָפילן בעלע אויף צו באַהאַלטן אַלערליי מעכאַנישע קלאָפּערגעציינן, כעמישע שטאָפן, אייזנוואַרג, שרויט, פולווער און פליסיקייטן, וואָס האָבן מיט זייער ריח פארסמט די לופט. טעאָפיל בעלע האָט דאָס אַלץ פארזיכטיק פארשלאָסן אין דער שאַפע, וואו ער האָט געהאַלטן זיינע פליגל, און די אחריות פאַר אָט־די זאכן, וואָס זענען אים פארטרויט געוואָרן, האָט אים באַאומרואיקט.

אויף אַרקאַדן האָט די פאַראַכטונג פון זיינע חברים, וואָס זענען פּאַרבליבן געטריי, זיך אָפּגערופן זייער פיינלעך. ווען זיי פלעגן אים באַגעגענען אין זייערע הייליקע שליחותן, פלעגן זיי, פאַרבייי־גייענדיק, אים אַרויסווייזן זייער גרויזאַמע שנאה, אָדער זייער רחמנות, וואָס איז געווען נאָך גרויזאַמער פון דער שנאה.

ער פלעג באַזוכן די ווידערשפּעניקע מלאכים, וואָס פרינץ איס־טאַר האָט אים אויף זיי אָנגעוויזן, און זיי פלעגן אים דאָס רוב גאַנץ גוט אויפנעמען. ווען אָבער ער האָט צו זיי אָנגעהויבן ריידן וועגן באַזיגן דעם הימל, האָבן זיי ניט געמאַכט קיין סוד פון זייער פאַרלעגנקייט און פון דעם עגמת נפש, וואָס ער האָט זיי דערמיט פאַרשאַפט. אַרקאַד האָט זיך אַרומגעזען, אַז זיי ווילן ניט זיין געשטערט אין זייער גוסט, אין זייערע געשעפטן, אין זייערע גע־וואוינהייטן. די פאַלשקייט פון זייערע מיינונגען, זייער שמאָל־קעפּיקייט האָבן אים שאָקירט, און די קענגערישקייט, די קנאה־שנאה, וואָס זיי האָבן אַרויסגעוויזן איינס צו אַנאַנדער, האָבן אָוועקגענומען פון אים יעדער האָפענונג צו קאָנען זיי גאָר פאַראייניקן אין א געמיינשאַפטלעכער אַרבעט. ווען ער האָט זיך אַרומגעזען, אויף

ווי ווייט דער גלות פאַרדאַרבט דעם כאַראַקטער און מאַכט שטומפּיק דעם שכל, האָט ער דערפילט, אַז זיין מוט פאַרלאָזט אים.

איינמאָל, אין אַן אָוונט, ווען ער האָט זיך מודה געווען פאַר זיטאַן אין זיין פאַרלירן דעם מוט האָט דער שיינער ערץ־מלאך געזאָגט:

— לאָמיר גיין זען נעקטאַרן. נעקטאַר ווייס דעם סוד צו היילן טרויער און מידיקייט.

זי האָט אים אוועקגעפירט אין די וועלדער פון מאָנמאַרענסי און זיך אָפּגעשטעלט אויף דער שוועל פון אַ קליין, ווייס שטיבל, האַרט לעבן אַן אויבס־גאָרטן, וואָס דער ווינטער האָט אים געהאַט פאַרוויסט און וואו עס האָבן אין דער פינצטער אָפּגעשיינט די ספּעקט־שויבן און די געפּלאַצטע גלעקער פון די קירבעסן.

נעקטאַר האָט געעפנט די טיר פאַר זיינע געסט, האָט איינגע־שטילט דאָס בילן פון אַ גרויסן הונט, וואָס האָט געהיט דעם גאָרטן, און זיי אַריינגעפירט אין אַ נידעריקן צימער, באַהייצט פון אַ קאַכל־נעם אויוון. ביי דער ווייס־געקאַלכטער וואַנט, אויף אַ ברעט פון סאָסנע־האָלץ, צווישן ציבעלעס און קערנער, איז געלעגן אַ פלייט, גרייט צוגעלייגט צו ווערן צו די ליפּן. אַ קיילעכדיקער טיש פון וואַלנוס־האָלץ האָט געהאַט אויף זיך אַ שטיינערן קריגל מיט טאַ־באַק, אַ ליולקע, אַ פלאַש וויין און גלעזער. דער גערטנער האָט אָנ־געבאָטן יעדערן פון זיינע געסט אַ געפלאָכטן בענקל צום זיצן און אַליין האָט ער זיך אוועקגעזעצט אויף אַ טאַבורעט, ביים טיש.

ער איז געווען אַ קרעפטיקער אַלטער מאַן; די געדיכטע, גרויע האָר אויפן קאָפּ זענען ביי אים געשטאַנען קאַפּויר; ער האָט געהאַט אַ געראָנצלט שטערן, אַ שטומפּיקע נאָז, אַ רויט געזיכט און אַ צע־נאָפּלטע באָרד. זיין גרויסער הונט האָט זיך אויסגעצויגן ביי די פיס פון זיין באַלעבאָס, האָט אוועקגעלייגט אויף די לאַפּעס זיין שוואַרצע, קורצע מאָרדע און צוגעמאַכט די אויגן. דער גערטנער האָט אָנגעגאָסן זיינע געסט וויין און ווען זיי האָבן געהאַט געטרונ־קען און זיך אַביסל דורכגעשמועסט, האָט זיטאַ געזאָגט:

— שפּילט פאַר אונז, כ׳בעט אייך, אויף דער פלייט. איר

וועט פארשאפן פארגעניגן דעם פריינט, וואס איך האב אייך אהער געבראכט.

דער אלטער האט באלד איינגעשטימט. ער האט צוגעלייגט צו די ליפן דאס רערל פון בוקסן־האלץ, וואס איז געווען אזוי האר־מעטנע, אז עס האט אויסגעזען, ווי ער וואלט עס אליין געמאכט, און א שפיל געטון צום אנהויב עטלעכע מאדנע טענער. דערנאך האט ער ארויסגעוויקלט רייכע מעלאדיעס, וואס די טרעלן האבן אין זיי געפינקלט ווי עס פינקלען פערל און דימענטן אויף סאמעט. באהאנדלט מיט געשיקטע פינגער, באלעבט מיט א שאפעדיקן אטעם, האט דאס דארפישע פייפל אפגעקלונגען, ווי א זילבערנע פלייט. עס האט ניט ארויסגעגעבן קיין צו־שארפע קלאנגען און דער טאן איז דארט אלץ געווען א גלייכער און א ריינער. עס האט זיך געדאכט, אז מען הערט באגלייך די נאכטיגאל און די מוזן, די גאנצע נאטור און דעם גאנצן מענטשן. און דער אלטער האט ארויס־געגעבן און אויפגעוויקלט זיינע געדאנקען אין א מוזיקאלישער רעדע, פול מיט גראציע און געוואגטקייט. ער האט דערציילט פון ליבע, פון שרעק, פון אומזיסטע קריגענישן, פון דעם זיגערישן געלעכטער, פון דעם רואיקן ליכט פון פארשטאנד, פון די גייסטיקע פיילן, וואס שטעכן דורך מיט זייערע גילדערנע שפיצן די מאנסטערס פון אומ־וויסן און האס. ער האט אויך דערציילט פון דער פרייד און פון דעם פיין, וואס בייגן איבער דער ערד זייערע צווילינג־קעפ, און פון דעם פארלאנג, וואס באשאפט וועלטן.

די נאכט אליין האט זיך צוגעהערט צו נעקטארס פלייט. דער מארגנשטערן איז שוין געווען אויפגעגאנגען אויפן אויסגעבלייכטן האריזאנט. אומבאוועגלעכע, האבן זיי ביידע געהערט: זיטא — מיט די הענט צונויפגענומען ארום די קני; ארקאד — מיטן שטערן אויף דער האנט און דאס מויל האלב־אפן. א לארך, וואס האט זיך אויפגעכאפט גאר נאענט אין א זאמדיקן פעלד, צוגעצויגן פון אט־די נייע קלאנגען, האט זיך שנעל געגעבן א הויב אין דער לופט, האט זיך דארט געהאלטן עטלעכע רגעס, דערנאך האט זי מיט איין פלי זיך א לאז געטון אין שפילערס גארטן אריין. די שפארבעס פון דער געגנט האבן פארלאזן די שפאלטן פון די אלטע ווענט, זענען געקומען

אַ גאַנצע טשאַטע און האָבן זיך אויסגעזעצט אויף דעם געזימס פֿון פֿענצטער, פֿון וואַנען עס האָבן אַרויסגעקוועלט די טענער, וואָס זענען זיי נאָך מער געפֿעלן, ווי די קערנדלעך ווייץ און גערשטן. אַ סאָיע איז צום ערשטן מאָל אַרויסגעקומען פֿון וואַלד און האָט פֿונאַנדערגעשפּרייט אירע סאַפֿירענע פֿליגל איבער אַ הוילן קאַרשנבוים אין גאָרטן. אַ גרויסער שוואַרצער שטשור, אינגאַנצן אויסגעווייקט אין פֿעטן ברוד־וואַסער, איז געשטאַנען אויף די הינטערשטע לאַפּקעס פֿאַר דער רינשטאָק־עפֿענונג, אויפֿהויבנדיק פֿון פֿאַרוואונדערונג זיינע פֿאָדערשטע קורצע לאַפּקעס מיט די קלייניקע פֿינגער. אַ פֿעלדמויז, וואָס האָט געוואוינט אין גאָרטן, האָט זיך געהאַלטן ניט ווייט פֿון אים. דער שטוב־קאָטער, וואָס האָט פֿון זיינע ווילדע אורעלטערן דערהאַלטן די גרויע פֿעל, דעם גערינגלטן עק, די מאַכטיקע לענדן, דעם קוראַזש און דעם שטאָלץ, איז אַרונטער פֿון דער וואַסער־רינע, וואו ער האָט זיך געהאַט אויפֿגעהאַלטן, האָט מיט דער מאָרדע אַ שטופּ געטון די האַלב־אָפֿענע טיר, איז מיט שטילע טריט צו צום פֿלייטנשפּילער און זיך אוועקגעזעצט מיט אַן ערנסטער מינע, אָנשפּיצנדיק זיינע אויערן, צעריסענע פֿון ביינאַכטיקע געשלעגן. דעם באַקאַלייערס ווייסע קאַץ איז אים נאָכגעגאַנגען, האָט געצויגן מיט דער נאָז די קלינגעוודיקע לופֿט, דערנאָך האָט זי אויסגעוועלבט דעם רוקן, צוגעמאַכט די בלויע אויגן און זיך איינגעהערט אַ פֿאַרצוויבערטע. די מייז זענען געקומען מאַסנווייז צולויפֿן פֿון אונטער דעם דיל, האָבן זי אַרומגערינגלט, און גאָרנישט מורא צו האָבן פֿאַר אירע קעצישע ציין און קלויען, זענען זיי געזעסן אומבאַוועגלעכע, האַלטנדיק גלוסטיק די ראָזע לאַפּקעס אויף דער ברוסט. די שפּינען, ווייט פֿון זייערע געוועבן, האָבן, אַ פֿאַרכישופֿט געזעמל, זיך פֿאַרקליבן אויפֿן סופֿיט, באַוועגנדיק ציטערדיק מיט די פֿיס. אַ קליינער, גרויער עקדיש האָט זיך צוגעגליטשט צו דער שוועל און איז דאָרט פֿאַרבליבן, אַ פֿאַרכאַפּטער. און אין שפּייכלער האָט מען געקאָנט זען די פֿלעדערמויז, ווי זי הענגט אויף די נעגל מיטן קאָפּ אַראָפּ, איצט האַלב־וואַך פֿון איר ווינטער־שלאָף, און ווינגט זיך צום ריטם פֿון דער אומגעהערטער פֿלייט.

קאַפּיטל פופצן

וואו מען זעט, ווי דער יונגער מאָריס, אפילו אין די אָרעמס פון זיין געליבטער, באַדויערט זיין פאַרלוירענעם מלאך, און וואו מען הערט, ווי דער גייסטלעכער פאַטער ווייזט צוריק יעדן געדאַנק וועגן אַ נייער מרידה פון די מלאכים, ווי אַ פאַרפירונג און אַ פאַרבלענדעניש.

עס איז געווען אין צוויי וואָכן אַרום נאָך דעם מלאכס באַווייזן זיך אין מאָריסעס וואוינונג. צום ערשטן מאָל איז זשילבערט געקומען צו דער ראַנדעוואו פריער פון מאָריסן. מאָריס איז געווען מרה־שחורהדיק, זשילבערט אַנגעברוגזט. די נאַטור האָט געהאַט אַנגענומען אין זייער צוזאַמענזיין איר אומעטיק־מאָנאָטאָנעם גאַנג. זיי האָבן זיך פאַרבענקט איבערגעקוקט און אָן אויפהער געווענדט זייערע בליקן צום ווינקל צווישן דער גלעזערנער שאַפע און דעם פענצטער, וואו אַרקאַדס בלייכע געשטאַלט האָט זיך אנומעלטן געהאַט באַוויזן און וואו עס האָט איצט זיך געזען ניט מער ווי דער בלויער קרעטאָן פון פאָרהאַנג.

ניט אָנצורופן אים ביים נאָמען (עס איז ניט געווען נויטיק), האָט מאַדאַם דעזאָבעל געפרעגט:

— האָסט אים מער ניט געזען?

לאַנגזאַם, טרויעריק האָט מאָריס אויסגעדרייט דעם קאָפּ פון רעכטס צו לינקס און פון לינקס צו רעכטס.

— עס זעט אויס, ווי דו וואָלסט אים באַדויערט, — האָט מאַדאַם דעזאָבעל געזאָגט, — זיי זיך אָבער מודה: ער האָט דיך געהאַט איבערגעשראָקן אויף טויט און זיין ניט־איידעלע אויפפירונג האָט דיך געהאַט שאָקירט.

— דאָס איז אמת, ער האָט זיך ניט אויפגעפירט ווי עס באַדאַרף צו זיין, — האָט מאָריס אַרויסגעזאָגט, אָבער אָן פאַרדראָס.

זיצנדיק אין מיטן בעט, אַ האַלב־נאַקעטע, דער קין אויף די קני און די הענט צונויפגענומען אַרום די פיס, האָט זי מיט שאַרפער נייגיד אַ קוק געטאָן אויף איר געליבטן.

— זאָג מיר, מאַרים, מאַכט עס דיר טאַקע מער גאָרנישט ניט אויס צו זען מיך איינע אַליין ... מוזט אפנים האָבן אַ מלאך, וואָס זאָל דיך באַגייסטערן. אין דיינע יאָרן איז עס גאַנץ טרויעריק!...

מאַרים האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט ניט געהערט, און נעפרעגט מיט אַן ערנסטער מינע:

— זשילבערט, פילסטו ניט אויף זיך דאָס וואַכן פון דיין שוץ־מלאך?

— איך? עס הויבט זיך ניט אָן. איך האָב פון אים קיינמאָל ניט געטראַכט. און דאָך בין איך אַ גלויביקע. די, וואָס גלויבן ניט, זענען קודם כל אַזוי ווי די חיות. און ווידער קאָן מען אָן גלויבן ניט פאַרבלייבן ערלעך. עס איז אוממעגלעך.

— נו, יאָ, ריכטיק, — האָט מאַרים געזאָגט, האַלטנדיק די אויגן אויף די וויאָלעט־פאַסן פון זיינע פידזשאַמאַס, — ווען איינער האָט זיין שוץ־מלאך, טראַכט ער ניט פון אים. פאַרלירט ער אים אָבער, דערפילט ער זיך זייער איינזאַם.

— הייסט עס, אַז דו באַדויערסט אָט־דעם...

— דאָס הייסט, איך...

— יאָ, יאָ, דו באַדויערסט אים... נו, טייערער, אַזאַ מלאך ווי אָט־דער איז ניט קיין גרויסער היזק. אָ, ניין, ער איז פון די קליינע מציאות, דיין אַרקאַד. אין דעם באַרימטן טאָג, ווען דו ביסט אַוועק קריגן פאַר אים וואָס אַנצוטון, האָט ער גאָרנישט אויפגעהערט צו פאַרשפּיליען מיר דאָס קלייד, און איך האָב גאַנץ גוט געפילט, ווי זיין האַנט האָט מיך... יעדענפאַלס, דו דאַרפסט זיך אים ניט פאַרטרויען.

מאַרים האָט פאַררויכערט אַ ציגאַרעט און איז געבליבן זיצן אַ פאַרטראַכטער. זיי האָבן גערעדט וועגן דעם זעקס־טאָגיקן וועט־לויף פון וועלאָסיפּעדן אין דעם ווינטער־וועלאָדראָם און וועגן דעם אַוויאַציע־סאַלאָן אויף דער ברוסעלער אויסשטעלונג, ניט צו געפינען אין דעם קיין צעשטרייאונג. דערנאָך האָבן זיי געפּרואווט זיך נעמען צו ליבע, ווי צו אַ לייכטן צייטפאַרטרייב, און עס איז זיי געלונגען היבשלעך צו פאַרטון זיך אין דעם, אָבער גראָד אין דעם מאָמענט, ווען זי האָט געזאָלט זיין מער אַקטיוו און אַרויסווייזן

מער קעגנזייטיקייט פון געפיל, איז זי פּלוצלינג אויפגעשפּרונגען מיט אַ געשריי:

— מיין גאָט! ווי נאַריש, מאָרים, עס איז געווען פון דיין זייט מיר צו זאָגן, אַז מיין מלאך זעט מיך. קאָנסט זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, ווי אָט־דער געדאַנק זשענירט מיך.

מאָרים איז אַרויס פון די כלים און האָט אויף אַביסל אַ גרעבלעכן שטייגער גערופן זיין געליבטע זיך צו באַרואיקן. זי האָט אים דערקלערט, אַז אירע פּרינציפּן דערלאָזן ניט דעם געדאַנק פון צו זיין אין אינטימער געזעלשאַפט מיט מלאכים.

מאָרים האָט געזוכט ווידער צו טרעפן אַרקאַדן; עס איז געוואָרן זיין איינציקע זאָרג. ער האָט געהאַט טענות צו זיך, פאַרוואָס ער האָט אים געהאַט פאַרלאָזן, ניט איבערצולאָזן פון אים גאָר קיין שפּור. טאָג און נאַכט האָט ער נאָר געטראַכט, ווי אַזוי ער קאָן אים צוריקגעפינען.

ער האָט אויף יעדן פאַל אַריינגעשטעלט אין דעם אָפּטייל „פּערזענלעכס" פון אַ גרויסער טאָג־צייטונג אַן אַנאָנס, וואָס האָט זיך געלייענט אַזוי: „פון מאָרים צו אַרקאַדן. קומט צוריק".

די טעג זענען געגאַנגען און אַרקאַד איז ניט צוריקגעקומען.

איין פרימאָרגן, זיבן אַזייגער, איז מאָרים געגאַנגען אין דער קירך סען־סולפּיס הערן די מעסע פון גייסטלעכן פּאַטוי. ווען דער גלח איז אַרויסגעקומען פון דער סאַקריסטיי, איז ער צו אים צוגעגאַנגען און האָט געבעטן, ער זאָל אים אַ ווײַלע אויסהערן.

זיי זענען צוזאַמען אַרונטער די טרעפּ פון דער קירך און אַוועק אויף אַ שפּאַציר אונטער דעם קלאָרן הימל, אַרום דעם פאָנטאַן פון די פיר ביסקופּן. ניט געקוקט אויף זיין אומרואיקן געוויסן און אויף דער שווערקייט צו מאַכן גלויבלעך אַזאַ אויסער־געוויינטלעכן פאַל, האָט מאָרים דאָך דערציילט, ווי אַזוי זיין שוץ־מלאך האָט זיך צו אים געהאַט באַוויזן און אים מודיע געווען זיין אומגליקלעכן באַשלוס אָפּצוטיילן זיך פון אים, כדי אויפצוהעצן די גלאָררייכע גייסטער צו אַ נייער מרידה. און דער יונגער

ד׳עספּאַרוויעי האָט געפּרעגט דעם חשובן גייסטלעכן, ווי אַזוי ער קאָן צוריקגעפינען דעם הימלישן באַשיצער, וואָס ער קאָן זיך אָן אים גאָרנישט באַגיין, און ווי ער קאָן ברענגען זיין מלאך צוריק צום קריסטלעכן גלויבן. דער גייסטלעכער פּאַטער האָט מיט אַ טאָן פון האַרציקן טרויער געענטפערט, אַז זיין ליבן קינד האָט זיך געחלומט אַ חלום, אַז ער האָט אַ קראַנקהאַפטיקע האַלוצינאַציע אָנגענומען פאַר דער וואָר און אַז מען טאָר ניט גלויבן, אַז די גוטע מלאכים קאָנען ווידערשפּעניקן.

— מען רעדט זיך איין, — האָט ער צוגעגעבן, — אַז מען קאָן אומבאַשטראָפט פירן אַ צעלאָזן לעבן. עס איז אַ טעות. דאָס אַריינטון זיך צופיל אין פאַרגעניגנס צעדרייט און צעמישט דעם שכל. דער טייוול באַהערשט די חושים פון דעם זינדער, כדי צו קאָנען דערנאָך זיך פאַרקלייבן צו אים אין דער נשמה. ער האָט אייך, מאָרים, פאַרפירט מיט זיין גראָבקייט און ליסטיקייט.

מאָרים איז באַשטאַנען דערויף, אַז ער איז אויף קיין אופן ניט געווען קיין קרבן פון אַ האַלוצינאַציע, אַז עס האָט זיך אים ניט געחלומט קיין חלום, אַז מיט זיינע אייגענע אויגן האָט ער געזען און מיט זיינע אייגענע אויערן האָט ער געהערט זיין שוץ־מלאך. ער האָט געטענהט:

— גייסטלעכער פּאַטער, אַ דאַמע, וואָס איז גראָד דעמאָלט געווען מיט מיר און וואָס עס איז איבעריק זי אָנצורופן ביים נאָמען, האָט אים אויך פּונקט אַזוי געזען און געהערט. נאָכמער: זי האָט געפילט דעם מלאכס פינגער, וואָס האָבן געבלאָנדזשעט אונטער... מיט איינעם וואָרט, זי האָט זיי געפילט... גלויבט מיר, גייסטלעכער, קיין זאַך איז ניט אמתדיקער, קיין זאַך איז ניט רעאַלער, קיין זאַך איז ניט זיכערער פון אָט־דער אַנטפּלעקונג. דער מלאך איז געווען בלאָנד, יונג, זייער שיין. זיין קלאָרע הויט האָט אין שאָטן אויסגעזען, ווי זי וואָלט געווען אויסגעבאָדן אין אַ מילך־ווייסער ליכטיקייט. ער האָט גערעדט מיט אַן אָנגענעמער, קלאָרער שטים.

דער גייסטלעכער האָט אים שנעל איבערגעשלאָגן:

— דאָס אַליין, מיין קינד, באַווייזט, אַז עס האָט זיך אייך

געחלומט. לויט דער מיינונג פון אלע דעמאנאלאגן, האבן די שלעכטע מלאכים א הייזעריקע שטים, וואס גרילצט ווי א פאר־זשאווערטער שלאס; און גיט זיך זיי אפילו איין צוצוגעבן זייער געזיכט עפעס אן אנבליק פון שיינקייט, געראט זיי אבער ניט נאכ־צומאכן די קלארע שטים פון די גוטע גייסטער. דער דאזיקער פאקט, באשטעטיקט פון א גרויסער צאל עדות, דערלאזט ניט קיין שום ספק.

— אבער, גייסטלעכער, איך האב אים דאך געזען. אינגאנצן א נאקעטער, איז ער געזעסן אין א געבעטער שטול, אויף א פאר שווארצע זאקן. דארף איך אייך דען נאך מער זאגן?

דער גייסטלעכער האט גארנישט אויסגעזען צו ווערן שטארק איבערראשט פון אט־דער פארזיכערונג:

— איך זאג אייך נאכאמאל, מיין קינד, אז אט־די אומגליקלעכע אילוזיעס, אט־די חלומות פון א טיף־פארווירטער נשמה דארפן צוגערעכנט ווערען צו דעם קלעגלעכן צושטאנד פון אייער געוויסן. און איך גלויב, אז איך קאן אויפדעקן די באזונדערע סיבה, וואס האט געבראכט צו א שטרויכלונג אייער וואקלדיקן גייסט. דעם ווינטער זענט איר, א שלעכט־געשטימטער, געקומען מיט מאסיע סאריעט און מיט אייער פעטער גאעטאן באזוכן אין אט־דער קירך די קאפליצע פון די הייליקע מלאכים, וואס מען האט זי אין יענער צייט געהאלטן אין פארריכטן. מען קאן ניט, ווי איך האב דעמאלט געזאגט, צווינגען די ארטיסטן צו האלטן זיך נאענט אן די כללים פון דער קריסטלעכער קונסט; מען קאן ניט ארויפ־דרינגען אויף זיי קיין רעספעקט צו דער הייליקער שריפט און צו אירע אנגענומענע אויסטייטשער. מאסיע אייזשען דעלאקרוא האט זיין פייערדיקע גאונות ניט אונטערגעווארפן דער טראדיציע. ער האט זיך פארלאזן אויף זיין אייגענעם קאפ און האט אין אט־דער קאפליצע אויסגעמאלט שוועבלדיקע בילדער, צו באנוצן זיך מיט א באוואוסטן אויסדרוק, האט געמאכט שרעקלעך־שרייאיקע קאמפא־זיציעס, וואס ניט נאר אינספירירן זיי ניט די נשמה מיט געפילן פון רו און פריד, נאר זיי שליידערן זי אריין אין א מין אנגסטלעכער צערודערטקייט. די מלאכים ווייזן דארט ארוים אויפגערעגטע

געזיכטער; זייערע שטריכן זענען אַנגעכמורעטע, מרה־שחורהדיקע. מען וואָלט געקענט זאָגן, אַז דאָס איז לוציפער מיט זיינע חברים, וואָס קלערן נאָך וועגן זייער מרידה. נו, מיין קינד, אָט־אָ־די מאָלערייען האָבן דאָס געהאַט זייער השפעה אויף אייער נשמה, וואָס איז שוין אַזוי אויך געווען אָפּגעשוואַכט און צעשטערט דורך כלערליי צעלאָזנקייטן, און זי אַריינגעבראַכט אין דער פּאַרווירונג, פון וועלכער איר זענט איצט אַ קרבן.

מאָריס האָט אויסגערופן:

— אָ, ניין, גייסטלעכער פאַטער, ניין, ניין! טראַכט גאָר ניט, אַז דאָס האָבן אייזשען דעלאַקרואַס בילדער מיך אַזוי צעמישט. איך האָב גאָר אויף זיי אַפילו ניט אַ קוק געטון. צו דעם דאַזיקן מין קונסט בין איך אינגאַנצן גלייכגילטיק.

— יאָ, מיין קינד, איר דאַרפט מיר גלויבן: אין אַלץ, וואָס איר האָט מיר נאַרוואָס דערציילט, איז ניטאָ קיין סימן פון אמת, פון רעאַלישקייט. אייער שוץ־מלאך האָט ניט אָנגעהויבן זיך באַווייזן צו אייך.

— אָבער, גייסטלעכער, — האָט זיך אָנגערופן מאָריס, וואָס האָט געהאַט דעם פולסטן צוטרוי צו דער עדות־זאָגעריי פון זיינע חושים, — איך האָב אַליין געזען, ווי ער האָט פאַרשנירט די שיך פון אַ דאַמע און אַרויפגעצויגן אויף זיך די הויזן פון אַ זעלבסט־מערדער!...

און קלאַפּנדיק מיטן פוס אין אַספאַלט, האָט מאָריס געשטעלט פאַר עדות אויף דער אמתדיקייט פון זיינע ווערטער דעם הימל, די ערד, די גאַנצע נאַטור, די טורעמס פון דער קירך סען־סולפּיס, די ווענט פון דעם גרויסן סעמינאַר, דעם פאָנטאַן פון די פיר ביסקופן, דעם קהלשן קלאָזעט, דעם קיאָסק פון די פיאַקערס און טאַקסיס, דעם קיאָסק פון די אָמניבוסן, די ביימער, די פאַרבייגייער, די הינט, די שפּאַרבערס, די בלומען־פאַרקויפערין און אירע בלומען.

דער גייסטלעכער האָט זיך געאיילט צו ענדיקן דעם שמועס:

— דאָס אַלץ, מיין קינד, איז אַ טעות, אַ פאַרפירונג, אַן אילוזיע. איר זענט אַ קריסט; דענקט־זשע טאַקע ווי אַ קריסט. אַ קריסט לאָזט זיך ניט פאַרפירן פון פוסטע אָפּרוכענישן. דער גלויבן היט

אים אוים ניט פארפירט צו ווערן פון נסים; ער לאזט די לייכט־גלויביקייט איבער פאר די פריידענקער. עס איז ניטא גאר אזא באבע־מעשה, וואס מען זאל זיי ניט קאנען איינריידן. דער קריסט אבער טראגט מיט זיך א געווער, וואס ווייט פונאנדער די טייוולשע פארבלענדונג, — דעם צלם. זייט רואיק, מארים, איר האט ניט פארלוירן אייער שוץ־מלאך. ער וואכט שטענדיק איבער אייך. און אן אייך ווענדט זיך עס, אז זיין ארבעט זאל ניט זיין צו שווער אדער צו פיינלעך. א גוטן טאג, מארים. דאס וועטער וועט זיך באלד בייטן, איך פיל א ברענענדיקן ווייטיק אין דעם גרויסן פוס־פינגער.

און דער גייסטלעכער פאטוי איז אוועקגעגאנגען, מיט זיין געבעטבוך אונטערן ארעם, אונטערהינקענדיק מיט א ווערדיקייט, וואס האט פאראויסגעזאגט אין אים דעם צוקונפטיקן בישוף.

אין דעמזעלביקן טאג האבן ארקאד און זיטא, אנגעשפארט מיט די עלנבויגנס אן דעם געלענדער פון די טרעפ אויפן מאנמארטר, באטראכט דעם רויך און דעם נעפיל, וואס האבן געשוועבט איבער דער ריזנדיקער שטאט.

— קאן דען דער שכל משיג זיין, — האט ארקאד געזאגט, — וויפיל לייד און וויפיל פיין עס האלט אויף אין זיך א גרויסע שטאט? איך גלויב, אז ווען א מענטשן וואלט זיך איינגעגעבן דאס אלץ זיך פארצושטעלן, וואלט די זעאונג געווען אזא שרעקלעכע, אז ער וואלט אוועקגעפאלן, ווי געטראפן פון א דונער.

— און דאך, — האט זיטא געענטפערט, — האט אלץ, וואס אטעמט אין אט־דעם יאמערטאל, ליב דאס לעבן. דאס איז א גרויסער סוד!

— אומגליקלעכע ביים לעבן, ווארפט דאס אויפהערן צו זיין אן אויף זיי א פחד; זיי זוכן ניט אין דעם אונטערגיין קיין טרייסט; זיי זעען אין דעם ניט אפילו קיין אפרו. זייער משוגעת לאזט זיי קוקן מיט שרעק אפילו אויף דעם גארנישט גופא: זיי האבן אים איבערגעפילט מיט שרעקבילדער. קוקט אן אט־די גיבלען, אט־די גלאקנטורעמס, אט־די קופאלן, אט־די טורעם־שפיצן, וואס שפיזלען דורך דעם נעפיל, טראגנדיק אויף זיך שימערדיקע

צלמים!... די מענטשן פארגעטערן דעם דעמיאורג, וואס האט זיי צוגעטיילט א לעבן, ערגער פון טויט, און א טויט, ערגער פון לעבן.

זיטא איז לאנג געשטאנען א פארטראכטע. דערנאך האט זי געזאגט:

— איך מוז, ארקאד, אין עפעס פאר אייך זיך מודה זיין. ניט דער פארלאנג פון א מער גערעכטער גערעכטיקייט, אדער פון א מער קלוגן געזעץ האט עס געיאגט יתריאלן ארונטער אויף דער ערד. אמביציע, דער גוסט צו אינטריגעס, די ליבע צו רייכקייט און כבוד האבן מיר געמאכט די פרידלעכקייט פון הימל ניט צום פארטראגן און איך האב געברענט פון חשק אויסצומישן זיך מיט דעם אומרואיקן מענטשלעכן מין. איך בין אנגעקומען און דורך א קונסט, וואס כמעט קיינער פון די מלאכים ווייס פון איר ניט, האב איך געקענט זיך שאפן א קערפער, וואס לויט מיין ווילן ענדערט ער זיך סיי אין עלטער, סיי אין געשלעכט, לאזנדיק מיך אזוי ארום דערקענען די פארשיידנסטע און אויסטערלישסטע מזלות. א מאל הונדערט האב איך געשמט צווישן די הערשער פון טאג, צווישן די גאלד־מאגנאטן און די פרינצן פון פעלקער. איך וועל פאר אייך, ארקאד, ניט אויפדעקן די בארימטע נעמען, וואס איך האב געהאט געטראגן; ווייסט נאר, אז איך האב געוועלטיקט דורך ווייסנשאפט, דורך קונסט, דורך מאכט, עשירות און שיינקייט, ביי אלע פעלקער פון דער וועלט. ביז איינמאל, ערשט מיט עטלעכע יאר צוריק, ארומפארנדיק איבער פראנקרייך אין דער געשטאלט פון א בארימטער אויסלענדערין, האב איך אין אן אוונט געבלאנדזשעט אין דעם וואלד פון מאנמארענסקי און מיטאמאל דערהערט א פלייט, וואס האט דערציילט וועגן דעם טרויער פון הימל. איר קלארער און פיינלעכער טאן האט מיר צעריסן דאס הארץ. נאך קיינמאל האב איך ניט געהערט אזא שיין שפילן. די אויגן נאס פון טרערן, דאס הארץ איבערגעפילט מיט געוויין, בין איך צוגעקומען נעענטער און דערזען אויפן ראנד פון א וואלד־לאנע אן אלטן מאן, געראטן אין א פאוון, וואס האט געשפילט אויף א דארפיש פייפל. דאס איז געווען נעקטאר. איך

האָב זיך געוואָרפן צו זיינע פיס, האָב געקושט זיינע הענט, זיינע געטלעכע ליפּן, און בין אוועקגעלאָפן...

„דערפילט פון דעמאָלט אָן די קליינקייט פון מענטשלעכע גרויסקייטן, מיד פון דער נישטיקער טומלדיקייט פון ערדישע ענינים, פאַרשעמט פון מיין געוואַלטיקער, אָבער אומנוציקער ארבעט, האָב איך באַשלאָסן צו זוכן פון היינט אָן אַ העכערן ציל פאַר מיין אַמביציע. איך האָב אויפגעהויבן מיינע אויגן צו מיין דער־הויבענעם פאָטערלאַנד און זיך געגעבן דאָס וואָרט צוריקצוקומען אַהין ווי אַ באַפרייער. איך האָב פאַרלאָזן מיינע טיטלען, מיין נאָמען, מיינע גיטער, מיינע פריינט, די מאַסע שמייכלער, בין געוואָרן די אומבאַוואוסטע זיטאַ און אין דחקות און איינזאַמקייט האָב איך געארבעט אויף דער באַפרייאונג פון די הימלען.

— איך, — האָט ארקאַד געזאָגט, — איך האָב אויך געהערט נעקטאַרס פלייט. ווער אָבער איז ער, אָט־דער אַלטער גערטנער, וואָס קאָן פון אַ פּראָסטן הילצערנעם פייפל אַרויסציען אַזוינע רירנדיקע און אַזוינע שיינע טענער?

— איר וועט עס באַלד וויסן, — האָט זיטאַ געענטפערט.

קאַפּיטל זעכצען

וואָס פירט נאָכאַנאַנד אַרויף אויף דער בינע מיראַ די זעערין, זעפירין און דעם פּאַטאַלן אַמעדעי, און וואו דורך מאָסיע סאַריעטס שרעקלעכן ביישפּיל ווערט אילוסטרירט איוריפּידעס׳ געדאַנק, אַז יופּיטער נעמט אַוועק דעם שכל פון דעם, וואָס ער וויל אים אומברענגען.

אַנטוישט פון ניט צו קאָנען אויפקלערן אַ גייסטלעכן, וואָס האָט געהאַט אַ נאָמען פאַר זיין קלאָרן פאַרשטאַנד, און אָפּגענאַרט אין דער האָפענונג צו קאָנען צוריקגעפינען זיין מלאך אויף די וועגן פון רעכטגלויביקייט, איז מאָריסן איינגעפאַלן צו ווענדן זיך צו די געהיימע וויסנשאַפטן און ער האָט באַשלאָסן גיין צו אַ העלזעערין. ער וואָלט זיך אוודאי געווענדט צו מאַדאַם דע־טהעב, ער האָט אָבער זיך שוין געהאַט אָנגעפרעגט ביי איר אין דער צייט פון זיינע ערשטע ליבעס־ווייען, און זי האָט אים געהאַט געענטפערט מיט אַזוי פיל חכמה, אַז ער האָט אויפגעהערט צו גלויבן אין איר צויבער־קראַפט. ער איז, דעריבער, אַוועק צו אַ וואָרזאָגערין, וואָס איז דעמאָלט געווען אין דער מאָדע, צו מאַדאַם מיראַ.

מען האָט אים געהאַט דערציילט אַ סך ביישפּילן וועגן מאַדאַם מיראַס אויסערגעוויינטלעכער העלזעערישקייט; דאָך האָט מען איר געמוזט ברענגען אַ זאַך, וואָס עס האָט געהאַט געטראָגן אָדער באַרירט דער נסתר, וואָס אירע דורכלייכטנדיקע בליקן זענען צו אים צוגע־צויגן געוואָרן. איבערגעקליבן אין געדאַנק די זאַכן, וואָס דער מלאך האָט געהאַט אָנגערירט זינט זיין שלימזלדיקער פאַרמענטשלעכונג, האָט מאָריס זיך דערמאָנט, אַז אין זיין גן־עדנישער נאַקעטקייט האָט ער זיך געהאַט אַריינגעזעצט אין אַ געבעטער שטול, אויף מאַדאַם דעזאָבעלס שוואַרצע זאָקן, און אַז דערנאָך האָט ער דער דאָזיקער דאַמע געהאָלפן זיך אָנטון. מאָריס האָט געבעטן זשילבערט, זי זאָל אים געבן איינעם פון אָט־די טאַליסמאַנען, וואָס די זעערין האָט פאַרלאַנגט. זשילבערט האָט מער ניט געהאַט ביי זיך קיין איינעם פון זיי, סיידן זי אַליין וואָלט געקאָנט דינען פאַר אַ טאַליסמאַן:

דער מלאך האט צו איר ארויסגעוויזן די גרעסטע טאקטלאזיקייט, ער איז אבער געווען צו פלינק, אז מ'זאל קאנען אלעמאל אפהאלטן זיין צודרינגלעכקייט. אויסגעהערט די דאזיקע רייד, וואס האבן אים, אגב, ניט דערציילט קיין נייס, איז מאריס אויפגעבראכט געווארן קעגן דעם מלאך, האט אים אנגערופן מיט די נעמען פון נידעריקסטע חיות און זיך געשוואוירן צו דערלאנגען אים מיטן פוס אין הינטן, ווי נאר ער וועט קומען אין זיינע דלד אמות. אבער באלד האט זיך זיין צארן אפגעקערט אויף מאדאם דעזאבעל: ער האט זי באשולדיקט, אז זי האט פראוואצירט דעם מלאכס חוצפה, וואס זי האט זי איצט פארדאמט, און אין זיין כעס האט ער זי באצייכנט מיט אלע זאאלאגישע צייכנס פון אומפארשעמטקייט און פארדארבנקייט. זיין ליבע צו ארקאדן האט איצט אויפגעלויכטן אין זיין הארץ נאך הייסער און קלערער, ווי ווען־עס־איז פריער, און מיט אויסגעשטרעקטע ארעמס און געבויגענע קני האט דער עלנדער יונג, זיפצנדיק און פארגיסנדיק טרערן, גערופן צו זיך זיין מלאך.

אין זיינע נעכט אן שלאף איז מאריסן איינגעפאלן, אז די ביכער, וואס דער מלאך האט געהאט געבלעטערט, איידער ער האט זיך צו אים באוויזן, וואלטן אפשר געקאנט דינען פאר א טאליסמאן. ער איז, דעריבער, אין א פרימארגן ארויף אין ביבליאטעק און האט אפגעגעבן זיין גוט־מארגן מאסיע סאריעטן, וואס האט געהאט קאטאלאגירט אונטער אלעקסאנדער ד'עספארוויעים ראמאנטישן בליק. מאסיע סאריעט, א טויט־בלאסער, האט געשמייכלט. איצט, ווען די ניט־אנזיכטיקע האנט האט מער ניט פונאנדערגעווארפן די ביכער אונטער זיין השגחה, איצט, ווען אלץ אין דער ביבליאטעק האט צוריקגעפונען רו און ארדענונג, איז מאסיע סאריעט געווען גליקלעך, כאטש זיינע כוחות זענען געמינערט געווארן מיט יעדן טאג. עס איז מער ניט פארבליבן פון אים ווי א לייכטער, צופרידענער שאטן.

— מאסיע סאריעט, — האט מאריס געזאגט, — איר געדענקט די צייט, ווען אייערע ביכער, אוועקגענומען נאכט נאך נאכט פון זייערע פלעצער, פונאנדערגעטראגן, פונאנדערגעשליידערט, צונויפגעהורבעט, צונויפגעקנוילט, זענען פארפלויגן אזש ביז צום רינשטאק פון רו פאלאטין? שוין איינמאל געווען א צייט! ווייזט מיר, מאסיע

סאַריעט, אַן די ביכער, וואָס זענען צום מערסטן אָרומגעשלעפּט געוואָרן.

די דאָזיקע ווערטער האָבן מאָסיע סאַריעטן אַריינגעוואָרפן אין אַ מרה־שחורהדיקע פאַרגליווערטקייט, און מאָריס האָט גאַנצע דריי מאָל באַדאַרפט זיך איבערחזרן, ביז דער אַלטער ביבליאָטעקאַר האָט זיך געכאַפּט, וואָס ער פאַרלאַנגט פון אים. ער האָט אים, ענדלעך, אָנגעוויזן אויף זייער אַן אַלטן תלמוד ירושלמי, וואָס איז זייער אָפט באַרירט געוואָרן פון די ניט־אָנזיכטיקע הענט. אַן אַפּאָקריפישע עוואַנגעליע פון דריטן יאָרהונדערט האָט אויך פיל מאָל פאַרלאָזן איר פּלאַץ; גאַסענדיס קאָרעספּאָנדענץ האָט אויסגעזען צו ווערן פיל מאָל געבלעטערט.

— אָבער, — האָט מאָסיע סאַריעט צוגעגעבן, — דאָס בוך, וואָס דער מיסטעריעזער באַזוכער האָט צו דעם אַן צווייפל מער פון אַלץ גוסטירט, איז אַ קליינער באַנד „לוקרעציוס", אין רויטן מאַראָקאָ־לעדער, מיטן הערב פון פיליפּ דע וואַנדאָם, גרויס־פּריאָר פון פראַנקרייך, מיט אויטאָגראַפישע נאָטיצן פון וואָלטערן, וועלכער האָט, ווי מען זאָגט, אין זיין יוגנט אָפט באַזוכט דעם טעמפל. דער שרעקלעכער לייענער, וואָס האָט מיר פאַרשאַפט אַזוי פיל ערגערניש, איז גאָרנישט מיד געוואָרן פון דעם דאָזיקן „לוקרעציוס" און האָט אים, אַזוי צו זאָגן, געמאַכט פאַר זיין בוך צום איינשלאָפן. ער האָט געהאַט גוטן געשמאַק, ווייל דאָס איז באמת אַן אוצר. וויי־וויי! דער מאָנסטער האָט דאָרט, אויף זייט 137, געמאַכט אַ פלעק פון טינט, וואָס די כעמיקער מיט זייער גאַנצער וויסנשאַפט וועלן אפשר ניט זיין בכוח אים אַרויסצונעמען.

מאָסיע סאַריעט האָט אַרויסגעלאָזן אַ טיפן זיפץ. ער האָט באַדויערט, וואָס ער האָט געהאַט אַזוי פיל אָנגעערדט, ווען דער יונגער ד'עספּאַרוויעי האָט פאַרלאַנגט פון אים אָט־דעם ווערטפולן „לוקרעציוס". אומזיסט האָט דער אייפערזיכטיקער ביבליאָטעקאַר געטענהט, אַז דאָס בוך געפינט זיך ביים איינבינדער און איז ניט צום קריגן. מאָריס האָט אים געלאָזט וויסן, אַז ער וועט זיך ניט לאָזן נאַרן. מיט פעסטער אַנטשלאָסנקייט איז ער אַריין אין זאַל פון די פילאָזאָפן און

גלאבוסן, האט זיך אריינגעזעצט אין א ווייכער שטול און געזאגט:
— איך ווארט.

מאסיע סאריעט האט אים פארגעשלאגן אן אנדער אויפלאג פון דעם לאטיינישן פאעט. עס זענען פאראן, האט ער געזאגט, אזוינע, וואס זענען קארעקטער אין טעקסט, ממילא זענען זיי אויך בעסער צום שטודירן. ער האט אים פארגעשלאגן בארבום „לוקרעציוס", קוסטעליעס „לוקרעציוס", אדער נאך בעסער, א פראנצויזישע איבערזעצונג. ער האט אים געלאזט האבן דעם אויסוואל צווישן באראן דע־קוטיורס איבערזעצונג, וואס איז שוין אפשר אביסל פארעלטערט, אדער לא־גראנזשעס, אדער די איבערזעצונגען פון ניזאר־און־פאנקוקס זאמלונגען, אדער די צוויי באזונדער עלעגאנטע ווערסיעס, איינע אין פערזן, די אנדערע אין פראזע, וואס ביידע געהערן זיי מאסיע דע־פאנזשערווילן פון דער פראנצויזישער אקאדעמיע.

— איך דארף ניט האבן קיין איבערזעצונג, — האט מאריס מיט שטאלץ אויסגערופן, — גיט מיר פיליפ דע־וואנדאמס „לוק־רעציוס".

מאסיע סאריעט איז לאנגזאם צוגעגאנגען צו דער שאפע, וואו אט־דאס אנטיקל איז געווען פארשלאסן. די שליסל האבן געקלימפערט אין זיינע ציטערדיקע הענט; ער האט זיי צוגעלייגט צום שלאס און גלייך אוועקגענומען, און פארגעשלאגן מאריסן דעם ביליקן „לוקרע־ציוס" פון גארניעס זאמלונג.

— עס איז זייער א באקוועמע אויסגאבע, — האט ער געזאגט מיט אן אונטערקויפנדיקן שמייכל.

אבער נאך דער שטילקייט, וואס האט אפגעענטפערט אט־דעם פארשלאג, האט ער דערקענט, אז יעדער ווידערשטאנד איז געווען אומזיסט. ער האט לאנגזאם ארויסגענומען דאס בוך פון שאפע און נאכדעם ווי ער האט זיך געהאט פארזיכערט, אז עס איז ניט געווען קיין שטויבעלע אויפן געוואנט פון טיש, האט ער מיט ציטערדיקע הענט אים אוועקגעלייגט פאר אלעקסאנדער דעספארוויעס אור־אייניקל.

מאריס האט גענומען מישן די בלעטער, און ווען ער איז צוגע־

קומען צו זייט 137, האָט ער דאָרט דערזען אַ פּלעק, געמאַכט פון וויאָלעטן־טינט, די גרייס פון אַ בעבל.

— יאָ, דאָס איז עס, — האָט געזאָגט פּאַטער סאַריעט, וואָס האָט ניט אָפּגעלאָזן דעם „לוקרעציוס" פון די אויגן, — אָט־דאָס איז דער צייכן, וואָס די ניט־אָנזיכטיקע מאָנסטערס האָבן איבערגעלאָזט אויף אָט־דעם בוך...

— וואָס? עס זענען, הייסט עס, געווען עטלעכע, מאָסיע סאַריעט? — האָט מאָרים אויסגערופן.

— דאָס קאָן איך אייך ניט זאָגן. איך ווייס אָבער ניט, צי האָב איך דאָס רעכט אַרויסצונעמען דעם דאָזיקן פּלעק, וואָס פּונקט ווי דער טינטן־פּלעק, וואָס פּאָל־לואי קוריעי האָט געמאַכט אויף דעם פלאָרענטישן מאַנוסקריפּט, שטעלט ער פאָר, אַזוי צו זאָגן, אַ ליטעראַרישן דאָקומענט.

ווי נאָר דער אַלטער האָט געהאַט אַרויסגעזאָגט די דאָזיקע ווערטער, ערשט דאָס גלעקל פון דער אַריינגאַנג־טיר האָט זיך צע־קלונגען און אַ גרויס געטומל פון טריט און פון שטימען האָט אויס־געבראָכן אין צווייטן זאַל. סאַריעט האָט זיך געלאָזט לויפן אַקעגן דעם גערויש און זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט פּאַטער גינאַרדאָנס געליבטער, מיט דער אַלטער זעפּירין, וואָס האָט זיך געשטיקט פון ווייטיק און צאָרן. די האָר ביי איר זענען געווען אויפגעשטעלט, ווי אַ נעסט פון נאָטערס, דאָס געזיכט צעפלאַמט, די ברוסט אויפגעווי־בערט, דער בויך, ווי אַ פּערענע, אויפגעבלאָזן פון אַ שרעקלעכן שטורעמווינט. דורך זיפצן, יללות, שלוכצעריי און אָן אַ שיעור אַנדערע קלאַנגען, וואָס זי האָט פון זיך אַרויסגעגעבן און וואָס זענען באַשטאַנען פון יענע אַלע גערוישן, מיט וועלכע עס ווערן אויף דער ערד אויסגעדריקט די עמאָציעס פון לעבעדיקע וועזנס און די אויפ־רודערונג אין דער נאַטור, האָט זי אויסגערופן:

— ער איז אוועק, דער מאָנסטער! ער איז אוועק מיט איר! ער האָט אויסגעליידיקט די גאַנצע שטוב און מיך געלאָזט איינע אַליין מיט אַ פראַנק און זיבעציק סאַנטים אין טייסטערל!...

און זי האָט לאַנג און אָן אַ סדר איבערגעגעבן, אַז מישעל גינאַרדאָן האָט זי פאַרלאָזן, צו גיין וואוינען מיט אָקטאַוויע, דער

ברויט־פאַרקויפעריננס טאָכטער.

און זי האָט אויסגעבראָכן פון זיך אַ שטראָם זידלווערטער קעגן דעם פאַררעטער:

— אַ מענטש, וואָס איך האָב אַריבער פופציק יאָר אויסגעהאַלטן מיט מיין געלט. איך בין געווען פאַרמעגלעך, האָט געהאַט פיינע באַקענטשאַפטן און אַלץ מיט אַנאַנדער. איך האָב אים אַרויסגעשלעפּט פון דער אָרעמקייט און אָט אַזוי באַדאַנקט ער עס מיר דערפאַר. ער איז אַ ריכטיקער פאַרשוין, אייער פריינט! אַ פּוילישאַק! מען דאַרף דאָך אים אָנטון ווי אַ קינד, אָט־דעם שיכור... אָט־דעם מיאוסן נפש. איר קענט אים נאָך ניט, מאָסיע סאַריעט... ער איז אַ פעלשער. ער מאַכט נאָך פון דער חאַנט דזשיאָטאָס, יאָ, מאָסיע סאַריעט, דזשיאָטאָס און פראַ אַנדזשעליקאָס, און גרעקאָס, און פאַרקויפט זיי צו קונסט־הענדעלר, — אויך פראַגאָנאַרדן און באָדוענס!... ער איז אַ הולטיי, וואָס גלויבט ניט אין גאָט! ... דאָס איז דאָס ערגסטע, מאָסיע סאַריעט, ווייל אָן דער מורא פאַר גאָט...

נאָך לאַנג האָט זעפירין געשאָטן מיט שימפעריי. און ווען עס האָט איר אויסגעפעלט אָטעם, האָט מאָסיע סאַריעט זיך באַנוצט מיט דער געלעגנהייט זי צו באַרואיקן און געבן איר האָפענונג. גינאַרדאָן וועט צוריקקומען: מען פאַרגעסט ניט קיין פופציק יאָר צוזאַמענלעבן אין שלום און אין אייניקייט...

די דאָזיקע זיסע רייד האָבן אויפגעהויבן אַ נייעם שטורעם און זעפירין האָט זיך געשוואוירן, אַז זי וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן די באַליידיקונג, אַז זי וועט מער קיינמאָל ניט צוריקנעמען צו זיך דעם דאָזיקן מאָנסטער, און וועט ער קומען בעטן מחילה אויף די קני, וועט זי אים לאָזן זיך וואַלגערן ביי אירע פיס.

— איר פאַרשטייט גאָרנישט, מאָסיע סאַריעט, אויף ווי ווייט ער איז מיר געוואָרן פאַרהאַסט און ווי פאַרמיאוסט ער האָט זיך עס אין מיינע אויגן!

אפשר אַ מאָל זעכציק האָט זי אַרויסגעזאָגט די דאָזיקע שטאָלצע געפילן, אפשר אַ מאָל זעכציק האָט זי זיך געשוואוירן, אַז זי וועט מער קיינמאָל ניט צוריקנעמען צו זיך גינאַרדאָנען, אַז זי קאָן אים מער ניט אָנקוקן, אפילו ניט אויף קיין בילד.

מאָסיע סאַריעט האָט גאַרנישט געוואָלט באַקומען קיין באַשלוס, וואָס ער האָט אים נאָך אַזעלכע טענות באַטראַכט פאַר פעלזן־פעסט. ער האָט זעפירין ניט באַשולדיקט, ער האָט איר געגעבן רעכט. ער האָט געעפנט פאַר איר ליכטיקערע האָריזאָנטן, האָט איר פאַרגע־שטעלט די ניט־ממשותדיקייט פון מענטשלעכע געפילן, האָט זי אויפ־געמוטיקט ניט נאָכצוגעבן און גענעצהט צו פאַרלאָזן זיך מיט פאַרכ־טיקייט אויף גאָטס באַראָט.

— ווייל אייער פריינט, — האָט ער איר געזאָגט, — איז אין דער אמתן אַזוי ווייניק ווערט אַמיצנס ליבע...

מער האָט ער ניט געקאָנט ריידן. זעפירין האָט זיך א לאָז געטון אויף אים און גענומען אים ווילד טרייסלען פאַר דעם קאָלנער פון זיין פראַק.

— איז ווייניק ווערט אַמיצנס ליבע, — האָט זי אויסגעשריגן, שטיקנדיק זיך פון צאָרן, — מישעל איז ווייניק ווערט אַמיצנס ליבע! ... אַך, מיין אינגל! געפינט איר דען נאָך איינעם, וואָס זאָל זיין ליבלעכער, לוסטיקער, גייסטרייכער פון אים, נאָך איינעם ווי ער, וואָס זאָל זיין שטענדיק יונג, שטענדיק ...? ווייניק ווערט אַמיצנס ליבע! מען זעט גלייך, אַז איר הויבט גאַרנישט אָן צו וויסן פון ליבע, איר אַלטער נאַר! ....

דער יונגער ד'עספאַרוויעי האָט דערווייל זיך באַנוצט דערמיט, וואָס פאָטער סאַריעט איז אַזוי אָרום געווען שטאַרק פאַרנומען, האָט אַריינגעשאַרט דעם קליינעם „לוקרעציוס" צו זיך אין קעשענע און איז בכיוון פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי דעם אויפגעטרייסלטן ביבליאָטעקאַר, א מאַך טוענדיק אים פון ווייטנס מיט דער האַנט.

באַזאָרגט מיט אָט־דעם טאַליסמאַן, איז ער אַוועקגעלאָפן אויף פּלאַס־דע־טערן, צו מאַדאַם מיראַ, וועלכע האָט אים אויפגענומען אין א רויט־גאָלדיקן זאַל, וואו עס איז ניט געווען צו זען קיין סאָווע, ניט קיין קראָט, ניט קיין שום אַנדער קלאַפּערנעצייג פון דער פאַר־צייטיקער שוואַרצקינצלעריי. מאַדאַם מיראַ, אין א קלייד פון פלוימען־קאָליר און מיט געפּודערטע האָר, האָט, כאָטש שוין באַרג־אַראָפּ, נאָך אויסגעזען זייער שיין. זי האָט גערעדט מיט עלעגאַנץ און זיך גערימט, אַז זי קאָן אויפדעקן פאַרבאָרגענע זאַכן מיט דער

בלויזער הילף פון ווייסנשאפט, פילאָזאָפיע און רעליגיע. זי האָט געטאפּט דעם מאראָקאָ־איינבאנד און מיט צוגעמאכטע אויגן באַטראַכט דורך די שפּעלטלעך צווישן די וויעס דעם לאַטייּנישן טיטל און די ערבן, וואָס זי האָט אין זיי גארנישט ניט פארשטאַנען. גערוויינט צו באַקומען פאר צייכנס רינגעלעך, טיכעלעך, בריוו, האָר, האָט זי ניט געקאָנט באַגרייפן, וואָסער א סאָרט מענטשן דאָס דאָזיקע מאָדנע בוך האָט געקאָנט געהערן. דורך מעכאַנישער געשיקטקייט האָט זי איר אמתדיקע איבעראַשונג פארשטעלט אונטער א בלומרשטדיקער.

— עס איז מאָדנע, — האָט זי געמורמלט, — מאָדנע! ... איך זע ניט אינגאנצן קלאָר... איך זע א פרוי...

ארויסגערעדט דאָס דאָזיקע צויבער־וואָרט, האָט זי געכאפּט בגנבה א קוק צו זען דעם עפעקט, וואָס עס האָט געמאכט, און האָט אויף איר אנפרעגערס געזיכט איבערגעלייענט אן אומגעריכטע אנטוישונג. זי האָט פארשטאַנען, אז זי האָט זיך פארנומען אויף א פאַלשן וועג און גלייך געביטן איר וואָרזאָגעריי.

— זי ווערט אָבער באַלד ניט... עס איז מאָדנע... מאָדנע... איך זע ניט־קלאָר עפּעס אן אומבאַשטימטע געשטאַלט, א וועזן, וואָס לאָזט זיך ניט אויפכאפּן...

און פארזיכערט זיך מיט איין אויגנבליק, אז דאָסמאָל זענען אירע ווערטער ממש פארשלונגען געוואָרן, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט ברייטער אויף דער ניט־קלאָרקייט פון דער פערזאָן, אויף דעם נעפּיל, וואָס וויקלט אים ארום.

די זעאונג איז אומבאַמערקט דאָך געוואָרן קלערער פאר מאַדאַם מיראַס בליקן און שריט נאָך שריט איז זי נאָכגעגאנגען דעם שפּור.

— א גרויסער בולוואַר... א פּלאַץ מיט א סטאַטוע אין מיטן... אַן אויסגעלייּדיקטע גאַס, טרעפּ. ער איז דאָרט, אין א בלוילעכן צימער... ער איז א יונגערמאַן, זיין געזיכט איז בלייך און פארזאָרגט. עס זענען פאַראַן זאכן, וואָס ער האָט, קאָנטיק, אויף זיי חרטה און וואָס ער וואָלט זיי מער ניט געטון, ווען עס זאָל האַלטן דערביי, אז ער זאָל זיי באַדאַרפן איבערחזרן...

אָבער די אַנשטרענגונג פון דער וואָרזאָגעריי איז געווען צו־

גרוים. די מידיקייט האָט ניט געלאָזט דער העלזעערין פירן ווייטער איר טראַנסצענדענטאַלע אויספאָרשונג. זי האָט אויסגעשעפּט אירע לעצטע כוחות, רעקאָמענדירנדיק דרינגלעך דעם עצה־פרעגער צו פאַר־בלייבן אין אינטימער אייניקייט מיט גאָט, אויב ער וויל צוריקגעפינען, וואָס ער האָט פאַרלוירן, און מצליח זיין אין זיינע זוכענישן.

מאָריס האָט ביים אוועקגיין איבערגעלאָזט א לואידאָר אויפן קאַמינגעזימס און איז אַרויס אַ געווירטער, אַ צערודערטער, און איבער־געצייגטער אין מאַדאַם מיראַס איבערנאַטירלעכע פייאיקייטן, וואָס זענען אָבער באַדויערלעך געווען ניט־געגנוג.

אַרונטער פון די טרעפּ, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער האָט איבערגעלאָזן דעם קליינעם „לוקרעציוס" אויף דער וואַרזאָגערינס טיש. ער האָט א טראַכט געטון, אַז דער אַלטער עובר בטל וועט ניט אַריבערלעבן דעם פאַרלוסט פון בוך, און איז אַרויף עס אָפּצונעמען.

ווען ער האָט זיך אומגעקערט אין זיין פּאָטערס הויז, האָט ער דאָרט דערזען שטיין פאַר זיך אַן עלנדן שאָטן. דאָס איז געווען פּאָטער סאַריעט, וואָס האָט מיט א שטים, קלאָגעדיק ווי דער ווינט אין נאָוועמבער, געמאָנט זיין „לוקרעציוס". מאָריס האָט אים נאָכ־לאַזיק אַרויסגעשלעפּט פון דער קעשענע פון זיין אויבערראָק:

— נעמט זיך ניט אַזוי צום האַרצן, מאָסיע סאַריעט. אָט איז זי, די מציאה אייערע!

דער ביבליאָטעקאַר האָט צוגעדריקט צו דער ברוסט דאָס צוריק־געפונענע אַנטיקל, דערנאָך האָט ער עס פאַרזיכטיק אוועקגעלייגט אויפן בלויען געוואַנט פון טיש און גענומען נאָכקלערן וועגן אַ זיכער־דער באַהעלטעניש פאַר דעם אוצר, איבער וועלכן ער האָט געהאַט אַזוי געציטערט, און ווי א געטרייער אויפזעער איבערקלייבן אין געדאַנק כלערליי מעגלעכע פּלענער. אָבער ווער פון אונז קאָן זיך באַרימען צו זיין אַ חכם? דעם מענטשנס פאָראויסזעאונג איז קורץ און זיין קלוגשאַפט ווערט צעשטערט אין אויפהער. ניט אָפּצואוווענדן זענען די קלעפּ פון שיקזאַל, ניט צו פאַרמיידן, וואָס עס איז באַשערט. קיין עצה, קיין תרופה גילט ניט קעגן מזל. דערזעלביקער בלינדער כוח, וואָס רעגולירט די שטערן און די אַטאָמען, שאַפט פון אונזער אומגליקלעכן, סיבותפולן לעבן דעם סדר פון אוניווערז. אונזער

אומגליק איז ווילכטיק פאר דער האַרמאָניע פון די וועלטן. דער דאָ־זיקער טאָג איז געווען דער טאָג פון איינבינדער, וואָס די צייטן פון יאָר האָבן אין זייער גאַנג אים אהינגעבראכט צווייטמאָל אַ יאָר, אונ־טער מזל טלה און אונטער מזל מאזנים. אין יענעם טאָג פון פרימאָרגן אָן, האָט מאָסיע סאַריעט אַלץ צוגעגרייט פאַרן איינבינדער. ער האָט געהאַט אויסגעלייגט אויפן טיש די בראָ־שירטע, אָקאָרשט געקראָגענע ביכער, וואָס ער האָט געהאַלטן, אַז זיי זענען ווערט אַן איינבאַנד אָדער קאַרטאָנענע טאָוולען, אַזוי אויך די ביכער, וואָס זייערע איינבאַנדן האָבן געזאָלט פאַרריכט ווערן, און געמאַכט פון זיי אַ גענויע, אויספירלעכע רשימה. פונקט פינף אַזייגער האָט דער אַלטער אַמעדעי, אָנגעשטעלטער ביי לעזשע־מאָסיעי, איינ־בינדער פון רו דע ל'אַבעי, זיך באַוויזן אין דער ביבליאָטעק פון די ד'עספּאַרוויעים. נאָכדעם ווי מאָסיע סאַריעט האָט געהאַט צווייטמאָל אַדורכגעקוקט די רשימה, האָט אַמעדעי פאַרנומען די ביכער, באַ־שטימט פאַר זיין באַלעבאָס, אין אַ שטיק לייוונט, האָט פאַרבונדן אין אַ קנופּ די פיר עקן און אַרויפגעשלעפּט דעם פּאַק אויפן אַקסל. דערנאָך האָט ער זיך געשיידט פון ביבליאָטעקאַר מיט אָט־די ווערטער:

— אַ גוטע נאַכט, אַלטער פריינט! —

און זיך אַרונטערגעלאָזט פון די שטיגן.

אַלץ איז דאָסמאָל פאָרגעקומען, אַזוי ווי עס קומט אַלעמאָל פאָר. אָבער אַמעדעי, געפינענדיק דעם „לוקרעציוס" אויפן טיש, האָט אים אומשולדיקערהייט אַריינגעלייגט אין זיין לייוונט און אַוועקגעטראָגן, אינאיינעם מיט די איבעריקע ביכער, אומבאַמערקט פון מאָסיע סאַריעט. דער ביבליאָטעקאַר האָט פאַרלאָזן דעם זאַל פון די פילאָזאָפן און גלאָבוסן, האָבנדיק איינגאַנצן פאַרגעסן אָן דעם בוך, וואָס זיין אויספעלן האָט אים בייטאָג אַזוי אַכזריותדיק געקוועלט. די, וואָס וועלן אים וועלן שטרענג משפּטן, וועלן אין דעם איינזען אַ שוואַכ־קייט פון זיין ביבליאָטעקאַרישער גאונות. וואָלט אָבער ניט געווען בעסער צו זאָגן, אַז דאָס מזל האָט באַשלאָסן, אַז אַזוי זאָל עס זיין, און אַז דאָס, וואָס מען רופט אָן צופאַל און וואָס אין דער אמתן איז עס דער סדר פון דער נאַטור, האָט עס אויסגעפירט דעם דאָזיקן אומ־

באַדייטלעכן פאַקט, וואָס די רעזולטאַטן דערפון האָבן, לויט דער מענטשלעכער השגה, געמוזט זיין אַזוינע שרעקלעכע? מאַסיע סאַריעט איז אַוועק עסן אין דעם מילכיקן רעסטאָראַן פון די פיר ביסקופּן און האָט דאָרט געלייענט די צייטונג „לאַ קרואַ". ער איז געווען רואיק און אויפגעליינט. ערשט אויפן אַנדערן טאָג, אַריינקומענדיק אין זאַל פון די פילאָזאָפן און גלאָבוסן, האָט ער זיך דערמאָנט אָן דעם „לוקרעציוס". ניט צו זען אים אויפן טיש, האָט ער אים געזוכט אומעטום און אין ערגעץ ניט געפונען. עס איז אים גאַרנישט געווען געקומען אויפן זינען, אַז אמעדעי האָט אים דורך אַ פאַרזען געקאָנט פאַרטראָגן. עס איז אים אַבער יאָ איינגעפאַלן, אַז דער ניט־אָנזיכ־טיקער באַזוכער האָט זיך צוריק אומגעקערט און ער איז דערפון געוואָרן שטאַרק צעמישט.

דערהערט עפּעס אַ גערויש אויף די טרעפּ, האָט דער אומגליק־לעכער ביבליאָטעקאַר געעפנט די טיר און דערזען דעם קליינעם לעאָן, וואָס האָט געטראָגן אויפן קאָפּ אַ גאָלד־געשמוקלערט מיליטערישן היטל און מיט אַן אויסגעשריי: „זאָל לעבן פראַנקרייך!" געוואָרפן אויף אָפּגעדוכטע שונאים די שטויב־באַרשטן, די פלעדערווישן און היפּאָליטס פּאַרקעט־וואַקס. דאָס קינד האָט בעסער ליב געהאַט צו שפּילן זיך אין סאָלדאַטן אויף אָט־די טרעפּ, ווי אין אַן אַנדער טייל פון הויז, און פלעג אַמאָל זיך אַריינכאַפּן אין ביבליאָטעק אַריין. מאַסיע האָט אים פּלוצלינג חושד געווען, אַז דאָס האָט ער געהאַט גענומען דעם „לוקרעציוס" צו מאַכן דערפון אַ שיס־געווער, און מיט אַ דראָ־ענדיקער שטים געפאָדערט, ער זאָל עס אים צוריקגעבן. דאָס קינד האָט געטענהט, אַז ער ווייס פון גאַרנישט ניט צו זאָגן, און מאַסיע סאַריעט האָט זיך געפּרוּווט אים צו נעמען מיט גוטן.

— לעאָן, אויב דו וועסט מיר ברענגען דאָס קליינע רויטע ביכל, וועסטו ביי מיר קריגן שאָקאָלאַד.

דאָס קינד איז געבליבן שטיין אַ פאַרטראַכטער. און אין אָוונט, ווען מאַסיע סאַריעט האָט זיך אַרונטערגעלאָזט פון די שטיגן, איז אים לעאָן געקומען אַקעגן.

— אָט איז דאָס בוך! — האָט לעאָן געזאָגט.

ער האָט אים דערלאַנגט אַ צעפליקטן בילדער־אַלבום, „די מעשה פון גריבוי", און געמאָנט שאָקאָלאַד.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מאַרים באַקומען דורך דער פּאָסט דעם פּראָספּעקט פון אַן אונטערזוכונג־אַגענטור, געפירט פון אַ געוועזענעם פּאָליציי־באַאַמטן, וואָס האָט צוגעזאָגט שנעלקייט און געהיימקייט. ער האָט געפונען אויפן אָנגעגעבענעם אַדרעס אַ מאַן מיט וואָנצעס, אַ פאַרזאָרגטן און אַ שווערמוטיקן, וואָס האָט פאַרלאַנגט פון אים געלט און צוגעזאָגט אויסצוגעפינען די פּערזאָן.

דער געוועזענער פּאָליציי־באַאַמטער האָט אים אינגיכן מודיע געווען דורך אַ בריוו, אַז אַ זייער פאַרוויקלטע אונטערזוכונג איז אָנגעהויבן געוואָרן, און פאַרלאַנגט פון אים אויפסניי געלט. מאַרים האָט קיין געלט ניט געגעבן און באַשלאָסן צו נעמען זיך אַליין צו דער אַרבעט. פאַרשטעלנדיק זיך, — און אפשר טאַקע מיט רעכט, — אַז דער מלאך האָט באַדאַרפט זיך קאָמפּאַנירן מיט דער אָרעמקייט, ווייל ער האָט ניט געהאַט קיין געלט, און מיט די גלות־אַפריכטער פון אַלע פעלקער, רעוואָלוציאָנערן באַגלייך מיט אים, האָט ער זיך אוועקגעלאָזט איבער די מעבלירטע קוואַרטירן פון סענט־אַוען, פון לאַ שאַפּעל, פון מאָנמאַרטר, פון באַריער ד'איטאַלי, איבער די נאַכט־לעגערס, וואו מען שלאָפט אויף אַ שטריק, איבער די גאַרקיכן, וואו מען סערווירט אייך אַ טעלער דרויב, אויך דאָרט, וואו מען גיט אייך אַ וואורשטל פאַר דריי סו, אין די מאַרק־קעלערם און צו פאָטער מאַמי.

מאַרים האָט באַזוכט די רעסטאָראַנען, וואו עס עסן די ניהיליסטן און די אַנאַרכיסטן. ער האָט דאָרט באַגעגנט פרויען, אָנגעטון ווי מענער, מענער, אָנגעטון ווי פרויען, מרה־שחורהדיקע, ווילד־אויסזעענדיקע יונגעלייט און אַכציקיעריקע זקנים מיט בלויע אויגן, וואָס האָבן געלאַכט ווי קליינע קינדער. ער האָט אַבסערווירט, זיך נאָכגעפרעגט, איז אָנגענומען געוואָרן פאַר אַ שפּיאָן, האָט באַקומען פון אַ זייער שיינער פרוי אַ מעסער־שטאָך, און אויפן אַנדערן טאָג האָט ער ווייטער זיך אוועקגעלאָזט זוכן איבער די שענקען, די מעבלירטע קוואַרטירן, די באָרדעלן, די שפּיל־הייזער, איבער די ביר־שענקלעך

און טיי־הייזער ארום די פעסטונגען, ביי די טאנדעט־הענדלער און צווישן די אפּאַשעס.

צוזעענדיק, ווי ער גייט ארום אן אויסגעבלייכטער, א מידער, א שווייגנדיקער, האָט זיין מוטער זיך גענומען שטארק צום הארצן.

— מען דארף אים חתונה מאכן, — האָט זי געזאָגט, — עס איז א שאָד, וואָס מאדמואזעל דע־לא־ווערדעליער האָט ניט קיין פיינערן נדן.

דער גייסטלעכער פּאטוי האָט אויך ניט פארבאָרגן זיין אומרואיקייט:

— דאָס קינד, — האָט ער געזאָגט, — גייט דורך א מאָראלישן קריזיס.

— איך גלויב גיכער, — האָט מאָסיע רענע ד'עספּארוויעי זיך אָנגערופן, — אז ער איז אונטערן איינפלוס פון עפּעס א שלעכטער פרוי. מען וואָלט באדארפט געפינען פאר אים א באשעפטיקונג, וואָס זאָל אים האַלטן פאראינטערעסירט און באפרידיקן זיין אמביציע. איך וועל אפשר זען, אז מען זאָל אים נאָמינירן פאר סעקרעטאר פון קאָמיטעט אויף צו דערהאַלטן די דאָרפישע קלויסטערס, אָדער פאר בעראטונג־אדוואָקאט פון דעם סינדיקאט פון קאטוילישע בלייגיסער.

קאַפּיטל זיבעצען

װאו מען דערװיסט זיך, אַז סופר, װאָס איז פּונקט אַזוי להוט נאָך גאָלד, װי מאַמאָן, האָט זײַן הימלש פּאַטערלאַנד ליב געהאַט אַ סך װײניקער, װי ער האָט ליב געהאַט פראַנקרײַך, דאָס געבענטשטע לאַנד פון שפּאָרעװדיקײט און קרעדיט, און װאָס װײַזט נאָך אַן איבעריק מאָל, אַז דער, װאָס באַזיצט פאַרמעגן, שרעקט זיך פאַר ענדערונגען.

אין דערזעלביקער צײַט האָט אַרקאַד געפירט אַ װינקלדיק, האָרעפּאַשנע לעבן. ער האָט געאַרבעט אין אַ דרוקערײַ אױף רו סען־בענואַ און געװאױנט אין אַן איבערשטיבל אױף רו מופטאַר. װען זײַנע חברים זענען אַרױס אין שטרײַק, האָט ער פאַרלאָזן דעם װאַרשטאַט און אװעקגעגעבן גאַנצע טעג אױף פּראָפּאַגאַנדע, װאָס איז אים אַזױ געלונגען, אַז ער האָט געהאַט געװאונען אױף דער זײַט פון דער מרידה אַריבער פופציק טױזנט שוץ־מלאכים, װאָס זענען, לױט זיטאַס השערה, געװען אומצופרידן מיט זײער לעבנס־שטײגער און דורכגענומען מיט די אידײען פון דער צײַט. עס האָט אים אָבער אױסגעפעלט געלט, און ממילא אױך פרײַקײט, האָט ער ניט געקאָנט באַנוצן זײַן צײַט אַזױ װי ער װאָלט עס װעלן צו לערנען די זין פון הימל. פּונקט אַזױ האָט אױך פּרינץ איסטאַר, ניט צו האָבן גענוג געלט, פאַבריצירט װײניקער באָמבעס, װי עס איז געװען נױטיק, דערצו נאָך ניט קײן גאָר שײנע. דערפאַר אָבער האָט ער געהאַט אױסגעאַרבעט אַ סך קלײנע קעשענע־באָמבעס. ער האָט אָנגעפילט מיט זײ טעאָפילס װאױנונג און זײ פאַרגעסן יעדן טאָג אױף די דיװאַנען פון די קאַפע־הײַזער. אַן עלעגאַנטע באָמבע, װאָס זאָל זײַן באַקװעם, לײַכט צום אָפּפירן, און זאָל קאָנען פאַרניכטן עטלעכע גרױסע הײַזער מיטאַמאָל, קאָסט אָפּ פון צװאַנציק ביז פינף־און־צװאַנציק טױזנט פראַנק; אַזױנע באָמבעס האָט פּרינץ איסטאַר געהאַט ניט מער װי צװײ. סײַ אַרקאַד, אַזױ אױך איסטאַר האָבן באַגלײַך געזוכט צו שאַפן פאָנדן, זענען זײ בײדע אװעק צום באַרימטן פינאַנצלער, מאַקס עװערדינגען, װאָס איז, װי יעדער אײנער װײס דאָס, דער אָנפירער

פון דער גרעסטער קרעדיט־אינסטיטוציע פון פראַנקרייך און פון דער גאַנצער וועלט. ניט יעדערער ווייס אָבער, אַז מאַקס עווערדינגען איז ניט קיין ילוד־אישה, נאָר א געפאַלענער מלאך. און דאָס איז דער אמת. ער האָט זיך גערופן אויפן הימל סופר און געהיט די אוצרות פון יאַלדאַבאַאָט, א גרויסן ליבהאָבער פון גאָלד און פון איידל־שטיינער. ביי דער אויספירונג פון זיינע פונקציעס האָט סופר באַקומען א ליבע צו רייכקייט, וואָס מען קאָן זי אָבער ניט צופרידנ־שטעלן אין א געזעלשאַפט, וואָס ווייס ניט פון קיין בערזע און פון קיין באַנק. זיין האַרץ האָט געברענט מיט הייסער ליבע צום גאָט פון די אידן, וואָס ער איז אים פאַרבליבן געטריי אין לויף פון א לאַנגער ריי יאָרהונדערטער. אָבער אין אָנהייב פון 20טן יאָרהונדערט פון דער קריסטלעכער צייטרעכענונג האָט ער פון דער הימלשער הייך געהאַט געוואָרפן זיינע בליקן אויף פראַנקרייך און דערזען, אַז אונטערן נאָמען פון א רעפּובליק האָט דאָס דאָזיקע לאַנד זיך אויספאָרמירט אין א פּלוטאָקראַטיע און אַז די גרויס־פינאַנץ האָט, אונטערן שיין פון א דעמאָקראַטישער רעגירונג, דאָרט געהאַט די אויבערמאַכט, אומ־באַשרענקט און ניט קאָנטראָלירט פון קיינעם. פון דעמאָלט אָן האָט ער ניט געקאָנט מער פאַרטראָגן צו וואוינען אין די הויכע הימלשע ספערן. ער האָט זיך געצויגן צו פראַנקרייך, ווי צו זיין אויסדער־וויילטן פאָטערלאַנד, און אין א געוויסן טאָג האָט ער פאַרנומען אַלע שטיינער, וואָס ער האָט נאָר געקאָנט פאַרטראָגן, האָט אראָפּגענידערט אויף דער ערד און זיך איינגעסטאַלירט אין פאַריז. דער דאָזיקער גייציקער מלאך האָט דאָרט געמאַכט גוטע געשעפטן. זינט ער האָט אָנגענומען א גשמיותדיקע געשטאַלט, האָט זיין געזיכט אינגאַנצן אָנגעוואוירען זיין הימלשע מראה; עס האָט רעפּראָדוצירט דעם סע־מיטישן טיפּ אין זיין גאַנצער ריינקייט און מען האָט דערויף געקאָנט באַוואונדערן די גערונצלטקייט און די לאָבערדיקייט פון די באַנקירישע געזיכטער, וואָס מען קאָן דאָס שוין געפינען ביי די חלפנים פון קווענטען מאַצים. דער אָנהייב זיינער איז געוועזן זייער קליין, זיין מזל געוואַלטיק גרויס. ער האָט חתונה געהאַט מיט א מיאוסער פרוי און ביידע האָבן זיי זיך געקאָנט זען אין זייערע קינדער אַזוי ווי אין א שפּיגל. באַראָן מאַקס עווערדינגענס פּאַלאַץ, וואָס הויבט זיך אַרויס

אויף די הויכקייטען פון טראַקאַדעראָ, איז געווען איבערגעפילט מיט אַנגערויבטן גוטס פון דער קריסטלעכער אייראָפּע.

דער באַראָן האָט אויפגענומען ארקאדן און פרינץ איסטאַרן אין זיין ארבעט־קאַבינעט, וואס איז געווען איינס פון די באַשיידנסטע צימערן פון זיין פּאַלאַץ. דער סופיט איז דאָרט געווען באַצירט מיט טיעפּאָלאָס א פרעסקאָ, אוועקגענומען פון א ווענעציישן פּאַלאַץ. עס איז געווען צו זען אין דעם דאָזיקן קאַבינעט דער טיש פון דעם רעגענט, פיליפּ פון אָרלעאַן. עס האָבן זיך דאָרט געפונען אַלמערס, גלעזערנע שאפעס, בילדער, סטאַטועז.

ארקאַד האָט געוואָרפן א בליק אויף די ווענט:

— ווי שיקט זיך עס, אָ, ברודער סופר, אז איר, וואָס איר האָט נאָך אין זיך דאָס אידישע האַרץ, זאָלט אזוי ניט אָפּהיטן דאָס געבאָט פון אייער גאָט, וועלכער האָט פאַרזאָגט: „איר זאָלט ניט האָבן קיין געשניצטע געמעלדן"? איך זע דאָ הודאָנס און אַפּאָלאָ, לעמואַנס א העבע און קאַפּיערים עטלעכע ביוסטן. און ווי שלמה המלך אויף דער עלטער, אָ, זון פון גאָט, אזוי שטעלט איר אריין אין אייער וואוינונג די אָפּגאָטן פון פרעמדע פעלקער: אזוינע זענען דאָך אין דער אמתן אַט־די ווענוס בושעים, אָט־דער יופּיטער רובענסעס און אָט־די נימפן, וואָס האָבן צו פאַרדאַנקען פראַגאָנארדס פּינזל דעם איינגעמאַכטס פון טריסקאַוועס, וואָס טריפט צווישן זייערע שמייכל־דיקע הינטערהלקס. און דאָ, אין אָט־דער איינציקער גלעזערנער שאַפע, האַלט איר דעם סצעפּטער פון דעם קדוש לואי, זעקס הונדערט פּערל פון דער קיניגין מאַרי־אַנטואַנעטס צעשאָטענעם האַלזבאַנד, דעם קייזערלעכן מאַנטל פון שאַרל דעם פינפטן, די טיאַרע, וואָס גיבערטי האָט אויסגעמייסטערט פאַר דעם פּויפּסט מאַרטין V, קאַלאָנאַ, באָנאַפּאַרטעס שווערד... און ווער ווייס וואָס נאָך?...

— דאָס זענען אַלץ קלייניקייטן! — האָט געענטפערט מאַקס ווערדינגען.

— מיין טייערער באַראָן, — האָט געזאָגט פּרינץ איסטאַר, — איר האָט דאָ אַפילו דעם רינג, וואָס שאַרל דער גרויסער האָט אים אָנגעטון אויפן פינגער פון א פּעע און וואָס מען האָט געגלייבט, אז ער איז פאַרלוירן געגאַנגען... אָבער לאָמיר צוטרעטן צו אונזער

געשעפט. מיין פריינט און איך זענען געקומען בעטן ביי אייך געלט.

— איך צווייפל ניט אין דעם, — האָט מאַקס עווערדינגען געענטפערט, — יעדער איינער פאַרלאַנגט היינט געלט אויף פאַר־שיידענערליי זאַכן. אויף וואָס ברויכט איר עס צו האָבן?

פרינץ איסטאַר האָט נאַאיוו געענטפערט:

— צו מאַכן די רעוואָלוציע אין פראַנקרייך.

— אין פראַנקרייך? — האָט דער באַראָן איבערגעחזרט, — אין פראַנקרייך? נו־נו, איר מעגט זיין זיכער, אַז איך וועל אייך קיין געלט דערויף ניט געבן.

אַרקאַד האָט זיך אָפן אַרויסגעזאָגט, אַז פון אַ הימלישן ברודער האָט ער ערוואַרט מער פרייגעביקייט און אַ מער גרויסמוטיקע ביי־שטייערונג.

— אונזער פּלאַן, — האָט ער געזאָגט, — איז אַ ברייטער. ער נעמט אַרום דעם הימל און די ערד. ער איז אויסגעאַרבעט אין אַלע פּרטים. לכתחילה וועלן מיר מאַכן די סאָציאַלע רעוואָלוציע אין פראַנק־רייך, אין אייראָפּע, אויף דער גאַנצער פּלאַנעטע; דערנאָך וועלן מיר אַריבערפירן די מלחמה אין הימל אַריין און דאָרט איינשטעלן אַ פּאַציפיסטישע דעמאָקראַטיע. כדי אָבער אַרונטערצוזעצן די ציטאַ־דעלן פון הימל, כדי איבערצוקערן דעם באַרג פון גאָט, כדי צו שטור־רעמען דאָס הימלישע ירושלים, באַדאַרף מען האָבן אַ גרויסע אַרמיי, ריזנדיקע רעזערוון, געוואַלטיקע מאַשינען און עלעקטראָפאָרן פון נאָך ניט באַוואוסטער קראַפט. מיר האָבן ניט די מיטלען צו שאַפן אַזעלכע מלחמה־מאַטעריאַלן. די רעוואָלוציע אין אייראָפּע קאָן געמאַכט ווערן מיט ווייניקער געלט. אונזער כוונה איז אָנצוהויבן פון פראַנקרייך.

— איר זענט משוגעים, — האָט באַראָן עווערדינגען אויסגע־רופן, — משוגעים און שוטים! הערט מיך אויס: עס איז ניטאָ קיין איין־איינציקע רעפאָרם, וואָס מען זאָל זי באַדאַרפן דורכפירן אין פראַנקרייך. אַלץ איז דאָ פולקום, ענדגילטיק, אומפאַרענדער־לעך. איר הערט: אומפאַרענדערלעך!

און כדי צוצוגעבן זיין פאַרזיכערונג מער קראַפט, האָט באַראָן עווערדינגען דריי מאָל אַ קלאַפּ געטון מיטן פויסט איבער דעם רענעסאַנס טיש.

— אונזערע שטאַנדפּונקטן זענען פאַרשיידן, — האָט ארקאַד אַרויסגעזאָגט מיט זיין זיסער שטים, — איך גלויב אַזוי ווי פּרינץ איסטאַר, אַז אַלץ דאַרף אין דעם דאָזיקן לאַנד געענדערט ווערן. אָבער צו וואָס טויג דאָס קריגן זיך? עס איז שוין סיי־ווי צו שפּעט. מיר זענען געקומען ריידן צו אייך, אָ, מיין ברודער סופר, אין דעם נאָמען פון פינף הונדערט טויזנט הימלשע גייסטער, וואָס זענען ביי זיך פעסט באַשלאָסן אָנצוהייבן מאָרגן די אוניווערסאַלע רעוואָלוציע.

באַראָן עווערדינגען האָט זיך צעשריגן, אַז זיי זענען חסר־דעה, אַז ער וועט ניט געבן קיין סו, אַז עס איז אַ פאַרברעכן און אַ משוגעת צו אַטאַקירן די וואונדערבאַרסטע זאַך אין דער וועלט, די זאַך, וואָס מאַכט די ערד נאָך שענער פון הימל: פינאַנץ.

ער איז געווען אַ פּאָעט און אַ נביא; זיין האַרץ האָט געציטערט פון הייליקער התלהבות; ער האָט אָפּגעשילדערט די פראַנצויזישע שפּאָרעוודיקייט, די טוגנדלעכע שפּאָרעוודיקייט, די ריינע, צניעותדיקע שפּאָרעוודיקייט, ווי די יונגפרוי פון ליד, וואָס קומט פון דער טיפעניש פון די דערפער, אין אַ דאָרפיש קליידל, אקעגנטראָגנדיק איר חתן, וואָס וואַרט אויף איר, — דעם קרעפטיקן און גלענצנדיקן ק ר ע ד י ט, — דעם אוצר פון איר ליבע. און ער האָט געוויזן ווייטער דעם קרעדיט, רייך פול זיין באַשערטערס מתנות, גיסנדיק אויף אַלע פעלקער פון דער וועלט שטראָמען גאָלד, וואָס פון זיך אַליין, דורך אַ טויזנט ניט־אָנזיכטיקע קאַנאַלן, קערן זיי זיך אום צוריק, נאָך שפּעדיקער ווי פריער, צום געבענטשטן באָדן, פון וואַנען זיי האָבן געהאַט אַרויס־געקוועלט.

— דורך שפּאָרעוודיקייט און קרעדיט איז פראַנקרייך געוואָרן דאָס נייע ירושלים, וואָס וואַרפט איר שיין אויף אַלע פעלקער פון אייראָפּע, און די מלכים פון דער ערד קומען קושן אירע ראָזיקע פיס. און דאָס ווילט איר חרוב מאַכן! איר זענט כופרים און לעסטערער.

אַזוי האָט גערעדט דער מלאך פון פינאַנץ. אַ ניט־אָנזיכטיקע האַרף האָט אַקאָמפּאַנירט זיין שטים און זיינע אויגן האָבן געוואָרפן פון זיך בליצן.

אין דערזעלביקער צייט האָט ארקאַד, אָנגעשפּאַרט זאָרגלאָז מיט די עלנבויגנס אָן דעם רעגענטס טיש, געהאַט צעלייגט פאַר

דעם באַראָנס אויגן די פּלענער פון פּאַריזער באַדן, אונטערבאָדן און הימל: רויטע צלמלעך האָבן דאָרט באַצייכנט די פּונקטן, וואו די באָמבעס האָבן געזאָלט גלייכצייטיק אונטערגעלייגט ווערן אין די קעלערס און אין די קאַטאַקאָמבן, געוואָרפן אויף די עפנטלעכע וועגן און אַרונטערגעשליידערט דורך אַ פלאָטיליע עראָפּלאַנען. אַלע פינאַנץ־אינסטיטוציעס, דערעיקרשט די וועראָרדינגען־באַנק מיט אַלע אירע בראַנזשעס, זענען אָנגעצייכנט געוואָרן מיט רויטע צלמלעך.

דער פינאַנצלער האָט געצויגן מיט די אַקסל.

— גייט שוין, גייט! איר זענט ניט מער ווי קבצנים און שלעפּער, וואָס די פּאָליציי פון דער גאָרער וועלט שפּירט אייך נאָך. איר האָט ניט קיין סו. ווי אַזוי וועט איר קאָנען פאַבריצירן אָט־די אַלע מאַשינען?

אַנשטאָט אַן ענטפער, האָט פּרינץ איסטאַר אַרויסגענומען פון קעשענע אַ קליינעם קופּערנעם צילינדער און אים גראַציעז דערלאַנגט דעם באַראָן.

— איר קוקט אָן, — האָט ער געזאָגט, — אָט־דאָס פּשוטע קעסטעלע? מען דאַרף ניט מער ווי נאָר עס אַרונטערוואַרפן אָט־דאָ־אָ אויפן דיל, אַז פון דעם גרויסן פּאַלאַץ מיט אַלע זיינע באַוואוינער זאָל גלייך ווערן אַ באַרג רויכיקער אַש און עס זאָל אויסברעכן אַ שׂרפה, וואָס זאָל חרוב מאַכן דעם גאַנצן קוואַרטל פון טראָקאַדעראָ. איך האָב צען טויזנט אַזוינע קעסטעלעך און מאַך זיי צו דריי טוצן אַ טאָג.

דער פינאַנצלער האָט געבעטן דעם כרוב, ער זאָל אַריינלייגן דאָס מאַשינדל צוריק אין קעשענע, און געזאָגט מיט אַ ווייכערן טאָן:

— הערט מיך אויס, מיינע פריינט. גייט גלייך אַוועק מאַכן די רעוואָלוציע אין הימל און לאָזט געמאַך דאָס דאָזיקע לאַנד. איך וועל אייך אונטערשרייבן אַ טשעק. איר קאָנט זיך איינשאַפן דעם גאַנצן מאַטעריאַל, וואָס איר דאַרפט נויטיק אויף צו אַטאַקירן דאָס הימלישע ירושלים.

און באַראָן עוועראַרדינגען האָט שוין קאָמבינירט אין געדאַנק אַ גלענצנדיק געשעפט פון עלעקטראָפאָרן און אַנדערע מלחמה־מאַטעריאַלן.

קאפיטל אכטצען

וואו עס הויבט זיך אָן דעם גערטנערס דערציילונג, וואָס וויקלט נאָכאַנאַנד אויף די מזלות פון דער וועלט און וואָס אירע אָנבליקן זענען אַזוי ברייט און פּראַקטיק, ווי באַסיועס אָנבליקן אין זיין „פּאָרטראַג איבער דער אוניווער־סאַלער געשיכטע" זענען שמאָל און טריב.

דער גערטנער האט באַזעצט ארקאדן אין זיטאַן אין הינטערגרונד פון זיין באַשטאַן, אין א ביידל, דראַפּירט מיט ווילדן וויינריב.

— ארקאַד, — האָט געזאגט דער שיינער ערץ־מלאך, — נעקטאַר וועט דיר אפשר היינט אנטפּלעקן, וואָס דו ברענסט אַזוי צו וויסן.

בעט אים, ער זאָל ריידן.

ארקאַד האָט אים דאָס געבעטן און דער אַלטער נעקטאַר האָט אוועקגעלייגט זיין ליולקע און אָנגעהויבן מיט אָט־די ווערטער:

— איך האָב אים געקענט: ער איז געווען דער שענסטער פון די שרפים. ער האָט געגלאַנצט מיט פארשטאַנדיקייט און געוואגט־קייט. זיין גרויס האַרץ איז געווען איבערגעפילט מיט אַלע גוטע מידות, וואָס ווערן געבוירן פון שטאָלץ: אויפריכטיקייט, מוט, פעסט־קייט אין נסיון, פאַרעקשנטער בטחון. דעמאָלט, פאַר אַלע צייטן, האָט ער געוואוינט אויף דעם צפונדיקן הימל, וואו עס שיינען די זיבן מאַגנעטישע שטערן, אין א פּאַלאַץ פון דימענטן און גאָלד, וואו דאָס גערויש פון פליגל און דאָס געזאַנג פון טריאומף האָבן קיינמאָל ניט אויפגעהערט. יעהאָווא, אויף זיין בארג, איז געווען אייפערזיכטיק אויף לוציפערן.

„אירביידע ווייסט עס: די מלאכים, באַגלייך מיט די מענטשן, פילן ווי עס גייט אויף אין זיי דאָס געפיל פון ליבע און דאָס געפיל פון האַס. פּייאַיק צייטנווייז אויף גרויסמוט, פאַלגן זיי אָבער צו אָפט זייערע אייגענע אינטערעסן און גיבן נאָך דער מורא. דעמאָלט, אַזוי ווי היינט, האָבן זיי דאָס רוב זיך ארויסגעוויזן צו זיין ניט פּייאַיק אויף הויכע געדאנקען און אין דער מורא פאַר זייער האר איז באַ־שטאַנען זייער גאַנצע טוגנד. לוציפער האָט געפילט גרויס פאַר־

אכטונג צו אַלץ, וואָס עס איז נידעריק, האָט ער ניט פאַרטראָגן אָט־די כּאַליאַסטרע היימישע גייסטער, וואָס האָבן פון קיין אַנדער זאַך ניט געוואָלט וויסן ווי נאָר פון שפּילן און פון פייערן יום־טובים. די אָבער, וואָס האָבן פאַרמאָגט אַ וואַגעדיקן גייסט, אַן אומרואיקע נשמה, די, וואָס זענען געווען פאַרכאַפּט פון אַ ברוויזיקער ליבע צו פרייקייט, האָט ער געשענקט זיין פריינטשאַפט, פאַר וועלכער זיי האָבן אים צוריקגעצאָלט מיט פאַרערונג. אָט־די האָבן אין מאַסן פאַרלאָזן דעם באַרג פון גאָט און אָפּגעגעבן דעם שרף דעם כּבוד, וואָס י ע נ ע ר האָט אים געוואָלט האָבן נאָר פאַר זיך."

„מיין ראַנג איז געווען צווישן די ערשאַפטן און מיין נאָמען אַלתּיאל איז ניט געווען פרעמד פון גלאָריע. כּדי צו באַפרידיקן מיין נשמה, אַ געפיינִיקטע פון ניט־געשטילטן דאָרשט צו וויסן און צו פאַרשטיין, האָב איך אָבסערווירט די טבע פון זאַכן, האָב שטודירט די אייגנשאַפטן פון מינעראַלן, פון לופט און פון וואַסער, האָב גע־פאָרשט די געזעצן, וואָס באַהערשן די מאַסיווע אָדער די סובטילע מאַטעריע, און נאָך לאַנגער נאָכטראַכטעניש האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דער אוניווערז איז ניט באַשאַפן געוואָרן אַזוי ווי זיין כּלומרשט־דיקער באַשאַפער האָט זיך גענומען צו מאַכן אונז גלויבן; איך האָב געוואוסט, אַז אַלץ, וואָס עקזיסטירט, עקזיסטירט עס פאַר זיך אַליין, ניט דורך יעהאָוואַס קאַפּריז, אַז די וועלט איז איר אייגענער באַשאַפער און דער גייסט זיין אייגענער גאָט. פון דעמאָלט אָן האָב איך דערפילט אַ פאַראַכטונג צו יעהאָוואַן פאַר זיין גענאַרעריי און אים פיינט געקראָגן, ווייל ער האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין קעגן אַלץ, וואָס מיר האָט עס אויסגעזען צו זיין ווינטשנסווערט און גוט: פריי־קייט, נייגיר, צווייפל. די דאָזיקע געפילן האָבן מיך געבראַכט נאָענט צום שרף. איך האָב אים באַוואונדערט, איך האָב אים ליב געהאַט. איך האָב געלעבט אין זיין ליכט. ווען עס איז צולעצט אויסגעקומען צו דאַרפן אויסקלייבן צווישן אים און דעם אַנדערן, האָב איך זיך געשטעלט אויף לוציפערס צד און מיין איינציקע אַמביציע איז געוואָרן אים צו דינען, מיין איינציקער פאַרלאַנג צו טיילן מיט אים זיין גורל."

„אַזוי ווי די מלחמה איז געוואָרן אומפאַרמיידלעך, האָט ער

געגומען זיך גרייטן צו איר מיט אַ גאַרנישט־מיד־ווערנדיקער וואַכ־זאַמקייט און מיט אַלע מיטלען פון אַ מיושבדיקן קאָפּ. געמאַכט פון די טראַגען און די הערשאַפטן כאַליבן און ציקלאָפּן, האָט ער פון די בערג, וואָס גרעניצן מיט זיין קיניגרייך, אַרויסגעצויגן אייזן, וואָס ער האָט עס געשעצט מער פון גאָלד, און אויסגעשמידט געווער אין די היילן פון הימל. דערנאָך האָט ער צונויפגענומען אין די וויסטע פליינען פון צפון מיריאַדן גייסטער, האָט זיי באַוואָפנט, געלערנט, מושטירט. כאָטש צוגעגרייט אין געהיים, איז אָבער די אונטערנעמונג געווען אַ צו גרויסע, אַז דער שונא זאָל זיך פון איר באַלד ניט דער־ווייסן. מען קאָן זאָגן, אַז ער האָט זיך דערויף שטענדיק געריכט און זיך פאַר דעם געשראָקן, ווייל ער האָט פון זיין וואוינונג געמאַכט אַ ציטאַדעל, פון זיינע מלאכים אַ מיליציע, און זיך אַליין האָט ער אַ נאָמען געגעבן דער גאָט פון די חיילות. ער האָט אָנגעברייט זיינע דונערן. העכער אַ העלפט קינדער פון די הימלען זענען אים פאַרבליבן געטריי; ער האָט געזען, ווי עס דרענגען זיך אַרום אים אַ מאַסע געהאָרכיקע נשמות און געדולדיקע הערצער. דער ערץ־מלאך מיכאל, וואָס האָט ניט געוואוסט פון קיין מורא, האָט איבערגענומען די קאָמאַנדע איבער די דאָזיקע שוואַכמוטיקע טרופּן."

„ווי נאָר לוציפער האָט דערזען, אַז זיין אַרמיי האָט דערגרייכט דעם פּונקט פון ניט קאָנען מער שטייגן אין צאָל אָדער אין קריג־פייאיקייט, האָט ער זי שנעל אַ לאָז געטון אויפן שונא; צוגעזאָגט די מלאכים עשירות און כבוד, האָט ער בראש פון זיין אַרמיי מאַרשירט צום באַרג, וואָס טראָגט אויף זיין שפּיץ דעם טראָן פון דעם אוניווערז. דריי טעג האָבן מיר מיט אונזער פליען געברענט די עטערישע פליינען. איבער אונזערע קעפּ האָבן געפלאַטערט די שוואַרצע פאָנען פון רעוואָלט. שוין האָט דער באַרג פון גאָט זיך באַוויזן, אַ ראָזיקער, אין מזרח־הימל, און אונזער פירער האָט אָפּגעמאָסטן מיט די אויגן זיינע פינקלדיקע וואַלן. אונטער די סאַפּירשטיינערנע ווענט האָבן זיך אויסגעצויגען דעם שונאס רייען, און בעת מיר האָבן מאַרשירט, באַדעקט מיט בראָנז און מיט אייזן, האָבן זיי געגלאַנצט מיט גאָלד און איידלשטיינער. זייערע פאָנען פון רויט און בלוי האָבן געפלאַ־טערט אויפן ווינט און בליצן האָבן זיך געצונדן אויף די שפּיצן פון

זייערע שפּיזן. באַלד זענען ביידע אַרמייען געווען אָפּגעטיילט איינס פון אַנדערן ניט מער ווי דורך אַ שמאָלער מחיצה, אַ פּאַס פלאַכע און וויסטע ערד, און אַ ציטער האָט דורכגענומען אַפילו די בראַווסטעביים געדאַנק, אַז דאָ, אין אַ בלוטיקער שלאַכט, דאַרף באַלד באַשטימט ווערן זייער גורל."

„די מלאכים, ווי איר ווייסט, שטאַרבן ניט. ווען אָבער בראָנז, אייזן, דער שפּיץ פון אַ דימענט, אָדער אַ בלאַנקעדיקע שווערד רייסט זיך אַריין אין זייער אייִדעלן גוף, איז זייער ווייטיק אַ סך שאַרפער, ווי דער, וואָס דער מענטש קאָן פילן, ווייל זייער לייב איז לעבהאַפטיקער; און ווערט אַ וויכטיקער אבר אָפּגעטויט ביי זיי, אַזוי פאַלן זיי אַוועק פאַרשטאַרטע, ווערן לאַנגזאַם צעפוילט, לייזן זיך אויף אין וואָלקן־מאַסן, און אָן לעבן, צעזייטע און צעשפּרייטע, שוועבן זיי אין לויף פון לאַנגע צייטן אַרום איבער דעם קאַלטן עטער. און באַקומען זיי צולעצט ווידער אַ גוף און אַ נשמה, האָבן זיי ניט די פולע געדעכעניש פון זייער פריערדיקן לעבן. עס איז, דעריבער, בדרך הטבע, אַז די מלאכים זאָלן מורא האָבן צו ליידן און אַז אַפילו די בראַווסטע פון צווישן זיי זאָלן ווערן צעמישט ביים געדאַנק צו פאַרלירן דאָס ליכט פון די אויגן און די זיסע עריי־נערונגען. וואָלט דאָס ניט געווען אַזוי, וואָלטן די מלאכים ניט גע־וואוסט ניט פון דער שיינקייט פון קאַמף, ניט פון דער דערהויבנ־קייט פון מסירת־נפש, און די, וואָס האָבן פאַרן אָנהויב פון אַלע צייטן מלחמה געהאַלטן אין די הימלשע ספערן, פאַר אָדער קעגן דעם גאָט פון חיילות, וואָלטן אָן כבוד געקעמפט אין כלומרשט־דיקע שלאַכטן, און איך וואָלט אייך, קינדער, איצט ניט געקאָנט זאָגן מיט באַרעכטיקטן שטאָלץ: „איך בין דאָרט געווען!"

„לוציפער האָט געגעבן דעם סיגנאַל אָנצוהויבן די שלאַכט און האָט זיך דער ערשטער אַ לאָז געטון אין פאָראויס. מיר האָבן זיך אָפּגעריסן אויפן שונא, גלויבנדיק, אַז מיר ווען אים באַלד פאַרטיליקן און מיטן ערשטן אָנגריף צעשמעטערן די הייליקע צי־טאַדעל. די סאָלדאַטן פון דעם אייפערזיכטיקן גאָט, ניט אַזוינע היציקע, אָבער ניט ווייניקער אַנטשלאָסענע ווי אונזערע, זענען פאַרבליבן ניט גערירט. דער ערץ־מלאך מיכאל האָט זיי קאָמאַנ־

דירט מיט דער רואיקייט און פעסטקייט פון אַ גרויסן גייסט. דריי מאָל האָבן מיר געפּרואווט דורכברעכן זייערע רייען און דריי מאָל האָבן זיי אונזערע בריסט פון אייזן אָקעגנגעשטעלט די בליציקע שפּיצן פון זייערע שפּיזן, גרייט דורכצושטעכן דעם שטאַרקסטן פּאַנצער. די גלאַרדייכע קערפּער זענען געפאַלן אין די מיליאָנען. צולעצט האָט אונזער רעכטער פליגל אָפּגעשאָסן דעם שונאס לינקן פליגל און מיר האָבן דערזען די רוקנס פון די פירשטלעכקייטן, די מאַכטיקייטן, די טוגענדן, די הערשאַפטן און די טראָנען, וואָס זענען געלאָפן, אָפּקלאַפּנדיק איינס ס׳אַנדערע די פיס, בעת די מלאכים פון דריטן כאָר, פליענדיק צעשראָקענע איבער זייערע קעפּ, האָבן זיי באַדעקט מיט אַ שניי פון פעדערן, אויסגעמישט מיט אַ רעגן פון בלוט. מיר האָבן זיי נאָכגעיאָגט, פלאָנטערנדיק זיך צווישן ברוכווארג פון רייטוואָגנס און בערג מיט געווער, און פאַרשנע־לערט זייער פליגל לויף... אַ שטורעם פון אויסגעשרייען האָט מיטאַמאָל איבעראַשט אונזערע אויערן; ער איז געוואָרן אַלץ גרע־סער, נענטער, פול מיט פאַרצווייפלטע געוואַלטן און טריאומפירנ־דיקע אויסרופן: דעם שונאס רעכטער פליגל, די ריזנדיקע ערץ־מלאכים פון דעם אַלערהעכסטן, האָבן זיך אַ וואָרף געטון אויף אונ־זער לינקן פליגל און האָבן אים צעבראָכן. מיר האָבן געמוזט איבערלאָזן די לויפנדיקע מלאכים און גיין שנעל צוהילף אונזערע פונאַנדערגעריסענע טרופּן. אונזער פּרינץ איז געקומען צופליען און האָט באַגייט די שלאַכט. אָבער דעם שונאס לינקער פליגל, וואָס מיר האָבן אים נאָך ניט אינגאַנצן געהאַט אויסגעראָטן, ניט צו פילן מער אויף זיך דעם דרוק פון פיילן און שפּיזן, האָט צו־ריקגעקראָגן מוט, זיך אומגעקערט און זיך געשטעלט אַקעגן אונז".

„די נאַכט האָט אָפּגעשטעלט די ניט־זיכערע שלאַכט. בעת דער לאַגער האָט גערוט אין שאָטן פון דער נאַכט, אין דער שטילקייט, וואָס איז פון צייט צו צייט איבערגעריסן געוואָרן דורך די קרעכצן פון די פאַרוואונדעטע, האָט לוציפער זיך געמאַכט פאַרטיק צום צווייטן טאָג. פאַר באַגינען האָבן די טרומייטן געשאַלט צום אויפ־וואַכן. אונזערע קריגער האָבן איבעראַשט דעם שונא בעת דעם פרימאָרגן־געבעט, האָבן אים געיאָגט און געשלאָגן עד חרמה. ווען

אַלע זענען געפאַלן אין שלאַכט אָדער אַנטלאָפן, האָט מלאך מיכאל, אַליין מיט עטלעכע חברים, וואָס האָבן געהאַט צו פיר פייערדיקע פליגל, נאָך אַלץ זיך אַקעגנגעשטעלט דעם אַנגריף פון אַן אומצייליקער אַרמיי. זיי זענען אָפּגעטראָטן, ניט אויפצוהערן אַרויסשטעלן אונז די בריסט, און מיכאל האָט נאָך אַלץ געוויזן אַ רואיק געזיכט. די זון איז געווען אָפּגעגאַנגען אַ דריטהלק פון איר גאַנג, ווען מיר האָבן גענומען קלעטערן אויף דעם באַרג פון גאָט. עס איז געווען אַ שווערער אויפשטייג; דער שוויים האָט גערונען פון אונזערע שטערנס; אַ בלענדיק ליכט האָט אונז בלינד געמאַכט. באַלאַדענע מיט אייזן, האָבן אונזערע פליגל פון פעדערן אונז ניט געקאָנט פאַרטראָגן; אָבער די האָפענונג האָט אונז געגעבן פליגל, וואָס האָט אונז געהויבן אַרויף. דער שיינער שרף האָט מיט זיין שטראַליקער האַנט, וואָס האָט זיך געהויבן אַלץ העכער און העכער, אונז געוויזן דעם וועג. דעם גאַנצן טאָג האָבן מיר אַלץ געקלעטערט אַרויף, איבער דעם היכל באַרג, וואָס האָט צו אָוונט צו זיך באַקליידט מיט אַזור, מיט ראָז און מיט אָפּאַל. די אַרמיי שטערן, וואָס האָט זיך באַוויזן אויפן הימל, האָט אויסגעזען צו זיין דער אָפּשפּיגל פון אונזער געווער. אַן אומענדלעכע שטילקייט האָט געשוועבט איבער אונזערע קעפּ. מיר זענען געגאַנגען, באַרוישטע פון האָפענונג. מיטאַמאָל האָבן בליצן פונאַנדערגעריסן דעם פינצטערן הימל. דער דונער האָט אַ קנאַל געטון און פון דער הייך פון דעם פאַרוואָלקנטן באַרג איז אַרונטערגעפאַלן אַ פייער פון הימל. די פלאַמען האָבן געריזלט פון אונזערע העלמס און פאַנצערס, און אונזערע שילדן האָבן זיך געבראָכן אונטער די פיילן, געשליידערטע פון ניט־אַנזיכטיקע הענט. לוציפער, אין דעם אוראַגאַן פון פייער, האָט דערהאַלטן זיין שטאָלץ. אומזיסט האָבן די בליצן זיך געשטאַרקט אים צו טרעפן: ער איז געבליבן שטיין אין זיין גאַנצער גרייס, מיט אַרויספאָדערונג אַקעגן דעם שונא. צולעצט האָט דער דונער, אויפטרייסלענדיק דעם באַרג, אונז אַרונטערגעשליידערט אין אַ צונויפגעהורבעטע מאַסע, אינאיינעם מיט ריזנדיקע שטיקער סאַפירשטיין און רובין, און שווערע, אָנמאַכטיקע, האָבן מיר זיך געקייקלט אַרונטער אין לויף פון אַ צייט, וואָס קיינער וואָלט זי גאָר ניט געקאָנט אויסמעסטן."

„איך האָב זיך אויפגעכאַפּט אין אַ יאָמערדיקער פינצטערניש. און ווען מיינע אויגן האָבן זיך געהאַט צוגעוווינט צו די געדיכטע שאָטנס, האָב איך דערזען אַרום זיך מיינע חברים פון קריג, אויסגעלייגט אין די טויזנטער איבער דעם שוועבלדיקן באָדן, וואָס האָט דאָ און דאָרט אויפגעשיינט מיט אַ בלאַסער ליכטיקייט. איך האָב גאָרנישט ניט געזען אַרום ווי נאָר שוועבל־ברונימער, רויכערדיקע קראַטערן און גיפטיקע זומפּן. בערג פון אייז און ימען פינצטערניש האָבן פאַרשלאָסן דעם האָריזאָנט. אַ בראָנזענער הימל איז שווער געהאַנגען איבער אונזערע שטערנס. און דער שרעק פון אָטדעם פּלאַץ איז געווען אַזוי גרויס, אַז מיר האָבן געוויינט, זיצנדיק צונויפגעקאָרטשעטע, מיט די עלנבייגנס אויף די קני און די פויסטן אין די באַקן.״

„אָבער באַלד האָב איך אויפגעהויבן די אויגן און דערזען דעם שרף, וואָס איז געשטאַנען פאַר מיר אַזוי ווי אַ זייל. אויף זיין פייערדיקן גלאַנץ האָט די פיינלעכקייט אַרויפגעוואָרפן איר טונקעלן און פּראַכטיקן מאַנטל״.

„— חברים, — האָט ער געזאָגט, — מיר דאַרפן זיך גראַטולירן און זיך פרייען, ווייל אָט זענען מיר אויסגעלייזט געוואָרן פון דער הימלשער שקלאַפעריי. דאָ זענען מיר פריי, און עס איז ליבערשט די פרייקייט אין גיהנום, ווי די שקלאַפעריי אין די הימלען*). מיר זענען ניט באַזיגט, ווייל עס פאַרבלייבט אונז נאָך דער ווילן צו זיגן. מ י ר האָבן דאָס אויפגעטרייסלט דעם טראָן פון דעם אייפערזיכטיקן גאָט און דורך אונז וועט ער פאַלן. שטייט אויף, חברים, און זייט מוטיק!״

„באַלד האָבן מיר, אויף זיין באַפעל, אָנגעהויבט בערג אויף בערג און אַרויפגעשטעלט אויפן העכסטן שפּיץ מאַשינען, וואָס האָבן געשליידערט פלאַמענדיקע פעלזן אויף די געטלעכע וואוינונגען. די הימלשע חיילות האָבן זיך גאָר דערויף ניט גערעכט און פון דעם וואוינאָרט פון גלאָריע האָבן זיך אַרויסגעריסן קרעכצן און געשרייען

---

*) „בעסער צו הערשן אין גיהנום, איידער צו שקלאַפן אין הימל״ (מילטאָנס „פאַרלוירענער גן־עדן״, בוך 1, פערז 254). — א. פ.

פון שרעק. מיר האָבן שוין געהאַט גערעכנט, אַז אָט קומען מיר זיגרייכע אַריין אין אונזער דערהויבענעם פּאַטערלאַנד, אָבער דער באַרג פון גאָט איז ווידער געקרוינט געוואָרן מיט בליצן און דונערן, וואָס זענען געפאַלן אויף אונזער פעסטונג און זי געמאַכט צו שטויב".

„נאָך דעם דאָזיקן נייעם אומגליק איז דער שרף פאַרבליבן אַ ווײַלע פאַרקלערט, דער קאָפּ איינגעגראָבן אין די הענט. דערנאָך האָט ער געוויזן זיין שוואַרץ־געוואָרן געזיכט. איצט איז ער געווען דער שטן, גרעסער פון לוציפערן. די מלאכים האָבן זיך צוזאַמענגעדרענגט אַרום אים:"

„— פריינט, — האָט ער אונז געזאָגט, — אויב מיר האָבן נאָך ניט געזיגט, איז עס דערפאַר, ווייל מיר זענען ניט ווערט און ניט פייאיק צו זיגן. לאָמיר דערגיין, וואָס עס האָט אונז אויסגעפעלט. מען קאָן אַנדערש ניט באַהערשן די נאַטור, מען קאָן אַנדערש ניט קריגן די ממשלה איבער דעם אוניווערז און ווערן אַ גאָט, סיידן נאָר דורך וויסן. מיר מוזן בייקומען דעם דונער; אָט דערצו דאַרפן מיר אַוועקגעבן, גאַרנישט מיד צו ווערן, אַלע אונזערע כוחות. ניט דער בלינדער מוט (קיינער האָט היינט ניט אַרויסגעוויזן אַזוי־פיל מוט ווי איר) וועט אונז איבערענטפערן דעם געטלעכן באַדן; דאָס וועט טון פאַר אונז דאָס שטודירן און דאָס נאָכדענקען. לאָמיר דאָ, אין אָט־דעם שטילן וואווינאָרט, וואו מיר זענען אַריינגעפאַלן, נאָכקלערן, זוכן די פאַרבאַרגענע סיבות פון זאַכן. לאָמיר אָבסערווירן די נאַטור; לאָמיר זי נאָכפאָלגן מיט דער גרעסטער התמדה און מיט איבערוועלטיקן חשק; לאָמיר זיך אָנשטרענגען דורכצודרינגען איר אומענדלעכע גרויסקייט און איר אומענדלעכע קליינקייט. לאָמיר דערגיין, ווען זי איז עקרותדיק און ווען פרוכטבאַר; ווי זי מאַכט היץ און קעלט, פרייד און לייד, לעבן און טויט; ווי זי זאַמלט צונויף און טיילט פונאַנדער אירע עלעמענטן, ווי זי שאַפט סיי די דינע לופט, וואָס מיר אָטעמען איין, סיי די פעלזן פון דימענטן און סאַפּירשטיין, פון וואַנען מיר זענען אַרונטערגעשליידערט געוואָרן, סיי דעם געטלעכן פייער, וואָס האָט אונז שוואַרץ געמאַכט, סיי דעם דערהויבענעם געדאַנק, וואָס רעגט אָן אונזער גייסט. צעריסן פון שווערע וואונדן, פאַרברענט פון פלאַם און פון אייז, לאָמיר

דאנקען אונזער גורל, וואָס האָט געזאָרגט צו עפענען אונז די אויגן, לאָמיר זיך פרייען מיט אונזער מזל. איבערגעטראָגן אויף זיך די ערשטע פּיינלעכע דערפאַרונג פון דער נאַטור, זענען מיר אַנגעשטויסן זי צו דערקענען און זי בייצוקומען. וועט זי אונז געהאַרכן, וועלן מיר זיין געטער. זאָל זי אָבער אפילו האַלטן אויף אייביק פאַרבאָרגן פון אונז אירע סודות, זאָל זי זיך אפילו אָפּזאָגן צו געבן אונז אין די הענט אריין כלי־זיין, זאָל זי אפילו היטן פון אונז דעם סוד פון דעם דונער, דאַרפן מיר זיך נאָך אַלץ גראַטולירן, וואָס מיר האָבן דערקענט די פּיינלעכקייט, ווייל די נייע געפילן, וואָס דאָס אַנטפּלעקט פאַר אונז, זענען פיל טייערער און ליבער פון דעם, וואָס מען פילט אין דער אייביקער גליקזעליקייט: זיי אינספּירירן אונז מיט ליבע און רחמנות, אומבאַוואוסטע אין די הימלען."

„די דאָזיקע ווערטער פון שרף האָבן געביטן אונזערע הערצער און געעפענט פאַר אונז נייע האָפענונגען. אַ גאַרן נאָך וויסן און ליבע האָט איבערגעפילט אונזערע נשמות."

„אין דערזעלביקער צייט איז די ערד געבוירן געוואָרן. איר ריזנדיקע נעפּילהאַפטע קויל איז פון שעה צו שעה געוואָרן אַלץ מער צונויפגענומען און פאַרפעסטיקט. די וואַסערן, וואָס האָבן געהאַט גענערט וואַסער־גראָזן, שטערנקאַראַלן, פּאַנצערפיש און געטראָגן אויף זיך די לייבטע פלאָטיליע שיפמושעלן, האָבן זי מער ניט באַדעקט אינגאַנצן; זיי האָבן זיך איינגעזאַמלט אין פלוס־בעטן און עס האָבן זיך שוין באַוויזן קאָנטינענטן, וואו אין ווארעמען שליים האָבן ארומגעפּויזעט אַמפּיביעס. דערנאָך האָבן די בערג זיך באַדעקט מיט וועלדער, און פאַרשיידענע מינים חיות האָבן אָנגעהויבן זיך פיטערן מיט גראָז, מיט מאָך, מיט יאַגדעס און מיט חזיר־ניסלעך."

„שפּעטער זענען די היילן און די שוץ־פעלצער אונטער די פעלזן פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם נפש, וואָס האָט געוואוסט ווי אַזוי דורכצושטעכן מיט אַ שאַרפן שטיין די ווילדע חיות און ביי־צוקומען מיט ליסטיקייט די פּאַרצייטיקע באַוואוינער פון די וועלדער, פליינען און בערג. דער מענטש האָט אָנגעהויבן מיט פּיינלעכקייט

זיין הערשאפט. ער איז געווען שוואך און נאקעט. זיינע שיטערע האָר אויפן לייב האָבן אים שלעכט באשיצט פון קעלט. זיינע הענט האָבן זיך פארענדיקט מיט נעגל, וואָס זענען געווען צו דעלי־קאט צו קאָנען קעמפן קעגן די קלויען פון די ווילדע חיות; אָבער די פּאָזיציע פון זיינע גראָבע האַנט־פינגער, געשטעלט אקעגן די איבעריקע פינגער, האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט לייכט אָנצונעמען מיט זיי די פארשיידנסטע זאכן און אזוי ארום אים פארזיכערט מיט פלינקייט, אנשטאָט כוח. ניט אונטערצושיידן זיך אין תוך פון די איבעריקע חיות, איז ער אָבער געווען פייאיקער פון יעדער אנדערער צו אָבסערווירן און צו פארגלייכן. אזוי ווי ער פלעג ארויסציען פון זיין קעל פארשיידענע קלאַנגען, איז אים איינגעפאַלן צו באַ־צייכענען מיט א באזונדער ענדערונג פון דער שטים יעדער זאך, אויף וועלכער זיין געדאנק האָט זיך אָנגעשטויסן, און די דאָזיקע ריי קלאַנגען האָט אים געהאָלפן פעסטצושטעלן און איבערצוגעבן זיי־נע באגריפן. זיין שווער מזל און זיין אומרואיקער גייסט האָבן אין אים דערוועקט סימפּאטיע צו די באזיגטע מלאכים, וואָס האָבן, פון זייער זייט, איינגעזען אין אים א מוטיקייט, ענלעך צו זייערער, און סימנים פון גאווה, וואָס איז געווען די סיבה פון זייער ליידן און פון זייער גלאָריע. אין גרויסע צאָלן זענען זיי געקומען צו וואוינען לעבן אים, אויף אָט־דער יונגער ערד, וואָס זייערע פליגל האָבן זיי אהין לייכט געטראָגן. עס איז זיי וואוילגעפעלן אָנצורעגן זיין שכל און צו וועקן זיינע פייאיקייטן. זיי האָבן אים געלערנט צו קליידן זיך אין די פעלן פון ווילדע חיות און צו קייקלען שטיי־נער צו די עפענונגען פון די היילן, כדי צו פארמאכן דעם אריינגאנג פאר טיגערס און בערן. זיי האָבן אים אויסגעלערנט ארויסצו־שלאָגן דעם פלאַם דורך דרייען א שטעקן אין טרוקענע בלעטער און אָפּצוהיטן אויף דעם פייערשטיין דעם הייליקן פייער. אָנגערעגט פון שארפזיניקע דעמאָנס, האָט ער זיך איינגעשטעלט אריבערצוגיין די טייכן אויף פונאנדערגעשפּאָלטענע און אויסגעהיילטע שטאַמען פון בוימער, האָט ער אויסגעפונען די ראָד, דעם מילשטיין און דעם אַקעראייזן; די סאָכע האָט אויפגעריסן די ערד אין א פרוכטבארער וואונד און די תבואה האָט געגעבן די, וואָס האָבן זי צעמאָלן, א געט־

לעבע שפּייז. ער האָט געקנאָטן כּלים פון ליים און אויסגעהאַקט פון קיזלשטיין פאַרשיידענע געוועקציינג."

„פאַרבליבן וואוינען צווישן די מענטשן־קינדער, האָבן מיר זיי געטרייסט און זיי געלערנט. ניט אַלעמאָל האָבן זיי אונז געקאָנט זען, אָבער אין אָוונט, ביים שיידן זיך פון די וועגן, פלעגן מיר זיך באַווייזן פאַר זיי אין געשטאַלטן, אָפטמאָל מאָדנע און אויסטערלישע, אַמאָל צויבערדיק־הערלעכע; מיר פלעגן, לויט אונזער ווילן, זיך פאַרשטעלן פאַר אַ מאָנסטער פון די וועלדער אָדער פון די וואַסערן, פאַר אַ שיין קינד, אָדער פאַר אַ פרוי מיט ברייטע היפּטן. אַמאָל פלעגן מיר זיך מאַכן איבער זיי לוסטיק אין אונזערע לידער אָדער אויספּרואוון זייער פאַרשטאַנדיקייט דורך עפּעס אַ שאַרפער הלצה. איניקע צווישן אונז, אַביסל פאַרשייט־שטיפעריש, האָבן ליב געהאַט צו רייצן זיך מיט זייערע פרויען און קינדער, אָבער שטענדיק זענען מיר געווען גרייט צו קומען צוהילף אונזערע קלענערע ברידער".

„דורך אונזער מי האָט זייער שכל זיך געהאַט גענוג אויסגע־ברייט אויף צו קאָנען זיך טועה זיין און אויף צו באַקומען פאַלשע השגות וועגן דער שייכות פון זאַכן. אַזוי ווי זיי האָבן אָנגענומען, אַז צווישן דעם אָפּמעל און דעם רעאַלן אָביעקט איז פאַראַן אַ מאַגישע פאַרבינדונג, האָבן זיי די ווענט פון זייערע היילן באַדעקט מיט פיגורן פון חיות און אויסגעקריצט אויף עלפאַנביין בילדער פון הירשן און פון מאַמאַטן, כּדי צו פאַרזיכערן זיך מיטן רויב, וואָס יענע האָבן פאַרגעשטעלט. יאָרהונדערטער זענען פאַרביי מיט אַן אומענדלעכער לאַנגזאַמקייט און זייערע פייאיקייטן האָבן קוים אָנ־געהויבן זיך אַנטוויקלען. מיר האָבן זיי צוגעשיקט אין חלום גליק־לעכע געדאַנקען, האָבן זיי אָנגערעגט צו צוימען די פערד, מסרס זיין די אָקסן, לערנען די הינט היטן די שאָף. זיי האָבן באַשאַפן די פאַ־מיליע, דעם שבט. איינמאָל איז איינער פון זייערע וואַנדערנדיקע שבטים באַפאַלן געוואָרן פון ווילדע יעגער. באַלד האָבן די יונגע־לייט פון שבט פאַרמירט מיט די רייטוואָגנס אַן אָפּצאַם, אין וועלכן זיי האָבן איינגעשלאָסן די פרויען, די קינדער, די זקנים, די הערדן, די אוצרות, און פון דער הייך פון די רייטוואָגנס טויטגעשלאָגן מיט שטיינער זייערע אָנגרייפער. אַזוי איז געגרינדעט געוואָרן די

ערשטע שטאָט. געבוירן אין עלנד און פאַרמשפּט דורך יעהאָ־
וואָס געזעץ צו באַגיין רציחות, האָט דער מענטש האַרט געמאַכט
זייַן האַרץ אין שלאַכט, און דורך מלחמה איז ער עס געקומען צו
זיינע בעסטע מידות. ער האָט געהייליקט מיט זיין בלוט די היי־
ליקע ליבע צום פאָטערלאַנד, וואָס וועט דאַרפן (אויב דער מענטש
וועט ביז צום סוף דערפילן זיין מזל) איינוויקלען אין שלום די גאַנצע
ערד. איינער פון אונז, דעדאַלוס, האָט אים געבראַכט די אַקס, דעם
הובעל און דעם זעגל. אַזוי אַרום האָבן מיר דאָס לעבן פון די
שטערבלעכע געמאַכט ניט אַזוי שווער און האַרט. זיי האָבן אויפגע־
בויט אויף די אָזיערעס דערפער פון ראָרן, וואו זיי האָבן געקאָנט
הנאה האָבן פון פאַרחלומטער רואיקייט, וואָס די אַנדערע איינ־
וואוינער פון דער ערד האָבן פון איר ניט געוואוסט, און ווען זיי
האָבן זיך אויסגעלערנט צו שטילן זייער הונגער אָן צופיל פיינלעכער
מי, האָבן מיר אַריינגעהויכט אין זייערע הערצער די ליבע צו
שיינקייט".

„זיי האָבן אויפגעשטעלט פּיראַמידן, אָבעליסקן, טורעמס, קאָ־
לאָסאַלע סטאַטועז, וואָס האָבן געשמייכלט, שטייפע און אומהיימ־
לעכע, און סימבאָלן פון באַשאַף. זיך אויסגעלערנט אונז צו קענען,
אָדער, ווייניקסטנס, צו דערפילן בחוש אונזער זיין, האָבן זיי באַ־
קומען פאַר אונז מורא און זענען אין דער אייגענער צייט אויך גע־
וואָרן אונזערע פריינט. די קליגסטע פון זיי האָבן אין הייליקער
פאָרכטיקייט אונז נאָכגעשפּירט און נאָכגעקלערט איבער דעם, וואָס
מיר האָבן זיי געלערנט. די פעלקער פון גריכנלאַנד און פון אַזיע
האָבן אין זייער דאַנקבאַרקייט אונז געווידמעט שטיינער, ביימער,
שאָטנדיקע וועלדער, האָבן אונז געבראַכט קרבנות, אונז געזונגען
הימנען; קורץ, מיר זענען געווען פאַר זיי געטער און זיי האָבן
אונז אָנגערופן האָרוס, איזיס, אשתרות, צעאוס, פּאַלאַס, סיבעל,
דעמעטער און טריפּטאָלעמוס. דער שטן איז פאַרערט געוואָרן אונ־
טער די נעמען דיאָניזוס, יאַקכוס און לענעאָס. ער האָט אין זיין
אַנטפּלעקן־זיך אַרויסגעוויזן אַזוי פיל שטאַרקייט און שיינקייט, וויפיל
די מענטשן־קינדער האָבן געקאָנט פאַרנעמען מיט זייער השגה.
זיינע אויגן האָבן געהאַט די זיסקייט פון וואַלד־וויאָלעטן; אויף

זיינע ליפּן האָט געברענט די רובין־רויטקייט פון אָפענע מילגרוימען; א פוך, פיינער ווי דער סאַמעט פון פערשקעס, האָט צוגעדעקט זיינע באַקן און זיין קין; זיינע בלאָנדע האָר, פאַרוויקלט ווי א דיאַדעמע און לויז פאַרבונדן אויפן מיטן קאָפּ, זענען געווען אַרומגענומען מיט ווילדן וויינריב. ער האָט באַצויבערט די בייז־גערייצטע חיות, האָט צוגעצויגן צו זיך, אַריינדרינגענדיק אין די טיפע וועלדער, אַלע ווילדע גייסטער, אַלץ, וואָס עס האָט געקלעטערט אויף די בוימער און געוויזן דורך די צווייגן א רציחהדיקן שוואַרצאַפּל, אַלע געוואַלטלעכע און שרעקעדיקע באַשעפענישן, וואָס האָבן זיך גענערט מיט ביטערע יאַגדעס און וואָס אין זייער הונגעריקער ברוסט האָט געשלאָגן א באַרבאַריש האַרץ, די האַלב־מענטשן פון די וועלדער, וואָס ער האָט זיי אַרויסגעוויזן זיין גוטן ווילן און זיין גענאָד, און זיי זענען געגאַנגען נאָך אים, שיכורע פון פרייד און פון שיינקייט. ער האָט געפלאַנצט דעם וויינשטאָק און געלערנט די שטערבלעכע צו דריקן די טרויבן, כדי צו לאָזן פליסן דעם ווייַן. פּראַקטיק און וואוילטועריש, איז ער דורכגעגאַנגען די וועלט מיט א לאַנגער סוויטע נאָכפאָלגער. כדי אים צו באַלייטן, האָב איך אָנגענומען די געשטאַלט פון א סאַטיר: פון מיין שטערן זענען אַרויסגעקומען צוויי שפּראָצנדיקע הערנער; מיין נאָז איז געווען א פּלאַטשיקע און די אויערן פאַרשפּיצטע; א צעשפּאָלטן בערדל, אַזוי ווי ביי א ציגן־באָק, איז מיר אַרונטערגעהאַנגען פון האַלז; אויף מיינע לענדן האָט זיך באַוועגט א ציגענער עק און מיינע האָריקע פיס האָבן זיך פאַרענדיקט מיט שוואַרצע צעשפּאָלטענע קלויען, וואָס האָבן אין גאַנג געקלאַפּט צום טאַקט איבער דער ערד."

„דיאָניזוס האָט דורכגעמאַכט א טריאומף־צוג איבער דער וועלט. איך בין דורכגעגאַנגען מיט אים לידיע, די פריגישע פעלדער, די ברענענדיקע פליינען פון פערזיע, די פראָסט־באַדעקטע מעדיע, די גליקלעכע אַראַביע און די רייכע אַזיע, וואָס דער ים האָט געוואַשן אירע בליענדיקע שטעט. ער האָט געצויגן פאָראויס אויף א טריאומף־וואָגן, געשפּאַנט מיט לייבן און לוקסן, אונטער דעם קלאַנג פון פלייטן, צימבלען און פּייקלעך, וואָס זענען אויסגעטראַכט געוואָרן פון וועגן זיינע מיסטעריעס. די באַקכאַנטינס, די טיאַרן און

די מענאַדן, אַנגעגורט מיט געפלעקטע פעלן פון אינדינס, האָבן באַוועגט דעם באַקכוס־שטאַק, אַרומגעוויקלט מיט ווילדן וויינריב. ער האָט מיטגעפירט אין זיין סוויטע די סאַטירן (איך בין געווען דער אָנפירער פון אָט־דער לוסטיקער חברה), די סילענען, די פאַנען און די צענטאַוורען. אונטער זיינע טריט זענען אויפגעקומען בלומען און פרוכט, און קלאַפנדיק מיט זיין שטעקן איבער די פעלזן, האָט ער אַרויסגעקוואַלט פון זיי לויטערע וואַסערן."

„אין דער צייט, ווען דער וויינטרויב איז געוואָרן צייטיק, האָט ער באַזוכט גריכנלאַנד; די דאָרפלייט זענען אים געלאָפן אַקעגן, געפלעקטע מיט גרינע אָדער רויטע זאַפטן פון פלאַנצן, די געזיכטער באַדעקט מיט מאַסקן פון האָלץ, קאָרע, אָדער בלעטער, מיט ערדענע בעכערס אין די הענט, און זיי האָבן געטאַנצט אויסגעלאַזענע טענץ. זייערע פרויען האָבן נאָכגעמאַכט גאָטס באַלייטערינס, האָבן באַקראַנצט די קעפּ מיט גרינע סמילאַקס־בלעטער און אַרומגעבונדן אַרום זייערע בויגיקע לענדן פעלן פון אינדינס און פון ציגן־בעק. די יונגפרויען האָבן געטראָגן אויפן האַלז גירלאַנדן פון פייגנבלעטער, געקנאָטן קוכנס פון מעל און געטראָגן דעם פאַלאָס אין דעם מיסטישן קערבל. און די וויין־טרעטער, אויסגעשמירטע אין טרויבנזאַפט, זענען געשטאַנען אין זייערע רייטוואָגנס, האָבן זיך איבערגעוואָרפן מיט די פאַרבייגייער מיט וויצן און שטעכווערטלעך, שאַפנדיק אַזוי אַרום די טראַגעדיע."

„אוודאי האָט דיאָניזוס ניט געדרעמלט אויפן ברעג פון אַ טייכל, נאָר זיך שווער געמיט צו לערנען קולטיווירן פלאַנצן און אַרויסצוברענגען פון זיי די זאַפטיקע פרוכט. און בעת ער האָט נאָכגעקלערט איבער דער קונסט צו מאַכן פון די רויע וואַלד־מענטשן אַ ראַסע, וואָס זאָל ליב האָבן די לירע און זיך אונטערוואַרפן אונטער געראַכטע געזעצן, האָט זיין שטערן, וואָס האָט געברענט פון ענטוזיאַזם, ניט איינמאָל זיך פאַרשאָטנט פון מעלאַנכאָליע און מרה־שחורה. אָבער זיין טיף וויסן און זיין פריינטשאַפט צו מענטשן האָבן אים געהאָלפן בייצוקומען אַלע שטערונגען. אָ, געטלעכע טעג! אָ, שיינער זונאויפגאַנג פון לעבן! מיר האָבן געפירט די באַקכאַנ־

טינס אויף די באוואקסענע באַרגשפּיצן און איבער די זאמד־ברעגן פון די ימים. די נאַיאַדן און די אָרעאַדן האָבן זיך אויסגעמישט מיט אונז אין אונזערע שפּילן. אַפראָדיטאַ איז ביי אונזער אָנקומען אַרויס פון דעם שוים פון די ים־פאַליעס, כדי צו שמייכלען צו אונז."

קאַפּיטל ניינצען

המשך פון דער דערציילונג.

„ווען די מענטשן האָבן זיך אויסגעלערנט באַארבעטן די ערד, פירן סטאַדעס, אַרומרינגלען די הייליקע ציטאַדעלן מיט ווענט און דערקענען די געטער, לויט זייער שיינקייט, האָב איך זיך צוריק־געצויגן אויף אַט־דעם שיינעם לאַנד מיט זיינע געדיכטע וועלדער אַרום, באַוואַסערט פון דעם טייך סטימפּאַלאַס, פון דעם אַלביאַס, פון דעם ערימאַנטוס, פון דעם שטאָלצן קראַטיס, און פאַרפלייצט פון די אייזיקע וואַסערן פון סטיקס. און דאָ, אין אַ קילן טאָל, צופוסנס פון אַ בערגל, וואָס איז פאַרפלאַנצט מיט פּאָזעמקע־ביימלעך, איילבירטן און סאָסנעס, אונטער אַ בוקעט פּלאַטאַנען און ווייסע טאָפּאָלן, אויפן ברעג פון אַ שטראָם, וואָס פליסט מיט אַ שטילן געמורמל צווישן געדיכטע גומי־ביימער, האָב איך געזונגען פאַר די הירטן און די נימפן וועגן דעם געבוירן־ווערן פון דער וועלט, וועגן דעם אָפּשטאַם פון פייער, וועגן דער דינער לופט, וועגן וואַסער און וועגן ערד. איך האָב זיי דערציילט, ווי אַזוי די ערשטע מענטשן האָבן געלעבט אָרעם און נאַקעט אין די וועלדער, איידער די שאַרפזיניקע דעמאָנס האָבן זיי באַלערנט אין די קונסטן; איך האָב זיי דערציילט וועגן גאָטס מעשים און ווי אַזוי מען האָט געגעבן דיאָניזוסן סעמעלע פאַר אַ מוטער, ווייל זיין מענטשנ־פריינטלעכער געדאַנק איז געבוירן געוואָרן אין דונער“.

„דאָס דאָזיקע פאָלק, וואָס איז געווען אַנגענעמער פון אַלע אַנדערע אין די אויגן פון די געטער, די דאָזיקע גליקלעכע גריכן האָבן ניט אָן מי געפונען די קונסטן און אַ גוטע רעגירונג. זייער ערשטער טעמפּל איז געווען אַ ביידל פון לאָרבער־צווייגן; זייער ערשט געמעלד פון די געטער — אַ בוים; זייער ערשטער מזבח — אַ רויער שטיין, געפאַרבט מיט איפינעניעס בלוט. אָבער אין גאָר ווייניק צייט האָבן זיי געבראַכט די חכמה און די שיינקייט צו אַ מדרגה, וואָס קיין אַנדער פאָלק פאַר זיי האָט זי ניט

דערגרייכט, וואָס קיין אַנדער פאָלק איז זינט דעמאָלט ניט צוגעקומען נאָענט צו איר. פון וואַנען, אַרקאַד, נעמט זיך אָט־דער איינציקער וואונדער אויף דער ערד? פאַרוואָס האָט דער הייליקער באָדן פון יאָניע און פון אַטיקע געגערט אָט־די אומפאַרגלייכלעכע בלום? ווייל עס איז דאָרט ניט געווען ניט קיין פריסטערשאַפט, ניט קיין דאָגמע, ניט קיין אַנטפּלעקונג, ווייל די גריכן האָבן קיינמאָל ניט געקענט דעם אייפּערזיכטיקן גאָט. העלענע האָט געמאַכט פאַר געטער איר אייגענע גאָונות, איר אייגענע שיינקייט, און האָט זי אויפגעהויבן די אויגן צום הימל, האָט זי דאָרט דערזען איר אייגענעם אָפּמעל. זי האָט באַנומען יעדער זאַך אין איר געהעריקער מאָס און געבויט אירע טעמפּלען אין פולקומער פּראָפּאָרציע: אַלץ איז דאָרט געווען גראַציע, האַרמאָניע, מאָס און חכמה; אַלץ איז דאָרט געווען ווערדיק פאַר די אומשטערבלעכע, וואָס האָבן אין זיי געוואוינט און אונטער גוט־צוגעקליבענע נעמען, אונטער קונסטפולע פאָרמען פאַרגעשטעלט דעם מענטשנס גאָונות. די זיילן, וואָס האָבן אונטערגעהאַלטן דעם מירמלשטיינערנעם באַלקן, דעם פריז, דעם קאַרניז, האָבן געהאַט אין זיך עפּעס מענטשלעכס, וואָס האָט זיי צוגעגעבן חשיבות, און מען האָט געקאָנט אַמאָל זען, ווי אין אַטענס אָדער אין דעלפי האָבן יונגע מיידלעך, געזונטע, שמייכלענדיקע, געטראָגן דאָס באַלקן־געביי פון דער שאַצקאַמער און פון דעם קדשי־קדשים. אָ, פּראַקטיקייט, האַרמאָניע און חכמה!"

„דיאָניזוס האָט באַשלאָסן אַוועקצולאָזן זיך קיין איטאַליע, וואו דאָס פאָלק, להוט צו פייערן זיינע מיסטעריעס, האָט אים אַ נאָמען געגעבן באַקכוס. איך האָב פאַרנומען אַ פּלאַץ אויף זיין שיף, באַצירט מיט וויינשטענגלעך, און האָב געלאַנדט אונטער דעם בליק פון העלענעס צוויי ברידער, ביי דער לעפצונג פון געלן טיבער. די איינוואוינער פון לאַטיום האָבן, באַלערנטע פון גאָט, שוין געוואוסט ווי צו פאַרן דעם וויינשטאָק מיטן יונגען אולם. עס איז מיר געפעלן געוואָרן צו וואוינען צופוסנס פון די סאַבינער בערג, אין אַ טאָל, געקרוינט מיט בלעטער און באַוואַסערט פון לויטערע קוואַלן. איך האָב געקליבן אין פעלד אייזנגראָז און מאַלוון. די בלייבע איילבירט־ביימער, וואָס האָבן אויף דעם אָנבייג פון בארג

צונויפגעפלאָכטן זייערע דורכגעלעבערטע שטאַמען, האָבן מיר געגעבן זייערע זאַפטיקע פּרוכטס. דאָרט האָב איך געלערנט די מענטשן, וואָס האָבן געהאַט פּירעקיקע קעפּ און זענען ניט געווען אַזוינע שאַרפזיניקע, ווי די גריכן; זייערע הערצער זענען אָבער געווען האַרט, זייערע נשמות געדולדיק און זיי האָבן מיט פאַרכטיקייט געדינט צו די געטער. מיין שכן, אַ דאָרפישער סאָלדאַט, וואָס האָט גאַנצע פופצען יאָר זיך געבייגן אונטער דעם סאָלדאַטישן געפּעק, איז נאָכגעגאַנגען דעם רוימישן אָדלער איבער בערג און איבער ימים און האָט געזען, ווי עס זענען געלאָפן די שונאים פון קיניגלעכן פאָלק. איצט האָט ער געפירט איבער דעם אַקער־שניט זיינע צוויי רויטע אָקסן, וואָס האָבן צווישן זייערע ברייט־פונאַנדערגעגאַנגענע הערנער געטראָגן אַ ווייסן שטערן. אין דער זעלביקער צייט האָט זיין צניעותדיקע און ערנסטע פרוי, אונטער דעם שטרויענעם דאַך פון זיין שטיבל, געשטויסן קנאָבל אין אַ בראָנזענעם שטויסל און געקאָכט בעבלעך אויף דעם הייליקן פייערשטיין. און איך, זיין פריינט, זיצנדיק ניט ווייט פון אים אונטער אַ דעמב, פלעג גרינגער מאַכן זיין פּראַצע מיט די טענער פון מיין פלייט און שמייכלען צו זיינע קינדער, ווען שווער־באַלאָדענע מיט צווייגן, זענען זיי צוריקגעקומען פון וואַלד, בעת די זון איז שוין געשטאַנען נידעריק אין הימל און האָט אויסגעלענגערט די שאָטנס. ביים טויער פון גאָרטן, וואו עס האָבן געצייטיקט די באַרן און די קירבעסן און עס האָבן געבליט די ליליען און די אייביק־גרינע דערנער, האָט אַ פּריאַפּוס, אויסגעשניצט אויף דעם שטאַם פון אַ פייגנבוים, אָפּגעשראָקן די גנבים מיט זיין שרעקלעכן גליד, און די ראָרן, וואָס דער ווינט האָט באַוועגט אויף זיין קאָפּ, האָבן אָפּגעטריבן די פרעסערישע פייגל. ביי דער נייער לבנה האָט דער פרומער ערדאַרבעטער מקריב געווען אַ זשמעניע זאַלץ און גערשטן צו זיינע הויז־געטער, וואָס זענען געווען געקרוינט מיט הדסים און מיט ראָזמאַרין.“

„איך האָב געזען, ווי עס זענען אויסגעוואַקסן זיינע קינדער און זיינע קינדס־קינדער, וואָס האָבן אויפגעהיט אין זייער האַרץ די אַמאָליקע פרומקייט און ניט פאַרגעסן צו ברענגען קרבנות צו

באַקכוסן, צו דיאַנאַ, צו ווענוסן, אַזוי אויך ניט צי ניסן פרישן ווייַן און צו וואַרפן בלומען אויף די פּאַנטאַנען. אָבער ביסלעכווייַז האָט זיך פון זיי אָפּגעטון די אַמאָליקע גרעדולדיקייט און פּשטות. איך האָב געהערט, ווי זיי האָבן געקרעכצט, בעת די באַרגשטראָמען, איבערגעפלייצטע פון פיל רעגן, האָבן זיי געצוואונגען צו בויען אַ דאַמבע, כדי צו באַשיצן די פעלדער פון זייערע פּאַטערס. דער טערפּקער סאַבינער ווייַן איז געווען צו האַרב פאַר זייער דעליקאַטן גומען, זענען זיי געגאַנגען טרינקען די גריכישע ווייַנען אין דעם שכנישן שענק, וואו זיי האָבן געוויילט די שעהן און צוגעקוקט, ווי די פלייטנשפּילערין, אַ געשיקטע צו באַוועגן אירע בייגיקע היפטן צום קלאַנג פון די קאַסטאַנעטן, האָט געטאַנצט אונטער דעם ביידל פון וויינשטענגלעך. די ערדאַרבעטער האָבן זיך איבערגעגעבען דער זיסער רו אונטער דעם שאָרכן פון די בלעטער און דעם געמורמל פון די וואַסערשטראָמען, אָבער צווישן די טאָפּאָלן, ביים ראַנד פון הייליקן וועג, האָט מען געזען, ווי עס הויבן זיך אַרויס ריזנדיקע מצבות, סטאַטועס, מזבחות, און דאָס קלאַפּן פון די רייטוואָגנס האָט זיך געהערט אָפּטער איבער די אויסגעריבענע שטיינער. אַ יונג קאַרשנביימל, געבראַכט פון אַ וועטעראַן, האָט אונז געלאָזט וויסן וועגן די ווייטע דעראָבערונגען פון אַ קאָנסול, און אָדן, געזונגען אויף דער לירע, האָבן אונז דערציילט וועגן די נצחונות פון רוים, דער באַהערשערין פון דער וועלט."

„אַלע לענדער, וואָס דער גרויסער דיאָניזוס איז זיי דורכגעגאַנגען, מאַכנדיק דאָרט מענטשן פון ווילדע חיות און אַרויסברענגענדיק פון דער ערד פּרוכט און תבואה, האָבן איצט פריי געאָטעמט אונטער דעם רוימישן שלום. דער זויגלינג פון דער וועלפין, אַ סאָלדאַט און אַן ערדאַרבעטער, אַ פריינט פון די באַזיגטע פעלקער, האָט דורכגעפירט וועגן פון די ברעגן פון דעם נעפּלדיקן ים־אוקינוס ביז צו די משופּעדיקע פעלזנבערג פון קאַווקאַז. אין אַלע שטעט זענען געווען אויפגעשטעלט טעמפּלען פון אַווגוסט און פון רוים, און אַזוי גרויס איז געווען דער גלויבן פון דער גאַנצער וועלט אין דער לאַטיינישער גערעכטיקייט, אַז אין די באַרגיקע דורכגענג פון טעסאַליע, אָדער אויף די וואַלדיקע ברעגן פון רהיין,

פלעג דער שקלאַף, גרייט אַוועקצופאַלן אונטער אַ געמיינער משא, אויסרופן: „צעזאָר!“

„אָבער צו וואָס מוז עס אַזוי זיין, אַז אַלצדינג אויף אָט־דעם אומגליקלעכן גלאָבוס פון יבשה און וואַסער זאָל וועלקן און אָפּשטאַרבן און אַז גראָד די שענסטע זאַכן זאָלן צום ווינציקסטן געדייען? אָ, וואונדערלעכע טעכטער פון גריכנלאַנד! אָ, וויסן, חכמה און שיינקייט! ליבע געטלעכקייטן, איר זענט איינגעשלאָפן מיט אַ לעטאַרגישן שלאָף נאָך איידער איר זענט איבערגעגעבן געוואָרן דער געוואַלטמאַכט פון די באַרבאַרן, וואָס האָבן אין די זומפּיקע געגנטן פון צפון און אין די וויסטע סטעפּעס, גרייט אייך צו באַפאַלן, שוין געריטן אויף זייערע ניט־באַזאָטלטע קליינע פערדלעך מיט לאַנגע גריוועס“.

„טייערער אַרקאַד, בעת דער געדולדיקער לעגיאָנער האָט געלאַגערט אויף די ברעגן פון פאַזיס און פון טאַנאַאיס, זענען די פרויען און די פּריסטער פון אַזיע און פון דער מאָנסטרועזער אַפריקע אַריינגעדרונגען אין דער אייביקער שטאָט און האָבן מיט זייער כישוף צעטומלט די זין פון רעמוס. ביז דעמאָלט איז דער פאַרפאָלגער פון די פלייסיקע דעמאָנס, יעהאָוואַ, ניט געווען באַוואוסט אין דער וועלט, וואָס ער פּרעטענדירט צו זיין איר באַשאַפער, אחוץ נאָר צו אייניקע מיזערנע סיריאַנישע שבטים, פון לאַנג אָן פונקט אַזוינע ווילדע ווי ער, וואָס זענען נאָכאַנאַנד געשלעפּט געוואָרן פון שקלאַפעריי צו שקלאַפעריי. דער דאָזיקער אַלטער גאָט האָט זיך באַנוצט מיט דעם רוימישן שלום, וואָס האָט אומעטום פאַרזיכערט די פרייקייט פון האַנדל און פון נסיעות און דערמוטיקט דעם אויסטויש פון פּראָדוקטן און אידייען, אויף צוצוגרייטן דעם חוצפּהדיקן נצחון איבער דעם אוניווערז. ער איז, אגב, ניט געווען אַליין אונטערצונעמען אַזאַ אַרבעט. אין דער אייגענער צייט איז געווען נאָך אַ מאַסע געטער, דעמיאורגן, דעמאָנס, אַזוינע ווי מיטראַ, טאַמוז, די גוטע איזיס, אייבולוס, וואָס האָבן נאָכגעקלערט ווי אַזוי צו באַהערשן די פרידלעכע וועלט. פון אָט די אַלע גייסטער האָט יעהאָוואַ אויסגעזען צו זיין צום ווינציקסטן צוגעגרייט צו זיגן.

זיין אומוויסן, זיין גרויזאַמקייט, זיין פראַכטיקייט, זיין אַזיאַטישער לוקסוס, זיין פאַראַכטונג פון געזעצלעכקייט, זיין ליב־האָבן צו מאַכן זיך פאַר אַן אינו־נראה האָבן באַדאַרפט באַליידיקן יענע העלענער און לאַטיינער, וואָס האָבן זיך געלערנט ביי דיאָניזוסן און ביי די מוזן. ער האָט אַליין געפילט, אַז ער איז ניט פייאיק צו געווינען די הערצער פון פרייע, הויך־אַנטוויקלטע מענטשן, האָט ער זיך באַנוצט מיט ליסטיקייט. כדי צו פאַרפירן די נשמות, האָט ער אויסגעטראַכט אַ פאַבל, וואָס ניט צו זיין אַזוי שאַרפזיניק ווי די מיטן, מיט וועלכע מיר האָבן באַשיינט דעם גייסט פון אונזערע פאַרצייטיקע תלמידים, האָט זי אָבער געקאָנט רירן שוואַכזיניקע מענטשן, וואָס האָבן אומעטום זיך געפונען אין גערדיכטע מאַסן. ער האָט דערקלערט, אַז היות ווי די מענטשן זענען אַלע באַגאַנגען אַ פאַרברעכן קעגן אים, אַ פאַרברעכן, וואָס גייט איבער צו זיי בירושה, בכן דאַרפן זיי טראָגן די שטראָף דערפאַר סיי אויף דער וועלט, אַזוי אויך אויף יענער וועלט (ווייל די שטערבלעכע האָבן די נאַרישקייט זיך פאַצושטעלן, אַז זייער לעבן ווערט פאַרלענגערט אין גיהנום), און דער שלויאיקער גאָט האָט אָנגעזאָגט די בשורה, אַז ער האָט אַרונטערגעשיקט אויף דער ערד זיין אייגענעם זון, וואָס זאָל מיט זיין בלוט אויסקויפן דעם חוב פון די מענטשן. עס איז ניט צו גלויבן, אַז די שטראָף זאָל אויסקויפן די שולד, און נאָך ווייניקער איז עס צו גלויבן, אַז דער אומשולדיקער זאָל קאָנען באַצאָלן פאַר דעם שולדיקן. דאָס ליידן פון דעם אומשולדיקן פאַרגיטיקט קיין זאַך ניט, עס גיט נאָר צו איין עוולה צו אַ צווייטער. דאָך האָבן זיך געפונען אומגליקלעכע ברואים, וואָס האָבן געערט יעהאָוואַן און זיין זון, דעם אויסקויפער פון זינד, און געבראַכט זייערע מיסטעריעס ווי אַ גוטע בשורה. מיר האָבן געמעגט ערוואַרטן די דאָזיקע משוגעת. האָבן מיר דען ניט געזען אַזוי פיל מאָל ווי מענטשן, אָרעמע און נאַקעטע, זענען אַנידערגעפאַלן צו דער ערד פאַר אַלע דערשיינונגען פון שרעק, און איידער צו פאָלגן די לערע פון פריינטלעכע דעמאָנס, האָבן זיי געהאָרכט די געבאָטן פון גרויזאַמע דעמיאורגן? יעהאָוואַ, מיט זיין ליסטיקייט, האָט געפאַנגען די נשמות אַזוי ווי אין אַ נעץ. ער האָט אָבער דערביי

ניט געוואונען אַלץ, וואָס ער האָט זיך געריכט צו געווינען פון זיין כבוד וועגן. ניט אים האָבן די מענטשן געאַכפּערט, נאָר זיין זון, וואָס האָט דעם נייעם קולט געגעבן זיין נאָמען. ער אַליין איז פאַרבליבן כמעט אומבאַוואוסט אויף דער ערד".

קאַפּיטעל צוואַנציק

המשך פון דער דערציילונג.

„דער נייער אָבערגלויבן האָט זיך לכתחילה פאַרשפּרייט אין סיריע און אין אַפריקע; ער האָט געוואונען די ים־פּאָרטן, וואו עס ווימלט אַ שמוציקער המון, און איז אַריינגעדרונגען אין איטאַליע, אָנשטעקנדיק צוערשט די קורטיזאַנען און די שקלאַפן, און געמאַכט אַ האַסטיקן פּראָגרעס צווישן די מאַסן פון די שטעט. אַ לאַנגע צייט אָבער איז דאָס דאָרף ניט געשטערט געוואָרן אין זיין רו. אַזוי ווי אַמאָל, האָבן די דאָרפלייט נאָך אַלץ געהייליקט אין דיאַנאַס נאָמען אַ טענענבוים, וואָס זיי האָבן אים יעדן יאָר באַשפּרענקלט מיטן בלוט פון אַ יונג חזירל, האָבן באַגיטיקט די לאַרן (הויז־געטער) מיט דעם קרבן פון אַ זוי־חזיר און מקריב געווען צו באַקכוסן, דעם מענטשן־פריינט, אַ בלענדיק־ווייס ציגעלע; און זענען זיי געוועזן צו אָרעם, האָבן זיי צום ווינציקסטן געהאַט פאַר די באַשיצער פון הויז אַביסל ווייַן און אַביסל מעל פון וויינגאָרטן און פון פעלד. מיר האָבן זיי געלערנט, אַז עס איז גענוג אָנצורירן דעם מזבח מיט אַ ריינער האַנט און אַז די געטער פרייען זיך אויך מיט אַ קליינעם קרבן. יעהאָוואַס הערשאַפט האָט זיך דאָך געלאָזט הערן אין אַ הונדערט ערטער מיט אירע ווילדע אויסברוכן. די קריסטן האָבן געברענט ביכער, חרוב געמאַכט טעמפּלען, אונטער־געצונדן שטעט און געבראַכט זייערע פאַרוויסטונגען אפילו אין די וויסטענייען. טויזנטער אומגליקלעכע באַשעפענישן האָבן דאָרט געווענדט זייער צאָרן קעגען זיך אַליין און מיט שפּיציקע אייזנס זיך אויפגעריסן די זייטן. די זיפצן פון די אייגנוויליקע קרבנות זענען פון דער גאַנצער ערד געגאַנגען ווי ליבּ־געזאַנגען אַרויף צו גאָט. מיין שאָטנדיקער מקום מקלט האָט ניט געקאָנט לאַנג אויסמיידן די ווילדע משוגעת פון אָט־די חסר־דעהס“.

„אויפן שפּיץ באַרג, וואָס האָט זיך אַרויסגעהויבן איבער די איילבירט־ביימער, אויפגעמונטערטע טאָג־טעגלעך דורך די קלאַנגען

פון מיין פּליִיט, איז זינט די ערשטע יאָרן פון דעם רוימישן שלום געשטאַנען אַ קליינער מירמלשטיינערנער טעמפּל, רונדיק ווי די פּאַרציַיטיקע שטיבלעך פון אונזערע אורעלטערן. ער האָט ניט געהאַט קיין ווענט; אויף אַ הויכן גרונד פון זיבן טרעפּ האָבן זיך אויפגעהויבן אין אַ צירקל זעכצען זיילן, וואָס זייערע אויבער־טיילן זענען געווען געצירט מיט דערנער און האָבן געטראָגן אויף זיך אַ קופּאָל פון ווייסן קאַכל. דער קופּאָל האָט איבערגעדעקט אַ סטאַטוע, וואָס האָט פאַרגעשטעלט דעם גאָט אַמאָר, שניצנדיק זיין בייגן, דאָס ווערק פון אַן אַטענישן סקולפּטאָר. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס קינד אָטעמט; די פרייד האָט אַרויסגעקוועלט פון זיינע ליפּן; אַלע זיינע גלידער זענען געווען האַרמאָניש און בייגיק. איך האָב פאַרערט דאָס דאָזיקע געמעלד פון דעם שטאַרקסטן פון אַלע געטער און האָב געלערנט די דאָרפליַיט צו ברענגען אים פּאַר אַ קרבן אַ בעכער, געקרוינט מיט אייזנגראָז און אָנגעפילט מיט צוויי־יאָר־אַלטן וויין".

„איינמאָל, ווען איך בין, לויט מיין טבע, געזעסן ביי אַמאָרס פיס, פאַרטון מיטן געדאַנק אין פאַרשריפטן און אין לידער, האָט אַן אומבאַקענטער מענטש, פון אַ ווילדן אויסזען, מיט אַ צעשווי־בערטער באָרד, גענענט צום טעמפּל. מיט איין שפּרונג איז ער געשטאַנען אויף די מירמלשטיינערנע טרעפּ. ער האָט אויסגערופן מיט אַ ווילדער פרייד:

„— גיי אונטער, פאַרסמער פון נשמות, און זאָלן מיט דיר אינאיינעם אונטערגיין פרייד און שיינקייט!"

„אַרויסגעזאָגט אָט־די ווערטער, האָט ער אַפירגענומען פון גאַרטל אַ האַק און זי אויפגעהויבן אויף דעם גאָט. איך האָב אָפּגעהאַלטן זיין אָרעם, אים אומגעוואָרפן און גענומען טרעטן מיט די פיס".

„— דעמאָן, — האָט ער פאַרצווייפלט אויסגעשריגן, — לאָז מיך אומוואָרפן אָט־דעם אָפּגאָט, וועסטו מיך דערנאָך קאָנען טויטן".

„איך האָב ניט נאָכגעגעבן זיין ווילדע בקשה, נאָר מיט מיין גאַנצער וואָג געדריקט אויף זיין ברוסט, וואָס האָט געקראַכט אונטער

מיין קני, האָב זיך איינגעקלאַמערט מיט מיינע ביידע הענט אין זיין האַלז און אים, דעם גאָטלאָזן, דערשטיקט".

„בעת ער איז אַזוי געלעגן, — דאָס געזיכט בלוי און די צונג אַרויסגעהאַנגען פון מויל, — ביי די פיס פון דעם שמייכלדיקן גאָט, בין איך אַוועק צום הייליקן קוואַל זיך ריינצוואַשן. דערנאָך האָב איך פאַרלאָזן דאָס דאָזיקע לאַנד, וואָס איז געוואָרן צום רויב פון די קריסטן, בין דורכגעגאַנגען גאַליע און אָנגעקומען צו די ברעגן פון דעם סאָאָן, וואוהין דיאָניזוס האָט אַמאָל געהאַט פאַרטראָגן דעם וויינשטאָק. די בשורה וועגן דעם גאָט פון די קריסטן איז נאָך ניט געווען געבראַכט געוואָרן צו די דאָזיקע גליקלעכע פעלקער. זיי האָבן געערט פאַר זיין שיינקייט א געדיכט-בלעטערדיקן בוכנבוים, וואָס זיינע חשובע צווייגן זענען געווען אַרונטערגעהאַנגען ביז צו דער ערד, און אים באַהאַנגען מיט בענדלעך פון ליין. זיי האָבן אויך געערט א הייליקן קוואַל און אַוועקגעשטעלט געמעלדן פון ליים אין א פייכטער הייל. זיי האָבן מקריב געווען קליינע קעזלעך און א שיסעלע מילך צו די נימפן פון די וועלדער און פון די בערג. אָבער באַלד האָט דער נייער גאָט זיי צוגעשיקט אַן אַפּאָסטל פון עצבות. ער איז געווען טריקענער פון א גערויכערטן פיש. אָפּגע-צערט פון תעניתים און אשמורות, האָט ער דאָך מיט א ניט-אויסלעשלעכן ברען געלערנט עפּעס אַזוינע טונקעלע מיסטעריעס. ער האָט ליב געהאַט יסורים און זיי געהאַלטן פאַר א גוטע זאַך. ער האָט אויסגעגאָסן זיין צאָרן אויף אַלץ, וואָס איז שיין, חנעוודיק און פריידיק. דער הייליקער בוים איז געפאַלן אונטער זיין האַק. ער האָט פיינט געהאַט די נימפן, ווייל זיי זענען געווען שיין, האָט זיי באַוואָרפן מיט קללות, ווען זייערע רונדיקע היפטן האָבן אין אָוונט אַרויסגעלויכטן דורך די בלעטער, און מיט עקל זיך אָפּגעקערט פון מיין מעלאָדישער פלייט. דער אָרעמער נפש האָט געמיינט, אַז עס זענען פאַראַן אַזוינע שפּרוכן, פון וועלכע עס צעלויפן זיך די אומשטערבלעכע דעמאָנס, וואָס וואוינען אין די קילע הימלען, אין דער טיפעניש פון די וועלדער און אויף די שפּיצן פון די בערג. ער האָט געגלויבט, אַז ער איז אונז גובר מיט עטלעכע טראָפּן וואַסער, וואָס ער האָט געהאַט אַרויסגעזאָגט

איבער זיי געווייסע ווערטער און געמאַכט געוויסע האַוואַיעס. כדי צו נעמען פון אים נקמה, פלעגן די נימפן זיך באַווייזן פאַר אים אין מיטן דער נאַכט און אָנצינדן אין אים אַ באַגער, וואָס דער אויסוואורף האָט דאָס געהאַלטן פאַר אַ זינד; דערנאָך זענען זיי זיך פונאַנדערגעלאָפן, צעשיטנדיק איבער די פעלדער זייער קליננגענדיק געלעכטער, בעת דער קרבן זייערער האָט מיט אַ ברענונג אין די לענדן זיך געקאָרטשעט אויף זיין געלעגער פון בלעטער. אָט־אַזוי לאַכן דאָס די געטלעכע נימפן פון מכשפים און מאַכן חוזק פון די רשעים מיט זייער שמוציקער צניעות".

„דער אַפּאָסטל האָט ניט אָנגעטון אַזוי פיל בייז, וויפיל עס וואָלט זיך אים געוואָלט, ווייל ער האָט געלערנט מיט פּשוטע נשמות, וואָס זענען געווען געטריי דער נאַטור, און ווייל אַזוי איז שיין די מיטלמעסיקייט פון די מערסטע מענטשן, אַז זיי מאַכן ווייניק וואָס אויספירן פון די פּרינציפּן, וואָס ווערן איינגעפּרעסט אין זייערע מוחות. דער קליינער וואַלד, וואו איך האָב געוואוינט, האָט געהערט צו אַ גאַליער פון אַ סענאַטאָרישער משפחה, וואָס עס איז נאָך ביי אים געווען פאַרבליבן אַ רעשטל פון דער לאַטיינישער עלעגאַנץ. ער האָט ליב געהאַט זיין יונגע פרוי, אַ פריי־געוואָרענע שקלאַפין, און געטיילט מיט איר זיין פּירפּלנעם געלעגער, אויסגענייט מיט נאַרציסן. זיינע שקלאַפן האָבן באַאַרבעט זיין וויינגאָרטן און זיין פרוכטגאָרטן; ער איז געווען אַ פּאָעט און האָט, צו אימיטירן אָזאָניוסן, באַזונגען ווענוס, וואָס שמייסט איר זון מיט רויזן. כאָטש אַ קריסט, האָט ער מיר דאָך געגעבן מילך, פרוכט און אויבסן, גלייך ווי איך וואָלט געווען דער גייסט פון פּלאַץ. דערפאַר האָב איך פאַרצויבערט זיין פרייע צייט מיט די קלאַנגען פון מיין פלייט און אים צוגעשיקט גליקלעכע חלומות. די דאָזיקע פרידלעכע גאַליער האָבן אין דער אמתן געהאַט אַ קליינע השגח וועגן יעהאָוואַן און וועגן זיין זון."

„אָבער אָט צינדן זיך פייערן אויפן האָריזאָנט און דער אַש, געטריבן פון ווינט, פאַלט אויף די אָפענע ערטער פון אונזערע וועלדער. פויערים פירן איבער די וועגן אַ לאַנגע ריי פורן, אָדער טרייבן פאָראויס זייערע סטאַדעס. מאַוויימדיקע געשרייען רייסן זיך

פון די דערפער: „די בורגאנדער!...“ א רייטער באווייזט זיך דער ערשטער, מיט א שפיז אין האנט, אינגאנצן באדעקט מיט שיינענדיקן בראנז, זיינע לאנגע רויטע האר ארונטערפאלנדיק אין צוויי צעפ אויף די אקסל. דערנאך קומען אן צוויי אנדערע רייטער, דערנאך א צוואנציק, דערנאך טויזנטער, ווילדע, פארבלוטיקטע. זיי הרגענען אויס די זקנים, די קינדער, פארגוואלטיקן אפילו זקנות, וואס זייערע גרויע האר קלעפן זיך צו די זוילן פון די מערדער, אינאיינעם מיטן מארך פון ערשט־געבוירענע עופהלעך. מיין יונגער גאליער און זיין יונגע פרוי פארבן מיט זייער בלוט דעם געלעגער, וואס איז געווען געצירט מיט נארציסן. די בארבארן צינדן אונטער די באזיליקן אויף צו בראטן גאנצע אקסן, צעברעכן די קרוגן און זויפן דעם וויין אין דער בלאטע פון די פארפלייצטע קעלערס. זייערע פרויען באלייטן זיי, צונויפגענורעט האלב־נאקעטע אין די רייטוואגנס. ווען דער סענאט, די באפעלקערונג פון די שטעט און די מנהיגים פון די קירכן זענען אומגעקומען אין די פלאמען, ניכטערן זיך די בורגאנדער אויס אונטער די געוועלבן פון פארום. און אין א צוויי וואכן ארום זעט מען, ווי איינער פון זיי שמייכלט אין זיין געדיכטע בארד אריין צו א קליין קינד, וואס זיין בלאנדע פרוי, אויף דער שוועל פון זייער וואוינונג, האט עס גענומען אויף די הענט, ווי אן אנדערער צינדט אן דעם פייער אין זיין שמידערייי און האמערט דאס אייזן מיט גלייך־פאלנדיקע קלעפ, ווי נאך איינער אונטער א דעמב זינגט פאר א געזעמל חברים וועגן די געטער און די העלדן פון זיין ראסע, און נאך אנדערע שטעלן ארויס צום פארקויפן שטיינער, ארונטערגעפאלענע פון הימל, הערנער פון בופלאקסן און קמיעות. די פארצייטיקע איינוואוינער פון לאנד, ביסלעכווייז בארואיקטע, קומען ארויס פון די וועלדער, וואו זיי האבן זיך געהאט אויסבאהאלטן, און נעמען צוריק אויפבויען די אפגעברענטע שטיבלעך, באארבעטן די פעלדער, ארומשניידן די וויינשטאקן. מען קומט צוריק צום לעבן, אבער יענע צייטן זענען געווען די אומגליקלעכסטע, וואס די מענטשהייט האט געהאט אמאל אדורכגעלעבט. די בארבארן זענען געווען פול איבער דער גאנצער אימפעריע. זייערע זיטן זענען געווען גראבע, און אזוי ווי זיי

האָבן גענערט געפילן פון נקמה און גייציקייט, האָבן זיי פעסט געגלויבט אין דעם אויסקויפן זיך פון זינד. די פאַבל וועגן יעהאָוואַן און זיין זון איז זיי געפעלן, און אַלע לייכטער האָבן זיי זי אָנגענומען, ווייל זי איז זיי געלערנט געוואָרן פון די רוימער, וואָס זיי האָבן זיי אָנערקענט פאַר קליגערע פון זיך און אין געהיים באַוואונדערט זייער קונסט און זייערע זיטן. ווייַ־ווייַ! גריכנלאַנד און רוים האָבן געהאַט ניט מער ווי נאַרישע יורשים. דאָס גאַנצע וויסן איז געגאַנגען לאיבוד. עס האָט זיך דערמאָלט געמאַכט פאַר אַ גרויסן אויפטו צו זינגען אין כאָר, און די, וואָס האָבן גענענקט עטלעכע פסוקים פון דער ביבל האָבן געשמט פאַר וואונדערלעכע גאונים. עס זענען נאָך געווען פּאָעטן, פּונקט ווי עס זענען געווען פייגל, אָבער זייערע פערזן האָבן געהונקען אויף אַלע פיס. די פאַרצייטיקע גייסטער, דעם מענטשנס גוטע פריינט, באַרויבט פון זייער כבוד, פאַרטריבן, גערודפט, געיאָגט, זענען געבליבן באַהאַלטן אין די וועלדער; און אויב זיי האָבן זיך נאָך באַוויזן צו מענטשן, האָבן זיי, צו האַלטן זיי אין דער מורא, אָנגענומען אַ שרעקלעכע געשטאַלט, אַ רויטע, גרינע אָדער שוואַרצע הויט, אויסגעקרימטע אויגן, אַ ריזנדיק מויל, אויסגעשטאַט מיט ציין פון אַ חזיר, הערנער, אַן עק פון הינטן און טיילמאָל אויך אַ מענטשלעך געזיכט אויפן בויך. די נימפן זענען פאַרבליבן שיין, און די באַרבאַרן, ניט צו וויסן קיין אייגעם פון די זיסע נעמען, וואָס יענע האָבן אַמאָל געהאַט, האָבן זיי גערופן פעען, זיי צוגעגעבן אַ קאַפּריזן כאַראַקטער און אַ קינדישן גוסט, האָבן זיך פאַר זיי געשראָקן און זיי ליב געהאַט".

„מיר זענען געווען שטאַרק געזונקען, פיל פאַרמינערט אין צאָל; דאָך האָבן מיר ניט פאַרלוירן דעם מוט, נאָר דערהאַלטן אַ לוסטיקע שטימונג און גוטן ווילן, און זענען אין יענע גרוייליקע צייטן געוואָרן די אמתדיקע פריינט פון מענטשן. איינגעזען, אַז די באַרבאַרן זענען ביסלעכווייז געוואָרן שטילער, שוין ניט אַזוינע פינצטערע און ווילדע ברואים, האָבן מיר זיך פירגענומען צו ריידן צו זיי אונטער יעדן מין פאַרשטעלעניש. דורך אַ טויזנט פאַרזיכטיקע מיטלען און קלוגע אומוועגן האָבן מיר זיי געהעצט

ניט צו אנערקענען דעם אלטן יעהאווא פאר א הערשער, וואס האט גאר קיין פגימה ניט אין זיך, ניט צו געהארכן בלינד זיינע באפעלן, ניט אפצושרעקן זיך פאר זיינע דראאונגען. מיר האבן, ווען דאס איז געווען נויטיק, זיך באנוצט מיט שווארצקינצלעריי. מיר האבן זיי צוגערעדט אן אויפהער צו שטודירן די נאטור, צו פארשן די שפורן פון דער אנטיקער חכמה. די דאזיקע קריגער פון צפון, ווי גראב זיי זענען געווען, האבן זיי דאך געקענט אייניקע מעכאנישע מלאכות. זיי האבן געגלויבט, אז זיי זעען שלאכטן אין הימל; קלאנגען פון א הארף האבן ארויסגעצויגן טרערן פון זייערע אויגן; און אפשר האבן זיי גאר פארמאגט א גייסט, וואס איז געווען מער פייאיק אויף גרויסע זאכן, איידער די דעגענערירטע גאליער און רוימער, וועמעס לענדער זיי האבן געהאט פארכאפט. זיי האבן ניט געקענט ניט שניידן קיין שטיינער, ניט פאלירן קיין מירמלשטיין; זיי האבן אבער געבראכט פארפיר־שטיינער און זיילן פון רוים און פון ראווענא; זייערע הערשער האבן גענומען פאר א זיגל אן איידלשטיין, אויסגעארבעט פון א גריך אין די טעג פון שיינקייט. זיי האבן אויפגעשטעלט ווענט פון ציגל, געשיקט אויסגעלייגטע ווי זאנגען, און עס האט זיך זיי איינגעגעבן אויפצובויען קירכן, גאנץ אנגענעמע מיט זייערע קארניזן, אונטערגעהאלטן פון שטיינער מיט אפשרעקנדיקע קעפ, און מיט זייערע שווערע אויבערטיילן, וואו מאנסטערס פרעסן איינס ס'אנדערע אויף".

„מיר האבן מיט זיי געלערנט ליטעראטור און וויסנשאפט. א פארטרעטער פון זייער גאט, מיטן נאמען גערבערט, האט גענומען ביי אונז לעקציעס אין פיזיקע, אין אריפמעטיקע, אין מוזיק, האט מען אויף אים געזאגט, אז ער האט אונז פארקויפט זיין נשמה. יארהונדערטער זענען פארביי און די זיטן זענען נאך אלץ פארבליבן ווילד. די וועלט איז געווען איינגעטונקט אין בלוט און אין פייער. די נאכקומער פון דעם דאזיקן פליייסיקן גערבערט, ניט צופרידן צו באהערשן דעם מענטשנס נשמה (דאס געווינס, וואס מען האט דערפון, איז לייכטער פון לופט), האבן נאך געוואלט באהערשן זיין גוף. זיי האבן פרעטענדירט אויפן רעכט פון אן אוניווערסאלער מאנארכיע, וואס זיי האבן עס באקומען פון א פישער אויפן טייך

פון טבריא. איינער פון זיי האָט געמיינט אַ ווײַלע, אַז אָט איז ער גובר דעם שווערן גערמאַנוס, נאָכפאָלגער פון אויגוסטוס. אָבער צולעצט האָט די רוחניות געמוזט פּאַרט נאָכגעבן דער גשמיות און די פעלקער זענען געשליידערט געוואָרן צווישן די צוויי קעגנע־דישע הערשער. די דאָזיקע פעלקער האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אַ שרעקלעכער מהומה, אין אַ צייט פון שטענדיקע מלחמות, הונגער און קעגנזייטיקער אויסראָטונג. אַזוי ווי זיי האָבן אָט־די אַלע אָנשיקעניש, וואָס זענען נאָר אָן אַ צאָל געפאַלן אויף זייערע קעפּ, צוגערעכנט צו זייער גאָט, האָבן זיי אים אָנגערופן דער זייער גוטער גאָט, ניט בדרך הלצה, נאָר ווייל פאַר זיי איז דער בעסטער געווען דער, וואָס האָט צום בעסטן געשלאָגן. אין דער דאָזיקער צייט פון געוואַלט, האָב איך, צו קאָנען פריי טון מיין אַרבעט, זיך באַשלאָסן אויף אַ פּלאַן, וואָס וועט אפשר אויסזען מאָדנע, דערפאַר אָבער איז ער געווען זייער קלוג".

„צווישן דעם סאַאָן און די קאַראַלייער בערג, וואו עס פּיטערן זיך די אָקסן, איז פאַראַן אַ באַוואַלדיקט בערגל, וואָס לאָזט זיך לייכט אַרונטער צו די פעלדער, באַוואַסערטע פון אַ קלאָר שטראָמיק טייכל. דאָרט איז געשטאַנען אַ מאָנאַסטיר, וואָס איז געווען באַרימט אין דער גאַנצער קריסטלעכער וועלט. איך האָב באַהאַלטן מיינע צעשפּאָלטענע קלויען אונטער אַ מאַנטל און בין געוואָרן אַ מאָנאַך אין דעם דאָזיקן מאָנאַסטיר, וואו איך האָב געלעבט רואיק, געשיצט פון די באַוואָפנטע קריגער, וואָס האָבן אַלצאיינס באַלעסטיקט סיי אַ פריינט, סיי אַ שונא. דער מענטש, וואָס איז געוואָרן צוריק אַ קינד, האָט געדאַרפט אַלץ לערנען פון דאָס ניי. ברודער לוק, מיין שכן פון צעל, וואָס האָט שטודירט די נאַטור פון חיות, האָט אונז געלערנט, אַז אַ ווייזלטיר ווערט באַפרוכפּערט דורכן אויער. איך האָב געקליבן אין פעלד קרייטעכער צו פאַר־לייכטערן די קראַנקע, וואָס ביז דעמאָלט האָט מען זיי פאַר אַ רפואה געהייסען אָנרירן די רעליקוויעס פון הייליקע. עס האָבן אין מאָנאַסטיר זיך געפונען עטלעכע גייסטער, מיינס גלייכן, וואָס איך האָב זיי דערקענט דורך זייערע צעשפּאָלטענע קלויען און

פריינטלעכע רייד. מיר האָבן פאַראייניקט אונזערע כוחות אויף אויסצואיידלען די פאַרארעבטע מאַנאַכן".

„בעת אונטער די ווענט פון מאַנאַסטיר האָבן קליינע קינדער זיך געשפּילט אין הימערלעך, האָבן אונזערע מאַנאַכן זיך אָפּגעגעבן מיט אַן אַנדער סאָרט שפּיל, וואָס איז אָבער געווען פּונקט אַזוי קינדיש; פונדעסטוועגן האָב איך זיך געוויילט אינאיינעם מיט זיי, ווייל מען דאַרף דאָך דערהרגענען די צייט, וואָס דאָס, קאָן מען זאָגן, איז די איינציקע באַשעפטיקונג אין לעבן. אונזער שפּיל איז געווען אַ שפּיל פון ווערטער, וואָס האָט פאַרשאַפט פאַרגעניגן אונזער פאַרגרעבט־ראַפינירטן שכל, אַרויסגערופן פלאַמפייערדיקע מחלוקות צווישן שולן און אַריינגעבראַכט אין אַ מהומה די גאַנצע קריסטלעכע וועלט. מיר האָבן זיך פונאַנדערגעטיילט אין צוויי לאַגערן. איינער פון די לאַגערן איז געווען מיט דער דעה, אַז איידער עס זענען נאָך געווען עפּל, איז שוין געווען ד ע ר ע פּ ל; איידער עס זענען געווען פּאַפּוגייען, איז שוין געווען ד ע ר פּ אַ פּ ו ג י י; איידער עס זענען געווען אומציכטיקע און זולל־וסובאַדיקע מאַנאַכן, איז שוין געווען דער מאַנאַך, די אומציכטיקייט און די זולל־וסובאַדיקייט; איידער עס זענען געווען פיס און הינטנס אויף דער וועלט, האָט דער בריק מיטן פוס אין הינטן געוואוינט פון אייביק אָן אין דעם שוים פון גאָט. דער אַנדערער לאַגער האָט געענטפערט, אַז, פאַרקערט, די עפּל האָבן געגעבן דעם מענטשן דעם באַגריף פון עפּל, די פּאַפּוגייען דעם באַגריף פון פּאַפּוגיי; די מאַנאַכן דעם באַגריף פון מאַנאַך, פון זולל־וסובאַדיקייט און פון אומציכטיקייט, און אַז דער בריק אין הינטן האָט אָנגעהויבן עקזיסטירן ערשט נאָכדעם, ווי ער איז געהעריק געגעבן און אויפגענומען געוואָרן. די שפּילער האָבן זיך צעהיצט און עס איז געקומען צו פּעטש. איך האָב געהערט צו דער צווייטער פּאַרטיי, וואָס האָט מער באַפרידיקט מיין שכל, כאָטש אין דער אמתן איז זי פאַרדאַמט געוואָרן פון דעם ראַט פון סואַסאָן".

„דערווייל, ניט צופרידן צו שלאָגן זיך צווישן זיך, אַ קנעכט קעגן אַ האַר, אַ האַר קעגן אַ קנעכט, האָבן די פריצים זיך אַריינ־

געגומען אין קאָפּ אריין צו גיין מלחמה־האַלטן אין אָריענט. זיי האָבן געזאָגט, אויף ווי ווייט איך קאָן געדענקען, אַז זיי גייען באַפרייען דעם קבר פון גאָטס זון. אַזוי האָבן זיי געזאָגט; אָבער זייער אוואַנטוריסטן־גייסט און זייער גייציקייט האָבן זיי געטריבן צו זוכן אין מרחקים לענדערייען, פרויען, שקלאַפן, גאָלד, מירע און ווייַרעך. די דאָזיקע עקספּעדיציעס — דאַרף איך עס דען נאָך זאָגן? — זענען געווען אַ גרויס אומגליק; אָבער אונזערע שווערקעפּיקע לאַנדסלייט האָבן פון דאָרטן צוריקגעבראַכט די באַקענטשאַפט מיט מלאכות און אָריענטאַלישע קונסטן און אַ גוסט פאַר פּראַכטיקייט. פון דעמאָלט אָן איז אונז שוין ניט געווען אַזוי שווער צו מאַכן זיי אַרבעטן און אַרויפצופירן זיי אויפן וועג פון דערפינדונגען. מיר האָבן געבויט וואונדערלעך־שיינע טעמפּלען, מיט געוואַגט־איינגעבראָכענע געוועלבן, מיט שפּיציקע פענצטער, הויכע טורעמס, טויזנטער טורעם־שפּיצן, שאַרפע פיילן, וואָס האָבן זיך געהויבן אַרויף, צו יעהאָוואָס הימל, טראָגנדיק צו אים סיי די תפילות פון די עניוותדיקע, אַזוי אויך די דראָאונגען פון די שטאָלצע, ווייל דאָס אַלץ איז פּונקט אויף אַזוי פיל געווען אונזער אַרבעט, ווי עס איז געווען די אַרבעט פון מענטשלעכע הענט, און עס איז געווען אַ מאָדנער ספּעקטאַקל צו זען, ווי מענטשן און דעמאָנס האָבן אינאיינעם געאַרבעט אויפן קאַטעדראַל, ווי יעדער איינער האָט געזעגט, געשליפן, צונויפגענומען די שטיינער, אויסגעקלעפּט אויף די איבערטיילן פון די זיילן און אויף די קאַרניזן דערנער, שטעכלקעס, גייסטבלעטער, טריסקאָוקע־בלעטלעך, אויסגעהאַקט פיגורן פון יונגפרויען און הייליקע, אויסטערלישע געמעלדן פון שלענג, פון פיש מיט אייזלשע קעפּ און פון מאַלפּעס, וואָס קראַצן זיך אין הינטן; ווי יעדער איינער, צולעצט, האָט אַהין אַריינגעגעבן זיין גייסט, וואָס איז געווען טיף־ערנסט אָדער שפּאַסיק, דערהויבן אָדער גראָטעסק, באַשיידן אָדער העזהדיק, שאַפנדיק פון דעם אַלעם אַ האַרמאָנישע קאַקאָפאָניע, אַ ברוויזיק געזאַנג פון פרייד און פון פיין, אַ טריאומפירנדיקן בבל. דורך אונז אָנגעטריבן, האָבן די אויסקריצער, די גאָלדשמידן, די עמאַלירער אויפגעטון וואונדער און די קונסטן פון פּראַכטיקייט האָבן אויפ־

געבליט אויפאמאָל: די זיידנס פון ליאָן, די דיוואַנען פון אַראַס, די לייוונטן פון ריימס, די טוכן פון רוען. די גוטע סוחרים זענען געקומען צורייטן אויף די ירידן, פירנדיק מיט זיך שטיקער סאַמעט און בראָקאַט, שטיקערייען, גאָלדבענדער, איידלשטיינער, זילבערנע כלים און אילוסטרירטע ביכער. פריילעכע יונגען האָבן אויפגע־שטעלט זייערעביידלעך אין די קירכן אָדער אויף די עפנטלעכע פלעצער און פאָרגעשטעלט, לויט זייער השגה נאָך, מעשיות וועגן הימל, וועגן דער ערד און וועגן דעם גיהנום. די פרויען האָבן זיך געצירט אין גרויסאַרטיקע קליידער און געפלוידערט פון ליבע. אין פרילינג, ווען דער הימל איז געווען בלוי, האָבן די איידללייט און די פויערים באַקומען חשק צו מאַכן זיך לוסטיק אויף די בלומען־געשפּרענקלטע פעלדער. דער פידלער האָט אָנגעשטעלט זיין כלי; דאַמען, ריטער און פריילינס, שטאָטלייט און דאָרפלייט, — מענער, פרויען און יונגע מיידלעך, — האָבן זיך אָנגענומען פאַר די הענט און זענען געגאַנגען אַ קאַראַהאָד. אָבער מיטאַמאָל האָבן מלחמה, הונגער און מגפה זיך אַריינגעריסן אין ראָד און דער טויט, אַרויסרייסנדיק די פידל פון פידלערס הענט, האָט געפירט דעם טאַנץ. שרפות האָבן פאַרצערט די דערפער און די מאָנאַסטירן, די קריגער האָבן אויפגעהאַנגען אויף די שיידוועגן די פויערים, וואָס האָבן ניט געקאָנט צאָלן קיין אויסלייז־געלט, און צוגעבונדן צו שטאַמען פון ביימער שוואַנגערע פרויען, וואָס וועלף זענען געקומען יצו זיי אין דער נאַכט צו פאַרצערן די פרוכט פון זייער טראַכט. די אָרעמע מענטשן האָבן פאַרלוירן דעם זינען. ווען דער שלום האָט זיך צוריק איינגעשטעלט, די גוטע צייטן זענען ווידער אָנגעקומען, פלעגן זיי, געטריבן פון וואַנזיניקן שרעק, פאַרלאָזן אַמאָל זייערע הייזער, לויפן מאַסנווייז, האַלב־נאַקעטע, צערייסן זיך דאָס לייב מיט אייזערנע האַקנס און זינגען... איך באַשולדיק ניט יעהאָוואַן און זיין זון אין אָט־די אַלע עוולות. אַ סך שלעכטע זאַכן זענען אָפּגעטון געוואָרן אָן אים און קעגן אים. וואו איך דערקען אָבער יאָ דעם געדאַנק פון דעם גוטן גאָט (ווי זיי האָבן אים גערופן), איז אין דעם מנהג, איינגעפירט פון זיינע פאַרטרעטער אויף דער ערד און פעסטגעשטעלט איבער דער גאַנצער קריסטלעכער

וועלט, צו ברענען, אונטער דער סלינגערייִ פון גלעקער און אונטער דעם געזאַנג פון פסאַלמען, מענער און פרויען, וואָס האָבן, באַלערנטע פון די דעמאָנס, געהאַט אַנדערע מיינונגען וועגן דעם דאָזיקן גאָט“.

קאפיטל איין-און-צוואנציק

המשך און סוף פון דער דערציילונג.

„עס האט אויסגעזען, אז די וויסנשאפט און דער געדאנק זענען אומגעקומען אויף אייביק און אז די ערד וועט שוין מער קיינמאל ניט וויסן פון שלום, פון פרייד און פון שיינקייט".

„אבער איינמאל, אונטער די ווענט פון רוים, האבן ארבעטער, גראבנדיק די ערד ביים ראנד פון אן אנטיקן וועג, געפונען א מירמל-שטיינערנעם סארקאפאג, וואס האט געהאט אויסגעקריצט אויף זיינע וועגטלעך געמעלדן פון דעם גאט פון ליבע און באקכוסעס טריאומפן. ווען מען האט געהאט אויפגעהויבן די דעק, האט זיך באוויזן א יונג-פרוי, וואס איר געזיכט האט געשיינט מיט א בלענדיקער פרישקייט. מיט אירע לאנגע האר פונאנדערגעשפרייט איבער די ווייסע אקסל, האט זי געשמייכלט אין שלאף. א געזעמל בירגער, דורכגענומען מיט באגייסטערונג, האט אויפגעהויבן דעם ארון און אים אוועקגעטראגן אין קאפיטאל. דאס פאלק איז געקומען אין מאסן צו זען די אומ-באשרייבלעכע שיינקייט פון דער רוימישער יונגפרוי און געבליבן שטיין אין שטילשווייגעניש, ארויסקוקנדיק אויף דער דערוואכונג פון דער געטלעכער נשמה, וואס אט-די וואונדערלעכע פארם האט אויפגעהאלטן אין זיך. די שטאט איז געווארן אזוי אויפגערודערט פון דעם דאזיקן ספעקטאקל, אז דער פויפסט האט גענומען מורא האבן — און מיט רעכט! — אז א נייער היידנישער קולט זאל ניט געבוירן ווערן פון דעם דאזיקן שטראליקן קערפער, און ער האט גע-הייסן אים אוועקנעמען אין מיטן דער נאכט און אין געהיים מקבר זיין. אומזיסט געוועזן די מי! די אנטיקע שיינקייט, נאך אזוי פיל יארהונדערטער פון בארבאריי, האט אויף א מאמענט זיך געהאט בא-וויזן פאר דעם מענטשנס בליק, און דאס איז שוין געוועזן גענוג, אז איר אפמעל, אפגעשטעמפלט אין מענטשנס הארץ, זאל דערוועקן אין אים א ברענענדיקן פארלאנג צו ליבן און צו וויסן. פון דעמאלט אן האט דער שטערן פון דעם קריסטלעכן גאט גענומען בלייכן און

זיך נייגן צו זיין פאַרגאַנג. דרייסטע ים־רייזער האָבן אַנטדעקט וועלטן, באַוואוינטע פון צאָלרייכע פעלקער, וואָס האָבן ניט געוואוסט פון דעם אַלטן יעהאָווא, האָט מען חושד געווען, אַז ער אַליין האָט פון זיי אויך ניט געוואוסט, ווייל ער האָט זיי ניט געבראַכט די בשורה וועגן זיך, אזוי אויך ניט וועגן זיין זון, דעם אויסקויפער פון זינד. אַ פוילישער קאַנאָניקער האָט אויפגעוויזן די באַוועגונגען פון דער ערד, האָט מען איינגעזען, אַז ניט נאָר איז דער אַלטער דעמיאורג פון ישראל ווייט ניט דער באַשאַפער פון דעם אוניווערז, נאָר ער האָט אפילו ניט די מינדסטע השגה וועגן זיין געביי. די שריפטן פון די אַנטיקע פילאָזאָפן, אָראַטאָרן, רעכט־געלערנטע און פּאָעטן זענען ארויסגעצויגן געוואָרן פון דעם שטויב פון די קלויסטערס, און איבערגייענדיק פון האנט צו האנט, האָבן זיי אינספּירירט די מענטשן מיט ליבע צו חכמה. דער פאַרטרעטער פון דעם אייפערזיכטיקן גאָט, דער פּויפּסט אַליין, האָט מער ניט געגלויבט אין דעם, וואָס ער איז געווען זיין פאַרטרעטער אויף דער ערד. ער האָט ליב געהאַט קונסט און ניט געהאַט קיין אַנדער זאָרג, ווי נאָר צו זאַמלען די אַנטיקע סטאַטועס און צו בויען פּראַכטיקע בנינים, וואו עס זענען אויסגעשטעלט געוואָרן די אָרדנס פון וויטרואוויוס, וואָס בראַמאַנט האָט זיי אויפסניי איינגעפירט. מיר האָבן ווידעראַמאָל אָפּגעאָטעמט. די אמתדיקע געטער, צוריקגערופן פון זייער לאַנגן גלות, זענען צוריקגעקומען וואוינען אויף דער ערד. זיי האָבן דאָרט צוריקגעפונען טעמפּלען און מזבחות. לעאָן האָט געלייגט צו זייערע פיס דעם רינג, די דריי קרוינען, די שליסל, און מקריב געווען צו זיי אין געהיים דעם וויירעך פון די קרבנות. שוין האָט פּאָליהימניא, אָנגעשפּאַרט אויף איר עלנבויגן, גענומען ווייטער וועבן דעם גאָלדענעם פאָדעם פון אירע טראַכטונגען; שוין האָבן די אַנשטענדיקע גראַציעס, אינאיינעם מיט די נימפן און די סאַטירן, געשאַפן טאַנצכאָרן אין די גערטנער; די ערד האָט, ענדלעך, אויפסניי דערוואוסט די פרייד. אָבער — אַ שאַנד! אַ ביטער מזל, אַן אומגליקלעכער צופאַל! — אַ דייטשישער מאָנאַך, אָנגעדראָלן פון ביר און פון טעאָלאָגיע, האָט זיך געשטעלט אַקעגן אָט־דער אויפגעלעבטער הייַדנישקייט, האָט אָנגעוואָרפן אויף איר אַן אימה, האָט זי דערשלאָגן, האָט איינער אַליין

גובר געווען די פרינצן פון דער קירך, האט אויפגעהויבן די פעלקער און זיי צונויפגערופן צו שאפן א רעפארם, וואס זאל מציל זיין דאס, וואס האלט ביים חרוב־ווערן. אומזיסט האבן די געשייטסטע פון צווישן אונז זיך געמיט אפצוקערן אים פון זיין ארבעט. א דעמאן א פקוח, וואס מען רופט אים אויף דער ערד בעל־זבוב, האט זיך צו אים צוגעטשעפעט און אים מבלבל געווען דורך פלפולדיקע וויכוחים, אדער אויפגערייצט דורך בייסיקער הלצה."

„דער פארעקשנטער מאנאך האט אים געווארפן א טינטער אין קאפ אריין און איז זיך אנגעגאנגען מיט זיין טרויעריקער רעפאר־מאציע. וואס איז דא צו ריידן? דער קרעפטיקער שיפמאן האט פאררעכט, באשלאגן און געלאזט ווידער שווימען אויפן וואסער דאס צעשעדיקטע שיף פון דער קירך. ישו הנוצרי האט צו פארדאנקען דעם דאזיקן מאנאכל, וואס זיין שיפברוך איז אפגעלייגט געווארן אויף אפשר מער ווי צען יארהונדערטער. פון דעמאלט אן איז דער עסק געווארן אלץ ערגער און ערגער. נאך אט־דעם שיכורן און צאנקערישן קאפעטער־טרעגער איז געקומען דער לאנגער און טרוקענער דאקטאר פון זשענעווע, דורכגענומען מיטן גייסט פון דעם אנטיקן יעהאווע, און האט זיך א נעם געטאן צוריקצוברענגען די וועלט צו די מיאוסע צייטן פון יהושע און די שופטים פון ישראל. ער איז געווען א קאלטבלוטיק־ווילדער מאניאק, א כופר און א פארברענער פון כופרים, דער פארביסנסטער שונא פון די גראציעס."

„די דאזיקע צעווילדעטע אפאסטאלן און זייערע צעווילדעטע תלמידים האבן אפילו אזוינע גייסטער ווי איך, די הערנערדיקע טייוואלים, געמאכט צו בענקען נאך דער צייט, ווען דער זון, איינ־איינעם מיט זיין יונגפרוילעכער מוטער, האבן געהאט די ממשלה איבער די פעלקער, פארבלענדטע פון פראכטיקייט: שטיין־שפיצן פון די קאטעדראלן, רעשיקע רויזן פון געפארבטן גלאז, לעבהאפטיק־קאלירטע פרעסקאס, וואו עס זענען אויפגעוויקלט געווארן אן א שיעור וואונדער־מעשיות, רייכע גאלד־זוימען, גלענצנדיקער עמאל פון שריינעס און רעליקוויעס, גאלד פון צלמים און פון האנטפאסן, דער שימער פון וועקסענע ליכט אין שאטן פון געוועלבן, הארמאנישער געברום פון ארגלס. דאס אלץ איז אוודאי ניט געווען דער פארטע־

נאָן, אזוי אויך ניט די פאנאטענעאס, עס האָט אָבער געקוויקט דאָס אויג און דאָס הארץ, עס איז געווען אין דעם שיינקייט. און די דאָזיקע פארשאָלטענע רעפאָרמירער ווילן ניט פארטראָגן קיין זאך, וואָס איז אנגענעם אָדער ליבלעך. איר וואָלט זיי באדארפט זען, ווי זיי, א שווארץ געווימל, פלעגן קלעטערן אויף די טויערן, אויף די זיילן, אויף די קופאָלן, אויף די גלאָקן־טורעמס און אָפּקלאַפּן מיט זייערע נארישע האמערס אָט־די שטיינערנע געמעלדן, וואָס די דעמאָנס האָבן געהאט אויסגעהאקט, ארבעטנדיק צוזאמען מיט די מייסטער די באַלמעלאָכעס, אָט־די געשטאלטן פון די ליבנסווערדיקע הייליקע מענער און פרויען, אָט־די רירנדיקע געצן פון יונגפרוילעכע מוטערס, וואָס דריקן זייערע זויגקינדער צו דער ברוסט: צו זיין גערעכט, א ביסל אנגענעמע געצנדינעריי איז דאָך אריינגעדרונגען אין דעם קולט פון דעם אייפערזיכטיקן גאָט. די דאָזיקע משונהדיקע כופרים האָבן אויסגעראָטן די געצנדינעריי. מיר, מיינע חברים און איך, האָבן געטון אלץ אין אונזער מאכט צו שטערן זיי אין זייער שרעקלעכער ארבעט. און איך, פון מיין זייט, האָב געהאט דעם פארגניגן ארונטערצושליידערן עטלעכע טוצן זייערע פון דער הייך פון די קירכן־טויערן און די גאלערייען אין דעם פירהויף, וואו זייער שענדלעכער מארך האָט זיך פונאנדערגעשפריצט איבערן ברוק."

„דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס די קאטוילישע קירך האָט זיך אויך רעפאָרמירט און איז געוואָרן בייזוויליקער, ווי זי איז ווען־עס־איז געווען. אין דעם שטילן לאנד פון פראנקרייך זענען די סאָרבאָנער און די מאָנאכן אָנגעצונדן געוואָרן מיט אומגעהערטן צאָרן קעגן די שארפזיניקע דעמאָנס און די געלערנטע. מיין פריאָר האָט זיך ארויסגעוויזן צו זיין איינער פון די גרעסטע שונאים פון גוטער ליטעראטור. זינט א געוויסער צייט האָבן מיינע אשמורות אים געמאכט אומרואיק. און אפשר האָט ער געהאט דערזען די קלויען פון מיין פוס? דער פרומאק האָט דורכגענישטערט מיין קעמערל און דאָרט געפונען פאפיר, טינט, גריכישע ערשט־געדרוקטע ביכער און פאנס א פלייט, וואָס איז געהאנגען אויף דער וואנט. נאָך די דאָזיקע סימנים נאָך האָט ער דערקענט אין מיר א טייוולשן גייסט און געהייסן מיך אריינצוווארפן אין א קערקער, וואו איך האָב גע־

זאָלט עסן דאָס ברויט פון אַנגסט און טרינקען דאָס וואַסער פון ביטערקייט, ווען איך וואָלט ניט געווען שנעל אַנטלויפן דורך אַ פענצטער און זיך אויסבאַהאַלטן אין די וועלדער, צווישן די נימפן און די פאַוונען."

„אומעטום האָבן די אַנגעצונדענע שייטערהויפנס פאַרשפּרייט דעם ריח פון געסמאַליעטן פלייש. אומעטום ענויים קשים, הינ־ריכטונגען, צעבראָכענע ביינער און אויסגעשניטענע צינגער. דער גייסט פון יעהאָוואַ האָט נאָך קיינמאָל ניט געאָטעמט מיט אַזאַ ווילדן צאָרן. ניט אומזיסט אָבער האָבן די מענטשן אויפגעהויבן די דעק פון דעם אַנטיקן סאַרקאָפאַג און דערזען די רוימישע יונגפרוי. בעת דעם דאָזיקן גרויסן טעראָר, ווען די פאַפּיסטן און די רעפאָרמי־רער האָבן קאָנקורירט צווישן זיך אין געוואַלט־מעשים און אין אכזריות, אינמיטן די אַלע הינריכטונגען, האָט דער מענטשלעכער גייסט ווידער געקראָגן מוט און שטאַרקונג. ער האָט זיך דערוועגט צו קוקן אין די הימלען, וואו ער האָט ניט געזען מער דעם אַלטן סעמיט, אַ שיכורן פון נקמה, נאָר ווענוס אוראַניאַ, אַ רואיקע און אַ לייכטנ־דיקע."

„דעמאָלט איז געבוירן געוואָרן אַ נייע אָרדענונג. דעמאָלט האָבן זיך אָנגעהויבן די גרויסע צייטן. ניט אָפּצולייקענען עפּנטלעך דעם גאָט פון זייערע אורעלטערן, האָבן די מענטשן פון גייסט זיך אונטערגעוואָרפן זיינע צוויי טויטלעכע שונאים, וויסנשאַפט און שכל, און דער גייסטלעכער גאַסענדי האָט אים גאַנץ איידל פאַרשיקט אין דעם ווייטן אָפּגרונט אַריין פון סיבות כל הסיבות. די פריינטלעכע דעמאָנס, וואָס באַלערנען און טרייסטן די אומגליקלעכע שטערבלעכע, האָבן אינספּירירט די שיין־גייסטער פון יענער צייט מיט כל המינים רעדעס, קאָמעדיעס און מעשהלעך פון העכסטער קונסט. די פרויען האָבן אויסגעפונען דעם געשפּרעך, דאָס אינטימע בריוו־שרייבן און די העפלעכקייט; די זיטן האָבן אָנגענומען אַ מילדקייט און אַן איידלקייט, וואָס זענען געווען אומבאַוואוסט אין די פריערדיקע צייט. איינער פון די פיינסטע גייסטער פון יענער ראַציאָנעלער צייט, דער ליבלעכער בערניע, האָט איינמאָל געשריבן צו סען־עוורעמאָן: „עס איז אַ גרויסע זינד צו באַרויבן זיך פון אַ פאַרגעניגן". און

דאָס דאַזיקע וואָרט וואָלט באַדאַרפט זיין גענוג צו ווייזן, אויף ווי ווייט דער מענטשלעכער געדאַנק האָט פּראָגרעסירט אין אייראָפּע. דאָס הייסט ניט, אז עס זענען ניט געווען שטענדיק קיין אפּיקורסים, זיי האָבן אָבער ניט געהאַט, אזוי ווי בערניע, שאַ־פּעל און מאָליער, דעם באַוואוסטזיין פון זייער גאונות. דעמאָלט האָבן אפילו די פּרומאַקעס פאַרשטאַנען די נאַטור. און ראַסין, מיט דער גאַנצער צביעות, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, האָט געוואוסט פּונקט אזוי גוט, ווי אַן אַטעאיסטישער דאָקטאָר, אזוי ווי גיואַי־פּאַטען, צוצורעכענען צו די פאַרשיידענערליי צושטאַנדן פון די אברים די ליידנשאַפטן, וואָס רעגן אָן די מענטשן."

„אפילו אין מיין מאָנאַסטיר, וואוהין איך האָב זיך צוריקגע־קערט נאָך דעם שטורעם און וואָס איז איצט געווען אַ מקום־מקלט פאַר עם־הארצים און פלאַטשיקע מוחות, האָט אַ יונגער מאָנאַך, ניט אזוי אומוויסנדיק ווי די אַנדערע, מיר פאַרטרויט אַ סוד, אז דער הייליקער גייסט דריקט זיך אויס אין שלעכטן גריכיש, כדי דערמיט צו דערנידעריקן די געלערנטע."

„און דאָך האָבן די מחלוקות און די טעאָלאָגיע נאָך אַלץ געבו־שעוועט אין אַט־דער געזעלשאַפט פון בעלי־שכל. לעבן פּאַריז, אין אַ שאָטנדיקן טאָל, האָט מען געקאָנט זען פּרושים, וואָס מען האָט זיי גערופן „לע מעסיעי" („הערן"). זיי האָבן געזאָגט אויף זיך, אז זיי זענען תלמידים פון הייליקן אווגוסטין, און געגלויבט באמונה שלמה, אז דער גאָט פון די הייליקע שריפטן שלאָגט דעם, וואָס האָט פאַר אים מורא, שוינט דעם, וואָס שטעלט זיך אים אַנקעגן, האַלט ניט קיין חשבון פון דעם מענטשנס מעשים און שטראָפט, ווען עס איז אים ניחא, זיינע געטרייסטע קנעכט; ווייל זיין יושר איז ניט אונזער יושר און זיינע דרכים קאָן קיינער ניט משיג זיין. איינמאָל, אין אַן אָוונט, האָב איך באַגעגנט איינעם פון די דאָזיקע לייט אין זיין גאָרטן, וואו ער איז געשטאַנען פאַרטראַכט צווישן די בייטן קרויט און די רייען סאַלאַט. איך האָב פאַרנייגט פאַר אים מיין הערנעדיקן קאָפּ און אַרויסגעמורמלט אַט־די פריינטלעכע ווערטער:"

„— זאָל דער אַלטער יעהאָוואַ אייך היטן, מאָסיע! איר קענט

אים גוט. אָ, ווי גוט איר קענט אים און ווי איר האָט עס פאַרשטאַנען זיין כאַראַקטער!"

„דער הייליקער מענטש האָט דערקענט אין מיר אַ מלאך פון גיהנום, האָט גערעכנט, אַז ער איז אַ פאַרמשפּטער אויף אייביק, און איז פּלוצלינג געשטאָרבן פון שרעק."

„דאָס צווייטע יאָרהונדערט נאָך דעם איז געווען דאָס יאָרהונדערט פון דער פילאָזאָפיע. דער גייסט פון פאָרשונג האָט זיך אַנטוויקלט, די פרומקייט איז געגאַנגען לאיבוד; די גרויסקייט פון גשמיות איז פאַרמינערט געוואָרן און די רוחניות האָט זיך אָנגענומען מיט נייע כוחות. די זיטן האָבן באַקומען אַן איידלקייט, וואָס איז ביז דעמאָלט גאָרנישט געווען באַוואוסט. אַקעגן־אָבער די מאָנאַכן פון מיין אָרדן זענען געוואָרן אַלץ אומוויסנדיקער און אַלץ ברודיקער. דער מאָנאַסטיר האָט איצט, ווען די העפלעכקייט האָט געהערשט אין די שטעט, מיר מער גאָרנישט געקאָנט געבן. איך האָב דאָרט מער נישט געקאָנט פאַרבלייבן. איך האָב אַרונטערגעוואָרפן פון זיך דעם מאָנאַכן־מאַנטל, האָב אָנגעטון אויף מיין הערנערדיקן קאָפּ אַן אָנגעפּודערט שייטל, באַהאַלטן מיינע פיס פון אַ ציגן־באָק אונטער ווייסע זאָקן, און מיט אַ שטעקן אין האַנט, די קעשענעס אָנגעשטאָפּט מיט צייטונג־בלעטער, האָב איך זיך אַריינגעשלייכט אין דער הויכער געזעלשאַפט, באַזוכט אָפט די אַריסטאָקראַטישע פּראָמענאַדן און זיך געוויזן נאָכאַנאַנד אין די קאַפעהייזער, וואו עס פלעגן זיך צונויפקומען ליטעראַטן. מען האָט מיך אויפגענומען אין די סאַלאָנען, וואו די געבעטע שטולן האָבן, ווי אַ געלונגענע נייקייט, זיך אַריינגעפּאַסט אין די פאָרמען פון די הינטערחלקים און וואו מענער און פרויען האָבן גאַנץ שכלדיק געשמועסט. אפילו די מעטאַפיזיקער האָבן גערעדט קלאָר. איך האָב באַקומען אין שטאָט אַ נאָמען פון אַ גרויסער אויטאָריטעט אין עקזעגעטיקע און איך קאָן זאָגן אָן באַרימעריי, אַז איך האָב אַ היבשן חלק אין דעם טעסטאַמענט פון גייסטלעכן מעסליע און אין „די ביבל פאַרטייטשט" פון די קאַפּלאַנען פון פּרייסישן קיניג".

„אין יענער צייט האָט מיטן אַלטן יעהאָוואַ געטראָפן אַ סיבה, וואָס איז געווען אי קאָמיש, אי גרויזאַם. אַן אַמעריקאַנער קוואַקער

האָט מיט דער הילף פון א ראַציע אוועקגעגנבעט ביי אים דעם דונער."

„איך האָב געוואוינט אין פּאַריז און בייגעווען דעם אָוונט־מאַלצייט, וואו עס איז גערעדט געוואָרן וועגן דערשטיקן דעם לעצטן פּריסטער מיט דער אינגעווייד פון דעם לעצטן קיניג. פראַנקרייך איז געווען אין אַן אויפברויז; אַ שרעקלעכע רעוואָלוציע האָט אויסגעבראָכן. די איינטאָגיקע פירער פון דעם צעשטערטן שטאַט האָבן געהערשט דורך טעראָר אין דער מיט פון אומגעהערטע סכנות. זיי זענען דאָס רוב געווען ווייניקער גרויזאַם און ווייניקער אומרחמנות־דיק, ווי די פּרינצן און די ריכטער, וואָס יעהאָווא האָט זיי איינגעשטעלט אין די קיניגרייכן פון דער ערד; פונדעסטוועגן האָבן זיי אויסגעזען צו זיין ווילדער, ווייל זיי האָבן געמשפּט אין נאָמען פון מענטשלעכקייט. צום אומגליק זענען זיי געווען מענטשן, וואָס מען האָט געקאָנט שנעל ווייך מאַכן זייער האַרץ, מיט שטענדיק־אָנגעשפּאַנטע געפילן. אַזוינע האָבן אַן אויפרעגלעכע נאַטור און זענען אונטערגעוואָרפן אונטער אויסברוכן פון צאָרן. זיי האָבן פאַרמאָגט גוטע מידות; זיי האָבן אויך געהאַט זייער מאָראַל, ד. ה. זיי האָבן אויפגענומען געוויסע ענג־פאַרשטאַנענע מאָראַלישע התחייבותן און געמשפּט די מענטשלעכע האַנדלונגען ניט לויט זייערע נאַטירלעכע רעזולטאַטן, נאָר לויט אַבסטראַקטע פּרינציפּן. פון אַלע שלעכטע מידות, וואָס קאָנען אומברענגען אַ שטאַטמאַן, איז די מאָראַליש־קייט די געפערלעכסטע: זי טרייבט צו פאַרברעכן. כדי צו אַרבעטן מיט נוצן אויפן גליק פון דער מענטשהייט, דאַרף מען זיין העכער פון יעדער מאָראַל, אַזוי ווי עס איז געווען דער געטלעכער יוליוס. גאָט, וואָס איז זינט אַ צייט אַזוי מיאוס באַהאַנדלט געוואָרן, האָט אין סך הכל ניט זייער שטאַרק געליטן פון די דאָזיקע נייע מענטשן. ער האָט געפונען צווישן זיי באַשיצער און איז פאַרערט געוואָרן אונטער דעם נאָמען דער אַלערהעכסטער. מען קאָן אפילו זאָגן, אַז דער טעראָר האָט אָפּגעווענדט דעם אינטערעס פון דער פילאָזאָפיע און איז געווען באַהילפיק דעם אַלטן דעמיאורג, וועלכער האָט בלומרשט פאַרגעשטעלט די גוטע אָרדענונג, די אַלגעמיינע רואיקייט, די זיכערקייט פון פּערזענלעכקייט און פון אייגנטום."

„בעת די פרייהייט איז געבוירן געוואָרן אין שטורעם, האָב איך געוואוינט אין אָטעיל און באזוכט אָפט מאדאם העלוועציוס, וואו עס פלעגן זיך צוזאַמענטרעפן מענטשן, וואָס דענקען פריי איבער אַלע ענינים. ניטאָ קיין זעלטענערע זאַך ווי דאָס, אפילו נאָך וואָל־טערן. אַ מענטש, וואָס באַגעגנט דעם טויט פנים אל פנים, ניט צו געבן דערביי קיין ציטער, האָט ניט דעם מוט ארויסצוזאָגן אַן אייגענע מיינונג איבער מאָראַל. דאָזעלביקע רעכענען זיך מיט מענטשן, וואָס אים טרייבט אים צו מסירת־נפש, לאָזט אים אויך זיך צוצו־הערן צו דער שטים פון פאָלק. איך האָב דעמאָלט הנאה געהאַט צו הערן די שמועסן, וואָס עס האָבן געפירט צווישן זיך וואָלני, קאַבאַני און טראַסי. תלמידים פון גרויסן קאָנדילאַק, האָבן זיי צוגע־רעכנט צו די חושים דעם אָפּשטאַם פון אונזער גאַנצן ווייסן. זיי האָבן זיך גערופן אידעאָלאָגן, זענען געווען די ערנסט־לעכסטע מענטשן אין דער וועלט און געערגערט די עם־הארצים, אָפּזאָגנדיק זיי אין אומשטערבלעכקייט. ווייל דאָס רוב מענטשן, ניט צו ווייסן, וואָס צו טון מיט דעם דאָזיקן לעבן, ווילן נאָך אַן אַנדער לעבן, וואָס זאָל זיך קיינמאָל ניט ענדיקן. בעת דער בהלה, איז אונזער קליינע פילאָזאָפישע געזעלשאַפט, אונטער די פרידלעכע שאָטנס פון אָטעיל, פון צייט־צו־צייט געשטערט געוואָרן דורך די פּאַטרולן פון די פּאַטריאָטן. קאָנדאָרסע, אונזער גרויסער מענטש, איז געווען אויסערן געזעץ. איך אַליין בין אויך געווען אַ פאַרדעכ־טיקער ביי די פריינט פון פאָלק, וואָס ניט געקוקט אויף מיין פּויערישן אויסזען און אויף מיין לייוונטענער קאַמזויל, האָבן זיי מיך דאָך געהאַלטן פאַר אַן אַריסטאָקראַט. איך בין זיך מודה, אַז די אומאָפּהענגיקייט פון געדאַנק איז דער שטאָלצסטער פון יעדן מין אַריסטאָקראַטיזם."

„איינמאָל, אין אַן אָוונט, בעת איך האָב פון אַ באַהעלטעניש אַרויס זיך איינגעקוקט אין די דריאַדן פון בולאָן, וואָס האָבן גע־לויכטן צווישן די בלעטער אַזוי ווי די לבנה, ווען זי נעמט זיך באַווייזן איבער דעם האָריזאָנט, האָט מען מיך אַרעסטירט ווי אַ פאַרדעכטיקן און אַריינגעוואָרפן אין אַ קערקער. דאָס איז פשוט געווען אַ טעות; אָבער די יאַקאָבינער פון יענער צייט, באַגלייך מיט

די מאַנאַכן, וועמעס פּלאַץ זיי האָבן געהאַט פאַרכאַפּט, האָבן גע־שטעלט זייער הויך די אחדות פון געהאַרכיקייט. נאָכן טויט פון מאַדאַם העלוועציוס האָט אונזער געזעלשאַפט זיך אויפסניי פאַר־מירט אין סאַלאָן פון מאַדאַם קאָנדאָרסע. באָנאַפּאַרט פלעג אונז פון צייט־צו־צייט צוטיילן דעם כבוד צו שמועסן מיט אונז."

„מיר האָבן אים געהאַט אָנערקענט פאַר אַ גרויסן מענטשן און באַטראַכט פאַר אַזאַ א י ד ע אָ ל אָ ג, ווי מיר אַליין. אונ־זער איינפלוס איבערן לאַנד איז געווען גאַנץ גרויס, האָבן מיר דאָס אויסגענוצט פון זיין טובה וועגן און אים געטריבן צו דער אימ־פּעריע, כדי צו ווייזן דער וועלט אַ נייעם מאַרק־אווערעליוס. מיר האָבן געגלויבט, אַז ער וועט ברענגען שלום אויף דער וועלט; ער האָט ניט דערפילט אונזערע האָפענונגען און מיר האָבן אָן רעכט אַרויפגעוואָרפן אויף אים די שולד פאַר אונזער שלעכט־געמאַכטן חשבון."

„עס איז גאָר קיין ספק ניט, אַז ער האָט איבערגעשטייגט אַ סך אַנדערע מענטשן מיט דער שנעלקייט פון שכל, מיט דער טיפ־קייט פון צביעות און מיט דער פייאיקייט צו האַנדלען. וואָס עס האָט אים אָבער יאָ געמאַכט פאַר אַן אויסגעצייכנטן הערשער, איז דאָס, וואָס ער האָט געלעבט אינגאַנצן אין דעם איצטיקן מאָמענט און ניט באַנומען קיין שום זאַך מחוץ דער אוממיטלבאַרער און דרינגלעכער וואָר. זיין גאונות איז געווען אַ ברייט־געפליגלטע. זיין שכל, כאָטש פון אַ געוואַלטיקן פאַרנעם, איז געווען פּראָסט און וואולגאַר און האָט אַרומגענומען די מענטשהייט, ניט אויפצוהייבן זיך איבער איר. ער האָט געטראַכט דאָס, וואָס עס האָט געטראַכט יעדער גרענאַדיר פון זיין אַרמיי; ער האָט עס אָבער געטראַכט מיט אומגעהערטער קראַפט. ער האָט ליב געהאַט אַזאַרט־שפּילן און עס איז אים געווען געפעלן צו פּרואוון דאָס מזל, שטויסנדיק הונדערטער טויזנטער פיגמייען איינס אַקעגן אַנדערן, — אַ פאַרווײלונג פון אַ קינד, גרויס ווי די וועלט. ער איז געווען צו קלוג, ער זאָל ניט האָבן אַריינגעבראַכט אין שפּיל דעם אַלטן יעהאָוואַ, וואָס איז גע־ווען נאָך שטאַרק געננג אויף דער ערד און ענלעך צו אים אַליין מיטן גייסט פון געוואַלט און הערשאַפט. ער האָט געוואָרפן אויף אים

אַן אימה און אים געחנפעט, ער האָט אים גענלעט און געשראָקן. ער האָט אַריינגעזעצט אין געפּענקעניש יעהאָוואס ערדישן פּאַרטרעטער, פאָדערנדיק פון אים, מיט אַ מעסער אויפן האַלז, ער זאָל אים זאָלבן, וואָס זינט דער אוראַלטער צייט פון מלך שאול איז דאָס אַ שטאַרקונג פאַר מלכים; ער האָט צוריק איינגעשטעלט דעם קולט פון דעם דעמיאורג, אים נעזונגען „טע דעאום" און זיך געלאָזט דורך אים אָנערקענען פאַר דעם גאָט אויף דער ערד, פאַרשפּרייטנדיק איבער דער גאַנצער אימפּעריע קליינע קאַטעכיזמען. זיי האָבן פאַראייניקט זייערע דונערן און עס האָט זיך אַביסל געררודערט."

„בעת נאַפּאָלעאָנס פּאַרוויילונגען האָבן געבראַכט אַן איבערקערעניש אין איראָפּע, האָבן מיר זיך אַליין באַגריסט מיט אונזער חכמה, כאָטש עס האָט אונז פאַרשאַפט אַ ביסל צער דאָס צוקוקן, ווי די עפּאָכע פון דער פילאָזאָפיע האָט זיך אָנגעהויבן מיט הריגות און מלחמות. דאָס ערגסטע דערביי איז, וואָס די קינדער פון יענעם יאָרהונדערט, אַריינגעפאַלן אין דער אומגליקלעכסטער צעטומלעניש, האָבן געשאַפן אַ מאָלערישע און ליטעראַרישע קריסטלעכקייט, וואָס ווייזט אָן אויף אַ באמת־אומגלויבלעכע ירידה פון גייסט, און זענען צום סוף פאַרזונקען אין ראָמאַנטיזם. מלחמה און ראָמאַנטיזם, שרעקלעכע צוויי מגפות! און ווי גרויס עס איז דאָס רחמנות צוצוזען, ווי די מענטשן נערן אין זיך אַ קינדישע און ווילדע ליבע צו ביקסן און צו פּויקן! זיי פאַרשטייען ניט, אַז מלחמה, וואָס האָט הארט געמאַכט די הערצער און געגרינדעט די שטעט פון אומווייסנדיקע און באַרבאַרישע מענטשן, ברענגט דעם זיגער אַליין ניט מער ווי חורבן און טויט, און אַז איצט, ווען די פעלקער זענען פאַראייניקט צווישן זיך דורך דער געמיינשאַפט פון קונסט, וויסנשאַפט און האַנדל, איז זי ניט מער ווי אַ שרעקלעך און אומזיניק פאַרברעכן. די חסר־דעהדיקע איראָפּייער, וואָס טראַכטן ווי אַזוי איבערצושניידן איינס ס'אַנדערע די העלזער, בעת איין־און־דיזעלביקע ציוויליזאַציע הילט זיי אַלעמען איין און פאַראייניגט זיי!"

„איך האָב זיך אָפּגעזאָגט צוריידן מיט די דאָזיקע משוגעים און זיך צוריקגעצויגן אין אָט־דעם דאָרף, וואו איך בין געוואָרן אַ גערטנער. די פערשקעס פון מיין גאָרטן דערמאָנען מיר אָן דער

זון־געצערטלטער הויט פֿון די מענאַדן. איך האָב דערהאַלטן פֿאַר די מענטשן מיין אַלטע פריינטשאַפט, אַ ביסל באַוואונדערונג און אַ סך רחמנות. באַארבעטנדיק אָט־דאָס אָפּגעצאַמטע שטיקל ערד, וואַרט איך אויף דעם נאָך גאַנץ ווייטן טאָג, ווען דער גרויסער דיאָניזוס, באַלייט פון זיינע פאַונען און באַקכאַנטינס, וועט קומען צו באַקענען ווידער די ערד מיט פרייד און מיט שיינקייט און צו ברענגען צוריק די גאָלדענע צייטן. אַ פריידיקער, וועל איך מאַרשירן נאָך זיין טריאומף־וואָגן. אָבער ווער ווייס, צי וועלן מיר אין אָט־דעם צו־קונפטיקן טריאומף נאָך געפינען אויף דער ערד מענטשן? ווער ווייס, צי וועט זייער אויסגעשעפטע ראַסע ניט האָבן דעמאָלט שוין דערפילט איר מזל און צי וועלן ניט אַנדערע ברואים אויפגיין איבער דעם אַש און איבער די חורבות פון דעם, וואָס עס איז אַמאָל געווען מענטש און זיין גאונות? ווער ווייס, צי וועלן ניט באַפליגלטע באַ־שעפענישן האָבן באַהערשט דאָס קיניגרייך פון דער ערד? אָבער אויך דעמאָלט וועט די אַרבעט פון די גוטע דעמאָנס נאָך ניט זיין געענדיקט: זיי וועלן לערנען מיט דער פויגלשער ראַסע אַלערליי קונסטן און זיי מדריך זיין אין דער פרייד פון לעבן."

קאפיטל צוויי־און־צוואנציק

וואו מען זעט ווי פאטער גינארדאנס זינדיק גליק ווערט אין אן אנטיקן־קראם צעשטערט דורך דער אייפערזוכט פון א שטארק־פארליבטער פרוי.

פאטער גינארדאן (ווי זעפירין האט געהאט געטריי באריכטעט מאסיע סאריעטן) האט בשתיקה אוועקגענומען די בילדער, דאס מעבל און די אנטיק־זאכן, אנגעזאמלטע אין זיין אויבערשטיבל אויף רו פרענסעס, וואס ער האט עס גערופן סטודיע, האט אויסגעשטאט מיט זיי א געוועלבל, געדונגען אויף רו דע־קורסעל, און זיך דארט באזעצט, איבערלאזנדיק זעפירין, נאך פופציק יאר צוזאמענלעבן, אן א שטרויזאק, אן א פענדל, אן א פרוטה, ניט צו רעכענען דעם פראנק מיט זיבעציק סאנטים, וואס האבן זיך געהאט געפונען אין טייסטערל פון דער ארעמער פרוי. פאטער גינארדאן האט געעפנט א קראם פון אלטע בילדער און אנטיק־זאכן און דארט אריינגעזעצט די יונגע אקטאוויע.

פון דרויסן האט דאס קלייטל אויסגעזען גאנץ נישקשה: מען האט דארט געזען פלאמאנדישע מלאכים, אין גרינע מאנטיעס, לויטן שטייגער פון זשעראר דאוויד, א סאלאמע פון לואינים שול, א הייליקע בארבארא אין געפארבטן האלץ פון פראנצויזישער ארבעט, לימאזשעם עמאל־ארבעטן, באהעמיש און ווענעציש גלאזווארג, טעלער פון אורבינא; מען האט דארט געזען ענגלישע שפיצן, וואס זעפירין האט אין דער צייט פון איר גלענצנדיקער יוגנט זיי געהאט באקומען, אויב מען זאל ועלן גלויבן, פון דעם אימפעראטאר נאפאלעאן דעם דריטן. אינעווייניק, אין קראם, האט דאס גאלדווארג ארויסגעפינקלט פון שאטן, און דא און דארט האבן זיך אנגעזען יעזוס־בילדער, אפאסטאלן, פאטריצערינס און נימפן. איין לייוונט איז געווען אויסגעדרייט מיטן פנים צו דער וואנט, כדי אויפגעדעקט צו ווערן נאר פארן בליק פון מבינים, וואס אזוינע זענען זעלטן; דאס איז געווען א רעפליקע פון פראגאנארדס „גימבלעט", א ליכטיק בילד, וואס האט אויסגעזען ניט צו האבן קיין צייט אויף אויסצו־

טריקענען זיך. פּאַטער גינאַרדאָן אַליין האָט אַזוי געזאָגט. אַ קאָמאָד פון וויאָלעט-האָלץ, אין הינטערגרונד פון קראָם, האָט געהאַט אין זיינע שופלאָדן אַנטיק-זאַכן, באַדועננס וואַסער-קאָלירן, אילוסטרירטע ביכער פון 18טן יאָרהונדערט, מיניאַטורן.

אויף אַ שטענדער איז געשטאַנען איבערגעדעקט דאָס מייסטער-ווערק, דער וואונדער, דער אוצר, דער פּערל, אַ זייער צאַרט בילד פון פראַ אַנדזשעליקאָ, אין גאָלד, בלוי און ראָז, אַ „קרוינונג פון דער יונגפרוי", וואָס פּאַטער גינאַרדאָן האָט פאַרלאַנגט פאַר דעם הונדערט טויזנט פראַנק. אויף אַ שטול פון לואי דעם פופצענטן, ביי אַן אַר-בעט-טיש אין סטיל פון דער אימפּעריע, וואָס האָט געהאַט אויף זיך אַ וואַזע מיט בלומען, איז געזעסן, מיט איר אויסנייעכץ אין האַנט, די יונגע אָקטאַוויע. האָבנדיק איבערגעלאָזן אין דעם שטיבל אויף רו פרענסעס אירע בלענדיקע טראַנטעס, האָט זי איצט מער ניט אויסגעזען ווי רעמבראַנדטס אָן אָפּגעפרישט בילד, נאָר אַרויסגעוויזן די ווייכע ליכטיקייט און קלאָרקייט פון אַ ווערמער פון דעלפט, צו דער פרייד פון די מבינים, וואָס זענען געווען אָפטע אַריינגייער ביי פּאַטער גינאַרדאָן. אַ רואיקע און אַ באַשיידענע, איז זי איינע אַליין געזעסן אַ גאַנצן טאָג אין קראָם, בעת דער אַלטער האָט עפּעס וואָס געמאַלט אונטערן דאַך. אַרום פינף אַזייגער פלעגט ער זיך אַרונטערלאָזן צו שמועסן מיט די באַזוכער.

דער שטענדיקסטער פון אַלע באַזוכער איז געווען גראַף דעמעי-זאָן, אַ דינער, טויטלעך-בלייכער, געהויקערטער מאַן. אונטער זיין יעדן קינבאַק, פון דער טיפער איינגעפאַלנקייט פון די באַקן, איז ביי אים אַרויסגעקומען אַ בינטל האָר, וואָס האָט, גייענדיק אַרונטער, זיך אַלץ מער אויסגעברייטערט און זיך צעגאָסן אין שנייאיקע שטראָ-מען איבער דעם קין און איבער דער ברוסט. ער האָט געהאַלטן אין איין טונקען אין זיי זיין לאַנגע ביינערדיקע האַנט מיט גאָלדענע רינגען אויף די פינגער. באַוויינענדיק זינט צוואַנציק יאָר זיין פרוי, וואָס די שווינדזוכט האָט זי געהאַט אַוועקגענומען פון אים אין דעם אויפבלי פון יוגנט און שיינקייט, האָט ער דאָס גאַנצע לעבן זיינס אַוועקגעגעבן אויף צו זוכן אַ פאַרבינדונג מיט די טויטע און אויף אָנצופילן זיין איינזאַם הויז מיט שלעכטע מאָלערייען. זיין

צוטרוי צו גינארדאָנען האָט ניט געהאַט קיין גרעניץ. מאָסיע בלאַנקמעניל, דירעקטאָר פון אַ גרויסער פינאַנץ־אינסטיטוציע, איז אויך געווען כמעט אזא אָפּטער באַזוכער פון דער קראָם. דאָס איז געווען אַ פופציק־יעריקער בעל־גוף פון בליענדיקן געזונט. ער האָט ווייניק וואָס זיך אינטערעסירט מיט קונסט, איז אפשר אויך געווען אַ מיטלמעסיקער מבין, ער איז אָבער צוגעצויגן געוואָרן פון דער יונגער אָקטאַוויע, וואָס האָט פאַרנומען איר פּלאַץ אין מיטן קראָם, ווי אַ זינגפויגל אין זיין שטייג.

מאָסיע בלאַנקמעניל האָט ניט פאַרפעלט צו פאַרקניפּן מיט איר באַציאונגען, וואָס פאָטער גינאַרדאָן, אַ מענטש אָן דערפאַרונג, איז געווען דער איינציקער דאָס ניט צו באַמערקן: דער אַלטער איז געווען נאָך יונג אין זיין ליבע צו אָקטאַוויע. מאָסיע גאַעטאַן ד'עס־פּאַרוויעי פלעג אמאָל פון נייגיריקייט וועגן אַריינקומען צו פאָטער גינאַרדאָן, וואָס ער האָט אים געהאַט חושד געווען צו זיין אַן אויס־געצייכנטער פעלשער.

מאָסיע לע טריוק דע־ריופעק, אָט־דער גרויסער מענטש פון דער שווערד, איז איינמאָל געקומען צום אַלטן אַנטיקוואַר און אים פאַר־געלייגט זיינע פּלענער. מאָסיע לע טריוק דע־ריופעק האָט אָרגאַני־זירט אַ היסטאָרישע אויסשטעלונג פון קאַלטן געווער, לטובת דער דערציאונג־אַרבעט פאַר די קליינע מאַראָקאַנער, און געבעטן ביי פאָטער גינאַרדאָן, ער זאָל אים אויסבאָרגן עטלעכע פון די ווערט־פולסטע זאַכן פון זיינע קאָלעקציעס.

— מיר האָבן פריער געהאַט גערעכנט, — האָט ער געזאָגט, — צו אָרגאַניזירן אַן אויסשטעלונג, וואָס זאָל זיך רופן „דער צלם און די שווערד". די קאָמבינאַציע פון אָט־די צוויי ווערטער ווייזט אייך גאַנץ קלאָר דעם גייסט, וואָס האָט אונז באַוועגט אין אונזער אַר־בעט. העכסט פּאַטריאָטיש און קריסטלעך איז געווען דער געדאַנק, וואָס האָט אונז געמאַכט צו פאַראייניקן די שווערד, דעם סימבאָל פון ערע, און דעם צלם, דעם צייכן פון דערלייזונג. די טעטיקייט האָט געזאָלט געבראַכט ווערן אונטער דער הויכער פּראָטעקציע פון דעם קריג־מיניסטער און פון מאָנסעניאָר קאַשפּאָ. צום באַדויערן האָבן זיך אָבער אַרויסגעוויזן שוועריקייטן דאָס דורכצופירן און דער

פלאַן האָט געמוזט אָפּגעלייגט ווערן... דערוויילֿ אָרגאַניזירן מיר די אויסשטעלונג פון דער שווערד. איך האָב אָנגעוואָרפן אַ נאָטיץ, וואָס מאַכט קלאָר דעם כאַראַקטער פון אָט־דער אויסשטעלונג.

ריידנדיק אַזוי, האָט מאָסיע לֿע טריוק דע־ריופעק ארויסגענומען פון קעשענע אַ פּאָרטפעל, אָנגעשטאָפּט מיט פּאַפּירן, און אויפגעזוכט צווישן אַלערליי געריכט־דאָקומענטן און פּראָטאָקאָלן אַ שטאַרק צעקנייטשט שטיקל פּאַפּיר:

— אָט האָט איר עס, — האָט ער געזאָגט: — „די שווערד איז אַ יונגפרוי, וואָס עס איז ניט צוצוטרעטן צו איר. דאָס איז דער־עיקרשט אַ פראַנצויזיש כלי־זיין. אין אַ צייט, ווען דאָס נאַציאָנאַלע געפיל, נאָך אַ צו־לאַנגער פּאַרטונקעלונג, האָט אויפגעוואַכט ליכטי־קער און שטראַלנדיקער, ווי ווען עס איז פריער אַ. אַז. וו...“ איר פאַרשטייט?

און ער האָט ווידער ארויסגעזאָגט זיין פאַרלאַנג צו קריגן עפּעס אַ פיינע זאַך, וואָס מען זאָל זי קאָנען אוועקשטעלן אויבנאָן אויף דער אויסשטעלונג לטובת די קליינע מאַראָקאַנער, אונטער דער ערן־פּרעזידענטנשאַפט פון גענעראַל ד׳עספּאַרוויעי.

פּאָטער גינאַרדאָן האָט ווינציק וואָס זיך אָפּגעגעבן מיט געווער. ער האָט פאַרקויפט דערעיקר בילדער, צייכענונגען און ביכער. מען האָט אים אָבער קיינמאָל ניט געקאָנט ברענגען אין אַ פאַרלעגנקייט. ער האָט אַרונטערגענומען פון וואַנט אַ ראַפּירע מיט אַ זיפּנאַרטיקער שייד פון מויערקעפּלעך, כאַראַקטעריסטיש פאַר דער צייט פון לואי דעם דרייצענטן און נאָפּאָלעאָן דעם דריטן, און זי דערלאַנגט דעם אָרגאַניזירער פון דער אויסשטעלונג. יענער האָט זי באַטראַכט מיט געוויסן יראת הכבוד, האַלטנדיק פונדעסטוועגן פאַר קלוג ניט צו זאָגן קיין וואָרט.

— איך האָב נאָך בעסערס ווי דאָס, — האָט דער אַנטיקוואַר באַמערקט.

און ער האָט פון אַ הינטער־קעמערל ארויסגעבראַכט אַן אַנדער שווערד, וואָס האָט געהאַט געהויערט צווישן שפּאַציר־שטעקנס און שירעמס. דאָס איז געווען אַ מזיק אַ שווערד, גרויס, באַצירט מיט הערבן־ליליען, באמת מלכותדיק. עס איז געווען די שווערד

פֿון פיליפּ אַווגוסט, וואָס אַן אַקטיאָר פֿון אָדעאָן־טעאַטער האָט זי געהאַט געטראָגן ביי דער פֿאָרשטעלונג פֿון „אַניע דע מעראַני”, אין 1846. גינאַרדאָן האָט זי געהאַלטן מיטן שפּיץ צו דער ערד, ווי אויף צו מאַכן מיט איר אַ צלם, האָט פֿרום צונויפֿגעלייגט די הענט אויפֿן קוווער־הענטל און אויסגעזען צו זיין פּונקט אַזוי לאָיאַל ווי עס איז געווען די דאָזיקע שווערד.

— מאַכט פֿאַר איר אַ פּלאַץ אויף אייער אויסשטעלונג. די יונגפֿרוי איז עס ווערט. איר נאָמען איז בואַווין.

— אויב איך וועל זי אייך פֿאַרקויפֿן, — האָט געפֿרעגט מאָסיע לע טריוק דע־ריופּעק, דרייענדיק זיינע ריזנדיקע וואָנצעס, — וועט איר מיר געבן עפּעס קאָמיסיע־געלט?...

אין עטלעכע טעג אַרום האָט פֿאָטער גינאַרדאָן, מיט אַ מינע פֿון אַ טיפֿן סוד, געוויזן דעם גראַף דעמעזאָן און מאָסיע בלאַנקמעניל אַ ניי־אַנטדעקט גרעקאָ־בילד, אַן איבעראַשנדיק בילד אין דעם מייסטערס לעצטן סטיל. עס האָט פֿאָרגעשטעלט דעם הייליקן פֿראַנציס פֿון אַסיסי, וואָס שטייענדיק אויף דעם פֿעלזן־באַרג אַלווערנאָ, האָט ער זיך אויפֿגעהויבן צום הימל צו, ווי אַ זייל רויך, און אַריינגעשפּאַרט אין די וואָלקנס אַריין אַ משונה־שמאָלן קאָפּ, וואָס די דיסטאַנץ האָט אים נאָך מער פֿאַרקלענערט. מיט איין וואָרט, עס איז געווען אַן אמתדיק, אַ זייער אמתדיק, אַ צו־אמתדיק גרעקאָ־בילד. די צוויי קונסט־ליבהאָבער האָבן אויפֿמערקזאַם באַטראַכט דאָס דאָזיקע ווערק, בעת פֿאָטער גינאַרדאָן האָט געלויבט דאָס טיפֿע שוואַרץ און דעם דערהויבענעם אויסדרוק. ער האָט אויפֿגעהויבן די הענט אין דער הייך, כּדי פֿאָרצושטעלן טעאָטאָקאָפּולין, טינטאָרעטאָס אַן אָפּשטאַמלער, וועמען ער האָט אָבער אויף אַ הונדערט איילן איבערגעשטייגט אין גרויסקייט.

— ער איז געווען צניעותדיק, ריין, שטאַרק; אַ מיסטיקער, אַן אַפּאָקאַליפּטיקער.

גראַף דעמעזאָן האָט דערקלערט, אַז גרעקאָ איז געווען זיין באַליבטסטער מאָלער. בלאַנקמעניל האָט ביי זיך אין האַרצן אים ניט אינגאַנצן באַוואונדערט.

די טיר האָט זיך געעפנט און גאָר אומגעריכט האָט זיך באַוויזן מאָסיע גאַעטאַן.

ער האָט געוואָרפן אַ בליק אויף דעם הייליקן פראַנציס און געזאָגט:

— צו אַלדי רוחות!

מאָסיע בלאַנקמעניל האָט געוואָלט ווערן באַלערנט, האָט ער אים אַ פרעג געטון, וואָס ער דענקט וועגן דעם דאָזיקן מאָלער, וועלכער ווערט היינט אַזוי פיל באַוואונדערט. ניט צו לאָזן זיך לאַנג בעטן, האָט גאַעטאַן געענטפערט, אַז ער דענקט ניט, אַז גרעקאָ איז טאַקע געווען דער עקסצענטריקער און דער מטורף, ווי מען האָט עס אַמאָל אויף אים געגלויבט; ער רעכנט גיכער, אַז אַ חסרון פון דער ראיה, פון וועלכן טעאָטאָקאָפּולי האָט געהאַט געליטן, האָט אים געצוואונגען צו צעדרייען זיינע פיגורן.

— אַסטיגמאַטיש און געטראָפן פון שיקלדיקייט, — האָט גאַעטאַן ווייטער גערעדט, — האָט ער געמאָלט דאָס, וואָס ער האָט געזען, און אַזוי ווי ער האָט דאָס געזען.

גראַף דעמעזאָן האָט ניט געהאַט קיין חשק אָנצונעמען אַזאַ נאַטירלעכע דערקלערונג, וואָס איז אָבער, פאַרקערט, געפעלן מיט איר פשוטקייט מאָסיע בלאַנקמעניל.

פאָטער גינאַרדאָן, אַן אויפגעבראַכטער, האָט אויסגערופן:

— וועט איר, מאָסיע ד'עספּאַרוויעי, אויך זאָגן, אַז דער הייליקער יוחנן איז געווען אַסטיגמאַטיש, ווייל ער האָט געהאַט געזען אַ פרוי, באַקליידט מיט דער זון, געקרוינט מיט שטערן און מיט דער לבנה ביי אירע פיס? ווייל ער האָט געהאַט געזען די חיה מיט זיבן קעפּ און צען הערנער און די צען מלאכים, וואָס טראָגן די זיבן בעכער, פול מיט דעם צאָרן פון דעם לעבעדיקן גאָט?

— נאָך אַלעמען, — האָט מאָסיע גאַעטאַן אַרויסגעזאָגט, — איז רעכט צו באַוואונדערן גרעקאָן, אויב נאָר ער האָט פאַרמאָגט גענוג גאונות צו קאָנען אַרויפצווינגען זיין קראַנקהאַפטיקע זעאונג. און ווידער קאָנען די קרומקייטן, וואָס ער גיט צו דער מענטשלעכער פיגור, צופרידנשטעלן די נשמות, וואָס האָבן ליב יסורים, און אַזוינע זענען פאַראַן מער ווי מען רעכנט.

— מאסיע, — האט זיך אנגערופן גראף דעמעזאן, פירנדיק זיין לאנגע האנט איבער זיין ברייט־צעוואקסענער באָרד, — מען דארף ליב האבן דעם, וואס האט אונז ליב. די יסורים האבן אונז ליב און בינדן זיך צו אונז צו. מען דארף זיי ליב האבן, אויב מען וויל דערהאלטן דאס לעבן; דער כוח און די גוטסקייט פון דער קריסטלעכקייט באשטייען טאקע אין דעם, וואס זי האט דאס פאר־שטאנען... וויי־וויי! איך האב ניט קיין גלויבן און דאס ברענגט מיך אריין אין א פארצווייפלונג.

דער אלטער האט געטראכט פון דער, וואס ער האט זי זינט צוואנציק יאר געהאט באוויינט, און באלד האט אים זיין שכל פאר־לאזן, און זיין געדאנק האט גאר אן ווידערשטאנד זיך איבערגעגעבן די פאנטאזיעס פון א זיסער און טרויעריקער משוגעת.

האבנדיק, האט ער געזאגט, שטודירט די פיזישע וויסנשאפטן און געמאכט דורך דער מיטהילף פון א העלזעערישן מעדיום עקספע־רימענטן איבער דער נאטור און איבער דער דויערלעכקייט פון דער נשמה, האט ער געהאט באקומען איבערראשנדיקע רעזולטאטן, זיי האבן אים אבער ניט צופרידנגעשטעלט. עס האט זיך אים געהאט איינגעגעבן צו זען די נשמה פון דער געשטארבענער אונטער דעם שיין פון א זשעלאטינארטיקער און דורכזיכטיקער מאסע, זי האט אבער מיט גארנישט ניט דערמאנט אן דער פארם, וואס ער האט פארערט. און דאס פיינלעכסטע אין אט־דעם עקספערימענט, וואס ער האט אים געהאט איבערגעחזרט א הונדערט מאל, איז געווען, וואס די מאסע זשעלאטין, באוואפנט מיט גאר־גאר דינע קלעמערלעך, האט זיי געהאלטן אין שטענדיקער באוועגונג, לויט א ריטם, וואס האט, ווייזט אויס, געזאלט באצייכענען געוויסע סימנים, עס איז אבער באין אופן ניט געווען מעגלעך צו דערגיין דעם שכל פון די דאזיקע באוועגונגען.

פאר דער גאנצער צייט פון אט־דער מעשה האט מאסיע בלאנקמעניל זיך פארקליבן אין א ווינקל מיט דער יונגער אקטאוויע, וועלכע איז געזעסן א רואיקע, א שטילע, מיט ארונטערגעלא־זענע אויגן.

זעפירין האט נאך ניט געהאט געפועלט ביי זיך איבערצולאזן

איר געליבטן פאַר אַן אומוועדיקער קאָנקורענטין. אָפטמאָל, אין פרימאָרגן, איז זי געקומען, מיטן קוישל אונטערן אָרעם, און זיך ארומגעדרייט לעבן דער אַנטיקן־קראָם. אַ בייזע און אַן עלנדע, צערודערט פון ווידערשפּרעכיקע געדאַנקען, האָט זי געטראַכט, צי זאָל זי אָפּצוואָגן די פאַרעטערין מיט וויטריאָל, אָדער גאָר זיך אַ וואַרף טון צו זיינע פיס און באַנעצן מיט טרערן און קושן זיינע ליבע הענט. איינמאָל, ווען זי האָט זיך אַזוי איינגעקוקט אין מי־שעלן, אין איר טייערן, אָבער פאַרשולדיקטן מישעלן, האָט זי דערזען דורכן פענצטער די יונגע אַקטאַוויע. זי איז געזעסן ביים טיש, וואו אין אַ קרישטאָלענער וואַזע האָט געגוססעט אַ רויז, און האָט עפּעס אויסגעשטיקט. אין אויסברוך פון צאָרן האָט זעפירין ארונ־טערגעלאָזט איר רעגנשירם אויף דער קאָנקורענטינס בלאָנדן קאָפּ און זי אָנגערופן נקבה און שלומפּערקע. אַקטאַוויע, אַ דערשראָקענע, איז ארויסגעלאָפן רופן די פּאָליציי, בעת זעפירין, אויסער זיך פון ווייטיק און ליבע, האָט געשטורכעט מיטן אייזן פון איר אַלטן שירם פראַגאָנאַרדס „גימבלעט", גרעקאָס סאַזשעדיקן הייליקן פראַנציס, די יונגפרויען, די נימפן, די אַפּאָסטאָלן, און אָפּגעקלאַפּט דאָס גאָלד פון פּרא־אַנדזשעליקאָ, שרייענדיק דערביי:

— אָט־די אַלע בילדער, דער גרעקאָ, דער בעאַטאָ אַנדזשעליקאָ, דער פראַגאָנאַרד, אַלע, אַלע, אַלע — דאָס האָט גינאַרדאָן זיי גע־מאָלט, דער אויסוואורף, דער געמיינער יונג! אָט יענער פּראַ־אַנדזשעליקא, — איך האָב אַליין געזען, ווי ער האָט אים אָפּגעמאָלט אויף מיין פרעס־ברעטל, און אָט דעם זשעראַר דאַוויד האָט ער גע־מאַכט אויף אַן אַלטער שילד פון אַ הייבאַם... אַזאַ שווייַן! דו מיט דיין נאַפקע, איך וועל אייך ביידן צעשפּאַלטן די קעפּ, ווי איך טו עס מיט אָט־די שמוציקע לייוונטן!

זי האָט ארויסגעשלעפּט פאַרן ראָק אַן אַלטן קונסט־ליבהאָבער, וואָס האָט אין הוילער ציטערניש זיך געהאַט באַהאַלטן אין דעם פינצטערסטן ווינקל פון הינטער־קעמערל, און אים גערופן פאַר אַן עדות פון גינאַרדאָנס, אָט־דעם שווינדלערס און פאַלש־שווערערס, פאַרברעכנס. די פּאָליציילייט האָבן זי באַדאַרפט מיט געוואַלט אוועקרייסן פון דער חרוב־געמאַכטער קראָם. געפירט צום פּאָליציי־

קאָמיסאר און באַלייט פון א גרויסער מאסע מענטשן, האָט זי אויפ־געהויבן צום הימל די ברענענדיקע אויגן און אויסגעשריגן דורך די ביטערע טרערן:

— איר קענט דאָך ניט מישעלן! ווען איר וואָלט אים קענען, וואָלט איר פאַרשטאַנען, אז מען קאָן אָן אים ניט לעבן. מישעל! ער איז שיין, ער איז גוט, ער איז צויבערדיק. ער איז א גאָט, ער איז די ליבע אליין! איך האָב אים ליב! איך האָב אים ליב! איך האָב אים ליב! איך האָב זיך געקענט מיט געהויבענע לייט, מיט דוכסן, מיט מיניסטאָרן — און נאָך העכער... קיינער פון זיי איז ניט ווערט געווען צו פוצן מיין מישעלן די שיך. גוטע מענטשן, גיט אים מיר צוריק אוועק!

קאַפּיטל דריי־און־צוואַנציק.

וואו מען זעט ווי בושאַט, אין איר וואונדערבארן כאראקטער, שטעלט זיך אַנקעגן געוואַלט און גיט נאָך דער ליבע. און זאָל מען נאָך דעם מער ניט זאָגן, אַז דער מחבר איז אַ פּרויענהאַסער.

ארויסגעקומען פון באראָן מאקס עווערדינגענס הויז, איז פּרינץ איסטאר געגאנגען עסן אויסטערן און טרינקען אַ פלאַש ווייסן וויין אין אַ רעסטאָראַן אויפן מארק־פּלאַץ. דערנאָכדעם איז ער, וואָס האָט געהאט פאראייניקט אין זיך חכמה מיט כוח, אוועק צו זיין פריינט טעאָפיל בעלע, כדי צו באהאלטן אין דעם מוזיקערס שאפע די באָמבעס, וואָס האָבן פול געמאכט זיינע קעשענעס. דער מחבר פון „אלינע, קיניגין פון גאָלקאָנדא", איז ניט געווען אין דער היים. דער כרוב האָט געטראָפן בושאַט ביי דער גלעזערנער שאַפע, ארבעטנדיק אויף דער ראָלע פון דער בחורטע זיגוי. די יונגע אקטריסע האָט גע־האט צו שפּילן די הויפּט־ראָלע אין דער אָפּערעטע „אפּאשעס", וואָס איז אין יענער צייט רעפּעטירט געוואָרן אין אַ גרויסן „מיוזיק־האָל". עס איז געווען די ראָלע פון אַ גאסנמיידל, וואָס מיט אויסגעלאָזענע זשעסטן פארנארט זי אַ פארבייגייער אין אַ פּאסטקע אריין און נאָכדעם ווי דער אומגליקלעכער ליגט שוין מיט אַ פארשטאָפּטן מויל און אַ געבונדענער, חזרט זי מיט סאדיסטישער גרויזאמקייט איבער די פארשייטע באוועגונגען, וואָס האָבן אים געהאט פארפירט. זי האָט אין דער דאָזיקער ראָלע באדארפט אויפטרעטן אי ווי אַ דראמאטישע אקטריסע, אי ווי אַ זינגערין, איז זי געווען פון איר שטארק באגייסטערט.

דער אקאָמפּאניסט איז נאָרוואָס געווען אוועק. פּרינץ איסטאר האָט זיך צוגעזעצט צו דער פּיאנע און בושאַט האָט ווידער זיך גע־נומען צו דער ארבעט. אירע באוועגונגען זענען געווען אי פרעך, אי שיין. זי האָט געהאט אויף זיך ניט מער ווי אַ קורץ קליידל און אַ העמדל; ווען דאָס אקסלבענדל האָט זיך געהאט ארונטערגע־שאַרט פון רעכטן אָרעם, האָט זיך אויפגעדעקט אַ פּאכווע, שאָטנדיק

און באוואקסן ווי א הייליקע הייל אין ארקאדיע. אירע רויטע האר זענען געווען צעווארפן אויף אלע זייטן אין ווילדע לאקן. איר הויט איז געווען פייכט; זי האט ארויסגעגעבן פון זיך א ריח פון וויאלעטן און פון אלקאלי־זאלצן, וואס האבן געמאכט אויפצוצוקן די נאז־פליגל און וואס זי אליין איז דערפון געווארן פארשיכורט. א באוויש־טער פון די ריחות פון דעם דאזיקן צעהיצטן לייב, האט פרינץ איסטאר, ניט צו זאגן קיין ווארט, ניט צו געבן אפילו קיין פינטל מיט אן אויג, מיטאמאל זיך אויפגעהויבן, זי א כאפ געטאן אין די ארעמס אריין און זי געגעבן א ווארף ארויף אויף דער קאנאפע, אויף דער קליינער קאנאפע, באצויגן מיט א געבלימלטן שטאף, וואס טעאפיל האט זי געהאט געקויפט אין א באוואוסטער קראם אויף אויסצוצאלן אין לויף פון א לאנגער ריי יארן צו צען פראנק א חודש. אזוי ווי א מאסע פעלזנשטיין איז דער כרוב ארויפגעפאלן אויף דעם דאזיקן דעליקאטן קערפער; זיין אטעם האט אפגעהילכט ווי א בלאזאק אין א שמידעריי, זיינע ריזנדיקע הענט האבן מיט דער קלאמערדיקייט פון באנקעס זיך איינגעדריקט אין איר לייב. וואלט איסטאר געפרואווט זיך בעטן ביי בושאט, וואלט ער זי אנגערעגט צו א שנעלער און דאך קעגנזייטיקער צערטלעכקייט, וואלט זי אין דעם צושטאנד פון צעמישונג און אויפרעגונג, אין וועלכן זי האט זיך געהאט געפונען, אים ניט געווען אפגעזאגט. אבער בושאט איז געווען א שטאלצע; איר ווילדע גאווה האט אויפגעוואכט אין איר ביי דער ערשטער געפאר פון א דערנידערונג. דאס הארץ האט איר דערלאזט זיך איבערצוגעבן, ניט אבער צו לאזן זיך נעמען. זי האט לייכט נאכגעגעבן דער ליבע, דער נייגיריקייט, דעם געפיל פון רחמנות, און אפילו נאך וויניקער ווי דאס; זי וואלט אבער ליבערשט געשטארבן, איידער נאכצוגעבן דער ברוטאלער קראפט. איר איבערראשונג איז גלייך אריבער אין צארן. איר גאנץ וועזן האט זיך אנגעשטייפט אקעגן דער געוואלטלעכקייט. מיט די נעגל, וואס דער כעס האט זיי נאך שארפער געמאכט, האט זי געדראפעט דעם כרוב דאס פנים, די אויגן, און א געפאנגענע אונטער אט־דעם לע־בעדיקן בארג, האט זי אזוי שטייף־געמאכט דעם בויגן פון אירע לענדן, האט זי מיט אזוי פיל כוח פריינגלאזן די ספרונזשינעס פון

אירע עלנבייגנס און קני, אַז זי האָט דעם אנטראַפּאָצעפאַלישן אָקס, א בלינדן פון בלוט און פון ווייטיק, א שליידער געטון פון זיך ארויף אויף דער פיאַנע, וועלכע האָט דערביי ארויסגעלאָזט אַ לאַנגן קרעכץ, בעת די באָמבעס, צעשאָטענע פון די קעשענעס, וואו ער האָט זיי געהאַט געהאַלטן, האָבן זיך געקייקלט איבערן פּאַרקעט מיטן קראַכן פון א דונער. און בושאָט, די האָר צעשויבערט, איין ברוסט נאַקעט, א שיינע און א שרעקלעכע, האָט געפּאַכעט מיטן פייער־שאַרער אויף דעם אויסגעצויגענעם דיז און געשריגן:

— טראָג זיך שוין אָפּ פון דאַנען, אַניט וועל איך דיר ארויס־נעמען די אויגן!

פרינץ איסטאַר איז געגאַנגען אין קיך אריין זיך ארומצוואַשן און האָט איינגעטונקען זיין פּאַרבלוטיקט געזיכט אין אַן ערדענער שיסל, וואו עס האָבן זיך געווייקט סואַסאַנער בעבלעך. דערנאָך איז ער אַוועק אָן כעס און אָן ערגערניש, מחמת ער האָט געהאַט א דער־הויבענע נשמה.

ווי נאָר ער איז געווען ארויס, ערשט דאָס טירגלעקל האָט זיך צעקלונגען. אַזוי ווי בושאָט האָט ניט געקאָנט זיך דעררופן צום דינסטמיידל, וועלכע איז ניט געווען אין דער היים, האָט זי ארויפ־געצויגן אויף זיך א הויז־קלייד און איז אליין געגאַנגען עפענען די טיר. א יונגערמאַן פון א זייער קאָרעקטן און גאַנץ שיינעם אויס־זען האָט זי העפלעך באַגריסט, האָט זיך אַנטשולדיקט, וואָס ער איז געצוואונגען אליין זיך פּאָרצושטעלן און האָט זיך אָנגערופן ביים נאָמען. דאָס איז געווען מאָריס ד'עספּאַרוויעי.

מאָריס האָט אַלץ ניט אויפגעהערט צו זוכן זיין שוץ־מלאך. באַוועגט פון א פאַרצווייפלטער האָפענונג, האָט ער אים ארומגע־זוכט אין די אומגעריכטסטע פלעצער. ער איז געגאַנגען פרעגן אויף אים צו כשוף־מאַכער, מאַגיקער, בעלי־מופתים, וואָס אין חושכ־דיקע נאָרעס אַנטפּלעקן זיי די ניט־געשטויגענע צוקונפט, און מיט נאָר די אוצרות פון דער ערד אין זייער רשות, טראָגן זיי דאָך הויזן אָן א זיץ און עסן קיין אַנדער זאַך ניט ווי נאָר שווייגען־מאַרך. יענעם טאָג האָט מאָריס געהאַט זיך אַוועקגעלאָזן אין א הינטערגעסל פון מאָנמאַרטר צו טרעפן דאָרט א פּריסטער פון שטן,

וואָס האָט פּראַקטיצירט שוואַרצע מאַגיע און אָפּערירט דורך פאַר־ברענען וועקסענע פיגורן; דערנאָך איז ער, צוליב אַ שליחות פון מאַדאַם ווערדעליער, געגאַנגען זיך זען מיט בושאָט. מאַדאַם דע לאַ ווערדעליער האָט צוגעגרייט אַ פייערלעכע אונטערנעמונג לטובת דער דערהאַלטונג פון די דאָרפישע קלויסטערס, האָט זי געוואָלט איינ־לאַדן אַהין בושאָט, וועלכע איז גאָר פלוצלינג, קיינער ווייס ניט פאַר־וואָס, געוואָרן אַן אַקטריסע אין דער מאָדע. בושאָט האָט אָנגע־באָטן דעם גאַסט זיך זעצן אויף דער קליינער געבלימלטער קאַנאַ־פּע; אויף מאָריסעס איינלאַדונג האָט זי זיך געזעצט לעבן אים. דער תכשיט האָט איבערגעגעבן דער זינגערין דעם וואונטש פון דער מאַדאַם גרעפין דע לאַ ווערדעליער. די דאַזיקע דאַמע האָט פאַר־לאַנגט, אַז בושאָט זאָל דערעיקרשט זינגען איינס פון יענע אַפּאַשע־לידער, וואָס די אַריסטאָקראַטישע געזעלשאַפט האָט פון זיי אַזוי שטאַרק הנאה געהאַט; צום באַדויערן האָט מאַדאַם דע לאַ ווער־דעליער געקאָנט געבן ניט מער ווי נאָר אַ זייער באַשרענקטן האָנאָ־ראַר, ניט אין פּראָפּאָרציע מיט דער אַרטיסטינס ווערט; די זינ־גערין האָט אָבער געזאָלט מיטווירקן פאַר אַ גוטער זאַך.

בושאָט האָט איינגעשטימט אויפצוטרעטן און מיט דער גע־וויינטלעכער פרייגעביקייט פון אָרעמע צו רייכע און פון אַרטיסטן צו אַריסטאָקראַטן האָט זי אָנגענומען דעם קליינעם האָנאָראַר. בו־שאָט האָט פאַרמאָגט אידעאַליזם; די טעטיקייט פאַר דער דער־האַלטונג פון די דאָרפישע קלויסטערס האָט זי אינטערעסירט. מיט טרערן און מיט זיפצן פלעג זי זיך דערמאָנען אָן איר ערש־טער באַהעפטונג מיט דער קירך, און אויך איצט האָט זי נאָך דערהאַלטן איר גלויבן. ווען זי איז פאַרבייגעגאַנגען אַ קלויסטער, האָט זי געהאַט אַ פאַרלאַנג אַריינצוגיין אַהין, בפרט אין אָוונט. זי האָט ניט ליב געהאַט די רעפּובליק, וועלכע האָט זיך געהאַט געמיט מיט אַלע כוחות צו פאַרניכטן די קירך און די אַרמיי. איר האַרץ האָט זיך געפרייט צו זען דאָס אויפלעבן פון דעם נאַציאָנאַלן געפיל. פראַנקרייך האָט זיך ווידער אויפגעהויבן און אין די „מיוזיק האָלס" זענען מער פון אַלץ אַפּלאָדירט געוואָרן לידער וועגן אונזערע סאָל־דאַטלעך און וועגן די הייליקע שוועסטער. מאָריס האָט דערוויילט

אַריינגעאָטעמט דעם ריח פון אָט־דעם רויטן קאָפּ האָר, דעם שאַרפן און דינעם אַראָמאַט פון אָט־דעם קערפּער, אַלע געווירצן פון אָט־דעם ליב, און עס האָט אים אָנגענומען אַ חשק. אַ זייער ווייכע און אַ זייער וואַרעמע, האָט ער זי געפילט נאָענט פון זיך אויף דער קליינער קאַנאַפּע. ער האָט קאָמפּלימענטירט די אַרטיסטין מיט איר שיינעם טאַלענט. זי האָט אים אַ פרעג געטון, וואָס עס איז אים מער געפעלן פון איר גאַנצן רעפּערטואַר. ער האָט קיין זאַך דערפון ניט געוואוסט, דאָך האָט ער איר געגעבן אַזוינע ענטפערס, וואָס האָבן זי צופרידנגעשטעלט; זי האָט גאָרנישט באַמערקט, ווי זי האָט דאָס אים אַליין אונטערגעזאָגט. די איינגעגלויבטע אַקטריסע האָט גערעדט וועגן איר טאַלענט, וועגן אירע דערפאָלגן אַזוי ווי זי האָט געוואָלט, אַז אַנדערע זאָלן דערפון ריידן. עס האָבן זיך ביי איר גאָר קיינמאָל ניט אויסגעלאָזן די מעשיות וועגן אירע טריאומפן; אַחוץ דעם אָבער איז זי געווען די אָפּנהאַרציקייט אַליין. מאָריס האָט מיט אויפריכטיקייט געלויבט בושאָטס שיינקייט, די פרישקייט פון איר געזיכט, די עלעגאַנץ פון איר פיגור. זי האָט די דאָזיקע מעלה אירע צוגערעכנט צו דעם, וואָס זי האָט זיך קיינמאָל ניט געהאַט געפּלאַסטערט. וואָס איז שייך איר פיגור, האָט זי צוגעגעבן, אַז זי האָט דאָרט אַלץ גענוג, קיין זאַך ניט צופיל, און כדי צו אילוסטרירן די דאָזיקע פאַרזיכערונג, האָט זי אַדורכגעפירט אירע הענט איבער אַלע קאָנטורן פון איר צויבערדיקן קערפּער, אויפהויבנדיק זיך אַביסל, כדי נאָכצופאָלגן די שיינע רונדיקייטן, אויף וועלכע זי האָט געהאַט גערוט. מאָריס איז געוואָרן שטאַרק גערירט.

דער טאָג איז פאַרגאַנגען. זי האָט פאָרגעשלאָגן צו מאַכן ליכטיק. ער האָט זי געבעטן, זי זאָל עס ניט טון.

דער שמועס, צוערשט אַ לאַכנדיקער און אַ לוסטיקער, איז דערנאָך געוואָרן אינטים, זייער ליב, מיט אַ געוויסער פאַרשמאַכטקייט. בושאָט האָט געהאַט דאָס געפיל, ווי זי וואָלט מאָסיע מאָריס ד'עספּאַרוויעי געווען געקענט אַ לאַנגע צייט, און האַלטנדיק אים פאַר אַן איידעלן מענטשן, האָט זי זיך אים פאַרטרויט. זי האָט אים דערציילט, אַז זי איז געבוירן געוואָרן צו זיין אַן ערלעכע פרוי, זי האָט אָבער געהאַט אַ גייציקע, געוויסנלאָזע מוטער. מאָריס

האט זי צוריק ארויפגעבראכט אויפן געדאנק וועגן איר אייגענער שיינקייט און דורך קונציקער חניפה נאך מער געהויבן די געהויבענע מיינונג, וואס זי האט געהאט וועגן זיך אליין. א געדולדיקער און א מיושבדיקער, ניט געקוקט אויף דעם פייער, וואס האט זיך אלץ מער פונאנדערגעברענט אין אים, האט ער אין איר, דער באַגערטער, געוועקט און נאך גרעסער געמאכט דעם פארלאנג צו ווערן באוואונדערט. דאס הויז־קלייד האט פון זיך אליין זיך פונאנדערגעעפנט און זיך ארונטערגעגליטשט, דער לעבעדיקער אטלאס פון די אקסל האט זיך געלויכטן אין דעם מיסטעריעזן ליכט פון אָוונט. ער איז געווען אזוי קלוג, אזוי געשיקט און אזוי פלינק, אז ער האט זי געלאזט אריינפאלן אין זיינע אָרעמס, א צעהיצטע און א שמאכטיקע, נאך איידער זי האט זיך געהאט ארומגעקוקט, אז זי זאל האבן עפעס נאכגעגעבן. זיי האבן צונויפגעמישט זייער אָטעם און זייער געמורמל. און די קליינע געבלימלטע קאנאפע האט מיטגעזיפצט אינאיינעם מיט זיי.

ווען זייערע געפילן האבן ווידער געקאנט אויסגעדריקט ווערן מיט ווערטער, האט זי אים איינגערוימט אין האלז אריין, אז זיין הויט איז נאך איידעלער פון אירער.

האלטנדיק זי ארומגענומען, האט ער געזאגט:

— ווי אנגענעם עס איז דיך צו דריקן אזוי צו זיך. עס זעט אויס, ווי דו וואלסט ניט געהאט קיין ביינער.

זי האט צוגעמאכט די אויגן און געענטפערט:

— דאס איז דערפאר, ווייל איך האב דיך ליב געהאט. פון דער ליבע ווערן מיינע ביינער צעשמאלצן. זי מאכט מיך אינגאנצן ווייך און צעלאזן אזוי ווי זשעלע.

ביי די דאזיקע ווערטער איז טעאפיל אריינגעקומען, און בושאט האט אים געהייסן בארענקען מאסיע מארים ד'עספארוויעי, וואס איז געווען אזוי ליבלעך צו ברענגען א פיינעם אנבאט פון מאדאם גרעפין דע־לא־ווערדעליער.

נאך א טאג פון אומזיסטע זוכענישן, פון נודנע לעקציעס, פון ערגערניש און דערנידערונג, איז דער מוזיקער געווען גליקלעך צו פילן די רואיקייט און די פרידלעכקייט פון זיין היים. מען האט געהאט

אַרויפגעצוואונגען אויף אים דריי נייע מיטאַרבעטער, וואָס האָבן געזאָלט זיך אונטערשרייבן אונטער זיין אָפּערעטע און באַקומען זייער חלק פון דעם פאַרפאַסערס רעכט; מען האָט אויך געפאָדערט פון אים, ער זאָל אַריינפירן דעם טאַנגאָ־טאַנץ אין דעם הויף פון גאָלקאָנדאַ. ער האָט געדריקט דעם יונגן ד׳עספּאַרוויעי די האַנט און אַ זייער מידער זיך אַרונטערגעלאָזן אויף דער קליינער קאַנאַפּע, וואָס דאָסמאָל, שוין ביי אירע לעצטע כוחות, האָט זי נאָכגעגעבן אויף אַלע פיר פיס און איז פּלוצלינג איינגעזונקען. אַרונטערגעשליידערט אויף דער ערד, איז דער מלאך, אַ דערשראָקענער, אַרויפגעפאַלן אויפן זייגערל, אויפן פידעלע שוועבעלעך און אויפן פּאָרטציגאַר, וואָס האָבן זיך געהאַט אַרויסגעשאַרט פון מאָריסעס קעשענע, און אויף די באָמבעס, וואָס פּרינץ איסטאַר האָט דאָרט געהאַט איבערגעלאָזט.

קאַפּיטל פיר־און־צוואַנציק

דערציילנדיק די סיבות, וואָס האָבן געהאַט געטראָפן מיט דעם „לוקרע־ציוס” פון פריאָר פון וואַנדאָם.

לעזשע־מאַסיעי, יורש פון עלטערן לעזשע, איינבינדער פון רו דע־ל'אַבעי, קעגנאיבער דעם אַלטן האָטעל־דע־ז'אַבעי, וואו עס ווימלען פּאַרציייטיקע שולעס און געזעלשאַפטן פון געלערנטע, פלעג באַשעפטיקן אויסגעצייכנטע, כאָטש אַ קנאַפּע צאָל באַלמעלאָכעס, און באַדינען אָן איילעניש אַ קליענטור, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט צו זיין געדולדיק. זעקס וואָכן זענען פאַריבער, זינט ער האָט באַקומען דעם פּאַק ביכער, צוגעשיקט פון מאָסיע סאַריעט, און לעזשע־מאַסיעי האָט זיך צו דעם נאָך ניט געהאַט צוגערירט. ערשט אין דריי־און־פופציק טעג אַרום, נאָכדעם ווי ער האָט געהאַט אַדורכגעקוקט די ביכער, לויט מאָסיע סאַריעטס רשימה, האָט דער איינבינדער זיי אויסגעטיילט זיינע באַלמעלאָכעס. אַזוי ווי דער קליינער „לוקרעציוס” האָט אויסגעפעלט אויף דער רשימה, האָט ער זיך משער געווען, אַז דאָס בוך האָט געמוזט קומען פון עפּעס אַן אַנדער קליענט. ווען אָבער ער האָט אים אויף קיין שום אַנדער רשימה אויך ניט געהאַט געפונען, האָט ער אים אַריינגעלייגט אין אַ שאַפע, פון וואַנען לעזשע־מאַסיעיס זון, דער יונגער ערנעסט, האָט אים איינמאָל שטילערהייט אַרויסגעשלעפּט און אים אַרונטערגעלאָזן צו זיך אין קעשענע. ערנעסט איז געווען פאַרליבט אין דער נייטערין ראָזע, וועלכע האָט געוואוינט מיט זיי אין שכנות. ראָזע האָט ליב געהאַט די נאַטור און גוסטירט צו הערן דאָס געזאַנג פון די פייגל אין די וועלדער. כדי צו שאַפן זיך די מיטלען אויף אויסצונעמען זי אין אַ זונטיק בייטאָג קיין שאַטו אויף מיטיק, האָט ערנעסט אָפּגעזעצט דעם „לוקרעציוס” ביי פּאָטער מאַראַנזשע, טאַנדעט־הענדלער אויף רו סען־קס..., פאַר דער סומע פון צען פראַנק. פּאָטער מאַראַנזשע, ניט נייגיריק צו וויסן דעם אָפּשטאַם פון די זאַכן, וואָס ער פלעג איינהאַנדלען, האָט נאָך דעמזעלביקן טאָג אָוועקגעגעבן דעם

באַנד מאַסיע פוסאַרן, בוכהענדלער פון פּאַבור סען־זשערמען, פאַר זעכציק פראַנק. פוסאַר האָט אָפּגעמעקט פון שער־בלאַט דעם שטעמפּל, וואָס האָט אויפגעוויזן דעם אָפּשטאַם פון דער יקר־המציאות, און זי פאַרקויפט יאָזעף מייערן, דעם גוט־באַוואוסטן קאָלעקציאָנער, פאַר 500 פראַנק; יענער האָט זי תיכף אוועקגעגעבן דעם בוכהענדלער מאַסיע אַרדאָן פאַר דריי טויזנט פראַנק. מאַסיע אַרדאָן האָט גלייך אָנגעבאָטן דעם באַנד דעם גרויסן פּאַריזער ביבליאָפיל, מ. ר., און געקראָגן פאַר אים זעקס טויזנט פראַנק; דער ביבליאָפיל, ווידער, האָט אין צוויי וואָכן אַרום אים צוריק פאַרקויפט מיט אַן ערלעכן ריווח דער גרעפין דע־גאַרס. די דאָזיקע דאַמע האָט געהאַט אַ נאָמען אין דער הויכער פּאַריזער געזעלשאַפט און איז געווען, וואָס מען פלעג אין זיבעצענטן יאָרהונדערט אָנרופן אַ „נייגיריקע" אויף בילדער, ביכער און פאָרצעלייען. זי האָט פאַרמאָגט אין איר וואוינונג אויף אַווענין ד'יענאַ קאָלעקציעס פון קונסט־זאַכן, וואָס האָבן עדות־געזאָגט אויף איר פּילזייטיקן ווייסן און גוטן געשמאַק. אין חודש יולי, בעת גרעפין דע־גאַרס האָט געהאַט פאַרבראַכט אין איר מאַיאָנטעק פון סאַרוויל, אין נאָרמאַנדיע, האָט די וואוינונג אויף אַווענין ד'יענאַ, דעמאָלט אַן אומבאַוואוינטע, געקראָגן אַ ביינאַכטיקן וויזיט פון אַן איינברעכער, קאָנטיק, אַ מיטגליד פון דער אַזוי־גערופענער באַנדע „קאָלעקציאָנערן", וועלכע ספּעציאַליזירט זיך אין גנבענען קונסט־זאַכן.

לויט דעם באַריכט פון דער פּאָליציי, האָט דער גנב זיך געהאַט באַנוצט מיט דער וואַסער־רינע אויף צו דערגרייכן דעם ערשטן גאָרן, האָט דערנאָך אַרויפגעקלעטערט אויפן באַלקאָן, האָט מיט אַ ברעך־אייזן אויפגעעפנט דעם לאָדן, האָט אויסגעזעצט אַ שויב פון פענצטער, האָט אויפגעהויבן דאָס קייטל און איז אַריין אין דער ערשטער גאַלעריי. אויפגעבראָכן דאָרט עטלעכע שאַפעס, האָט ער פאַרנומען די זאַכן, וואָס זענען אים געקומען אונטער דער האַנט, דאָס רוב קליינטשיקע און ווערטפולע חפצים, ווי גילדערנע קעסטעלעך, עטלעכע עלפאַנביינערנע שניצערייען פון פערצענטן יאָרהונדערט, צוויי טייערע מאַנוסקריפּטן פון פופצענטן יאָרהונדערט און אַ בוך, וואָס דער גרעפינס סעקרעטאַר האָט עס אין קורצן באַצייכנט מיט די

ווערטער „אַ באַהערבטער מאַראָקאָ־באַנד” און וואָס איז געווען ניט קיין אַנדער זאַך ווי דער „לוקרעציוס” פון ד׳עספּאַרוויעס ביבליאָ־טעק.

דער גנב, וואָס מען האָט געהאַט אַ חשד, אַז עס איז געווען אַן ענגלישער קאָבער, איז ניט געכאַפּט געוואָרן. אָבער אין אַן ערך אַ צוויי חדשים נאָך דער גנבה איז אַן עלעגאַנטער, ריין־אָפּגעראַ־זירטער יונגערמאַן פאַרבייגעגאַנגען אין אַ בין־השמשות רו דע־קורסעל און אַריינגעקומען צו פּאָטער גינאַרדאָן אים אָנצובאָטן דעם „לוק־רעציוס” פון דעם פּריאָר פון וואַנדאָם. דער אַנטיקוואַר האָט באַ־צאָלט פינף פראַנק, האָט אַדורכגעקוקט דעם באַנד, האָט איינגעזען זיין אינטערעס און זיין שיינקייט און אים אַריינגעלייגט אין דעם קאָמאָד פון וויאָלעטן־האָלץ, וואו ער פלעג האַלטן די ווערטפולע זאַכן.

אָט־דאָס זענען די סיבות, וואָס האָבן געהאַט געטראָפן מיט דעם זעלטן־שיינעם חפץ אין לויף פון עטלעכע חדשים.

קאַפּיטל פינף־און־צוואַנציק

וואו מאַריס געפינט צוריק זיין מלאך.

בושאַט האָט נאָך דער פאָרשטעלונג געהאַלטן אין ארונטער־נעמען פון זיך דעם גרים, ווען מאַסיע סאַנדראַק, איר אַלטער פּראָ־טעזשירער, איז מיט שטילע טריט אריין צו איר אין גאַרדעראָב־צימער, ארייננלאָזנדיק באַלד נאָך זיך אַ גאַנצן שטראָם פּאַרערער. ניט אויסצודרייען זיך צו זיי, האָט זי זיי אַ פרעג געטון, נאָך וואָס זיי זענען געקומען, פּאַרוואָס זיי קוקן אויף איר אַזוי ווי די אידיאָטן און צי מיינען זיי, אַז זיי געפינען זיך אויפן יאַריד אין נעילי, אין ביידל פון דער פּאַרזעעניש.

— „מיינע דאַמען און הערן, וואַרפט אריין צען סאַנטים אין בלעכל אריין אויף נדן פאַר דער פריילין, וועט איר קאָנען אָנטאַפּן אירע ליטקעס, וואָס זענען געמאַכט פון מירמלשטיין!״

זי האָט צוגעוואָרפן דער באַליאַסטרע אַ בייזן בליק און זיך צעשריגן אויף זיי:

— גייט, גייט פון דאַנען! ארויס! פּאַרנעמט זיך!

זי האָט אַלעמען משלח געווען, אַפילו איר האַרץ־געליבטן, דעם לאַנגהאָריקן און קורצזיכטיקן טעאָפילן, וועלכער איז דאָרט געשטאַנען אַ בלאַסער, אַ שטילער, אַן אומעטיק־פּאָרטראַכטער. ווי אַבער זי האָט געהאַט דערזען איר ליבן מאָריסן, האָט זי אַ שמייכל געטון. ער איז צוגעקומען נעענטער, האָט זיך איבערגעבויגן איבערן ווענטל פון שטול, וואו זי איז געזעסן, האָט איר אָפּגעגעבן אַ יישר־כוח פאַר איר שפּילן און פאַר איר זינגען, באַלייטנדיק יעדן קאָמפּלימענט מיטן קלאַנג און מיטן זשעסט פון אַ קוש. מיט דעם אַליין האָט זי אים אָבער ניט געלאָזט אָפּקומען: דורך נאָכאַנאַנדיקן נאָכפרעגן זיך, דורך דרינגלעכע בקשות און געמאַכטער אומגלויביקייט האָט זי אים געצייט איבערצוחזרן צוויי, דריי און פיר מאָל די שאַבלאָנע לויבגעזאַנגען, און איז ער געבליבן אַ ווײַלע שטיל, אַזוי האָט זי אויסגעזען צו זיין אַזאַ אַנטוישטע, אַז ער איז געווען

געצוואונגען גלייך ווידער אנצוהויבן. פאר אים, ניט קיין מבין, איז דאס געווען ניט פון די גרינגע זאכן, דערפאר אבער האט ער געהאט דאס פארגעניגען צו זען אירע רונדיקע, פולע אקסל, וואס דאס ליכט האט זיי באגילט, און צו כאפן א בליק אויף איר שיינעם פנים אין דעם טואלעט־שפיגל.

— עס איז געווען א פרייד צו קוקן אויף אייך.

— טאקע?... איר מיינט עס?

— וואונדערלעך, געט...

מיטאמאל האט ער ארויסגעלאזן א געשריי. זיינע אויגן האבן דערזען אין שפיגל א געשטאלט, וואס האט זיך באוויזן אין הינטער־גרונד פון גארדעראב־צימער. ער האט זיך האסטיק אומגעקערט, האט מיט אפענע ארעמס זיך א ווארף געטון אויף ארקאדן און אים ארויסגעפירט אין קארידאר אריין:

— שוין איינמאל מאניערן! — האט בושאט, שטיקנדיק זיך פון כעס, אויסגערופן.

אבער דער יונגער ד׳עספארוויעי האט זיך דורכגעריסן דורך א מחנה דרעסירטע הינט און א געזינדל אמעריקאנער אקראבאטן, מיטשלעפנדיק זיין מלאך צום ארויסגאנג.

אין שאטן און אויף דער פרישער לופט פון בולוואר, א שיכורער פון פרייד און ניט צו גלויבן נאך אלץ זיין גליק, האט ער געזאגט:

— דאס זענט איר! דאס זענט איר! איך האב אייך א לאנגע צייט ארומגעזוכט, ארקאד, אדער מיראד, אויב איר ווילט, און אט האב איך אייך געפונען. ארקאד, איר האט ביי מיר אוועקגענומען מיין שוץ־מלאך, גיט מיר אים צוריק. ארקאד, איר האט מיך נאך אלץ ליב?

ארקאד האט דערויף געענטפערט, אז כדי צו דערפילן די איבערמלאכישע אויפגאב, וואס ער האט אויף זיך גענומען, האט ער געמוזט טרעטן מיט די פיס פריינטשאפט, רחמנות, ליבע און אלע אנדערע געפילן, וואס מאכן ווייך די נשמה; פון דער אנדערער זייט אבער איז ער דורך זיין נייעם מצב, אין וועלכן ער איז אויסגעשטעלט צו ליידן און צו לעבן אין דחקות, געווארן גענייגט

צו מענטשנליבע, פילט ער, דריבער, צו זיין אָרעמען מאָריסן אַ מין אויטאָמאַטישע פריינטלעכקייט.

— נו, נו, — האָט מאָריס אויסגערופן — ווי וויניק איר האָט מיך ליב, קומט צוריק צו מיר, פאַרבלייבט מיט מיר. איך קאָן אָן אייך זיך ניט באַגיין. כּל זמן איך האָב אייך געהאַט לעבן זיך, האָב איך זיך אויף אייך גאָרנישט אומגעקוקט. אָזוי שנעל אָבער ווי איר זענט פון מיר אַוועק, האָב איך דערפילט אין זיך אַ שרעקלעכע ליידיקייט. אָן אייך בין איך אַזוי ווי אַ גוף אָן אַ נשמה. אייך קאָן איך זאָגן, אַז אין דער קליינער דירה אויף רו דע־דראַם, לעבן זשילבערט, פיל איך זיך איינזאַם, — איר פעלט מיר אוים און איך וויל אייך זען און הערן אַזוי ווי אין דעם טאָג, ווען איר האָט מיך אַריינגעבראַכט אין גרויס צאָרן... זייט זיך מודה, אַז איך בין געווען גערעכט און אַז איר האָט יענעם טאָג זיך ניט אויפגעפירט ווי אַן איידלמאַן. איר, וואָס איר שטאַמט פון אַזאַ הויכן יחוס און באַזיצט אַזאַ איידעלן גייסט, זאָלט קאָנען באַגיין אַזאַ גראָבקייט, — דאָס איז, ווען מען טוט אַ טראַכט, ממש אומגעהערט! מאַדאַם דעזאָבעל האָט אייך נאָך אַלץ ניט מוחל געווען. זי האָט טענות צו אייך, פאַרוואָס איר האָט זי געהאַט איבערגעשראָקן, באַווייזנדיק זיך אין אַזאַ ניט פּאַסיקן מאָמענט, און פאַר אייער פרעכן באַנעמען זיך צו איר, בעת איר האָט איר צוגעהעקלט דאָס קלייד און פאַרשנירט די שיך. איך, פון מיין זייט, האָב אַלץ פאַרגעסן. איך געדענק נאָר, אַז איר זענט מיין הימלישער ברודער, דער הייליקער חבר פון מיינע קינדערשע יאָרן. ניין, אַרקאַד, איר טאָרט ניט, איר קאָנט ניט זיך שיידן פון מיר. איר זענט מיין מלאך, איר זענט מיין פאַרמעג.

אַרקאַד האָט דערקלערט דעם יונגן ד'עספּאַרוויעי, אַז ער קאָן מער ניט זיין קיין שוץ־מלאך פון אַ קריסט, ווייל ער האָט זיך אַליין אַריינגעוואָרפן אין שאול־תחתיה אריין. און ער האָט זיך אָפּגעשילדערט אויף אַ שרעקלעכן אופן, ווי איינעם, וואָס אָטעמט מיט שנאה און צאָרן, קוריץ, ווי אַ העלישן גייסט.

— נאַרישקייטן! — האָט מאָריס געזאָגט מיט אַ שמייכל, בעת די אויגן זענען ביי אים געווען פאַרלאָפן מיט טרערן.

— ווײ־ווײ! אונזערע השגות, אונזערע מזלות, אַלץ שײדט אונז פונאַנדער, מאַרים. איך קאָן אָבער ניט אויסלעשן אין זיך די צאַרטקײט, וואָס איך פיל צו אײַך, און אײַער אָפּנהאַרציקײט צווינגט מיך אײַך ליב צו האָבן.

— נײן! — האָט מאַרים אַרויסגעזיפּצט — איר האָט מיך ניט ליב. איר האָט מיך קײנמאָל ניט ליב געהאַט. מצד אַ ברודער אָדער אַ שוועסטער וואָלט אַזאַ גלײַכגילטיקײט געווען נאַטירלעך; מצד אַ פרײַנט וואָלט דאָס געווען אַ געווײנטלעכע זאַך; מצד אָבער אַ שוץ־מלאך איז דאָס משונה־ווילד. אַרקאַד, איר זענט אַן אָפּשײַלעך באַשעפעניש. איך האָב אײַך פײַנט.

— איך האָב אײַך האַרציק ליב געהאַט, מאַרים, און איך האָב אײַך נאָך אַלץ ליב. איר רירט מיר מײַן האַרץ, וואָס איך האָב גערעכנט, אַז עס איז פאַרפאַנצערט הינטער דרײַפאַכיקן בראָנז. איר דעקט אויף פאַר מיר מײַן אײגענע שוואַכקײט. ווען איר זענט געווען אַ קלײן אומשולדיק אינגל, האָב איך אײַך ליב געהאַט פונקט אַזוי צאַרט און מיט אַ פיל רײנערער ליבע, ווי מיס קעט, אײַער ענגלישע גוּווערנאַנטין, וועלכע פלעג אײַך קושן מיט שרעקלעכער תאווה. אויפן לאַנד, אין דער צײַט פון יאָר, ווען די דינע קאָרע פון די פּלאַטאַנען שײלט זיך אין לאַנגע פּאַסן און דעקט אויף די שטאַמען פון צאַרטן גרין, נאָך די רעגנס, וואָס שווענקען אַרונטער דעם דינעם זאַמד איבער די משופּעדיקע שטעגן, האָב איך אײַך געלערנט צו מאַכן מיט אָט־דעם זאַמד, מיט אָט־די פּאַסן קאָרע, מיט פעלד־בלימלעך און בינטלעך פּרויענהאָר־גראָז דאָרפישע בריקן, פּרימיטיווע שטיבלעך, טעראַסן און יענע גערטנער פון אַדאָניס, וואָס האַלטן זיך ניט מער ווי אַ שעה. אין חודש מאַי, אין פּאַריז, האָבן מיר אויפגעשטעלט אַ מזבח צו דער הײליקער יונגפרוי, און האָבן געברענט ווײַרעך, וואָס זײַן ריח, צעגאַנגען איבערן גאַנצן הויז, האָט דערמאָנט דער קעכין מאַרסעלינע אָן דעם קלויסטער פון איר דאָרף און איר פאַרלוירענער מײדלשאַפט, האָט אַרויסגעצויגן פון אירע אויגן בעך טרערן און פאַרשאַפט קאַפּווײטיק אײַער מוטער, וואָס אין מיטן דעם גאַנצן עשירות איז זי געווען אַ קרבן פון דער לאַנגווייל, פון וועלכער עס לײַדן אַלע גליקלעכע פון דער ערד.

ווען איר זענט געגאַנגען אין שולע, בין איך געווען פאַראינטערעסירט אין אייער פאָרטשריט; איך האָב געטיילט מיט אייך אייער ארבעט און אייער שפּיל, איך האָב אינאיינעם מיט אייך זיך פארטון אין די שווערע פּראָבלעמען פון אריפמעטיקע, האָב געזוכט דעם ניט־דורכדרינגלעכן טייטש פון יוליוס צעזאַרס אַ פראַזע. וויפיל שיינע שפּילערייען אין שפּרינגער און אין פּוס־באַל מיר האָבן עס צוזאַמען געהאַט! ניט איינמאָל האָבן מיר דערקענט די שיכרות פון נצחון און אונזערע יונגע לאָרבערן זענען ניט געווען געווייקט ניט אין בלוט, ניט אין טרערן. מאָריס, איך האָב געטון אַלץ אין מיין מאַכט צו באַשיצן אייער אומשולד, איך האָב אָבער ניט געקאָנט אייך שטערן זי צו פאַרלירן אין עלטער פון פערצן יאָר, אין די אָרעמס פון אייער מוטערס שטובמיידל. איך האָב דערנאָך מיט באַדויער צוגעזען, ווי איר האָט זיך געליבט מיט פרויען פון יעדן שטאַנד, פון פאַרשיידענעם עלטער, וואָס ניט אַלע זענען זיי געווען שיין, ווייניקסטנס ניט אין די אויגן פון אַ מלאך. באַטריבט פון דעם דאָזיקן ספּעקטאַקל, האָב איך זיך אריינגעלאָזט אין שטודירן; אַ רייכע ביבליאָטעק האָט מיר געגעבן די מיטלען, וואָס מען טרעפט זיי זעלטן. איך האָב זיך פארטיפט אין דער געשיכטע פון רעליגיע. דאָס איבעריקע ווייסט איר אַליין.

— אָבער איצט, מיין טייערער אַרקאַד, — האָט דער יונגער ד'עספּאַרוויעי אויסגעפירט, — האָט איר ניט קיין שטעל, קיין פּלאַץ אין דער געזעלשאַפט. איר זענט אינגאַנצן אָן מיטלען. איר זענט אָן אַרויסגעשטויסענער, אָן אויסוואורף. איר זענט אַ וואַגאַבונד, אַ שלעפּער.

דער מלאך האָט געענטפערט מיט ביטערקייט, אַז ער איז איצט, ווייניקסטנס, אביסל בעסער אָנגעטון, ווי דעמאָלט, ווען ער האָט געטראָגן די טראַנטעס פון אַ זעלבסטמערדער.

מאָריס האָט זיך פאַרענטפערט, אַז ווען ער האָט געהאַט באַקליידט זיין נאַקעטן מלאך אין די טראַנטעס פון אַ זעלבסטמערדער, איז ער געווען אויפגעבראַכט אויף אים, דעם אומגעטרייען. מען דאַרף אָבער ניט אומקערן זיך צוריק צו דעם, וואָס עס איז פאַרביי, אַזוי אויך ניט מאַכן קיין פאָרוואורפן. דאָס איינציקע, וואָס עס

איז איצט פּאַסיק צו טון, איז צו באַטראַכטן די פּלענער פאַר דער צוקונפט:

— ארקאַד, וואָס רעכנט איר צו טון?

— האָב איך דען אייך דאָס שוין ניט געהאַט געזאָגט, מאַריס? באַקעמפן דעם, וואָס הערשט אין די הימלען, אים אַרונטערזעצן און אַרויפזעצן דעם שטן אויף זיין פּלאַץ.

— איר וועט דאָס ניט טון. קודם כּל איז איצט ניט די פּאַסיקע צייט. די שטימונג איז ניט פאַר דעם. איר וואָלט ניט געוועזן אין טאָן, ווי דער פּאַפּא זאָגט. מען איז היינט קאָנסערוואַטיוו און לאָיאַל. מען וויל ווערן רעגירט און דער פּרעזידענט פון דער רעפּובליק פּאַרט האָבן אַ שמועס מיטן פּויפּסט. זייט ניט קיין עקשן, ארקאַד, איר זענט גאַרנישט אַזוי שלעכט, ווי איר זאָגט. אין תּוך גענומען, זענט איר אַזוי ווי אַלע אַנדערע: איר זענט גאָטפאַרכטיק.

— איך גלויב, אַז איך האָב אייך שוין געהאַט אויפגעקלערט, אַז דער, וואָס איר באַטראַכט אים פאַר אַ גאָט, איז, אייגנטלעך, ניט מער ווי אַ דעמיאורג. ער האָט אבסאָלוט קיין השגה ניט וועגן דער געטלעכער וועלט, וואָס איז איבער אים, און ער גלויבט באמונה שלמה, אַז ער איז טאַקע דער איינציקער און אמתדיקער גאָט. איר וועט געפינען אין דער „געשיכטע פון דער קירך", פון מאַנסעניאָר דיושעסן, באַנד 1, זייט 162, אַז דער דאָזיקער שטאָלצער און באַשרענקטער דעמיאורג הייסט יאַלדאַבאַאָט. און איר וועט אפשר האָבן מער גלויבן אין דעם דאָזיקן רעליגיעזן געשיכטשרייבער, ווי אין אייער מלאך גופא. איך מוז אייך פאַרלאָזן. אדיע.

— פאַרבלייבט.

— איך קאָן ניט.

— איך וועל אייך אַזוי ניט לאָזן אַוועקגיין. איר האָט פון מיר אַוועקגענומען מיין שוץ־מלאך, מוזט איר פאַררעכטן דעם שאָדן, וואָס איר האָט מיר אָנגעטון. גיט מיר אַן אַנדערן!

ארקאַד האָט אָפּגעענטפערט, אַז עס איז ניט אין זיין מאַכט צופרידנצושטעלן אַזאַ פאָדערונג: אַזוי ווי ער איז צעקריגט מיטן

העכסטן אויסטײַלער פון שיצנדיקע גײַסטער, קאָן ער קײן זאַך פון יענעם צד ניט באַקומען.

— מײַן טײַערער מאָריס, — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ שמײכל, — בעט אַלײן בײַ יאַלדאַבאַאָטן, ער זאָל אײַך געבן אַ מלאך.

— נײן, נײן, נײן! עס איז ניטאָ קײן יאַלדאַבאַאָט! — האָט מאָריס אויסגערופן — איר האָט בײַ מיר אַוועקגענומען מײַן שוץ־מלאך, גיט מיר אים צוריק.

— צום באַדויערן קאָן איך עס ניט טון.

— איר קאָנט עס ניט, אַרקאַד, ווײַל איר זענט אַ ווידער־שפּעניקער?

— יאָ.

— אַ שונא פון גאָט?

— יאָ.

— אַן אָנהענגער פון שטן?

— יאָ.

— אויב אַזוי, — האָט דער יונגער מאָריס אויסגערופן, — װעל איך זײַן אײַער שוץ־מלאך. איך פאַרלאָז אײַך ניט.

און מאָריס ד'עספּאַרוויעי האָט אַוועקגעפירט אַרקאַדן עסן אויסטערן בײַ פּ...

קאפיטל זעקס־און־צוואנציג

די אסיפה.

יענעם טאג האבן די ווידערשפעניקע מלאכים, צוזאמענגערופן פון ארקאדן און זיטאן, זיך פארזאמלט אויף די ברעגן פון דער סענע, אין לא זשאנזשער, אין א פארלאזענעם און האלב־חרובן קאנצערט־זאל, וואס פרינץ איסטאר האט אים געהאט געדונגען ביי א שענקער מיטן נאמען בארטאן. דריי הונדערט מלאכים האבן זיך צוזאמענגעדרענגט אויף די בענק און אין די לאזשן. א טיש, א געבעטע שטול און בענקלעך זענען אוועקגעשטעלט געווארן אויף דער בינע, וואו עס זענען געהאנגען די צעלומפטע רעשטלעך פון א דארפישער דעקאראציע. די ווענט, באמאלטע מיט וואסערקאלירנדיקע בלומען און פרוכט, צעשפאלטענע, פארפלעקטע, האבן זיך נעקרישלט. דאס קלעגלעך־וואולגארע אויסזען פון דעם פלאץ האט געמאכט נאך מער איינדרוקפול די גרויסקייט פון די לײדנשאפטן, וואס האבן זיך דארט גערעגט. ווען פרינץ איסטאר האט פארגעשלאגן דער אסיפה צו גרינדן א קאמיטעט און קודם כל נאמינירן אן ערן־פרעזידענט, איז דער נאמען, וואס די וועלט איז פול מיט אים, געקומען אויפן געדאנק פון אלע פארזאמלטע, אבער א געפיל פון יראת הכבוד האט זיי פארשלאסן די מיילער. נאך א ווײלע שטיל־שווייגן איז נעקטאר, וואס איז דארט אליין ניט געווען, אײנשטימיק דערווײלט געווארן. פארבעטן צו פארנעמען דעם פלאץ אין דער געבעטער שטול, צווישן זיטאן און א יאפאנישן מלאך, האט ארקאד גלייך גענומען דאסווארט:

— זין פון הימל! חברים! איר האט זיך באפרייט פון דער הימלשער שקלאפעריי; איר האט אפגעטרייסלט פון זיך דעם יאך פון דעם, וואס מען רופט אים יעהאווא און וואס מיר אבער דארפן אים דא געבן זיין אמתדיקן נאמען יאלדאבאאט, ווייל ער איז ניט דער באשאפער פון די וועלטן, נאר ניט מער ווי אן אומוויסנדיקער און בארבארישער דעמיאורג, וואס האט פארנומען

אַן אומבאַדייטלעך טייל׳כל פון דעם אוניווערז און האָט דאָרט פאַרזייט יסורים און טויט. זין פון הימל, איך פאָדער אייך אויף צו זאָגן, צי ווילט איר באַקעמפן און פאַרטיליקן יאַלדאַבאַאָט?

איין־איינציקע שטים, אַ צונויפגעגאָסענע פון אַלע שטימען, האָט געענטפערט:

— מיר ווילן!

און אַ סך פון די מלאכים, ריידנדיק אַלע אויפאַמאָל, האָבן זיך געשוואוירן אַרויפצושטייגן אויפן באַרג פון יאַלדאַבאַאָט, אומ־צואוואַרפן די ווענט פון יאַשפּיז און פּאָרפיר און אַרונטערצושליידערן דעם טיראַן פון די הימלען אין דער אייביקער פינצטערניש אַריין.

אָבער אַ קרישטאָל־לויטערע שטים האָט דורכגעשניטן דעם ווילדן געברום:

— ציטערט, איר משוגעים, איר גאָטלאָזע לעסטערער! דער האַר שטרעקט שוין אויף אייך זיין שרעקלעכן אָרעם.

דאָס איז געווען אַ געטרייער מלאך, וואָס אין אַן אימפּולס פון גלויבן און ליבע, פול מיט קנאה צו דער גלאָריע פון קדושים און מאַרטירער, להוט ווי זיין גאָט אַליין צו ווערן גלייך מיטן מענטשן אין דער שיינקייט פון מסירת־נפש, האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין דער מיט פון די גאָטלעסטערער, כדי זיי אַרויסצופאָדערן, צעטומלען און פאַלן אונטער זייערע קלעפּ.

די אסיפה האָט איינשטימיק אויסגעלאָזט צו אים איר צאָרן. די, וואָס זענען געווען נעענטער צו אים, האָבן אים גענומען שלאָגן. ער האָט אַלץ אויסגעשריגן מיט אַ שאַרפער און קלאָרער שטים:

— געלויבט איז גאָט! געלויבט איז גאָט! געלויבט איז גאָט!

איינער פון די ווידערשפּעניקע האָט אים צוזאַמענגעדריקט דעם האַלז און דערשטיקט אין זיין קעל די לויבגעזאַנגען צום האַר פון דער וועלט. מען האָט אים אַנידערגעוואָרפן און געטראָטן מיט די פיס.

פרינץ איסטאַר האָט אים אויפגעהויבן, האָט אים אָנגענומען מיט צוויי פינגער פאַר די פליגל, דערנאָך האָט ער זיך אויפגע־שטעלט ווי אַ זייל רויך, האָט אויפגעעפנט אַ לופט־פענצטערל, וואָס קיין אַנדערער וואָלט עס ניט געקאָנט דערלאַנגען, און אַרויסגעוואָרפן

דעם געטרייען מלאך אין דרויסן אַרויס. די אָרדענונג איז באַלד צוריק איינגעשטעלט געוואָרן.

— חברים! — האָט אַרקאַד ווייטער גערעדט, — איצט, ווען דער באַשלוס איז געמאַכט, מוזן מיר גענוי באַטראַכטן די מיטלען פון קאַמף, כדי אויסצוקלייבן פון זיי די בעסטע. איר וועט דאַרפן, הייסט עס, באַהאַנדלען, צי זאָלן מיר אַטאַקירן דעם שונא מיט אַלע אונזערע לעבעדיקע כוחות, אָדער צי לוינט זיך ניט בעסער, אַז מיר זאָלן דורך אַ לאַנגער, אומפאַרמאַטערלעכער פּראָפּאַגאַנדע געווינען די באַוואוינער פון הימל אויף אונזער זייט.

— מלחמה! מלחמה! — האָט די פאַרזאַמלונג גענומען שרייען.

און עס האָט זיך געדאַכט, ווי מען וואָלט געהערט דאָס שאַלן פון טרומייטן און דאָס געוווירבל פון פּויקן.

טעאָפיל, וואָס פרינץ איסטאַר האָט אים מיט געוואַלט געהאַט פאַרשלעפּט צו דער פאַרזאַמלונג, האָט זיך אויפגעהויבן, אַ בלאַסער און אַ צעטומעלטער, און געזאָגט מיט אַ ציטערדיקער שטים:

— מיינע ברידער, נעמט ניט אָן פאַר אומגוט, וואָס איך וועל אייך איצט זאָגן: מיין פריינטשאַפט צו אייך באַוועגט מיך צו ריידן. איך בין ניט מער ווי אַן אָרעמער מוזיקער. אָבער גלויבט מיר: אייערע פּלענער וועלן ווידער אַמאָל צעבראָכן ווערן אָן דער געטלעכער חכמה, וואָס האָט אַלצדינג פאַראויסגעזען.

טעאָפיל בעלע האָט זיך אַוועקגעזעצט אונטער דער צישעריי פון עולם. און אַרקאַד האָט גענומען ווייטער ריידן:

— יאַלדאַבאַאָט זעט אַלץ פאַראויס: איך שפּאַר זיך ניט איבער דעם. ער זעט אַלצדינג פאַראויס; כדי אָבער צו לאָזן אונז האָבן אונזער פרייען ווילן, האַנדלט ער בנוגע צו אונז אַבסאָלוט אַזוי, גלייך ווי ער וואָלט גאָרנישט ניט פאַראויסגעזען. יעדער ווייליע איז ער איבעראַשט, פאַרלוירן; די באַשיינפערלעכסטע געשעענישן קומען אים אויס אומגעריכט. די התחייבות, וואָס ער האָט געהאַט גענומען אויף זיך צו לאָזן זיין פאַראויסזעאונג האַרמאָנירן מיטן פרייען ווילן פון מענטשן און מלאכים, ברענגט אים נאָכאַנאַנד אַריין אין די פאַרפּלאָנטערטסטע שוועריקייטן, אין שרעקלעכע פאַרלעגנקייטן. ער זעט ניט קיינמאָל ווייטער פון זיין נאָז. ער האָט זיך ניט געריכט

אויף אָדמס אומגעהאָרכיקייט און אַזוי ווייניק האָט ער פּאַראַדיז־געפילט די שלעכטיקייט פון די מענטשן, אַז ער האָט חרטה געהאַט וואָס ער האָט זיי געהאַט באַשאַפן, און האָט זיי דערטרונקען אין די וואַסערן פון מבול, אינאיינעם מיט אַלע חיות, וואָס האָבן אין קיין זאַך זיך ניט פאַרזינדיקט קעגן אים. מיט זיין בלינדקייט קאָן מען אים נאָר צוגלייכן צו שאַרל דעם צענטן, זיין באַליבטן קיניג. אויב מיר וועלן האַנדלען מיט שכל, וועט אונז זיין גרינג אָנצופאַלן אויף אים אומגעריכטערהייט. איך גלויב, אַז די דאָזיקע באַמערקונגען זענען גאַנץ גענוג צו איבערצייגן מיין ברודער.

טעאָפיל האָט ניט געענטפערט. ער האָט ליב געהאַט גאָט, ער האָט זיך אָבער געשראָקן צו קריגן דעמזעלביקן פּסק, וואָס עס האָט געהאַט געקראָגן דער געטרייער מלאך.

איינער פון די אויפגעקלערטסטע גייסטער פון דער פאַרזאַמלונג, מאַמאָן, איז ניט געווען אינגאַנצן איבערגעצייגט פון זיין ברודער אַרקאַדס ווערטער.

— טוט אַ טראַכט, — האָט דער דאָזיקער גייסט געזאָגט, — יאַלדאַבאַאָט פאַרמאָגט ווייניק אַלגעמיינע קולטור, ער איז אָבער אַ סאָלדאַט ביזן מאַרך פון די ביינער. די אָרגאַניזאַציע פון גן־עדן איז דורכאויס אַ מיליטערישע אָרגאַניזאַציע, וואָס האַלט זיך אויף די יסודות פון יעראַרכיע און דיסציפּלין. די פּאַסיווע געהאָרכיקייט איז דאָרט אַרויפגעצוואונגען ווי אַן אַבסאָלוט געזעץ. די מלאכים שטעלן פאָר אַן אַרמיי. פאַרגלייכט אָט־דעם פּלאַץ מיט די עליזייער פעלדער, וואָס ווירגיל שילדערט אייך אָפּ. אין די עליזייער פעלדער איז אַלצדינג פרייקייט, שכל, חכמה. די גליקלעכע שאָטנסריידן דאָרט צווישן זיך אין די מירטן־וועלדער. אין יאַלדאַבאַאָטס הימל איז ניטאָ קיין ציווילע באַפעלקערונג. אַלע זענען דאָרט רעקרוטירט, רעגיסטרירט, נומערירט. עס איז אַ קאַזאַרמע און אַ פעלד פאַר מאַנעווורען. טוט אַ טראַכט וועגן דעם!

אַרקאַד האָט דערויף געענטפערט, אַז מען דאַרף זיך פאָרשטעלן דעם שונא אין זיין אמתדיקער מראה און אַז די מיליטערישע אָרגאַניזאַציע פון גן־עדן דערמאָנט גיכער אָן די דערפער פון קיניג גלעגלע, איידער אָן פרייסן פון פרידריך דעם גרויסן.

— שוין — האָט ער געזאָגט — אין דער ערשטער מרידה, פאַרן אָנהויב פון ציַיטן, האָט די שלאַכט געדויערט צוויי טעג און יאַלדאַבאַאָטס טראָן איז אויפגעטרייסלט געוואָרן. דער דעמיאורג האָט, אמת, גובר געווען, וואָס אָבער איז געווען די סיבה פון זיין זיג? דער דונער האָט געטראָפן לוציפערן מיט זיינע מלאכים, האָט זיי דערשלאָגן און שוואַרץ געמאַכט. אָט־דעם דונער האָט עס יאַלדאַבאַאָט געהאַט צו פאַרדאַנקען זיין זיג. דער דונער איז זיין איינציק כלי־זיין. ער נוצט אים שוין צופיל אויס. אין דער מיט פון בליצן און דונערן האָט ער געלאָזט וויסן זיינע געזעצן. „דאָס פייער גייט פאַר אים“, זאָגט דער נביא. אָבער דער פילאָזאָף סענעקאַ האָט געזאָגט, אַז דער דונער אין זיין נידערן אויף דער ערד ברענגט געפאַר פאַר אַ קנאַפּער צאָל מענטשן און מורא פאַר אַלעמען. די דאָזיקע באַמערקונג איז געווען אמתדיק פאַר די מענטשן פון ערשטן יאָרהונדערט פון דער קריסטלעכער צייט, זי איז עס שוין אָבער ניט מער פאַר די מלאכים פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, וואָס דאָס באַווייזט, אַז אַפילו מיט אָט־דעם דונער זיינעם איז ער אויך ניט זייער שטאַרק און אַז טאַקע נאָר די גרויסע מורא האָט עס באַוועגט די מענטשן אויפצושטעלן אים אַ טורעם פון ניט־געברענטע ציגל און אַספּאַלט. ווען מיריאַדן הימלישע גייסטער, באַוואָרנט מיט מאַשינען, וואָס די מאָדערנע וויסנשאַפט גיט איבער אין זייער רשות, וועלן אַטאַקירן דעם הימל, רעכנט איר, חברים, אַז דער אַלטער באַהערשער פון דער זון־סיסטעם, אַרומגערינגלט מיט זיינע מלאכים, באַוואָפנטע אַזוי ווי אין אברהמס צייטן, וועט זיין בכוח זיי צו וויַיזן אַ ווידערשטאַנד? דעם דעמיאורגס קריגער טראָגן נאָך עד היום גילדערנע העלמס און דימענטענע פאַנצערן. מיכאל, זיין בעסטער קאָמאַנדיר, ווייס ניט פון קיין אַנדער טאַקטיקע, ווי נאָר פון האַנט־צו־האַנט געפעכט. ער האַלט זיך נאָך אַלץ ביי פרעהס רייטוואָגנס און האָט קיינמאָל ניט געהערט פון די מאַקעדאָנישע שלאַכט־רייען.

און דער יונגער אַרקאַד האָט נאָך לאַנג געפירט דעם פאַרגלייך צווישן די באַוואָפנטע טרופּן פון יאַלדאַבאַאָט און די באַוואוסטזיניקע מיליציאָנערן פון דער רעוואָלוציע. דערנאָך איז אויפגעהויבן געוואָרן די פראַגע וועגן געלט־מיטלען.

זיטאַ האָט אַרויסגעזאָגט די מיינונג, אַז זיי האָבן גענוג געלט אויף אָנצוהויבן די מלחמה, אַז די עלעקטראָפאָרן זענען באַשטעלט און אַז דער ערשטער זיג וועט זיי געבן קרעדיט.

די דעבאַטע, אַ טומלדיקע און אַן אויפגערעגטע, איז ווייטער אָנגעגאַנגען. אין דעם דאָזיקן פאַרלאַמענט פון מלאכים, אַזוי ווי אויף אַסיפות פון מענטשן, זענען געפלאָסן לרוב פוסטע רייד. די אויפרעגונג איז געוואָרן אַלץ לעבעדיקער און אַלץ שטאַרקער, וואָס נענטער מען איז צוגעקומען צו דער אָפּשטימונג. קיינער האָט ניט געלייקנט, אַז די העכסטע פירערשאַפט דאַרף איבערגעגעבן ווערן דעם, וואָס האָט דער ערשטער אויפגעהויבן די פאָן פון מרידה. אַזוי ווי אָבער אַלע האָבן געשטרעבט צו פאַרנעמען דעם פּאָסטן פון לוציפערס לייטענאַנטן, האָט יעדער איינער אין זיין אָפּשילדערן דעם סאָרט קריגער, וואָס מען וואָלט באַדאַרפט אויסקלייבן, אָפּגעמאָלט זיין אייגענעם פּאָרטרעט. אַזוי אַרום האָט אַלקאָר, דער אינגסטער פון די ווידערשפּעניקע מלאכים, אַרויסגעזאָגט מיט האַסטיקייט אָט־די ווערטער:

— עס איז אַ גליק, וואָס אין יאַלדאַבאַאָטס אַרמיי ווערט די קאָמאַנדע אָנגעטרויט דער עלטער. אויף אַזאַ אופן זענען פאַראַן ווייניק שאַנסן, אַז זי זאָל אָנגעפירט ווערן פון גרויסע מלחמה־העלדן. ניט דורך לאַנגיעריקער געהאָרכיקייט לערנט מען זיך אויס צו קאָמאַנדירן און ניט דורך אָפּהיטן די מינדסטע קליינינקייטן קריגט מען די פייאיקייט צו האָבן די אויבערהאַנט איבער ריזנדיקע מחנות. מיר זעען אין דער אַלטער און אין דער נייער געשיכטע, אַז די גרעסטע קריגפירער זענען געווען מלאכים, ווי אַלעקסאַנדער און פרידריך, אַריסטאָקראַטן, ווי צעזאַר און טורען, אָדער שלעכטע סאָלדאַטן, ווי באָנאַפּאַרט. אַ פאַכמאַן וועט שטענדיק זיין אומפייאיק אָדער מיטלמעסיק. חברים, לאָמיר באַשטימען פאַר אונזערע פירער מענטשן מיט פאַרשטאַנד, אין דעם סאַמע אויפבלי פון זייער יוגנט. אַ זקן קאָן אפשר אויפהיטן די טבע צו זיגן, מען דאַרף אָבער זיין יונג, כדי זיך די דאָזיקע טבע צו דערווערבן.

אַ פילאָזאָפישער שרף האָט פאַרנומען אַלקאָרס פּלאַץ אויף דער טריבונע.

— מלחמה — האָט ער געזאָגט — איז קיינמאָל ניט געווען קיין גענויע וויסנשאַפט, אָדער באַשטימטע קונסט. דאָך האָט זיך דאָ שטענדיק געלאָזט פילן די גאונות פון דער ראַסע, אָדער דער געדאַנק פון איין מענטש. ווי אַזוי זאָל מען אָבער באַשטימען די נויטיקע איינגנשאַפטן פון דעם הויפּט־גענעראַל אין דער צוקונפטיקער מלחמה, וואו מען וועט באַדאַרפן נעמען אין אַכט מאַסן און באַוועגונגען, וואָס זענען איבער דער השגה פון איין מענטשן? דער סכום טעכנישע מיטלען, וואָס האַלט אין איין שטייגן, שאַפט אַן אַ שיעור מעגלעכקייטן צו באַגיין אַ טעות, פּאַראַליזירנדיק אַזוי אַרום די גאונות פון די פירער. אויף אַ געוויסער מדרגה פון מיליטערישן פּאָרטשריט, וואָס די איירָאָפּייער, אונזערע מוסטערן, האַלטן ביים דערגרייכן, ווערט דער גענימסטער פירער אויסגעגליכט מיטן אומוויסנדיקסטן אין אומפייאיקייט. אַן אַנדער רעזולטאַט פון דער גרויסער מאָדערנער באַוואָפענונג איז, וואָס דאָס געזעץ פון צאָלן האָט די טענדענץ צו הערשן דאָ מיט זיין גאַנצער ניט־נאָכגעביקייט און שטרענגקייט. אין דער אמתן: אויב עס איז זיכער, אַז צען ווידערשפּעניקע מלאכים באַשטייען אַקעגן צען מלאכים פון יאַלדאַבאַאָט, איז עס אָבער ניט אינגאַנצן זיכער, אַז אַ מיליאָן ווידערשפּעניקע מלאכים באַשטייען אַקעגן אַ מיליאָן מלאכים פון יאַלדאַבאַאָט. גרויסע צאָלן, אין מלחמה פּונקט ווי אומעטום, מאַכן צונישט שכל און אינדיווידועלע העכערקייט, לטובת אַ מין עלעמענטאַרער, קאָלעקטיווער נשמה.

דער טומל פון די ריידערייען האָט פאַרשלונגען די שטים פון דעם פילאָזאָפישן מלאך און ער האָט פאַרענדיקט זיין רעדע אין דער מיט פון אַלגעמיינער גלייכגילטיקייט.

די טריבונע האָט דעמאָלט אָפּגעקלונגען מיט אַ רוף צו וואָפן און מיט צוזאָגן פון זיג. מען האָט דאָרט באַגריסט די שווערד, וואָס נעמט זיך אָן פאַר אַ גערעכטער זאַך. דער טריאומף פון די ווידערשפּעניקע מלאכים איז דאָרט אַ מאָל צוואַנציק באַגריסט געוואָרן אין פּאַראַדיס, אונטער די אַפּלאָדיסמענטן פון אַ ווילד־צערייצטער מאַסע. די אויסגעשרייען „זאָל לעבן די מלחמה!“ זענען געגאַנגען אַרויף צו די שטומע הימלען.

אין דער מיט פון אַט־דעם שטורעם פון באַגייסטערונג האָט פרינץ איסטאַר זיך געגעבן אַ הויב אויף פון דער עסטראַדע; דער דיל האָט געקרעכצט אונטער זיין משא.

— חברים, — האָט ער געזאָגט, — איר ווילט זיגן, און דאָס איז אַ גאַנץ נאַטירלעכער פאַרלאַנג. מען דאַרף אָבער זיין דורכגענומען מיטן שימל פון ליטעראַטור און פון פּאָעזיע, כדי צו האָפן דערגרייכן דעם זיג דורך מלחמה. דער געדאַנק פון האַלטן מלחמה קאָן ביי היינטיקן טאָג אויפקומען נאָר אין די מוחות פון צעדולטע בורזשואַ אָדער פאַרשפּעטיקטע ראָמאַנטיקער. וואָס איז אַזיינס מלחמה? אַ בורלעסקישער מאַסקאַראַד, אויף וועלכן די פּאַטריאָטישע צימבלער גיסן אין נאַרישער התלהבות אוים זייערע געפילן. וואָלט נאַפּאָלעאָן פאַרמאָגט אַ פּראַקטישן שכל, וואָלט ער ניט געהאַלטן קיין מלחמות; ער איז אָבער געווען אַ טרוימער, פאַרשיכורט פון אַסיאַן. איר שרייט: „זאָל לעבן די מלחמה!" איר זענט בעלי־חלומות. ווען וועט איר שוין ווערן בר־דעתן? בר־דעתן זוכן ניט קיין קראַפט און קיין מאַכט אין די אַלע אילוזיעס, וואָס שטעלן פאָר די מיליטערישע קונסט: טאַקטיק, סטראַטעגיע, פעסטונגען, אַרטילעריע און אַנדערע באָבע־מעשיות. זיי גלויבן ניט אין מלחמה, וואָס איז ניט מער ווי אַ פאַנטאַזיע; זיי גלויבן אין דער כעמיע, וועלכע איז אַ וויסנשאַפט. זיי ווייסן ווי אַזוי אַריינצוטון דעם זיג אין אַן אַלגעבראַאישער פאָרמעל.

און אַרויסנעמענדיק פון קעשענע אַ קליין פלעשעלע, וואָס ער האָט עס געוויזן פאַר די פאַרזאַמלטע, האָט פרינץ איסטאַר אויסגערופן מיט אַ טריאומפירנדיקן שמייכל:

— דער זיג — אָט דאָ איז ער!

קאפיטל זיבן־און־צוואנציק

וואו עס ווערט אויפגעדעקט א געהיימע און טיפע סיבה, וואס גאנץ אפט שטויסט זי א מלוכה קעגן א מלוכה און ברענגט חורבן סיי דעם זיגער, סיי דעם באזיגטן, און וואו דער קלוגער לייענער (אויב אזוינער איז פאראן, וואס איך צווייפל אין דעם) וועט נאכקלערן וועגן אט־דעם שטארקןווארט: „מלחמה איז א געשעפט".

די מלאכים זענען זיך פונאנדערגעגאנגען. זיצנדיק אויפן גראז, צופוסנס פון די בערג פון מעידאן, האבן ארקאד און זיטא געקוקט אויף דער סענע, וואס פליסט דארט צווישן די ווערבן.

— אין דער דאזיקער וועלט, — האט ארקאד געזאגט, — אין דער דאזיקער אזוי־גערופענער וועלט וועט קיין שום דענקענדיק וועזן זיך ניט פארשטעלן, אז ער קאן אומברענגען אפילו נאר אן אטאם. דאס העכסטע, וואס מיר קאנען דערויף האפן, איז, אז עס וועט אונז געלינגען צו ענדערן דא און דארט דעם ריטם פון אייניקע גרופן אטאמען און דעם סדר פון אייניקע צעלן. דערמיט, קאן מען זאגן, ענדיקט זיך אונזער גאנצע גרויסע אונטערנעמונג. און וועלן מיר ארויפזעצן דעם ווידערשפעניקער אויף יאלדאבאאטס פלאץ, וועלן מיר ניט האבן מער אויפגעטון... זיטא, איז דאס בייז אין דער טבע פון זאכן, אדער אין זייער איינארדענונג? אט־דאס־א וואלטן מיר באדארפט וויסן. זיטא, איך בין אינגאנצן צעמישט...

— מיין פריינט, — האט זיטא געענטפערט, — אויב עס וואלט געווען נויטיק צו וויסן דעם סוד פון דער נאטור, כדי צו האנדלען, וואלט מען קיינמאל ניט געהאנדלט. מען וואלט אויך ניט געלעבט, ווייל לעבן הייסט האנדלען. ארקאד, פארלאזט אייך דען שוין אייער מוט?

ארקאד האט פארזיכערט דעם שיינעם ערץ־מלאך, אז ער איז נאך ביי זיך אלץ פעסט באשלאסן ארונטערצושליידערן דעם דעמיאורג אין דער אייביקער פינצטערניש אריין.

אן אויטאמאביל איז פארביי איבערן וועג, לאזנדיק נאך זיך א

לאַנגען וואָלקן שטויב. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר די צוויי מלאכים. די אויסגעבויגענע נאָז פון באַראָן עווערדינגען האָט זיך באַוויזן ביים טירל.

— גוט מאָרגן, מיינע הימלשע פריינט, גוט מאָרגן, — האָט געזאָגט דער קאַפּיטאַליסט, דער זון פון הימל, — איך בין גליקלעך אייך צו טרעפן. איך האָב פאַר אייך אַ וויכטיקע ידיעה. זיצט ניט ליידיק, שלאָפט ניט. באַוואָפנט זיך! באַוואָפנט זיך! יאַלדאַבאַאָט קאָן אייך אָנגרייפן גאָר אומגעריכט. איר האָט גרויסע מלחמה־פאָנדן, נוצט זיי אויס מיט אַ ברייטער האַנט. איך האָב נאָר וואָס זיך דערוואוסט, אַז דער ערץ־מלאך מיכאל האָט געמאַכט אין הימל גרויסע באַשטעלונגען אויף פיילן און דונערן. אויב איר ווילט מיך פאָלגן, דאַרפט איר זיך איינשאַפן נאָך פופציק טויזנט עלעקטראָפאָרן. איך נעם אָן די באַשטעלונג. אַ גוטן טאָג, מלאכים! לאַנג לעבן זאָל דאָס הימלשע פאָטערלאַנד!

און באַראָן עווערדינגען איז אַוועקגעפלויגן צו די בליענדיקע ברעגן פון לוּאַוועסיען, אין דער געזעלשאַפט פון אַ שיינער אַקטריסע.

— איז עס טאַקע אמת, אַז מען באַוואָפנט זיך ביים דעמיאורג? — האָט אַרקאַד געפרעגט.

— עס קאָן זיך מאַכן, — האָט זיטאַ געענטפערט, — אַז אויך דאָרט אין דער הויף איז דאָ אַ באַראָן עווערדינגען, וואָס העצט צו באַוואָפענונג.

דער שוץ־מלאך פון יונגן מאָריס איז עטלעכע רגעס פאַרבליבן זיצן אַ פאַרטראַכטער. דערנאָך האָט ער אַרויסגעמורמלט:

— זאָלן מיר, הייסט עס, טאַקע זיין אַ שפּילצייג פון די פינאַנסירן?

— קיין פראַגע ניט! — האָט געזאָגט דער שיינער ערץ־מלאך — מלחמה איז אַ געשעפט. עס איז שטענדיק געווען אַ געשעפט.

זיי האָבן דערנאָך אַרומגערעדט באַאריכות די מיטלען אויף דורכצופירן זייער גראַנדיעזע אונטערנעמונג. מיט פאַראַכטונג האָבן זיי צוריקגעוואָרפן די אַנאַרכיסטישע מעטאָדן פון פּרינץ איסטאַר און זיך אָפּגעשטעלט אויפן פּלאַן פון אַן אומגעריכטן און מוראַדיקן אָנפאַל אויפן הימלשן קיניגרייך מיט דער הילף פון זייער ענטוזיאַסטישער און גוט־אויסגעלערנטער מיליציע.

באַראַטאַן, דער שענקער פון לאַ זשאָנשער, וואָס האָט געהאַט פארדונגען די ווידערשפּעניקע מלאכים דעם קאָנצערט־זאַל, איז געווען אַן אָנגעשטעלטער פון דער געהיים־פּאָליציי. אין די רעפּאָרטן, וואָס ער האָט אַהין צוגעשטעלט, האָט ער אָנגעוויזן, אַז די מיטגלידער פון אָט־דעם געהיימן פאַרבאַנד גרייטן זיך צו אַן אַטענטאַט אויף אַ פּערזאָן, וואָס זיי שילדערן אים אָפּ ווי אַ טפּוש און אַן אַכזר און רופן אים אַ ל אַ ב אַ ל אָ ט. דער פּאָליציי־אַגענט האָט געגלויבט, אַז דאָס איז געווען אַ פּסעוודאָנים, וואָס האָט געהאַט באַצייכנט דעם פּרעזידענט פון דער רעפּובליק, אָדער די רעפּובליק גופא. די פאַרשווערער האָבן בקול אחד געדראָט דעם אַלאַבאַלאָט און איינער פון זיי, אַ זייער געפערלעכער פאַרשוין, אַ באַוואוסטער אין די אַנאַרכיסטישע קרייזן, וואָס איז שוין אַ סך מאָל געווען פאַרמשפּט פאַר זיין פרייהייטלעכן שרייבן אָדער ריידן און האָט זיך גערופן פּרינץ איסטאַר אָדער דער ק ע ר ו ב, האָט געהאַט געפּאָכעט מיט אַ באָמבע, וואָס כאָטש זייער אַ קליינע, האָט זי אָבער אויסגעזען צו האָבן אין זיך אַ שרעקלעכן מעכאַניזם. די אַנדערע פאַרשווערער האָט באַראַטאַן ניט געקענט, כאָטש זיי פלעגן אָפט פאַרקערן אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזן. אַ סך פון זיי זענען געווען זייער יונג, אָן אַ סימן פון אַ באָרד. פון זיי האָט ער אָנגעטייט אויפן פּאָרל, וואָס האָט געהאַט געהאַלטען באַזונדערס פייערדיקע רעדעס: איינער מיטן נאָמען אַרקאַד, וואָס האָט געוואוינט אויף רו סען־זשאַק, די אַנדערע — אַ פרוי פון צווייפל־האַפטיקער מאָראַל, מיטן נאָמען זיטאַ, וואָס איר וואוינאָרט איז געווען אין מאָנמאַרטר, —ביידע אָן באַשטימטע מיטלען צום לעבן.

דער ענין האָט דעם פּרעפעקט פון דער פּאָליציי אויסגעזען צו זיין גענוג ערנסט, אַז ער זאָל האַלטן פאַר נויטיק צו קאָנפערירן קודם כל מיטן פּרעזידענט פון דעם מיניסטאָרן־ראַט.

עס איז דעמאָלט גראָד געווען איינער פון יענע קריטישע פּעריאָדן פון דער דריטער רעפּובליק, ווען דאָס פראַנצויזישע פאָלק, אין זיין ליבע צו אויטאָריטעט און אין זיין פאַרערונג פון מאַכט, נעמט מיטאַמאָל גלויבן, אַז עס גייט פאַרלוירן, ווייל עס ווערט ניט גענוג רעגירט, און רופט בקול־רם צום דערלייזער. דער פּרעזידענט פון מיניסטאָרן־ראַט, דער יוסטיץ־מיניסטער, האָט קיין בעסערס גאָרנישט

פאַרלאַנגט פאַר זיך ווי צו זיין אָט־דער דערלייזער, וואָס מען האָט אויף אים אויסגעקוקט די אויגן. כדי אָבער דאָס צו ווערן, האָט מען געמוזט האָבן עפּעס אַ סכנה, וואָס מען זאָל זי דאַרפן באַזייטיקן. די נייס פון אַ פאַרשווערונג איז אים, דעריבער, געווען צום האַרצן. ער האָט אויסגעפרעגט דעם פּרעפעקט פון דער פּאָליציי וועגן דעם כאַראַקטער און דער וויכטיקייט פון דעם ענין. דער פּרעפעקט פון דער פּאָליציי האָט אים קלאָר געמאַכט, אַז די דאָזיקע לייט האָבן אויסגעזען צו פאַרמאָגן געלט, אינטעליגענץ און ענערגיע, זיי האָבן אָבער געדערט צופיל און זענען געווען צו גרויס אין צאָל צו קאָנען האַנדלען אין געהיים און אויף אַ קאָנקרעטן שטייגער. דער מיניסטער האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויפן ווענטל פון זיין ווייכער שטול און זיך פאַרטראַכט. דער טיש אין סטיל פון דער אימפּעריע, פאַר וועלכן ער איז געזעסן, די פאַרצייטיקע קאָוריצעס, וואָס האָבן באַדעקט די ווענט, דער וואַנט־זייגער און די קאַנדעלאַברען פון דער עפּאָכע פון רעסטאַוראַציע, אַלץ אין אָט־דעם טראַדיציאָנעלן קאַבינעט האָט אים דערמאָנט אָן די גרויסע מלוכה־פּרינציפּן, וואָס פאַרבלייבן אומפאַרענדערלעך אין דעם בייטן זיך פון רעזשימען, — אָן ליסטיקייט און אומפאַרשעמט־קייט. נאָך אַ קורצן נאָכטראַכטן האָט ער באַשלאָסן, אַז מען דאַרף לאָזן די פאַרשווערונג וואַקסן, זיך אויספאָרמירן, אַז עס וואָלט אפשר געווען כדאַי זי צו נערן, אויספּוצן, צופאַרבן, און זי דערשטיקן ערשט דעמאָלט, ווען זי וועט שוין מער קיין נוצן ניט קאָנען ברענגען.

ער האָט פאַרזאָגט דעם פּרעפעקט צו האַלטן וואַך, צו לאָזן אים יעדן טאָג וויסן, וואָס עס האָט פּאַסירט, און צו האַלטן זיך ביי דער ראָלע פון אַן „אויסזאָגער".

— איך פאַרלאָז זיך אויף אייער גוט־באַוואוסטן שכל: קוקט זיך צו און מישט זיך ניט אריין.

און דער מיניסטער האָט פאַררויכערט אַ ציגאַרעט. ער האָט גערעכנט, אַז מיט דער הילף פון דער דאָזיקער פאַרשווערונג וועט ער אָפּשוואַכן די אָפּאָזיציע, פאַרשטאַרקן זיין מאַכט, פאַרמינערן די מאַכט פון זיינע קאָלעגן, דערנידעריקן דעם פּרעזידענט פון דער רעפּובליק און ווערן דער דערלייזער, אויף וועלכן מען קוקט אַזוי ארויס.

דער פּרעפעקט פון דער פּאָליציי האָט זיך אונטערגענומען אויס־

צופירן דעם מיניסטערס אינסטרוקציעס, כאָטש זיך אַליין האָט ער צוגעזאָגט צו האַנדלען ווי ער פאַרשטייט. ער האָט געלאָזט נאָכשפּירן די חברה, וואָס באַראַטאַן האָט אויף זיי געהאַט אָנגעוויזן, און אָנגעזאָגט זיינע אַגענטן, זיי זאָלן אויף קיין פאַל זיך ניט אַריינמישן. ווען פרינץ איסטאַר, וועלכער האָט געהאַט פאַראייניקט אין זיך שכל מיט כוח, האָט זיך אַרומגעזען, אַז ער ווערט נאָכגעשפּירט, האָט ער אַרויסגענומען פון דער וואַסער־רינע די באָמבעס, וואָס ער האָט זיי דאָרט געהאַט באַהאַלטן, און — פון אָמניבוס אין מעטראָ*), פון מעטראָ אויפן אָמניבוס, דורך די פאַרדרייטסטע אומוועגן, איז ער אַוועק אָפּצולייגן זיינע מעכאַניזמען ביים מלאך דעם מוזיקער.

יעדן מאָל, ווען אַרקאַד איז געווען אַרויסגעקומען פון זיין וואוינונג אויף רו סע־זשאַק, האָט ער געטראָפן ביי דער טיר אַ מאַן פון איבער־געטריבענער עלעגאַנץ, אין געלע הענטשקעס און מיט אַ דימענט־שפּילקע אין קראַוואַט, גרעסער פון דעם רעגענט. אַ פרעמדער אין די ענינים פון דער ערדישער וועלט, האָט דער ווידערשפּעניקער מלאך זיך גאָרנישט אומגעקוקט אויף דער דאָזיקער באַגעגעניש. אָבער דער יונגער מאָריס ד׳עספּאַרוויעי, וואָס האָט געהאַט גענומען אויף זיך דעם חוב צו באַשיצן זיין שוץ־מלאך, האָט באַטראַכט מיט אומרו דעם זשענטלמאַן: ער איז געווען פּונקט אַזוי געדולדיק און נאָכזאַמער פון מאָסיע מיניאָן, וועלכער פלעג אַנומעלטן אַרומשפּאַצירן מיט זיינע פאָרשנדיקע בליקן איבער רו גאַראַנסיער, אָנגעהויבן פון די ווידער־קעפּ פון האָטעל דע לאַ סאָרדיער, ביז צו דער אַלטאַר־וואַנט פון דער קירך סען־סולפּיס. מאָריס האָט צוויי־דריי מאָל אַ טאָג באַזוכט אַרקאַדן אין זיין מעבלירטן צימער, האָט אים געוואָרנט וועגן דער געפאַר און איז צוגעשטאַנען צו אים, ער זאָל זיך אַריבער־ציען אין אַן אַנדער דירה.

יעדן אָוונט האָט ער געפירט זיין מלאך אין די נאַכט־רעסטאָראַנען, וואו זיי פלעגן עסן אין דער געזעלשאַפט פון מיידלעך. דער יונגער ד׳עספּאַרוויעי פלעג דאָרט זאָגן נביאות וועגן דעם

---

*) נאָמען פון דער אונטערערדישער באַן אין פּאַריז, אַן אָפּקירצונג פון וואָרט „מעטראָפּאָליטען“. — איבערזעצער.

קומענדיקן „באָקסינג-מעטש“, דערנאָך פלעג ער זיך מיען אויפצו־ווייזן אַרקאַדן די עקזיסטענץ פון גאָט, די נויטיקייט פון רעליגיע, די שיינקייט פון דער קריסטלעכער אמונה, און אים באַשווערן, אַז ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון זיינע גאָטלאָזע און פאַרברעכערישע אונטער־נעמונגען, פון וועלכע ער קאָן שניידן ניט מער ווי ביטערקייט און פאַרפּירונג.

— ווייל נאָך אַלעמען, — פלעג טענהן דער יונגער אַפּאָלאָגעט, — ווען די קריסטלעכע אמונה וואָלט געווען פאַלש, וואָלט מען דאָך דאָס געוואוסט.

די מיידלעך פלעגן סימפּאַטיזירן מיט מאָריסן און מיט זיינע רעליגיעזע געפילן, און ווען דער שיינער אַרקאַד פלעג אַרויסזאָגן עפּעס אַ לעסטערונג אין אַ שפּראַך, וואָס זיי האָבן געקאָנט פאַרשטיין, פלעגן זיי זיך פאַרשטעלן די אויערן און אים הייסן זיין שטיל, מחמת מורא צו ווערן געטראָפן אינאיינעם מיט אים: זיי האָבן געהאַט די השגה, אַז גאָט אין זיין אַלמעכטיקייט און העכסטער לייטזעליקייט, נעמענדיק פּלוצלינג נקמה פון די, וואָס לעסטערן זיין נאָמען, קאָן זיך גאַנץ גוט טרעפן גאָר אַן שלעכטער כוונה דעם אומשולדיקן אינאיינעם מיטן שולדיקן.

אַמאָל פלעגן דער מלאך און זיין באַשיצער גיין אין אָוונט עסן צום מלאך דעם מוזיקער. אַזוי ווי מאָריס האָט פון צייט־צו־צייט זיך דערמאָנט, אַז ער איז געווען בושאָטס געליבטער, האָט ער צוגעזען מיט פאַרדראָס, ווי אַרקאַד איז געוואָרן צופיל גוטער־ברודער מיט דער זינגערין. זי האָט דאָס אים ניט פאַרוועטט זינט יענעם טאָג, ווען דער מלאך דער מוזיקער האָט געהאַט פאַרריכט די קליינע געבלימלטע קאַנאַפּע און אַרקאַד מיט בושאָט האָבן זיך אויף איר באַלד נאָך דעם געהאַט פאַראייניקט. שטאַרק פאַרליבט אין מאַדאַם דעזאָבעל, האָט אָבער מאָריס אויך בושאָט אַ קליין ביסל ליב געהאַט, און ער איז געווען אַביסל אייפערזיכטיק אויף אַרקאַדן. די אייפער־זוכט, אַ געפיל, וואָס איז אין דער טבע סיי פון מענטשן, סיי פון חיות, פאַרשאַפט זיי, ווי לייכט זי זאָל ניט זיין, אַ שאַרפן ווייטיק. חושד געווען דעם אמת, וואָס אי בושאָטס טעמפּעראַמענט, אי אַרקאַדס כאַראַקטער האָבן אים געהאַט געגנוג אַנטפּלעקט, האָט מאָריס

פאַרוואָרפן אַרקאַדן מיט שטעכווערטלעך און זידלעריי און אים אויסגערעדט פאַר זיין אוממאָראַלישקייט. אַרקאַד האָט אים דערויף רואיק געענטפערט, אַז עס איז שווער אונטערצוואַרפן די פיזיאָלאָגישע אימפּולסן אונטער פעסט באַשטימטע כּללים און אַז די מאָראַליסטן האָבן באַגעגנט גרויסע שוועריקייטן אויפן אָרט פון געוויסע אויספּליסונגען.

— נאָך מער — האָט אַרקאַד געזאָגט, — איך נעם גערן אָן, אַז עס איז כּמעט אוממעגלעך אויפצושטעלן סיסטעמאַטיש אַ נאַטירלעכע מאָראַל. די נאַטור האָט ניט קיין פּרינציפּן. זי גיט אונז ניט קיין גרונד צו גלויבן, אַז דאָס מענטשלעכע לעבן דאַרף געשוינט ווערן. די נאַטור, אַ גלייכגילטיקע, מאַכט ניט קיין אונטערשייד צווישן גוטס און שלעכטס.

— זעט איר שוין, — האָט מאָריס געענטפערט, — אַז די רעליגיע איז נויטיק?

— די כּלומרשט אַנטפּלעקטע מאָראַל, — האָט דער מלאך גערעדט ווייטער, — ציט אין דער אמתן איר השפּעה פון דעם מגושמדיקסטן עמפּיריזם. דער מנהג אַליין רעגולירט די מאָראַל. דאָס, וואָס דער הימל שרייבט פאָר, איז ניט מער ווי די פאַרהייליקונג פון אַלטע מנהגים. דאָס געטלעכע געזעץ, אויסגערופן צווישן פייערווערק פון עפּעס אַ באַרג סיני, איז קיין אַנדער זאַך ניט ווי נאָר די סיסטעמאַטיזירונג פון מענטשלעכע פאָראורטיילן. און פון אָט־דער פאַרענדערלעכקייט פון די זיטן נעמט זיך עס, וואָס די רעליגיעס, וועלכע געדויערן לאַנג, אַזוי ווי די אידיש־קריסטלעכע, ענדערן זייערע מאָראַלישע געזעצן.

מאָריס, וואָס זיין באַוואוסטזיין האָט זיך אויגנבליקלעך אויסגעבריט, האָט זיך אָנגערופן:

— איר וועט מיר אָבער דאָך מוזן צוגעבן, אַז רעליגיע האַלט אָפּ פון אַ סך צעלאָזנקייט און פאַרברעכן?

— ווייניקער ווי זי רעגט דערצו אָן, אַזוי ווי, למשל, אין דעם מאָרד פון איפיגעניע.

— אַרקאַד, — האָט מאָריס אויסגערופן, — ווען איך הער אייך אַרגומענטירן, פרייט מיך, וואָס איך בין ניט קיין אינטעליגענט.

אין דערזעלביקער צייט איז טעאָפיל געזעסן און אָנגעבויגענער איבער דער פּיאַנע; דאָס געזיכט פאַרשטעלט הינטער זיינע לאַנגע בלאָנדע האָר, האָט ער זיינע אינספּירירטע הענט אַרונטערגעלאָזן פון דער הייך אויף די קלאַווישן, האָט אויסגעשפּילט און אויסגעזונגען די גאַנצע פּאַרטיטורע פון „אַ ל י נ ע, ק י נ י ג י ן פ ו ן ג אָ ל ק אָ נ ד אַ“.

פּרינץ איסטאַר פלעג קומען צו די דאָזיקע פריינטלעכע פאַרזאַמלונגען, די קעשענעס פול מיט באָמבעס און פלעשער שאַמפּאַניער, וואָס ער האָט זיי, דאָס ערשטע אַזוי ווי דאָס צווייטע, געהאַט צו פאַרדאַנקען דער פרייגעביקייט פון באַראָן עווערדינגען. בושאָט פלעג אויפנעמען דעם כּרוב מיט פאַרגעניגן, ווייל זי האָט געזען אין אים דעם עדות און דעם צייכן פון איר זיג אויף דער קליינער געבלימלטער קאַנאַפּע. ער איז געווען פאַר איר אַזוי ווי דער אָפּגעהאַקטער קאָפּ פון גלית הפלשתי אין די הענט פון יונגן דוד. און זי האָט באַוואונדערט דעם פּרינץ פאַר זיין געשיקטן אַקאָמפּאַנירן אויף דער פּיאַנע, פאַר זיין גבורה, וואָס זי האָט געהאַט ביי־געקומען, און פאַר זיין זעלטענער פייאיקייט צו טרינקען.

איינמאָל ביינאַכט, ווען דער יונגער מאָרים האָט אין אַן אויטאָמאָביל אָפּגעפירט זיין מלאך פון בושאָטס הויז אין זיין מעבלירטן צימער אַריין אויף רו סען־זשאַק, איז דער הימל געווען שוואַרץ; דעם שפּיאָנס דימענט־שפּילקע האָט געשיינט פאַר דער טיר ווי אַ לייכט־טורעם; דריי וועלאָסיפּעד־פאָרער, פאַראייניקט אונטער זיינע שטראַלן, זענען אָפּגעפאָרן אין פאַרשיידענע ריכטונגען, ווי נאָר דער אויטאָמאָביל האָט זיך דערנענט. דער מלאך האָט זיך דערויף גאָרנישט אומגעקוקט, אָבער מאָרים האָט דערפון געדרונגען, אַז אַרקאַדס באַוועגונגען האָבן פאַראינטערעסירט פאַרשיידענע פּערזאָנען, וואָס האָבן די מאַכט אין שטאַט. ער האָט איינגעזען, אַז די געפאַר איז גרויס, און זיך באַלד באַשלאָסן עפּעס צו טון.

אויף מאָרגן אינדערפרי איז ער געקומען נאָכן פאַרדעכטיקן, כּדי אים אַוועקצופירן אויף רו דע־ראָם. דער מלאך איז נאָך געלעגן אין בעט. מאָרים האָט אים געאיילט זיך אָנצוטון און מיטגיין מיט אים.

— קומט, — האט ער געזאגט, — דאס דאזיקע הויז איז מער ניט זיכער פאר אייך. איר ווערט נאכגעשפירט. היינט־מארגן וועט מען אייך ארעסטירן. איר ווילט שלאפן אין געפענקעניש? ניין. קומט־זשע טאקע שוין. איך וועל אייך באהאלטן אין א זיכערן פלאץ.

דער גייסט האט רחמנותדיק אזוי געשמייכלט צו זיין נאאיוון באשיצער.

— ווייסט איר דען ניט, — האט ער געזאגט, — אז א מלאך האט אויפגעבראכן די טירן פון געפענקעניש, וואו פעטרוס איז געווען איינגעשפארט, און האט פריינעלאזן דעם אפאסטל? גלויבט איר דען, מאריס, אז איך בין שוואכער פון אט־דעם הימלשן ברודער, און האלט איר דען, אז איך וועל ניט קענען טון פאר זיך אליין דאס, וואס ער האט געטון פאר דעם פישער ביים טייך פון טבריא?

— פארלאזט זיך ניט דערויף, ארקאד. ער האט עס געטון דורך א נס.

— אדער „על פי נס", ווי עס זאגט א מאדערנער היסטאריקער פון דער קירך. אבער דאס איז ניט וויכטיק. איך גיי מיט אייך. לאזט מיר נאר פארברענען עטלעכע בריוו און מאכן א פעקל פון די ביכער, וואס איך דארף נויטיק האבן.

ער האט אריינגעווארפן געוויסע פאפירן אין קאמין, האט אריינגעלייגט עטלעכע בענד אין די קעשענעס און איז נאכגעגאנגען נאך זיין פירער ביז צו דעם אויטאמאביל, וואס האט געהאט געווארט אויף זיי אין דער נאענט, פאר דעם „קאלעזש דע פראנס". מאריס האט מיט אימפעט גענומען טרייבן. נאכטוענדיק דעם קלוגן כרוב, האט ער אנגעלייגט אזוי פיל וועג, האט אזוי שנעל זיך געדרייט אהין און צוריק איבער פארשיידענע אומוועגן, אז ער האט אויסגע־ווייכט די אלע שנעלע וועלאסיפעד־פארער, וואס האבן אין א היבשער צאל זיך געהאט א לאז געטון נאך אים. צולעצט, נאכדעם ווי ער האט געהאט דורכגעשניטן די שטאט אין יעדער ריכטונג, האט ער זיך אפגעשטעלט אויף רו דע־ראם, פאר דעם הויז, וואו דער מלאך האט זיך צום ערשטן מאל געהאט אנטפלעקט.

ווען ארקאד איז אריינגעקומען אין דער וואוינונג, וואס ער האט זי געהאט פארלאזן מיט אן אנדערטהאלבן יאר צוריק, כדי אויסצופירן

זיין שליחות, האָט ער זיך דערמאָנט אָן דער ליבער פאַרגאַנגענהייט און זיינע נאָזפליגל האָבן אויפגעצוקט, ווען ער האָט אריינגעאָטעמט זשילבערטס אנגענעמען ריח. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט, וואָס עס מאַכט מאַדאַם דעזאָבעל.

— זייער פיין, — האָט מאָריס געענטפערט, — אַביסל פעט געוואָרן, אָבער נאָך שענער ווי פריער. זי האָט נאָך אַלץ פאַראיבל אויף אייך פאַר אייער ניט־איידעלער אויפפירונג. איך האָף, אַז זי וועט אייך אַמאָל מוחל זיין, אַזוי ווי איך האָב עס אייך מוחל געווען, און פאַרגעסן די באַליידיקונג. זי איז אָבער נאָך אַלץ אַן אָנגעברוגזטע.

דער יונגער ד'עספּאַרוויעי האָט אויפגענומען זיין מלאך ביי זיך אין הויז אויפן שטייגער פון אַן אַריסטאָקראַטישן מענטשן און מיט דער צאַרטער אויפמערקזאַמקייט פון אַ פריינט. ער האָט אים געוויזן דאָס צונויפגעלייגטע בעטל, וואָס יעדן אָוונט נעמט מען עס פונאַנדער אין דעם פּאָדערשטן צימער און אין פרימאָרגן רוקט מען עס צוריק אַריין אין אַ פינצטערע וואַנט־שאַפע. ער האָט אים געוויזן דאָס טואַלעט־טישל מיט זיין גאַנצן אויסשטאַט, דאָס ביטל, די שאַפע אויף צו האַלטן וועש, דעם קאָמאָד, האָט אים דערקלערט די נויטיקע זאַכן מכוח דער באַהייצונג און דער באַלייכטונג, האָט אים געלאָזט וויסן, אַז עסן וועט מען אים אַריינברענגען, אַז אויפראַמען וועט דער אויפזעער פון הויז, האָט אים געוויזן דאָס קנעפּל, וואָס ער זאָל דריקן, ווען ער וויל רופן אָט־דעם דינער, און אים צוגעזאָגט, אַז ער זאָל זיך פילן אַזוי ווי ביי זיך אין דער היים און אַז ער מעג אויפנעמען וועמען נאָר ער וויל אַליין.

קאפיטל אכט-און-צוואנציק

געווידמעט א פיינלעכער פאמיליען-סצענע.

כל זמן מאריס האט זיך געליבט נאר מיט ערלעכע פרויען, האט מען צו אים ניט געקאנט האבן קיין טענות; האט ער אבער גענומען זיך טרעפן מיט בושאט, אזוי איז דער ענין געווארן קשה. זיין מוטער, וועלכע האט געהאלטן צוגעמאכט די אויגן אויף מאריסעס ליבעס-פארהעלטעניש, וואס כאטש זינדיקע, זענען זיי אבער געווען עלעגאנט און אויסגעהיט, איז געווארן רויט פון בושה, ווען זי האט זיך געהאט דערוואוסט, אז איר זון פירט זיך פראנק און פריי ארום מיט א זינגערין. בערטא, מאריסעס יונגע שוועסטער, האט איינאיינעם מיט דער לערע פון איינגעהאלטנקייט אויך געוואוסט וועגן איר ברודערס אוואנטורן און זי האט גאנץ געמיטלעך דערציילט וועגן דעם אירע יונגע חברטעס. דער קליינער לעאן, וואס איז נארוואס אלט געווארן זיבן יאר, האט איינמאל פאר די אויגן פון עטלעכע דאמען געלאזט וויסן זיין מוטער, אז ווען ער וועט זיין א גרויסער, וועט ער חתונה האבן באגלייך מיט מאריסן. דאס מוטערלעכע הארץ פון מאדאם רענע ד'עספארוויעי האט זיך געפילט דערפון שטארק פארוואונדעט.

אין דערזעלביקער צייט האט געטראפן אין דער פאמיליע א וויכטיקער פאל, וואס האט מאסיע רענע ד'עספארוויעי פארשאפט פיל ערגערניש: עס זענען אים צוגעשטעלט געווארן געלט-אנווייזונגען, וואס זיין זון האט זיי געהאט אונטערגעשריבן מיט זיין נאמען. די האנטשריפט איז ניט געווען קיין נאכגעמאכטע, אבער די כוונה איז דא זיכער געווען ארויסצוגעבן דעם זונס חתימה פאר דעם פאטערס: עס איז געווען א שלעכטע מאראל. דער דאזיקער פאל האט אויך געוויזן, אז מארים האט געפירט א צעלאזן לעבן, געמאכט חובות און שוין געהאלטן אזוי ווייט, אז ער איז געווען גרייט אפצוטון ניט קיין שיינע מעשים. דער פאטער האט געהאלטן מכוח דעם אן עצה מיט זיין פרוי. עס איז באשלאסן געווארן, אז ער

זאָל דעם זון שאַרף אויסריידן, זאָל אים לאָזן וויסן, אַז ער וועט אים שווער באַשטראָפן, און אין עטלעכע מינוט אַרום זאָל די מוטער, אַ פּאַרצוקטע, אָבער אַ גוטמוטיקע, אַריינקומען, כדי צו פּרואוון ווייך מאַכן דאָס האַרץ פון אַ פּאָטער, וואָס איז מיט רעכט אויפגעבראַכט אויף זיין זון. אָפּגעמאַכט דעם פּלאַן, האָט מאָסיע רענע ד'עספּאַרוויעי אויף מאָרגן אינדערפרי געשיקט רופן מאָריסן צו זיך אין קאַבינעט אַריין. צוליב מער פייערלעכקייט האָט ער אָנגעטון אַ פּראַק. מאָריס האָט דורך אָט־דעם סימן פאַרשטאַנען, אַז דער שמועס וועט זיין אַן ערנסטער. דער קאָפּ פון דער פאַמיליע, אַביסל בלייך־געוואָרן, האָט מיט אַ ניט גאָר זיכערער שטים (ער איז געווען אַ שרעקעדיקער) דערקלערט, אַז ער וועט מער ניט פאַרליידן זיין זונס שלעכטע דרכים, און געפּאָדערט, אַז ער זאָל תיכף ומיד ווערן אַ מענטש: קיין צעלאָזנקייט מער, קיין חובות, קיין שלעכטע געזעלשאַפט, נאָר אַרבעט, רעגלמעסיקייט און אנשטענדיקע באַקענטשאַפט!

מאָריס וואָלט גערן געענטפערט זיין פאָטער, וואָס זיין טענה איז נאָך אַלעמען געווען אַ גערעכטע, מיטן געהעריקן דרך ארץ. צום אומגליק איז ער אָבער אויך געווען אַ שרעקעדיקער, און דער פּראַק, וואָס מאָסיע ד'עספּאַרוויעי האָט געהאַט אָנגעטון, כדי מיט מער ווערדיקייט אויסצופירן דעם היימישן משפּט, האָט אויסגעזען צו פאַרווערן יעדער פאַמיליערע האַלטונג. מאָריס האָט אַזוי אומגע־שיקט געשוויגן, אַז עס האָט געקאָנט אָנגענומען ווערען פאַר אַן אויסדרוק פון חוצפּה. דאָס דאָזיקע שווייגן האָט געצוואונגען מאָסיע ד'עספּאַרוויעי איבערצוחזרן זיינע פאַרוואורפן און נאָך אויף אַ פיל שטרענגערן אופן ווי פריער. ער האָט געעפנט אַ שופלאָד פון זיין היסטאָרישן טיש (עס איז געווען דער טיש, אויף וועלכן אַלעקסאַנדר ד'עספּאַרוויעי האָט געהאַט געשריבן זיין „עסעי וועגן די ציווילע און רעליגיעזע אינסטיטוציעס פון די פעלקער") און אַרויסגענומען פון דאָרטן די געלט־אָנווייזונגען, וואָס מאָריס האָט זיי געהאַט אונטערגעשריבן.

— ווייסטו, מיין קינד, — האָט ער געזאָגט, — אַז דו ביסט באַגאַנגען אַ פעלשונג? כדי אויסצוקויפן אַזאַ ערנסטן פאַרברעך...

אין דעם דאָזיקן מאָמענט האָט מאַדאַם רענע ד'עספּאַרוויעי, ווי

עס איז פון פריער געווען אָפּגערעדט, זיך באַוויזן, אָנגעטון אין אַ קלייד צום אַרויסגיין. זי האָט באַדאַרפט פאָרשטעלן דעם מלאך פון פאַרגעבונג. זי האָט אָבער ניט געהאַט פאַר דעם ניט די פּאַסיקע פיגור, אַזוי אויך ניט דעם כאַראַקטער. זי איז געווען אָנגעבמורעט און האַרט. מאָרים האָט געהאַט אין זיך דעם קערן פון אַלע געווינטלעכע און נויטיקע מידות טובות. ער האָט ליב געהאַט און רעספּעקטירט זיין מוטער. ער האָט זי אָבער ליב געהאַט מער פון חוב וועגן, ווי פון גענייגטקייט, און זיין רעספּעקט צו איר איז געווען מער אַ זאַך פון געוואוינהייט, ווי פון געפיל. מאַדאַם רענע ד'עספּאַרוויעי האָט געהאַט רויטע פלעקן אויפן געזיכט, און אַזוי ווי זי האָט זיך געהאַט אָנגעפּודערט, כדי צו קומען צום פאַמיליען־געריכט מיט מער שטאַט, האָט איר פּנים באַקומען דעם קאָליר ווי פון באַצוקערטע מאַלינעס. אַ מענטש מיט גוטן געשמאַק, האָט מאָרים ניט־ווילנדיק געמוזט איינזען איר מיאוסקייט, וואָס איז אפילו געווען אביסל אָפּשטויסיק. ער איז געווען געשטימט קעגן איר, און ווען זי האָט גענומען איבערחזרן און מגזם זיין די באַשול־דיקונגען, וואָס דער פאָטער האָט זיי שוין געהאַט געמאַכט קעגן זיין זון, האָט דאָס שלעכטע קינד אָוועקגעדרייט דעם קאָפּ, כדי איר ניט צו ווייזן קיין קרום פּנים.

— דיין מומע דע סען־פּען, — האָט זי געזאָגט, — האָט דיך געהאַט באַגעגנט אויף דער גאַס אין אַזאַ שלעכטער געזעלשאַפט, אַז זי איז דיר געווען דאַנקבאַר, וואָס דו האָסט זי ניט באַגריסט.

ביי די דאָזיקע ווערטער האָט מאָרים אַרויסגעפּלאַצט:

— מיין מומע דע סען־פּען! שעמען מעג זי זיך! אַלע ווייסן, וויפיל זי האָט אין איר לעבן געזינדיקט, און איצט וואָלט אָט־די אַלטע צדקנית געוואָלט, אַז...

ער איז געבליבן שטיל. זיין בליק האָט זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט זיין פאָטערס, וואָס האָט געהאַט אויסגעדריקט מער צער ווי צאָרן. מאָרים האָט באַקומען חרטה אויף זיינע ווערטער, וואָס האָבן אים איצט אויסגעזען צו זיין אַ פאַרברעכן, און ניט געקאָנט גאָר פאַרשטיין, ווי אַזוי זיי האָבן זיך ביי אים אַרויסגעכאַפּט. ער האָט שוין געזאָלט אויסברעכן אין אַ געוויין, פאַלן אויף די קני און בעטן

אַנטשולדיקונג, ווען זיין מוטער, מיט די אויגן צום סופית, האָט אַרויסגעזיפצט:

— מיט וואָס האָב איך זיך עס פאַרזינדיקט ביי גאָט, וואָס ער האָט מיך געשטראָפט מיט אַזאַ שלעכטן זון?

די דאָזיקע ווערטער, וואָס מאָרים האָט דערזען אין זיי ניט מער ווי לעבערלעכקייט און אָנשטעל, האָבן אַזוי ווי מיט דער האַנט אים צוריקגעבראַכט צו זיינע חושים און אין איין כהרף־עין איז ער פון דעם געפיל פון ביטערער חרטה אַריבער צו דער אַנגענעמער הפקרות פון פאַרברעך. אַ ווילדער האָט ער זיך געגעבן אַ וואָרף אַריין אין געווירבל פון חוצפה און ווידערשפעניקייט און אָן אַן אָטעם אַרויסגעפּלאַצט אָט־די ווערטער, וואָס אַ מוטער וואָלט זיי קיינמאָל ניט באַדאַרפט הערן:

— אויב שוין יאָ אַזוי, מוטער, וועל איך אייך זאָגן, אַז איידער מיר צו פאַרווערן זיך צו טרעפן מיט אַ טאַלענטפולער זינגערין, וואָס איז ערלעך אין אירע געפילן, וואָלט געווען אַ סך גלייכער, איר זאָלט מיין עלטערער שוועסטער, מאַדאַם דע מאַרזשי, פאַרווערן צו ווייזן זיך יעדן אָוונט אין געזעלשאַפט און אין טעאַטער מיט אַ געמיינעם און אָפּשטויסיקן פאַרשוין, וואָס אַלע ווייסן, אַז ער איז איר געליבטער. איר וואָלט אויך געמעגט האַלטן אַן אויג אויף מיין קליין שוועסטערל זשאַן (Jeanne), וואָס שרייבט מיט אַ פאַרשטעלטער האַנטשריפט מיאוסע בריוועלעך צו זיך אַליין, מאַכט דערנאָך דעם אָנשטעל, אַז זי האָט זיי געהאַט געפונען אין איר געבעטבוך, און ניט זיי אייך איבער מיט אַ געמאַכטער אומשולד, כדי אייך צו פאַרשאַפן ערגערניש. עס וואָלט אויך ניט געשאַדט, איר זאָלט ניט דערלאָזן, אַז מיין קליין ברודערל לעאָן זאָל צו זיבן יאָר שוין אָפּטון די שענדלעכסטע מעשים אויף מאַדמואַזעל קאַפּאַראַל; און איר וואָלט אויך געמעגט זאָגן אייער שטובמיידל...

— אַרויס, יונגערמאַן, אַרויס פון מיין הויז! — האָט מאַסיע רענע ד'עספּאַרוויעי, אַ בלייך־געוואָרענער פון צאָרן, אויסגערופן, אָנווייזנדיק מיט אַ ציטערדיקן פינגער אויף דער טיר.

קאפיטל ניין-און-צוואנציק

וואו מען זעט, ווי דער מלאך, וואס איז געווארן א מענטש, פירט זיך אויך אויף אזוי ווי א מענטש, ד. ה. גלוסט צו אן אנדערנס פרוי און פאררעט זיין פריינט. דאס דאזיקע קאפיטל וועט ווייזן דעם יונגן ד׳עספארוויעס ריכטיקע אויפפירונג.

דער מלאך איז געווען צופרידן מיט זיין נייער וואוינונג. ער פלעג ארבעטן אין פרימארגן, ארויסגיין נאך מיטיק, ניט צו קוקן אויף די פאליציי-אגענטן, און קומען אהיים שלאפן. פונקט ווי אמאל, פלעג מארים אויך איצט אויפנעמען מאדאם דעזאבעל צוויי-דריי מאל א וואך אין דעם צימער, וואו דער מלאך האט זיך צום ערשטן מאל געהאט אנטפלעקט.

אלצדינג איז זיך געגאנגען זייער גוט, ביז זשילבערט, וועלכע האט איינמאל אין אן אוונט געהאט איבערגעלאזט איר קליינעם סאמעטענעם האנטטאש אויפן טיש אין בלויען צימער, איז אויפן אנדערן טאג, אין פרימארגן, געקומען אים אפנעמען און האט דארט געטראפן ארקאדן, אן אויסגעצויגענעם אין די פידזשאמאס אויף דער קאנאפע. ער האט געראויכערט א ציגארעט און געחלומט וועגן דעם נצחון איבער די הימלען. זי האט ארויסגעלאזן א געשריי.

— איר, מאסיע... ווען איך וואלט געוואוסט, אז איך וועל אייך דא טרעפן, גלויבט מיר, אז... איך בין געקומען נאך מיין האנטטאש, וואס געפינט זיך אין צווייטן צימער... אנטשולדיקט...

און זי האט מיט פארזיכט און זייער שנעל זיך דורכגעשלייכט פארביי דעם מלאך ווי פארביי א פייער.

מאדאם דעזאבעל האט יענעם פרימארגן, אין איר קאסטיום פון רעזעדא-קאליר, פארמאגט א זעלטענעם רייץ. דאס שמאלע קליידל האט ארויסגעגעבן אירע באוועגונגען און יעדער טראט אירער איז געווען איינער פון יענע נאטור-וואונדער, וואס פילט אן דאס מאנסבילשע הארץ מיט דערשטוינונג.

זי האט זיך ווידער באוויזן, מיטן טאש אין האנט.

— איך בעט אייך נאָכאַמאָל, איר זאָלט מיך אַנטשולדיקן. איך האָב זיך גאָרנישט געריכט, אַז...

אַרקאַד האָט זי געבעטן זיך זעצן און פאַרבלייבן אַ ווײַלע.

— איך האָב ניט ערוואַרט, מאָסיע, — האָט זי געזאָגט, — אַז איר וועט מיך דאָ אויפנעמען ווי אַ באַלעבאָס. איך האָב געוואוסט, ווי שטאַרק מאָסיע ד'עספּאַרוויעי האָט אייך ליב, דאָך בין איך געווען זיכער, אַז...

דער דרויסן האָט זיך מיטאַמאָל אָנגעכמורעט. ברוינלעכע שאָטנס האָבן איינגעהילט דאָס צימער. מאַדאַם דעזאָבעל האָט געזאָגט, אַז זי איז, צוליב היגיעניע, געקומען אַהער צופוס. איצט קלייבט זיך אָבער אַ שטורעם, האָט זי געפרעגט, צי איז ניט מעגלעך צו רופן פאַר איר אַן אויטאָ.

אַרקאַד האָט זיך געוואָרפן צו זשילבערטס פיס, האָט זי אַרייַנגענומען אין זייַנע אָרעמס, ווי מען נעמט אַריין אַ טייערע וואַזע, און אַרויסגעזאָגט ווערטער, וואָס אַן אַ זין פאַר זיך אַליין, האָבן זיי אָבער אויסגעדריקט באַגער. זי האָט אים אַרויפגעלייגט די הענט אויף די אויגן, אויפן מויל, און אויסגעשריגן:

— איך האָב אייך פיינט!

אַן אויפגעטרייסלטע פון געוויין, האָט זי געבעטן אַ גלאָז וואַסער. עס האָט זי געשטיקט. דער מלאך האָט איר געהאָלפן פונאַנדערשפּילען דאָס קלייד. ביי דער דאָזיקער גרויסער סכנה האָט זי זיך מוטיק געווערט.

— ניין, ניין! — האָט זי געטענהט — איך וויל אייך ניט ליב האָבן, איך וואָלט אייך צופיל ליב געהאַט.

זי האָט פונדעסטוועגן זיך אונטערגעגעבן.

אין דער אָנגענעמער אינטימקייט, וואָס איז געקומען נאָך זייער ביידנס דערשטוינונג, האָט זי געזאָגט:

— איך האָב אָפטמאָל זיך נאָכגעפרעגט אויף אייך. איך האָב געוואוסט, אַז איר זענט אַן אָפטער באַזוכער פון די טעאַטערס אין מאָנמאַרטר, אַז מען זעט אייך אָפט מיט מאַדמואַזעל בושאָט, וועלכע איז, אייגנטלעך, גאָרנישט אַזאַ שיינע, אַז איר זענט געוואָרן זייער עלעגאַנט און האָט פאַרדינט אַ סך געלט. עס האָט מיך גאָרנישט

געוואונדערט. איר זענט באשאפן געווארן צו האבן ערפאלג... אין דעם טאג פון אייער...

זי האט אנגעוויזן מיטן פינגער אויפן ווינקל, צווישן דעם פענצטער און דער גלעזערנער שאפע.

... — אנטפלעקן זיך, האט מיר פארדראסן אויף מאַריסן, וואס ער האט אייך געגעבן די טראנטעס פון א זעלבסטמערדער. איר זענט מיר געוועזן געפעלן... ניין, ניט פאר אייער שיינקייט. מיינט ניט, אז פרויען ווערן, ווי מען זאגט אויף זיי, צוגעצויגן פון דרויסנדיקע מעלות. מיר האבן עפעס אנדערש אינזינען אין ליבע. עס איז פאראן עפעס אזוינס... מיט איינעם ווארט, איך האב אייך גלייך ליב געקראגן.

די טונקלקייט איז געווארן געדיכטער.

זי האט געפרעגט:

— איא, איר זענט ניט קיין מלאך? מאַרים גלויבט, אז יא, ער גלויבט אבער אין אזוי פיל זאכן, מאַרים...

זי האט אנגעשטעלט אויף ארקאדן א פרעגנדיקן בליק און אירע אויגן האבן פארשייט געשמייכלט.

— זייט זיך מודה, אז איר נארט אים און אז איר זענט ניט קיין מלאך!

ארקאד האט געענטפערט:

— מיין איינציק שטרעבן איז נאר אייך צו געפעלן. איך וועל שטענדיק זיין דאס, וואס איר ווילט, אז איך זאל זיין.

זשילבערט האט באשלאסן, אז ער איז ניט קיין מלאך: ערשטנס, ווייל קיינער איז ניט קיין מלאך, און צווייטנס, צוליב מער ספעציעלע טעמים, וואס האבן ווידער געוועגדט איר געדאנק צו דער ליבע. ער האט איר ניט אפגעענטפערט און ווידעראמאל זענען די ווערטער געוועזן ניט נענוג אויף אויסצודריקן זייערע געפילן.

דער רעגן אין דרויסן, א געדיכטער און א שווערער, האט דערווייל געגאסן, געריזלט איבער די פענצטער. דער בליץ האט באלויכטן די מוסלינענע פארהאנגלעך, דער דונער האט פונאנדער־געטרעסעט די שויבן. זשילבערט האט זיך איבערגעצלמט און איז פארבליבן איינגענורעט אין שוים פון איר געליבטן.

— אייער הויט איז נאָך ווייסער פון מיינער, — האָט זי געזאָגט.

אין דעם מאָמענט, ווען מאַדאַם דעזאָבעל האָט געהאַט אַרויסגעזאָגט אָט־די ווערטער, איז מאָריס אַריינגעקומען אין צימער. אַ דורכגענעצטער, אַ שמייכלדיקער, אַ גליקלעכער און פול מיט צוטרוי, איז ער געקומען אָנזאָגן אַרקאַדן, אַז מיט דעם געלט, וואָס דער מלאך האָט אינאיינעם מיט אים געהאַט איינגעשטעלט העלפט־אויף־העלפט אויף דעם נעכטיקן וועטלויף אין לאָנשאַן, האָט ער געוואונען צוועלף מאָל אַזוי פיל.

געטראָפן די פרוי מיטן מלאך אין אַ תאווהדיקער אומאָרדענונג, איז מאָריס געוואָרן מלא רציחה; פון כעס האָבן זיך אים צוזאַמענגעצויגן די מוסקעלן פון האַלז, דאָס בלוט האָט אים אַ זעץ געטון אין פּנים אַריין, די אָדערן אויף זיין שטערן זענען אויפגעלאָפן. מיט צונויפגעדריקטע פויסטן האָט ער געטון אַ שפּרונג צו צו זשילבערט און איז געבליבן מיטאַמאָל שטיין.

די דאָזיקע באַוועגונג, ראַפּטאָם איבערגעריסן, איז מגולגל געוואָרן אין היץ: מאָריס האָט געפּלאַמט. זיין צאָרן האָט אים אָבער ניט אָנגערעגט, אַזוי ווי ארכילאָקוסן, מיט לירישער נקמה. ניט מער, ער האָט באַצייכנט די אומגעטרייע פרוי מיטן נאָמען קעלבערדיקע קו.

זי האָט דערווייל זיך צורעכט געמאַכט די קליידער און צוריק אָנגענומען איר ווערדיקע האַלטונג. זי האָט זיך אויפגעהויבן, פול מיט באַשיידנקייט און גראַציע, און באַטראַכט איר באַשולדיקער מיט אַ בליק, וואָס האָט געהאַט אויפאַמאָל אויסגעדריקט אי באַליידיקטע אומשולד, אי ליבע, וואָס פאַרגיט אַלץ.

אַזוי ווי אָבער דער יונגער ד׳עספּאַרוויעי האָט ניט אויפגעהערט זי צו באַלעסטיקן מיט גראָבער און מאָנאָטאָנער זידלעריי, האָט זי, פון איר זייט, גענומען זיך בייזערן:

— איר זענט אַ פּיינער מענטש, זענט איר! בין איך דען געגאַנגען אים זוכן, אייער אַרקאַדן? איר אַליין האָט דאָך אים אַהער געבראַכט, — און נאָך אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד!... אייך ליגט נאָר איין זאַך אין זינען: מיך איבערצוענטפערן אין די

אַרעמס פון אייער פריינט. מאַסיע, טוט זיך וואָס איר ווילט, איך וועל אייך דאָס פאַרגעניגן ניט פאַרשטערן.

מאַריס ד'עספּאַרוויעי האָט איר געענטפערט גאָר פּשוט;

— ניי דיר פון דאַנען, דו קעמל איינער!

און ער האָט געמאַכט אַ באַוועגונג זי אַרויסצושטויסן מיטן פוס אין דרויסן אַרויס. אַרקאַדן האָט ווי געטון צוצוזען, ווי זיין געליבטע ווערט אַזוי גראָב באַהאַנדלט, ער האָט אָבער גערעכנט, אַז ער האָט ניט די נויטיקע אויטאָריטעט צו זאָגן מאַריסן אַ דעה. מאַדאַם דעזאָבעל, וועלכע האָט די גאַנצע צייט געהאַט דערהאַלטן איר גאַנצע ווערדיקייט, האָט אָנגעשטעלט אויפן יונגן ד'עספּאַרוויעי אַ באַפעלערישן בליק און אַרויסגעזאָגט:

— גייט ברענגט מיר אַן אויטאָ.

און אַזוי גרויס איז די מאַכט פון פרויען אויף אַ נשמה פון איידעלן יחוס, ביי אַ גאַלאַנטן פאָלק, אַז אָט־דער יונגער פראַנצויז איז גלייך אַרויסגעגאַנגען הייסן דעם אויפזעער פון הויז רופן אַן אויטאָ. ביים אַוועקגיין האָט מאַדאַם דעזאָבעל, מיענדיק זיך צוצוגעבן רייץ און אַנגענעמלעכקייט אַלע אירע באַוועגונגען, צוגעוואָרפן מאַריסן דעם בליק פון פאַראַכטונג, וואָס אַ פרוי איז שולדיק דעם, וועמען זי האָט אָפּגענאַרט. מיט אַן אויסדרוק פון גלייכגילטיקייט האָט מאַריס זי געזען אַוועקגיין, כאָטש אין דער אמתן האָט ער אַזוי ניט געפילט. דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צום מלאך, וועלכער איז געווען אָנגעטון אין די געבלימלטע פּידזשאַמאַס, וואָס ער אַליין האָט זיי געהאַט געטראָגן אין דעם טאָג פון דער אַנטפּלעקונג. אַ קלייניקייט פאַר זיך אַליין, האָט דאָס אָבער נאָך מער אויפגערייצט דעם מכנים אורח, וואָס איז אַזוי מיאוס אָפּגענאַרט געוואָרן.

— זייער פיין! — האָט ער געזאָגט — איר קאָנט זיך איצט גרייסן, וואָס איר זענט אַזאַ מיאוסער נפש. איר האָט זיך אויפ־געפירט אויף אַ געמיינעם אופן, ווען דאָס איז גאָרנישט געווען נויטיק. אויב אָט־די פרוי איז אייך געפעלן געוואָרן, האָט איר ניט מער ווי באַדאַרפט עס מיר צו זאָגן. איך בין שוין סיי־ווי פון

איר מיד געווען. איך וויל מער פון איר ניט וויסן. איך וואָלט זי אייך גערן געווען אָפּגעטראָטן.

ער האָט אומיסטנע אַזוי גערעדט, כדי צו באַהאַלטן זיין ווייטיק, ווייל ער האָט איצט ליב געהאַט זשילבערט מער ווי אַלעמאָל און איר פאַראַט האָט אים שטאַרק געקוועלט.

— איך האָב געהאַט אַליין אייך געוואָלט בעטן, — האָט ער ווידער אָנגעהויבן, — איר זאָלט מיך פון איר באַפרייען. איר האָט אָבער געפאָלגט אייער שמוציקע נאַטור און זיך אויפגעפירט ווי אַ שווין.

וואָלט אַרקאַד אין אָט־דעם פייערלעכן מאָמענט אַרויסגעזאָגט אַ וואָרט, וואָס זאָל קומען פון הארצן אַרויס, וואָלט דער יונגער מאָריס אוודאי געווען אויסברעכן אין אַ געוויין און מוחל זיין סיי זיין פריינט, סיי זיין געליבטע, און אַלע דריי וואָלטן ווידעראַמאָל געווען זיין גליקלעך און צופרידן. אָבער אַרקאַד איז ניט אויפגע־האָדעוועט געוואָרן אויף דער מילך פון מענטשלעכער צאַרטקייט. ער האָט אַליין קיינמאָל ניט געהאַט געליטן און ניט געוואוסט, דעריבער, פון קיין מיטגעפיל פאַר די, וואָס ליידן. ער האָט געענטפערט מיט קאַלטער חכמה:

— מיין טייערער מאָריס, די נויטיקייט, וואָס אי זי באַוועגט, אי זי צווינגט די לעבעדיקע באַשעפענישן אין זייערע האַנדלונגען, שאַפט אָפטמאָל אומפאָראויסגעזעענע, טיילמאָל אַבסורדע עפעקטן. און אָט־אַזוי־אַ בין איך עס געבראַכט געוואָרן אייך צו פאַרשאַפן ערגערניש. וואָלט איר געהאַט אַ גוטע פילאָזאָפישע השגה פון דער נאַטור, וואָלט איר צו מיר ניט געהאַט קיין טענות; איר וואָלט דעמאָלט געוואוסט, אַז דער ווילן איז ניט מער ווי אַן אילוזיע און אַז די פיזיאָלאָגישע שייכותן זענען פונקט אַזוי גענוי באַשטימט ווי די כעמישע קאָמבינאַציעס און קאָנען פאָרמולירט ווערן אויפן זעלביקן שטייגער. איך רעכן, אַז מען וואָלט אייך געקאָנט אויפ־קלערן די דאָזיקע אמתן, עס וואָלט אָבער געווען אַ צו לאַנגע און צו שווערע געשיכטע, און אפשר וואָלטן זיי אייך גאָרנישט געבראַכט די רואיקייט פון געמיט, וואָס מיידט אייך אַלעמאָל אויס. עס איז,

דעריבער, די גלייכסטע זאַך, אַז איך זאָל פאַרלאָזן דעם פּלאַץ און...

— פאַרבלייבט, — האָט מאָריס געזאָגט.

מאָריס האָט געהאַט אַ זייער קלאָרע השגה פון געזעלשאַפטלעכע התחייבותן. העכער פון אַלץ האָט ער, ווען ער האָט געטראַכט פון דעם, געשטעלט דאָס ערנגעפיל. אַזוי אַרום האָט ער אין דעם איצטיקן מאָמענט זיך פאַרגעשטעלט מיט אומגעוויינטלעכער קראַפט, אַז די עוולה, וואָס איז קעגן אים באַגאַנגען געוואָרן, קאָן אַנדערש ניט אָפּגעווישט ווערן ווי נאָר דורך בלוט. דער דאָזיקער טראַדיציאָנעלער געדאַנק האָט גלייך צוגעגעבן זיין האַלטונג און זיין שפּראַך אַן אומגעריכטע נאָבלקייט:

— פאַרלאָזן אַט־די וואוינונג, — האָט ער געזאָגט, — אויף ניט צו קומען מער צוריק, וועל איך, מאָסיע, ניט איר. איר פאַרבלייבט דאָ, ווייל איר זענט אַ פאַרפאָלגטער פון געזעץ. איר וועט דאָ אויפנעמען מיינע סעקונדאַנטן.

דער מלאך האָט אַ שמייכל געטון.

— איך וועל זיי אויפנעמען, כדי אייך אָנצוטון דאָס פאַרגעניגן; האָט אָבער אין זינען, מיין טייערער מאָריס, אַז מען קאָן מיך ניט פאַרוואונדן. די הימלישע גייסטער, ווען אפילו זיי ווערן מאַטעריאַליזירט, קאָנען ניט אָנגעגריפן ווערן מיטן שפּיץ פון אַ שווערד אָדער מיט דער קויל פון אַ רעוואָלווער. נעמט אין אכט, מאָריס, די פאַרלעגנקייט, אין וועלכע עס שטעלט מיך בעת אַ דועל אַוועק אַט־די פאַטאַלע אומגלייכקייט פון כוחות. טוט אויך אַ טראַכט, אַז ווען איך זאָל זיך אָפּזאָגן צו באַשטימען סעקונדאַנטן, קאָן איך ניט אָנגעבן פאַר אַ גרונד מיין הימלישע נאַטור, — אַזאַ פאַל איז נאָך ביז איצט קיינמאָל ניט געווען.

— מאָסיע, — האָט געענטפערט דער יורש פון די ביוסאַר ד׳עספּאַרוויעס, — ווענן דעם דאַרף מען אַ טראַכט טון, איידער מען באַליידיקט.

און ער האָט מיט שטאָלץ פאַרלאָזן דאָס הויז. ווי אָבער ער איז נאָר געווען אַרויס אין דרויסן, אַזוי האָט ער גענומען זיך וואַקלען ווי אַ שיכור. דער רעגן איז נאָך אַלץ געגאַנגען. ניט צו הערן און ניט זען קיין זאַך, האָט ער געשפּאַנט אָן אַ ציל, שלעפּנדיק די פיס איבער

די ריטשקעלעך, די קאַליוזשעס און איבער דער טיפער בלאָטע. א לאַנגע צייט איז ער אזוי ארומגעגאנגען איבער די אויסערסטע בול־ווארן, ביז וואנען ער איז צום סוף אנידערגעפאלן פון מידקייט אויפן ראנד פון א ליידיקן שטיק באָדן, איינגאנצן א דורכגעווייקטער, די בלאָטע, אויסגעמישט מיט טרערן, פונאנדערגעשמירט איבער זיין פנים, מיט טראָפנס רעגן, רינענדיק אראפ פון די ראַנדן פון זיין הוט. א פארבייגייער האָט אים אָנגענומען פאר אן אָרעמאן און אים א וואָרף געטון צוויי סו. ער האָט אויפגעהויבן די קופערנע מטבע, האָט זי פאָרזיכטיק ארייַנגעלייגט אין דער קאמזויל־קעשענע און איז אוועק אפריידן מיט די סעקונדאנטן.

קאפיטל דרייסיק

וואס באהאנדלט א מעשה פון ערנגעפיל, פון וועלכער עס וועט זיך לאזן זען, צי ס'איז ריכטיק, ווי ארקאד פארזיכערט, אז די דערפארונג פון אונזערע באגאנגענע טעותן מאכט אונז פאר בעסערע מענטשן.

דאס פלאץ פון קאמף איז געווען דער גארטן פון קאלאנעל מאנשאן, אויפן בולוואר דע לא רען, אין ווערסאיל. מאסיע דע לא ווערדעליער און מאסיע לע טריוק דע־ריופעק, וואסביידע האבן זיי געהאט א שטענדיקע פראקטיקע פון דעם ערנגעפיל און געוואוסט גענוי אלע כללים דערפון, האבן ארויסגעהאלפן מארישן. קיין איין דועל אין דער קאטוילישער וועלט איז ניט פארגעקומען אן מאסיע דע לא ווערדעליער, און מיט זיין ווענדן זיך צו אט־דעם מאן פון דער שווערד איז מאריס נאכגעגאנגען דעם מנהג, כאטש ניט אן א געווסן געפיל פון אפקער, ווייל אלע האבן געהאט געוואוסט, אז ער איז געווען דער געליבטער פון מאדאם דע לא ווערדעליער. אבער מאסיע דע לא ווערדעליער האט ניט געקאנט באטראכט ווערן פאר א מאן; דאס איז געווען אן אינסטיטוציע. וואס איז שייך מאסיע לע טריוק דע ריופעק, איז דאס ערנגעפיל געווען זיין איינציקע פראפעסיע, וואס מען האט פון איר געוואוסט, און זיין איינציקער אפענער קוואל פון הכנסה, און ווען ניט־פארגינער אין דער אריסטאקראטישער געזעל־שאפט פלעגן דערויף אנדייטן, האט מען זיי געשטעלט די פראגע, וואס פאר א שענערע קאריערע ווי די קאריערע פון ערנגעפיל וואלט מאסיע לע טריוק דע ריופעק געקאנט פאר זיך אויסקלייבן. ארקאדס עדות זענען געווען פרינץ איסטאר און טעאפיל. ניט מיטן אייגענעם ווילן און ניט מיט זיין פולער הסכמה איז דער מלאך דער מוזיקער געקומען באטייליקן זיך אין אט־דער געשיכטע. א גרויל האט אים ארומגעכאפט פון יעדן מין געוואלטלעכקייט. ער האט ניט געהאלטן פון קיין האנט־צו־האנט־געשלעגן, האט ניט געקאנט פארטראגן דאס קנאלן פון א רעוואלווער־שאס און דאס קלימפערן פון שווערדן, און דער אנבליק פון פארגאסענעם בלוט האט אים געמאכט צו חלשן. דער

דאָזיקער איידעלער זון פון הימל האָט זיך געהאט עקשנותדיק אפּגעזאָגט צו זיין אַ סעקונדאַנט ביי זיי ברודער ארקאד, און כדי ער זאָל דערויף פּאָרט אַיינשטימען, איז געווען נויטיק, אז דער כרוב זאָל אים סטראַשען צו צעברעכן אויף זיין קאָפּ אַ פלאַש פּאַנקלאַסטיט. אַ חוץ די דועלאַנטן, די עדות און די דאָקטוירים, זענען אין גאָרטן געווען ניט מער ווי עטלעכע אָפיצירן פון דעם ווערסאַילער גאַרניזאָן און עטלעכע זשורנאַליסטן. כאָטש דער יונגער ד׳עספּאַרוויעי איז געווען באַוואוסט נאָר ווי אַ זון פון אַן אָנגעזעענער פאַמיליע און ארקאַד האָט אינגאַנצן ניט געהאט קיין נאָמען אויף דער וועלט, האָט דער דועל דאָך צוגעצויגן אַ היבשע צאָל נייגיריקע און די פענצטער פון די שכנישע הייזער זענען געווען איבערגעפילט מיט פאָטאָגראַפער, רעפּאָרטערן און מענטשן פון דער אריסטאָקראַטישער געזעלשאַפט. אַ סך נייגיריקייט האָט געהאט ארויסגערופן דאָס, וואָס מען האָט געוואוסט, אז אַ פרוי איז געווען די סיבה פון דער קריגעריי. אייניקע האָבן אָנגערופן בושאַט, דאָס רוב אָבער האָבן אָנגעוויזן אויף מאַדאַם דעזאָבעל. מיט דעם אַלעמען איז דאָך ארויסגעזאָגט געוואָרן די מיינונג, אז די דועלן, אין וועלכע מאָסיע דע לאַ ווערדעליער איז געווען אַ סעקונדאַנט, האָבן צוגעצויגן גאַנץ פּאַריז.

דער הימל האָט געהאט דעם קאָליר פון צאַרטן בלוי, דער גאָרטן איז געשטאַנען אין פולן אויפבלי פון רויזן. אַ דראָסל האָט געפייפט אויף אַ בוים. מאָסיע דע לאַ ווערדעליער, וועלכער האָט, מיטן שפּאַציר־שטאָק אין דער האַנט, אָנגעפירט דעם דועל, האָט צוגעלייגט די שווערדן אַ שפּיץ צו אַ שפּיץ און ארויסגעזאָגט:

— טרעט אויף, מיינע הערן!

מאָריס ד׳עספּאַרוויעי האָט אַטאַקירט דורך לויף־שריט און דורך אָפּשלאָגן דאָס אייזן פון קעגנערס שווערד. ארקאַד האָט זיך אפּגעווערט, האַלטנדיק זיין שווערד אין אַ גלייכער ליניע. דער ערשטער צוזאַמענשטויס האָט ניט געבראַכט קיין רעזולטאַטן. די סעקונדאַנטן האָבן געהאַט דעם איינדרוק, אז מאָסיע ד׳עספּאַרוויעי האָט זיך געפונען אין אַ פאַרדראָסיקן צושטאַנד פון נערוועזער אויפרעגונג און אז זיין קעגנער איז, קאָנטיק, גאָרנישט איינצומידן. ביים צווייטן צוזאַמענטרעף האָט מאָריס אַטאַקירט מיט האַסט; ער האָט פונאַנ־

דערגענומען די אָרעמס און אויפגעדעקט די ברוסט. ער האָט אַטאַקירט, זיך װאָרפנדיק פּאָראויס אויפן קעגנער, האָט דערלאַנגט אַ גלייכן קלאַפּ, און דער שפּיץ פון זיין שווערד האָט אָנגערירט אַרקאַדס אַקסל. מען האָט גערעכנט, אַז יענער איז פאַרוואונדעט געוואָרן. אָבער די סעקונדאַנטן האָבן, איבעראַשטע, געמאָלדן, אַז דאָס האָט גאָר מאָריס באַקומען אַ ראַץ אויפן האַנטגעלענק. מאָריס האָט פאַרזיכערט, אַז ער פילט גאָרנישט. דער דאָקטאָר קוויל האָט עקזאַמענירט זיין קליענט און דערקלערט, אַז ער קאָן זיך ווייטער שלאָגן.

נאָך דעם פערטל שעה, וואָס עס פאָדערן די כללים פון דועל, האָט דאָס געפעכט זיך ווידער אָנגעהויבן. מאָריס האָט אַטאַקירט מיט אַ ווילדן אימפּעט. זיין קעגנער האָט אים, קאָנטיק, געשווינט און, וואָס עס האָט באַאומרואיקט מאָסיע דע לאַ ווערדעליער, אויסגעזען צו שענקען ווייניק אויפמערקזאַמקייט דער פאַרטיידיקונג. ביים אָנהייב פון פינפטן צוזאַמענשטויס האָט אַ שוואַרצער וואַכטל־הונט, וואָס איז ווער ווייס ווי אַזוי געווען אַריין אין גאָרטן, זיך דורכגעבראָכן דורך די רויזן־קוסטן, איז אַרויפגעלאָפן אויפן פּלאַץ, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר די דועלאַנטן, און ניט געקוקט אויף די שטעקנס און די געשרייען, זיך אַרודכגעשלייכט דורך מאָריסעס פיס. מאָריס האָט איצט אויסגעזען, ווי עס וואָלט אים געווען אָפּגענומען דער אָרעם, און ער האָט אָנגעגריפן דעם אומפאַרוואונדלעכן קעגנער ניט מער ווי מיט אַן אַקסל־שטויס. ער האָט ווידער דערלאַנגט אַ גלייכן קלאַפּ און זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן קעגנערס שווערד, וועלכע האָט אים דאָסמאָל געמאַכט אַ טיפע וואונד אין דער אינעווייניקסטער זייט פון עלנבייגן.

מאָסיע דע לאַ ווערדעליער האָט אָפּגעשטעלט דאָס געשלעג, וואָס האָט געהאַט געדויערט אָנדערטהאַלבן שעה. מאָריס האָט געפילט, אַז ער איז שווער פאַרוואונדעט. מען האָט אים אַוועקגעזעצט אויף אַ גראָז־באַנק, אַקעגן אַ וואַנט פון גליצין־פלאַנצן. בעת די דאָקטוירים האָבן באַנדאַזשירט די וואונד, האָט ער צוגערופן צו זיך אַרקאַדן און אים אויסגעשטרעקט דעם פאַרוואונדעטן אָרעם. און ווען דער זיגער, אַ באַטריבטער פון זיין זיג, איז צוגעקומען נאָענט צו אים, האָט מאָריס אים צאַרט אַרומגענומען און געזאָגט:

— זיי גרויסמוטיק, אַרקאַד, פאַרגיב מיר דיין פּאַראַט. איצט, ווען מיר האָבן זיך געהאַט געשלאָגן, קאָן איך דיך בעטן, דו זאָלסט מיט מיר ווערן שלום.

ער האָט, וויינענדיק, אַרומגענומען זיין פריינט און אים איינגעדרוימט אויפן אויער:

— קום מיך זען און ברענג מיט זשילבערט.

נאָך אַלץ אַ צעקריגטער מיט זיינע עלטערן, האָט מאָריס זיך געהייסן אוועקפירן אין דער קליינער וואוינונג אויף רו דע ראָם.

ווי נאָר ער האָט זיך געהאַט אויסגעצויגן אויף זיין בעט, אין הינטערגרונד פון שלאָפצימער, וואו די פאַרהאַנגען זענען געווען אַרויפגעצויגן, פונקט ווי אין דעם מאָמענט פון דער אַנטפּלעקונג, אַזוי האָט ער דערזען פאַר זיך אַרקאַדן און זשילבערט. ער האָט אָנגעהויבן שטאַרק ליידן פון זיין וואונד, זיין טעמפּעראַטור האָט זיך געהויבן, דאָך איז ער געווען רואיק, צופרידן, גליקלעך. דער מלאך און די פרוי האָבן מיט טרערן אין די אויגן זיך אַ וואַרף געטון צופוסנס פון בעט. ער האָט פאַראייניקט זייערע הענט מיט זיין לינקער האַנט, האָט געשמייכלט צו זיי, האָט יעדערן פון זיי געגעבן אַ צאַרטן קוש:

— איצט בין איך זיכער, אַז איך וועל מער מיט אייך ביידן זיך ניט קריגן. איר וועט מיך מער ניט אָפּנאַרן. איך ווייס, אַז איר זענט אויף אַלצדינג פיייִק.

זשילבערט, אַ פאַרוויינטע, האָט זיך געשוואוירן פאַר מאָריסן, אַז ער איז געווען פאַרפירט געוואָרן פון פאַלשע אָפּדוקעניישן, אַז זי האָט אים ניט געהאַט אָפּגענאַרט מיט אַרקאַדן, אַז זי האָט אים קיינמאָל ניט געהאַט אָפּגענאַרט. און אין גרויסן אָנפלייץ פון אויפריכטיקייט האָט זי אַליין גענומען גלויבן אין דעם.

— דו טוסט זיך אַליין אומרעכט, זשילבערט, — האָט דער פאַרוואונדעטער איר געענטפערט, — עס איז יאָ געשען. און אַזוי האָט עס באַדאַרפט צו זיין, און עס איז גוט, וואָס עס איז געווען. זשילבערט, האָסט געהאַט רעכט מיך אָפּצונאַרן אויף אַ געמיינעם אופן מיט מיין בעסטן פריינט, אין אָט־דעם צימער. ווען דו וואָלסט עס ניט געטון, וואָלטן מיר איצט ניט געווען דאָ פאַראייניקט אַלע דריי און איך וואָלט ניט געווען אַדורכגעלעבט די גרעסטע פרייד פון

מיין לעבן. אָ, זשילבערט, ווי אומגערעכט דו ביסט צו פארלייקענען זאכן, וואָס זענען אן אבסאָלוטער פאקט!

— אויב דו ווילסט אזוי, מיין פריינט, — האָט זשילבערט ארויסגעזאגט אביסל ביטערלעך, — וועל איך דאָס ניט אָפּלייקענען. איך טו עס אבער נאָר כדי דיר צוליב צו טון.

מאָריס האָט איר געהייסן זיך זעצן לעבן אים אויפן בעט און געבעטן ארקאדן אוועקצוזעצן זיך אין דער געבעטער שטול.

— מיין פריינט, — האָט ארקאד געזאגט, — איך בין געווען אומשולדיק. איך בין געוואָרן אַ מענטש. בין תיכּף באגאנגען אן עוולה און אזוי ארום האָב איך זיך אויסגעבעסערט.

לאָמיר גארנישט איבערטרייבן, — האָט מאָריס געזאגט, — לאָמיר בעסער שפּילן ברידזש.

ווי אָבער דער חולה האָט נאָר געהאט דערזען דריי טייז אין זיין בלאט און געמאָלדן, אז ער האָט ניט קיין טרומף, אזוי האָט אים גענומען שווינדלען פאר די אויגן; די קאָרטן זענען אים ארויסגעפאלן פון די הענט, זיין באשווערטער קאָפּ איז צוריקגעפאלן אויפן קישן און ער האָט גענומען זיך באקלאָגן אויף אַ שטארקן קאָפּווייטיק. מאדאם דעזאָבעל איז כמעט באלד נאָך דעם אוועק צו מאכן וויזיטן; זי האָט געהאלטן פאַר נויטיק זיך צו ווייזן אין געזעלשאפט, כדי מיט איר זיכערער און רואיקער האלטונג אָפּצולייקענען די קלאנגען, וואָס האָבן זיך געהאט פארשפּרייט וועגן איר. ארקאד האָט זי באלייט ביז צו דער טיר און מיט אַ קוש אריינגעאָטעמט אין זיך איר דופטי־קייט, וואָס ער האָט זי באלד צוריק אריינגעבראכט אין צימער, וואו מאָריס איז געלעגן פארזונקען אין אַ דרימל.

— איך בין זייער צופרידן, — האָט מאָריס ארויסגעמורמלט, — וואָס אלץ האָט זיך אזוי אויסגעלאָזט.

— דאָס, וואָס עס איז געשען, האָט באדארפט געשען, — האָט דער גייסט געענטפערט, — אלע אנדערע מלאכים, ווידערשפּעניקע אזוי ווי איך, וואָלטן געטון מיט זשילבערט דאָס אייגענע, וואָס איך. „די פרויען, — זאָגט דער אַפּאָסטל, — דארפן גאָט בעטן מיט צוגע־דעקטע קעפּ, פון וועגן די מלאכים". און דער אַפּאָסטל רעדט אזוי, ווייל ער ווייס, אז די מלאכים ווערן מבולבל, ווען זיי דערזעען שיינע

פרויען. ווי נאָר זיי רירן אָן די ערד, אזוי באקומען זיי א באַגער און זיי טוען לאַבן די שטערבלעכע פרויען. זייער דרוק איז פול מיט קראַפט און זיסקייט; זיי ווייסן דעם סוד פון יענע אומבאַשרייבלעכע צערטלעכקייטן, וואָס וואַרפן אריין די טעכטער פון די מענטשן אין אָפּגרונטן פון תאווה. זיי לייגן אויף די ליפּן פון זייערע גליקלעכע קרבנות א בראַנדיקן האָניק, לאָזן לאַנג פליסן אין זייערע אָדערן פלאַמיקע שטראָמען, וואָס ברענגען דערפרישונג, און לאָזן זיי איבער, אויסגעשעפּטע און פארצויבערטע.

— לאָז מיך געמאך, דו שמוציקע חיה! — האָט דער פארוואונדעטער אויסגעשריגן.

— נאָך איין וואָרט, — האָט דער מלאך געזאָגט, — איין איינציק וואָרט, מיין טייערער מאָריס, כדי זיך צו פארענטפערן, און איך וועל דיך דערנאָך לאָזן רואיק ליגן. עס איז ניטאָ קיין בעסערע זאך, ווי גוטע רעפערענץ־ביכער. כדי דו זאָלסט זיין זיכער, אז איך נאַר דיך ניט, מאָריס, זע נאָך מכוח דעם ליבן זיך פון מלאכים און פרויען: יוסטין, „אַפּאָלאָגיעס", 1 און 2; פלאַוויוס יאָזעפוס, „אידישע אנטיקייטן", בוך 1, קאַפּיטל 3; אַטענאַגאָראַס, „וועגן תחיית המתים", לאַקטאַנטיוס, בוך 2, קאַפּיטל 15; טערטוליאַן, „וועגן דעם דעקטוך פון די יונגפרויען"; מאַקום פון עפעזוס, אין „פּסעלוס"; אייזעביוס, „עוואַנגעלישע הכנה", בוך 5, קאַפּיטל 4; הייליקער אַבמראָזיוס, אין דעם בוך „נח און די תיבה", קאַפּיטל 5; הייליקער אַווגוסטין, „די שטאָט פון גאָט", בוך 15, קאַפּיטל 23; פּאַטער מעלדאָנאָ, דער יעזואיט, „אָפּהאַנדלונג וועגן דעמאָנס", זייט 218; פּיער לעביע, קיניגלעכער ראַטגעבער...

— ארקאד, האָב רחמנות! שווייג! שווייג! און טרייב ארויס אָט־דעם הונט פון דאַנען, — האָט מאָריס אויסגעשריגן.

דאָס פּנים רויט־אָנגעצונדן, די אויגן אויסגעשטאַרצט, האָט מאָריסן אין היץ זיך אָפּגעדאַכט, אז ער זעט אויף זיין בעט א שוואַרצן וואַכטל־הונט.

מאַדאַם דע לאַ ווערדעליער, וועלכע האָט געהאַט א האַנט אין יעדער עלעגאַנטער אריסטאָקראַטישער און פּאַטריאָטישער אונטערנעמונג, האָט זיך גערעכנט צווישן די באַרעמהאַרציקסטע קראַנקען־

שוועסטער פון דער הויכער פראנצויזישער געזעלשאפט. זי איז אליין געקומען אויסצוגעפינען די נייס ביי מאַריסן און זיך אָנגעבאָטן צו פארבלייבן מיטן פארוואונדעטן. אָבער ארקאַד, אונטער דער דרינג־לעכער אויפפאָדערונג פון מאדאם דעזאָבעל, האָט פארהאַקט די טיר גלייך איר אין פנים אריין. אויסדריקן פון סימפאטיע האָבן גע־האלטן אין איין פלייצן צו מאַריסן. צוזאמענגעוואָרפן אויף א טעצל, האָבן די וויזיט־קארטלעך אים געוויזן זייערע אומציילִיקע פאר־בויגענע ווינקלען. מאַסיע לע טריוק דע ריופעק האָט פון די ערשטע געבראכט אין דער וואוינונג פון רו דע ראָם דעם אויסדרוק פון זיין מענערישער סימפאטיע, און אויסציענדיק זיין לאַיאלע האנט, האָט ער ווי אַן ערן־מאַן ביי אַן ערן־מאַן געבעטן ביים יונגן ד'עספאַרוויעי פינף־און־צוואנציק לואידאָרן אויף צו באַצאָלן אַן ערן־חוב.

— אוודאי, מיין טייערער מאַריס, דאָס זענען טובות, וואָס ניט ביי יעדן איינעם קאָן מען זיי בעטן!

אין דעמזעלביקן טאָג איז מאַסיע גאעטאַן געקומען דריקן זיין פלימעניק די האנט. מאַריס האָט פאר אים פארגעשטעלט ארקאַדן.

— דאָס איז מיין שוץ־מאלך, וואָס איר, פעטער, האָט געהאלטן, אַז ער האָט א זייער שיינעם פוס, ווען איר האָט געהאט דערזען דעם אָפּדרוק פון זיינע טריט אויף דעם מסורדיקן טאַלק־פּודער. ער האָט זיך צו מיר באוויזן פאראיאָרן, טאַקע אין אָט־דעם צימער... איר גלויבט עס ניט? עס איז אבער אַן אמת!

און ווענדנדיק זיך צום גייסט:

— וואָס זאָגסטו דערויף, ארקאַד? דער גייסטלעכער פּאטוי, וואָס איז א גרויסער טעאָלאָג און א גוטער פּריסטער, גלויבט ניט, אַז דו ביסט א מלאך; און מיין פעטער גאַעטאַן, וואָס ווייס ניט זיין קאַטעכיזם און איז אינגאנצן ווייט פון רעליגיע, גלויבט אויך ניט אין דעם. זיי פארלייקענען דיך ביידע: איינער דערפאר, ווייל ער האָט א גלויבן, דער אנדערער דערפאר, ווייל ער האָט אים ניט. מען קאָן נאָך דעם זיין זיכער, אַז דיין געשיכטע, אויב מען וועט זי אַמאָל דערציילן, וועט קוים אויסזען צו זיין באַגלויבט. איבעריקנס, דער, וואָס עס וועט אים איינפאלן צו דערציילן אָט־די געשיכטע, וועט ניט זיין קיין מענטש פון גוטן געשמאַק און וועט קיין פיל

אַנערקענונג דערפאר ניט קריגן: זי איז ניט קיין שיינע, די געשיכטע דיינע! איך האָב דיך ליב, איך בין אָבער דיין ריכטער. זינט דו ביסט אריינגעפאלן אין אַטעאיזם, ביסטו געווארן א געמיי־נער אויסוואורף. א שלעכטער מלאך, א שלעכטער פריינט, א פארעטער, א מערדער. איך רעכן, אז דו האָסט געהאַט בדעה מיך צו טויטן, ווען דו האָסט אין גאָרטן אפגעלאָזן דעם שווארצן וואכטל־הונט, ער זאָל זיך מיר אריינפלאָנטערן צווישן די פיס.

דער מלאך האָט אַ צי געטון מיט די אַקסל און זיך געווענדט צו גאַעטאַנען:

— אך, מאַסיע, — האָט ער געזאָגט, — איך בין גארנישט איבערראשט צו געפינען ביי אייך אזוי וויניק קרעדיט: מען האָט מיר געזאָגט, אז איר זענט ניט שווה־בשווה מיטן אידיש־קריסטלעכן הימל, פון וואנען איך שטאַם.

— מאַסיע, — האָט גאַעטאַן געענטפערט, — איך גלויב ניט גענוג אין יעהאָוואַן, אז איך זאָל נאָך גלויבן אין זיינע מלאכים.

— מאַסיע, דער, וואָס איר רופט אים יעהאָוואַ, איז אין דער אמתן אַ גראָבער און אומוויסנדיקער דעמיאורג, וואָס זיין נאָמען איז יאַלדאַבאַאָט.

— אויב אַזוי, מאַסיע, בין איך דורכאויס גרייט צו גלויבן אין אים. קוים איז ער אומוויסנדיק און באשרענקט, שטעלט זיין עקזיסטענץ מער ניט פאַר פאַר מיר קיין שוועריקייט. ווי גייט עס אים?

— שלים! דעם קומענדיקן חודש גרייטן מיר זיך אים ארונ־טערצוּוואָרפן.

— רעדט זיך ניט איין, מאַסיע. איר דערמאָנט מיר אָן מיין שוואָגער קוויסאַר, וואָס זינט דרייסיק יאָר ריכט ער זיך יעדן פרימאָרגן צו הערן, אַז די רעפּובליק איז געפאַלן...

— זעסטו, אַרקאַד, — האָט מאָרים אויסגערופן, — מיין פעטער גאַעטאַן האַלט זיך ביי דערזעלביקער מיינונג, וואָס איך. ער וויים, אַז עס וועט זיך דיר ניט איינגעבן.

— און פארוואָס, זאָגט מיר, מאַסיע גאַעטאַן, רעכנט איר, אַז עס וועט זיך מיר ניט איינגעבן?

— אייער יאלדאבאאט איז נאך זייער שטארק אין דער וועלט, אויב ניט אין יענער. אמאל פלעג ער אונטערגעהאלטן ווערן פון זיינע פריסטער, פון די, וואס האבן געגלויבט אין אים. היינט ווערט ער געשטיצט פון די, וואס גלויבן ניט אין אים, פון די פילאזאפן. אנומעלטן האט זיך געפונען א פעדאנט, מיטן נאמען פיקראשאל, וואס האט געוואלט ברענגען די וויסנשאפט צו באנקראט, כדי צו פארבעסערן די געשעפטן פון דער קירך. און אט ערשט די טעג האט מען אויסגעפונען דעם פראגמאטיזם, וואס זיין ציל איז אן ספק צו געווינען קרעדיט פאר דער רעליגיע ביי די סאציאליסטיש־דענקענדיקע מענטשן.

— איר האט געהאט שטודירט דעם פראגמאטיזם?

— קאנט איר דאס אויף מיר גלויבן? אמאל בין איך געווען לייבטזיניק און האב זיך פארנומען מיט מעטאפיזיקע. איך האב געלייענט העגעלן און קאנטן. מיט די יארן בין איך אבער געווארן ערנסט און פארנעם זיך ניט מער ווי נאר מיט ממשותדיקייטן, מיט דעם, וואס דאס אויג אדער דער אויער קאנען אויפנעמען. די קונסט — דאס איז דער גאנצער מענטש. דאס איבעריקע איז ניט מער ווי א חלום.

דער שמועס האט זיך אזוי פארצויגן ביז אין אוונט אריין און עס איז דארט ארויסגעזאגט געווארן נבול־פה, פון וועלכער עס וואלט רויט געווארן ניט נאר א קיראסיר, וואס דאס איז ניט פיל געזאגט, ווייל קיראסירן זענען אפטמאל צניעותדיק, נאר אפילו א פאריזערין.

מאסיע סאריעט איז געקומען זען זיין אמאליקן תלמיד. ווען ער איז אריין אין צימער, האט דער ביוסט פון אלעקסאנדער ד׳עספארוויעי זיך באוויזן איבער דעם ביבליאטעקארס נאקעטן שארבן. ער איז צוגעקומען נעענטער צום בעט. די בלויע פאר־האנגען, די גלעזערנע שאפע, דער קאמין זענען תיכף פארביטן געווארן אויף די ביכער־שראנקען פון דעם זאל פון די ביוסטן און גלאבוסן און דער חלל גלייך איבערגעפילט מיט קארטאנענע קעסט־לעך, פאפירן און צעטעלעך. מאסיע סאריעט האט זיך ניט געהאט געענוג אפגעשיידט פון זיין ביבליאטעק, אז מען זאל זיך אים קאנען

פאַרשטעלן אָדער זען אַן איר. ער אַליין איז געווען בלייכער, אומפאַרביקער, אומדייטלעכער, אוממממשותדיקער, ווי די פאַרשטע־לונגען, וואָס ער האָט געהאַט אַרויסגערופן.

מאָרים, איצט אַ זייער גוטמוטיקער, איז געווען גערירט פון אַט־דעם סימן פון פריינטשאַפט.

— זעצט זיך, מאָסיע סאַריעט, איר קענט מאַדאַם דעזאָבעל.

באַקענט זיך מיט אַרקאַדן, מיין שוץ־מלאך. דאָס האָט ער, בעת ער איז נאָך געווען אַן אינו־נראה, געפּלינדערט אין לויף פון צוויי יאָר צייט אייער ביבליאָטעק, אַוועקגענומען פון אייך דעם אַפּעטיט צו עסן און צו טרינקען און אייך שיר ניט אַרונטערגעפירט פון זינען. דאָס האָט ער פון דעם זאַל פון די גלאָבוסן אַריבערגעפירט צו מיר אין פּאַוויליאָן אַריין הורבעס אַלטע ביכער. איינמאָל האָט ער אונטער אייער נאָז אַוועקגענומען עפּעס אַ ווערטפולן באַנד און איז געווען די סיבה פון אייער אַנידערפאַלן אויף די שטיגן. אַן אַנדער טאָג האָט ער ביי אייך אַוועקגענומען אַ בראָשורע פון מאָסיע סאַלאָמאָן רייגאַך; געצוואונגען אַרויסצוגיין אינאיינעם מיט מיר (ווייל ער האָט מיך קיינמאָל ניט פאַרלאָזן, ווי איך האָב זיך שפּעטער געהאַט דערוואוסט), האָט ער אַריינגעוואָרפן די בראָשורע אין רינשטאָק פון רו פּרענסעם. אַנטשולדיקט אים, מאָסיע סאַריעט, ער האָט דעמאָלט ניט געהאַט קיין קעשענעס. ער איז געווען אַן אינו־נראה. עס טוט מיר הארציק באַנג, מאָסיע סאַריעט, וואָס אַלע אייערע אַלטע ביכער זענען ניט פאַרצערט געוואָרן פון אַ פייער אָדער פאַרפלייצט געוואָרן אין אַ פאַרפלייצעניש. דורך זיי האָט עס מיין מלאך פאַרלוירן דעם קאָפּ: ער איז געוואָרן אַ מענטש און איז איצט ניט צו גאָט און ניט צו לייטן. איצט בין איך גאָר זיין שוץ־מלאך, און איין גאָט ווייס, מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיקן.

מאָסיע סאַריעט האָט אַלץ אויסגעהערט און זיין געזיכט האָט בעת מעשה אויסגעדריקט אַ טרויער, וואָס איז געווען אָן אַ סוף און אָן אַ גרונט, דעם טרויער פון אַ מומיע. ווען ער האָט זיך אויפגעהויבן אויף אַוועקצוגיין, האָט דער עלנדער ביבליאָטעקאַר איינגערוימט אַרקאַדן אויפן אויער:

— דאָס קינד, נעבעך, איז שטאַרק קראַנק. ער רעדט פון היץ. מאָרים האָט דעם אַלטן צוריקגערופן:

— פאַרבלייבט נאָך דאָ, מאָסיע סאַריעט. אירט שפּילן מיט אונז אין ברידזש. מאָסיע סאַריעט, הערט אויס מיין עצה. טוט ניט נאָך מיין ביישפּיל, קומט זיך ניט צונויף מיט שלעכטע חברים. אירט אומקומען. מאָסיע סאַריעט, גייט נאָך ניט אַוועק פון דאַנען, איך וויל ביי אייך בעטן אַ זייער וויכטיקע זאַך: ווען איר וועט נאָכאַמאָל קומען מיך זען, ברענגט מיר אַ בוך וועגן דעם אמת פון רעליגיע, איך וויל עס שטודירן. איך מוז צוריקגעבן מיין שוץ־מלאך דעם גלויבן, וואָס ער האָט פאַרלוירן.

קאַפּיטל איין־און־דרייסיק

וואו מען וואונדערט זיך, מיט וואָסער לייכטקייט אַ מענטש, וואָס איז בטבע ערלער, שרעקעדיק און מילד, קאָן באַגיין אַ שווידערלעך פאַרברעכן.

אַ טיף־באַטריבטער פון דעם יונגן מאַריסעס אומקלאָרע רייד, האָט מאַסיע סאַריעט גענומען אַן אָמניבוס און זיך געלאָזט פאָרן צו פּאָטער גינאַרדאָן, צו זיין פריינט, צו זיין איין־און־איינציקן פריינט, צו דעם איינציקן מענטשן אויף דער וועלט, וואָס ער האָט מיט פאַרגעניגן אים געוואָלט זען און הערן ריידן. ווען מאַסיע סאַריעט איז אריינגעקומען אין דער קראָם אויף רו דע קורסעל, האָט ער דאָרט געהאַט געטראָפן פּאָטער גינאַרדאָנען אַליין, דרימלענדיק אין דער טיפעניש פון א פאַר־צייטיקער פאָטער־שטול. זיין געזיכט, אין מיטן די געלאָקטע האָר און דער רייך־צעבליטער באָרד, איז געווען צונטערדיק רויט; וויאָלעטע אָדערלעך האָבן ארומגעוועבט די פליגל פון זיין נאָז, וואָס דער וויין פון בורגאָנדיע האָט זי געפאַרבט אין פּירפּל־רויט, ניט צו לאָזן מער האַלטן בסוד, אז פּאָטער גינאַרדאָן האָט ליב געהאַט צו טרינקען. א פּאָר טריט פון אים, אויפן ארבעט־טיש פון דער יונגער אָקטאַוויע, האָט א רויז שוין געהאַט אָפּגעוועלקט אין אן אויסגעטריקנעטער וואַזע, און איבערגעריסן אין מיטן דער ארבעט, איז געלעגן אין אַ קערבל אָקטאַוויעס אויסנייעכץ. די יונגע אָקטאַוויע פלעג אַלץ אָפטער און אָפטער פאַרלאָזן די קראָם און מאַסיע בלאַנקמעניל פלעג אהין קיינמאָל ניט קומען, ווען זי איז ניט געווען אין דער היים. די סיבה דערפון איז געווען, וואָס זיי פלעגן דריי מאָל א וואָך, פינף אזייגער פאַרנאַכט, זיך צוזאַמענקומען אין אַ האָטעל, לעבן די עליזייער פעלדער. פּאָטער גינאַרדאָן האָט דערפון גאָרנישט ניט געוואוסט. ער האָט ניט געהאַט געוואוסט פון זיין גאַנצן אומגליק, דאָך האָט ער געליטן.

מאַסיע סאַריעט האָט געדריקט זיין אַלטן פריינט די האַנט. ער

האָט זיך ניט נאָכגעפרעגט אויף דער יונגער אַקטאַוויע, ווייל ער האָט ניט אָנערקענט דעם בונד, וואָס האָט זיי פאַראייניקט. ער וואָלט ליבערשט געריעדט פון זעפירען, וואָס איז אַזוי אַכזרותדיק פארלאָזן געוואָרן און וואָס ער האָט געוואונטשן, אַז דער אַלטער זאָל זי מאַכן פאַר זיין געזעצלעך ווייב. אָבער מאַסיע סאַריעט האָט געהאַט שכל. ער האָט זיך באַנוגנט צו פרעגן גינאַרדאָנען, וואָס ער אַליין מאַכט.

— גרויסאַרטיק, — האָט גינאַרדאָן געענטפערט, כאָטש אין דער אמתן האָט ער זיך געפילט ניט מיט אַלעמען און נאָר געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער איז נאָך אַלץ אַזוי געזונט און אַזוי שטאַרק ווי געווען, — איך האָב, גאָט צו דאַנקען, דערהאַלטן די כוחות פון קערפּער און פון גייסט. איך לעב אַ ריין לעבן. לעבט ריין, סאַריעט. די, וואָס פירן אַ ריין לעבן, זענען שטאַרק.

פאָטער גינאַרדאָן האָט יענעם אָוונט געהאַט אַרויסגענומען פון דעם קאָמאָד פון וויאָלעטן־האַלץ עטלעכע ווערטפולע ביכער, כדי זיי צו ווייזן אַן אַנגעזעענעם ביבליאָפיל, מאַסיע וויקטאָר מייער, און נאָכדעם ווי אָט־דער קליענט איז געווען אַוועק, איז דער אַלטער איינגעשלאָפן, ניט צוריקצולייגן זיי אויף זייער פלאַץ. מאַסיע סאַריעט, וועלכער האָט ניט געקאָנט ביישטיין דעם רייץ פון ביכער, האָט געהאַט דערזען אָט־די ביכער אויפן מירמלשטיין פון קאָמאָד און זיי גענומען נייגיריק אַדורכקוקן. דאָס ערשטע בוך, וואָס ער האָט אַדורכגעבלעטערט, איז געווען וואָלטערס „יונגפרוי", געבונדן אין מאַראָקאָ־לעדער, מיט דעם ענגלישן המשך. אוודאי איז זיין פּראָנצוייזישן און קריסטלעכן הארץ ניט צוגעקומען קיין געזונט פון באַוואונדערן אָט־דעם טעקסט און אָט־די אילוסטראַציעס, אָבער אַ שיינער עקזעמפּליאַר האָט אים שטענדיק אויסגעזען צו זיין טוגנד־האַפטיק און ריין. ריידנדיק אַלץ זייער ליבלעך מיט פאָטער גינאַרדאָן, האָט ער איינס נאָך איינס גענומען אין האַנט אַריין די ביכער, וואָס דער אַנטיקוואַר האָט זיי געהאַט אָפּגעשעצט צוליב דעם איינבאַנד, די אילוסטראַציעס, דעם אָפּשטאַם אָדער דער זעלטנקייט, ערשט מיטאַמאָל האָט ער אַרויסגעלאָזן אַ באַגייסטערטן אויסגעשריי פון פרייד און פון ליבע. ער האָט געהאַט צוריקגעפונען

דעם „לוקרעציוס" פון דעם פריאָר פון וואַנדאָם, זיין „לוקרעציוס", און ער האָט אים געדריקט צום האַרצן.

— ענדלעך זע איך אים ווידער, — האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט אַ זיפץ, צוטראָגנדיק דאָס בוך צו די ליפּן.

פּאָטער גינאַרדאָן האָט לכתחילה ניט אינגאַנצן פאַרשטאַנען, וואָס זיין אַלטער פריינט האָט דערמיט געמיינט; ווען אָבער יענער האָט אים געהאַט דערקלערט, אַז דאָס דאָזיקע בוך געהער צו דער ביבליאָטעק פון די ד'עספּאַרוויעס, אַז דאָס דאָזיקע בוך איז זיינס, סאַריעטס, און אַז ער וועט עס פּראָסט און פּשוט אַוועקנעמען, האָט דער אַנטיקוואַר, אינגאַנצן אַן אויפגעוואַכטער, זיך אויפגעשטעלט און אים קלאָר געמאַכט דעם ענין, אַז דאָס בוך איז זיינס, גינאַרדאָנס, אַז ער האָט אים געהאַט ריכטיק און געהעריק אָפּגעקויפט און אַז ער וועט אים ניט אַוועקגעבן פאַר ווייניקער ווי פינף טויזנט פראַנק במזומנים.

— איך פאַרשטיי ניט, וואָס איך זאָג אייך, — האָט סאַריעט געענטפערט, — דאָס דאָזיקע בוך געהער צו דער ביבליאָטעק פון די ד'עספּאַרוויעס און איך מוז עס אַהין צוריקברענגען.

— „ניט דאָס, האַרץ מיינס..."

— עס איז מיין בוך.

— איר זענט חסר־דעה, מיין גוטער סאַריעט.

ווען גינאַרדאָן האָט באַמערקט, אַז דער ביבליאָטעקאַר האָט אויף אַ רעכטן אמת אויסגעזען צעטראָגן, האָט ער אַוועקגענומען דאָס בוך פון זיינע הענט און געפּרואווט אָפּווענדן דעם שמועס אין אַן אַנדער ריכטונג.

— האָט איר, סאַריעט, געזען, אַז די שווינען קלייבן זיך פונאַנדערצונעמען דעם מאַזאַרין־פּאַלאַץ און צו באַדעקן דער רוח ווייס מיט וואָסערע קונסטווערק דעם צענטער פון דער שטאָט, דעם שענסטן און חשובסטן פּלאַץ פון פּאַריז? זיי זענען נאָך ערגער פון די וואַנדאַלן: די וואַנדאַלן האָבן חרוב געמאַכט די מאָנומענטן פון דער אַנטיקער צייט, זיי האָבן זיי אָבער ניט פאַרביטן אויף מיאוסע געביידעס און אויף בריקן אין אַ שענדלעכן סטיל, ווי די בריק פון אַלעקסאַנדער דעם דריטן. אויך אייער אָרעמע רו גאַראַנסיער איז

געוואָרן צום רויב פון די באַרבאַרן. וואָס האָבן זיי געטון מיט דער שיינער בראָנזענער מאַסקע פון דעם פּאַלאַץ־פאָנטאַן?

מאָסיע סאַריעט האָט אָבער גאָרנישט ניט געהערט.

— גינאַרדאָן, איר האָט מיך ניט פאַרשטאַנען. הערט מיך אויס. דאָס דאָזיקע בוך געהער צו דער ביבליאָטעק פון די ד׳עספּאַרוויעס. עס איז פון דאָרט אַוועקגענומען געוואָרן. ווי אַזוי? פון וועמען? דאָס ווייס איך ניט. עס זענען אין דער ביבליאָטעק פאָרגעקומען שרעקלעכע און מיסטעריעזע זאַכן. קורץ, דאָס בוך איז צוגעגנבעט געוואָרן. מוז איך דען, מיין גוטער פריינט, זיך ווענדן צו אייער געפיל פון דער שטרענגסטער ערלעכקייט? איר ווילט דאָך ניט אָנגענומען ווערן פאַר אַ סוחר פון געגנבעטע זאַכן. גיט מיר אַוועק דאָס בוך. איך וועל עס אומקערן צוריק צו מאָסיע ד׳עספּאַרוויעי, וועלכער וועט אייך אָן שום ספק דערפאַר גוט באַלוינען. פאַרלאָזט זיך אויף זיין גרויסמוט און האַנדלט, ווי עס פּאַסט פאַר אַ פיינעם מענטשן ווי איר.

דער אַנטיקוואַר האָט געשמייכלט מיט אַ ביטערן שמייכל.

— איך זאָל זיך עס פאַרלאָזן אויף דעם גרויסמוט פון אָט־דעם אַלטן קמצן ד׳עספּאַרוויעי, וועלכער וואָלט בדאַי אָפּגעשונדן אַ פליי צו קריגן איר פעל! קוקט מיך אָן, מיין גוטער סאַריעט, און זאָגט מיר, צי זע איך אויס ווי אַ תם. איר ווייסט גאַנץ גוט, אַז ד׳עספּאַר־וויעי האָט זיך אָפּגעזאָגט צו באַצאָלן אַ טאַנדעט־הענדלער פופציק פראַנק פאַר אַ פּאָרטרעט פון זיין עלטער־זיידן אַלעקסאַנדער ד׳עס־פּאַרוויעי, געמאָלט פון הערסאַן, און אַז אָט־דער עלטער־זיידע איז עד־היום פאַרבליבן אויף דעם בולוואַר מאָנפּאַרנאַס, קעגנאיבער דעם בית־עולם, אויף דעם געשטעל פון אַ אידישן קרעמער, וואו אַלע הינט פון קוואַרטל קומען אויף אים משתין צו זיין... איך זאָל זיך עס פאַרלאָזן אויף דעם גרויסמוט פון מאָסיע ד׳עספּאַרוויעי!... אָן איינפאַל אַבּיסל!...

— נו, גוט, גינאַרדאָן, איך נעם זיך אונטער צו באַצאָלן אייך אַליין די באַלוינונג, וואָס מענטשן וועלן צופּסקנען. איר הערט?

— זייט ניט צו גוט מיט אומדאַנקבאַרע לייט, מיין גוטער סאַריעט. אָט־דער ד׳עספּאַרוויעי האָט אַוועקגענומען אייער וויסן,

אייער מי, אייער גאַנץ לעבן פאַר אַ געהאַלט, וואָס אַפילו אַ משרת וואָלט זיך דערפון אָפּגעזאָגט. לאָזט עס געמאַך... איבעריקס, עס איז צו שפּעט. דאָס בוך איז פאַרקויפט...

— פאַרקויפט?... וועמען?... — האָט סאַריעט געפרעגט מיט אַנגסט.

— וואָס גייט עס אייך אָן? איר וועט עס מער ניט אָנקוקן; איר וועט מער דערפון ניט הערן ריידן. עס ווערט אַוועקגעפירט קיין אַמעריקע.

— קיין אַמעריקע? דער „לוקרעציוס" פון פיליפּ דע וואַנדאָם, מיט די אָנמערקונגען אין וואָלטערס האַנטשריפט, מיין „לוקרע-ציוס" — קיין אַמעריקע!

פּאָטער גינאַרדאָן האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— מיין גוטער סאַריעט, איר דערמאָנט מיר אָן דעם ריטער פון גריעי, ווען ער דערוויסט זיך, אַז זיין האַרץ-געליבטע וועט אַרי-בערגעפירט ווערן קיין מיסיסיפּי. „מיין האַרץ-געליבטע קיין מיסיסיפּי!..."

— ניין, — האָט מאָסיע סאַריעט, אַ בלייך-געוואָרענער, געענטפערט, — ניין, דאָס דאָזיקע בוך וועט ניט אַוועקגעפירט ווערן קיין אַמעריקע. עס וועט, ווי עס געהער צו זיין, צוריק אָנקומען אין דער ביבליאָטעק פון די ד'עספּאַרוויעס. גיט עס מיר אַוועק, גינאַרדאָן.

דער אַנטיקוואַר האָט צום צווייטן מאָל געוואָלט מאַכן אַ סוף צו דעם שמועס, וואָס האָט אויסגעזען אָנצונעמען אַ שלעכטע ווענדונג.

— מיין גוטער סאַריעט, איר זאָגט מיר גאָרנישט וועגן מיין גרעקאָ. איר קוקט אים אפילו ניט אָן. עס איז דאָך אַ וואונדערלעך ווערק.

און אַוועקשטעלנדיק דאָס בילד אונטער אַ בעסערן ליכט, האָט גינאַרדאָן גערעדט ווייטער:

— איר זעט אָט-דעם הייליקן פראַנציס, גאָטס אָרעמאַן, יעזוסעס ברודער, זיין סאַזשעדיקער קערפּער הויבט זיך אַרויף צום הימל ווי דער רויך פון אַ קרבן, וואָס איז אָנגענעם צו גאָט, ווי הבלס קרבן.

— דאָס בוך, גינארדאָן, — האָט סאריעט געזאגט, ניט אויס־צודרייען דעם קאָפּ, — גיט מיר אוועק דאָס בוך.

דאָס בלוט האָט מיטאמאָל א זעץ געטון פאָטער גינארדאָנען אין קאָפּ אריין. אָן אנגעצונדענער, די אָדערן אויפן שטערן אויפגעלאָפן, האָט ער אויסגעשריגן:

— גענוג שוין וועגן דעם צו ריידן!

און ער האָט אריינגעלייגט דעם „לוקרעציוס" אין קעשענע פון זיין ראָק.

דער אַלטער סאריעט האָט גלייך זיך געטון א לאָז צו צום אנטיקוואר און איז אים באפאלן מיט אומגעריכטער רציחה; אזא חלוש ווי ער איז געווען, האָט ער דעם קרעפטיקן גינארדאָנען דאָך אראָפּגעזעצט אין דער יונגער אָקטאוויעס געבעטער שטול.

גינאַרדאָן, א ווילד־צעטראָגענער, האָט אויסגעבאטלט די שרעק־לעכסטע זידלערייי אויף דעם אַלטן עובר־בטל און מיט א זעץ פון פויסט אים אפגעשטופּט פון זיך אויף פיר שפּאַן, ארויפשמייסנדיק אויף דער „קרוינונג פון דער יונגפרוי", אויף פרא אנדזשעליקאָס קונסטווערק, וואָס איז אומגעפאלן מיט א קראך. סאריעט איז געקור־מען צוריק און געוואָלט ארויסשלעפּן דאָס בוך פון דער קעשענע, וואו עס איז געווען באהאלטן. פאָטער גינארדאָן וואָלט דאסמאָל אים געווען געממיתט, ווען ער וואָלט, א בלינד־געוואָרענער פון דעם בלוט, וואָס האָט אים געהאט א זעץ געטון אין קאָפּ אריין, ניט געווען זיך אָפּשלאָגן מיט דער זייט אָן אקטאוויעס ארבעט־טיש. סאריעט האָט זיך איינגעקלאָמערט אין דעם צעטומלטן קעגנער, האָט אים פעסט איינגעהאלטן אין דער ווייכער שטול און מיט זיינע קליינע ביינער־דיקע הענט אים צוגעדריקט דעם האלז, וואָס שוין אזוי אויך א רויטער, איז ער איצט געוואָרן צונטערדיק אָנגעצונדן. גינארדאָן האָט זיך געהאט אָנגעטון א כוח זיך לויז צו מאכן; אָבער די קליינע פינגער האָבן דערפילט דאָס ווייכע און ווארעמע פלייש און זיך איינ־געגראָבן אין דעם מיט ווילדער הנאה. אָן אומבאוואוסטער כוח האָט זיי געהאלטן אָנגעבונדן אָן זייער קרבן. גינארדאָן האָט געבארכלט, א שוים האָט אים גערונען ארונטער פון א מויל־ווינקל. זיין רינז־דיקער קערפּער האָט אלע ווילע אויפגעציטערט אונטער דעם דרוק;

וואָס ווייטער איז דאָס צוקן געוואָרן אַלץ צאַפּלדיקער און אַלץ זעלטע־נער, ביז וואַנען עס האָט איינגאַנצן אויפגעהערט. די מערדערלעכע הענט האָבן ניט נאָכגעלאָזן. מאַריעט האָט געמוזט זיך אָנטון אַ געוואַלטיקן כוח זיי אָוועקצונעמען פון דאָרט. עס האָט אים געהאַ־מערט אין די שלייפן; דאָך האָט ער געהערט דאָס גערויש פון רעגן, די פאַרשטיקט־אָפּקלינגענדיקע טריט איבערן טראָטואַר, דאָס ווייטע אויסשרייען פון די צייטונג־פאַרקויפער. ער האָט געזען רעגנשירמס, וואָס האָבן זיך פאַרביי־געשליכט אין שאָטן. ער האָט אַרויסגעשלעפּט דאָס בוך פון דעם טויטנס קעשענע און איז אַרויסגעלאָפן.

די יונגע אַקטאָוויע איז יענעם אָוונט ניט געקומען צוריק אין קראָם אַריין. זי איז אַוועק שלאָפן אין אַ קליינעם ביישטיבל איבער די אַנטיקן־קראָמען, וואָס מאַסיע בלאַנקמעניל האָט איר ערשט געהאַט געקויפט אויף דערזעלביקער רו דע קורסעל. דער אַרבעטאָרער, וואָס פלעג געוויינטלעך פאַרשליסן די קראָם, האָט געטראָפן דעם אַנטיקוואַרס קערפּער נאָך ווארעם. ער האָט אַריינגערופן די אויפ־זעערין פון הויז, מאַדעם לענען. זי האָט אַוועקגעלייגט גינאַרדאָנען אויף אַ קאַנאַפּע, האָט אָנגעצונדן צוויי ליכט, האָט אַריינגעלייגט אַ בוקסן־אָפּצווייגל אין אַ שיסעלע הייליק וואַסער און צוגעמאַכט דעם נפטר די אויגן. גערופן צו באַשטעטיקן דעם טויט, האָט דער דאָקטאָר דערקלערט, אַז ער איז געקומען פון אַ בלוטשטראָם.

מאַדאַם לענען האָט געלאָזט וועגן דעם ווייסן זעפּירין, וועלכע איז גלייך געקומען צולויפן און האָט געוואַכט די נאַכט איבערן מת. ער האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט געוועזן איינגעשלאָפן. ביים ציטערדיקן שיין פון די ליכט האָט גרעקאָס הייליקער זיך געהויבן אַרויף ווי אַ רויך; דאָס גאָלד פון די פּרימיטיווע האָט אָפּגעלויכטן אין שאָטן. לעבן דעם בר־מינן האָט מען געקאָנט קלאָר אַרויסזען באָדוענס אַ קליינע פרוי, וועלכע האָט זיך געשמירט מיט אַ זאַלב. אַ גאַנצע נאַכט האָט מען אין גאַס, אויף אַ שטח פון פופציק שפּאַן, געקאָנט הערן זעפּירינס געוויין.

— ער איז טויט, — האָט זי געקלאָגט, — ער איז טויט, מיין פריינט, מיין גאָט, מיין אַלץ אין דער וועלט, מיין ליבע... ניין, ער איז ניט טויט, ער רירט זיך. דאָס בין איך, מישעל, דאָס בין איך,

דיין זעפירין: וואך אויף, הער מיך אוים. ענטפער מיר, איך האָב דיך ליב. אויב איך האָב דיר אַמאָל ווי געטון, זיי מיר מוחל... טויט! טויט! אָ, מיין גאָט! זעט, ווי שיין ער איז! ער איז געוועזן אַזא גוטער, אַזא קלוגער, אַזא ליבער! מיין גאָט! מיין גאָט! מיין גאָט! ווען איך וואָלט דאָ געווען זיין, וואָלט ער ניט געווען געשטאָרבן. מישעל! מישעל!

אין פרימאָרן איז זי אנשוויגן געוואָרן. מען האָט גערעכנט, אז זי איז איינגעשלאָפן. זי איז געווען טויט.

קאַפּיטל צוויי־און־דרייסיק

וואו נעקטאַרס פליט ווערט געהערט אין קלאַדאָמירס שענקל.

מאַדאַם דע לאַ ווערדעליער, וועלכע האָט ניט געקאָנט אַריינ־דרינגען ווי אַ קראַנקען־שוועסטער, איז אין עטלעכע טעג אַרום, בעת מאַדאַם דעזאָבעל איז דאָרט ניט געווען, צוריקגעקומען בעטן ביי מאָרים ד׳עספּאַרוויעי, ער זאָל מנדב זיין פאַר די קירכן פון פראַנק־רייך. אַרקאַד האָט זי צוגעפירט צו דעם חולהס צוקאָפּנס.

מאָרים האָט איינגערוימט דעם מלאך אויפן אויער:

— פאַרעטער, די מינוט זאָלסטו מיך באַפרייען פון אָט־דער מכשפה, אניט וועסטו זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער קאַטאַסטראָפע, וואָס וועט דאָ באַלד פאָרקומען.

— זיי רואיק, — האָט אַרקאַד אַרויסגעזאָגט מיט זיכערקייט.

נאָך די אָנגענומענע קאָמפּלימענטן האָט מאַדאַם דע לאַ ווער־דעליער געמאַכט מאָריסן אַ סימן, אַז ער זאָל הייסן דעם מלאך אַרויס־גיין. מאָרים האָט זיך געמאַכט, ווי ער וואָלט ניט פאַרשטאַנען, און מאַדאַם דע לאַ ווערדעליער האָט נאָך דעם אַרויסגעגעבן די באַשיינ־פּערלעכע כוונה פון איר וויזיט.

— אונזערע קלויסטערס, אונזערע ליבע דאָרפישע קלויסטערס, וואָס וועט פון זיי ווערן?

אַרקאַד האָט געקוקט אויף איר מיט אַ מלאכישן בליק און געזיפצט.

— זיי וועלן פונאַנדערפאַלן, מאַדאַם, אַ חורבן וועט פון זיי ווערן. און דאָס איז אַזאַ שאָד, אַזאַ שאָד! איך וועל גאַר קיינמאָל קיין טרייסט זיך ניט קאָנען געפינען. דער קלויסטער איז צווישן די דאָרפישע שטיבלעך אַזוי ווי די הון צווישן אירע קליינע הינדעלעך.

— דאָס איז ריכטיק, — האָט מאַדאַם דע לאַ ווערדעליער זיך אָנגערופן מיט אַ באַצויבערטן שמייכל, — ריכטיק ווי גאָלד!

— און די גלאָקנטורעמס, מאַדאַם?

— אָ, מאָסיע, די גלאָקנטורעמס!

— די גלאקנטורעמס, מאדאם, שטעקן אין הימל אריין, ווי גיגאנטישע שפריצער אין די נאקעטע הינטענס פון די כרובים.

מאדאם דע דא ווערדעליער האט תיכף פארלאזן דאס הויז.

אין דעמזעלביקן טאג איז דער גייסטלעכער פאטוי געקומען מבקר־חולה זיין דעם פארוואונדעטן. ער האט אים צוגערעדט צו פארלאזן די שלעכטע חברים און איבערצובעטן זיך מיט זיין פאמיליע. ער האט אים אפגעשילדערט א מוטער, וואס פארגיסט טרערן, גרייט אויפצונעמען מיט אפענע ארעמס דאס צוריקגעקומענע קינד. ווען מארים וואלט זיך אנגעטון א שטארקן כוח און זיך אפגעזאגט פון א לעבן אין צעלאזנקייט און אין פאלשע תענוגים, וואלט ער צוריקגעוואונען די רואיקייט פון געמיט און די שטארקייט פון גייסט, וואלט פריי געווארן פון אפדרוכענישן, וואס פארצוקן דעם מענטשן, און זיך לויז געמאכט פון דעם יצר־הרע.

דער יונגער ד׳עספארוויעי האט באדאנקט דעם גייסטלעכן פאטוי פאר דער גוטסקייט און אים פארזיכערט אין זיינע רעליגיעזע געפילן.

— קיינמאל נאך, — האט ער געזאגט, — בין איך ניט געווען אזא גלויביקער. און קיינמאל נאך האב איך ניט געהאט אזא באדערפעניש דאס צו זיין. שטעלט זיך פאר, גייסטלעכער פאטוי, אז איך דארף דאס אויפסניי לערנען דעם קאטעכיזם מיט מיין שוץ־מלאך, וועלכער האט אים געהאט פארגעסן.

דער גייסטלעכער פאטוי האט ארויסגעלאזט א טיפן זיפץ און פארזאגט זיין טייער קינד צו טון תפילה, מחמת תפילה איז די איינציקע תרופה קעגן די סכנות פון א נשמה, וואס איז אריינגעפאלן אין נעץ פון שטן.

— גייסטלעכער פאטוי, — האט מארים געפרעגט, — ווילט איר, איך זאל אייך פארשטעלן מיין שוץ־מלאך? ווארט צו א ווײלע, ער איז אוועק מיר ברענגען ציגארעטן.

— אומגליקלעך קינד!

און דעם גייסטלעכער פאטוים קיילעכדיקע באקן זענען איינגעפאלן, ווי א סימן פון צער. אבער כמעט גלייך נאך דעם האבן

זיי, ווי אַ סימן פון פרייד, זיך צוריק אויסגעפילט. זיין האַרץ האָט געהאַט פון וואָס צו זיין אויפגעלייגט.

די ענטלעכע מיינונג איז געוואָרן בעסער. די יאַקאָבינער, די פריימויערער, די אַנהענגער פון קאַפּיטאַליזם האָבן אומעטום געהאַט אַ מפּלה. די אויבערשטע פון דער געזעלשאַפט האָבן געגעבן אַ גוטן ביישפּיל. די פראַנצויזישע אַקאַדעמיע האָט געדענקט אויפן געהעריקן שטייגער. די קריסטלעכע שולן האָבן זיך געמערט. די יוגנט פון לאַטיינישן קוואַרטל האָט זיך אונטערגעוואָרפן דער קירך און די נאָרמאַל־שולע האָט אַרויסגעגעבן פון זיך די ריחות פון אַ סעמינאַר. דער צלם האָט טריאומפירט. מען האָט אָבער געברויכט צו האָבן געלט, ווידעראַמאָל געלט און אָבעראַמאָל געלט.

נאָך זעקס וואָכן רו האָט מאַריס ד'עספּאַרוויעי געקראָגן פון זיין דאָקטאָר די דערלויבעניש אויסצופאָרן אין אַ קאַרעטע. ער האָט געטראָגן דעם אָרעם נאָכגעהאַנגען אויף אַ שאַליקל. זיין געליבטע און זיין פריינט זענען מיט אים מיטגעפאָרן. זיי זענען אַוועק אין בולאָנער וואַלד און האָבן מיט שטילער פרייד הנאה געהאַט צו זען דאָס גראָז און די ביימער. זיי האָבן צו אַלצדינג געשמייכלט און אַלצדינג האָט צו זיי געשמייכלט. זייערע טעותן, ווי אַרקאַד האָט געהאַט געזאָגט, האָבן זיי געמאַכט פאַר בעסערע מענטשן. דורך די ניט־פאַראויסגעזעענע אומוועגן פון זיין אייפערזוכט און פון זיין צאָרן איז מאַריס דערגאַנגען צו געמיטלעכקייט און גוטן ווילן. ער האָט נאָך אַלץ ליב געהאַט זשילבערט, ער האָט זי אָבער ליב געהאַט מיט אַ שטילער, רואיקער ליבע. דער מלאך האָט באַגערט אָט־די פרוי אַזוי ווי אַלעמאָל, זיין פאַרלאַנג האָט אָבער דורך דעם באַזיגט פאַרלוירן די שאַרפקייט פון נייגיר. זשילבערט האָט איצט גאָרנישט ניט געטון צו געפעלן, זי האָט אָבער דורך דעם נאָך מער געהאַט אויסגענומען. זיי האָבן געטרונקען אין דעם קאַסקאַד מילך, וואָס האָט זיי אויסגעזען צו זיין זייער באַטעמט. זיי זענען אַלע דריי געווען אומשולדיק. אַרקאַדן איז גאָר אַרויס פון זינען דאָס אומרעכט פון דעם אַלטן טיראַן פון דער וועלט. מען האָט עס אָבער אים באַלד געלאָזט דערמאָנען.

ווען ער איז צוריקגעקומען אַהיים צו זיין פריינט, האָט ער

דאָרט געטראָפן זיטאַן, וועלכע האָט אויף אים געהאַט געוואַרט. זי האָט אויסגעזען ווי אַ סטאַטוע פון עלפאַנביין און פון גאָלד.

— איר רופט ביי מיר אַרויס אַ רחמנות־געפיל, — האָט זי אים געזאָגט. — עס קומט דער טאָג, וואָס אַזאַ טאָג איז נאָך ניט געווען זינט דעם אָנהויב פון אַלע צייטן, וואָס אַזאַ טאָג וועט אפשר מער זיך ניט צוריקקערן, איידער די זון מיט איר גאַנצער סוויטע וועט אַריינקומען אין דער קאָנסטעלאַציע פון הערקולעס: מיר האַלטן איצט ביים אָנפאַלן אומגעריכט אויף יאַלדאַבאַאָטן אין זיין פּאַלאַץ פון פּאָרפיר, און איר, וואָס איר האָט געהאַט אַזוי געברענט צו באַפרייען די הימלען, איר, וואָס איר האָט זיך געהאַט אַזוי געאיילט אַריינצוקומען ווי אַ זיגער אין אייער באַפרייטן פּאָטערלאַנד, האָט גאָר מיטאַמאָל אינגאַנצן פאַרגעסן אָן אייערע איידעלע כוונות און זענט איינגעשלאָפן אין די אָרעמס פון מענטשישע טעכטער. וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן קאָנט איר האָבן צו פאַרקערן מיט אָט־די קליינע אומריינע חיות, וואָס זענען צוזאַמענגעשטעלט פון אַזוינע ניט־זיכערע עלעמענטן, אַז מען קאָן זאָגן אויף זיי, אַז זיי רינען אויס אונטער די הענט? אַך, אַרקאַד, איך בין טאַקע געווען גערעכט, וואָס איך האָב ניט געהאַט צו אייך קיין צוטרוי. איר זענט ניט מער ווי אַן אינטעליגענט. איר פאַרמאָגט ניט מער ווי נייגיריגקייט. איר זענט ניט פּייאיק צו האַנדלען.

— איר האָט וועגן מיר אַ פאַלשע מיינונג, זיטאַ, — האָט דער מלאך געענטפערט. — עס איז אין דער טבע פון די זין פון הימל ליב צו האָבן די טעכטער פון די מענטשן. דאָס, וואָס דער גוף פון פרויען און פון בלומען איז אַזוי לייכט צום פאַרוועלקן, שטערט זיי גאָרנישט צו צויבערן די חושים. אָבער קיין איינע פון אָט־די קליינע חיות קאָן מיך ניט מאַכן צו פאַרגעסן מיין שנאה, אַזוי אויך ניט מיין ליבע, און איך בין גרייט זיך אויפצוהויבן קעגן יאַלדאַבאַאָטן.

דערזען, אַז ער איז ביי זיך אַזוי פעסט באַשלאָסן, האָט זיטאַ אויסגעדריקט איר צופרידנקייט. זי האָט אים צוגעגעבן מוט און איז באַשטאַנען דערויף, אַז ער זאָל דערפירן אָט־די ריזנדיקע אונטער־

נעמונג ביזן סאַמע סוף. קיין זאַך דאַרף ניט געטון ווערן אין געאייל, קיין זאַך דאַרף אָבער אויך ניט אָפּגעלייגט ווערן.

— אַ גרויסער אויפטו, אַרקאַד, ווערט געשאַפן דורך אַ סך קליינע; די גרויסאַרטיקסטע גאַנצקייט ווערט אויפגעשטעלט דורך אַ טויזנט אומבאַדייטלעכע פּרטים. לאָמיר קיין זאַך ניט פאַרזען.

זי איז געקומען אים נעמען צו אַ פאַרזאַמלונג, וואו זיין בייזיין איז געווען נויטיק. מען האָט דאָרט געזאָלט זיך אָפּגעבן דין וחשבון וועגן די כוחות פון די ווידערשפּעניקע.

זי האָט צוגעגעבן ניט מער ווי איין וואָרט:

— נעקטאַר וועט דאָרט זיין.

ווען מאָרים האָט דערזען זיטאַן, האָט ער געהאַלטן, אַז זי פאַרמאָגט ניט קיין שום רייץ. זי איז אים ניט געפעלן געוואָרן, ווייל זי איז געווען שיין מיט אַ פולקומער שיינקייט און ווייל די אמתדיקע שיינקייט האָט אין אים אַלעמאָל אַרויסגערופן אַ פיינלעכע דערשטוינונג. זיטאַ האָט אים אָנגערעגט מיט אַנטיפּאַטיע, ווען ער האָט זיך געהאַט דערוואוסט, אַז זי איז געווען אַ ווידערשפּעניקער מלאך און איז געקומען נאָך אַרקאַדן, כדי אים אוועקצופירן צו די פאַרשווערער. דאָס אָרעמע קינד האָט געפּרוווט איינהאַלטן זיין חבר מיט אַלע מיטלען, וואָס זיין שכל און די אומשטענדן האָבן אים געהאַט צוגעשטעלט. זאָל נאָר זיין שוץ־מלאך פאַרבלייבן מיט אים, וועט ער אים מיטנעמען צו אַ גרויסאַרטיקן „באָקסינג מעטש“, צו אַ סאָלדאַטן־פּאַראַד, וואו ער וועט זען פּואַנקאַרעס אַפּאָטעאָז, אָדער גאָר אין אַ הויז, וואו עס געפינען זיך פרויען, אויסערגעוויינטלעכע מיט זייער שיינקייט, מיט זייערע טאַלענטן, מיט זייער פּאַרדאָרבנקייט, אָדער מיט זייער מיאוסקייט. אָבער דער מלאך האָט זיך ניט געלאָזט איינריידן און געזאָגט, אַז ער גייט אוועק מיט זיטאַן.

— נאָך וואָס?

— צו באַטייליקן זיך אין דער פאַרשווערונג אויף צו באַזיגן דעם הימל.

— ווידעראַמאָל אָט־די נאַרישקייט! צו באַזיגן דעם...

איך האָב דאָך דיר שוין געהאַט אויפגעוויזן, אַז דאָס איז אוממעגלעך און אויך ניט ווינטשנסווערט.

— אַ גוטע נאַכט, מאָריס...

— דו גייסט טאַקע אַוועק ?... נו, גוט, איך וועל דיך באַלייטן.

און מאָריס, מיטן אָרעם אַריינגעטון אין שאַליקל, איז מיט־געגאַנגען מיט אַרקאַדן און זיטאַן ביזן מאָרמאַרטר, אין קלאַדאָמירס שענקל אַריין, וואו די טישן זענען געווען געגרייט אין אַ גאָרטן, אונטער אַ גראָז־ביידל.

פּרינץ איסטאַר און טעאָפיל האָבן זיך שוין דאָרט געהאַט געפונען, אינאיינעם מיט עפּעס אַ קליינער געלער בריאה, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ קינד און איז אין דער אמתן געווען אַ יאַפּאַנישער מלאך.

— מען וואַרט ניט מער ווי אויף נעקטאַרן, — האָט זיטאַ געזאָגט.

און אין דעם מאָמענט האָט דער אַלטער גערטנער זיך געהאַט באַוויזן אָן גערויש. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט. זיין הונט האָט זיך אַוועקגעלייגט ביי זיינע פיס.

די פראַנצויזישע קיך איז די ערשטע אין דער וועלט. די דאָזיקע גלאָריע וועט אַריבערהילכן אַלע אַנדערע, ווען די מענטשהייט וועט ווערן קליגער און שטעלן די בראָטשפּיז העכער פון דער שווערד. קלאַדאָמיר האָט דערלאַנגט די מלאכים און דעם בשר־ודם, וואָס האָט זיי באַלייט, אַ זופּ פון קרויט און גערויכערטן שוויינען־פלייש, פּילעי, און נירן, געקאָכט אין ווין, — אַ קלאָרער באַוויז, אַז דער דאָזיקער קאָכער פון מאָנמאַרטר איז ניט קאַליע געוואָרן פון די אַמעריקאַנער, וועלכע פירן אַרונטער פוז וועג די אויסגעצייכנסטע שעפן פון דער רעסטאָראַציע־שטאָט.

קלאַדאָמיר האָט געעפנט אַ באָרדאָ־וויין, וואָס כאָטש ניט אַריינגערעכנט צווישן די ערשטע היימישע ווײַנען פון מעדאָק, האָט ער דאָך מיט זיין אַראָמאַט און מיט זיין טעם געוויזן זיין נאָבעלן אָפּשטאַם. עס איז כדאי צו פאַרצייכענען, אַז נאָך אָט־דעם און נאָך אייניקע אַנדערע ווײַנען, האָט דער באַלעבאָס מיט גרויס אָנשטעל דערלאַנגט אַ ראָמאַנייאישן וויין, וואָס איז געווען אַי

שטאַרק, אי לייכט, אי טערפּקע, אי דעליקאַט, רייך מיט דער אַמתדיקער בורגאַנדישער ווייכקייט, פול מיט פייער, היבשלעך באַרוישנדיק, אַ דערקוויקונג פאַרן געדאַנק און פאַר די חושים.

דער אַלטער נעקטאַר האָט אויפגעהויבן זיין גלאָז און געזאָגט:

—צו דיר, דיאָניזוס, דעם גרעסטן פון די געטער, צו דיר, וואָס וועט צוריקברענגען די גאָלדענע צייט און קומען געבן די שטערבלעכע, וועלכע וועלן צוריקקריגן זייער העלדישקייט, די טרויבן, וואָס די לעזביער פלעגן אַ לאַנגע צייט אַרונטערנעמען פון די וויינשטאָקן פון מעטומנאַ; די וויינגערטנער פון טאַזאָס און די ווייסע ראָזשינקעס פון טייך מאַרעאָטיס, די קעלערס פון פאַלערנוס, די וויינגערטנער פון טמאָלוס, און דעם ווייַן פון פאַנעי, דעם קיניג פון אַלע ווייַנען. און דער זאַפט פון אָט־די וויינגערטנער וועט זיין געטלעך, און די מענטשן, ווי אין די צייטן פון דעם אַלטן סילענוס, וועלן ווערן שיכור פון חכמה און פון ליבע.

ווען מען האָט געהאַט דערלאַנגט די קאַווע, האָבן זיטאַ, פּרינץ איסטאַר, אַרקאַד און דער יאַפּאַנישער מלאך נאָכאַנאַנד אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן דעם צושטאַנד פון די כוחות, וואָס זענען געווען פאַרזאַמלט קעגן יאַלדאַבאַאָט.

פאַרלאָזנדיק די אייביקע גליקזעליקייט צוליב די אָפּקומענישן פון ערדישן לעבן, קריגן די מלאכים מער שכל און באַקומען די מיטלען צו נאַרן זיך און די פּייאַיקייט זיך צו ווידערשפּרעכן. און דעריבער זענען זייערע פאַרזאַמלונגען, פּונקט ווי ביי די מענטשן, פול מיט טומל און גערודער. האָט איינער פון די פאַרשווערער געבראַכט ציפערן, אַזוי האָבן די איבעריקע תיכף גענומען ריידן קעגן זיי. זיי האָבן ניט געקאָנט אָן קריגעריי מאַכן אַ חיבור פון צוויי צאָלן און די אַריפמעטיקע גופא, אונטערגעוואָרפן דער ליידנשאַפט־לעכקייט, האָט אַזוי אַרום פאַרלוירן איר פעסטקייט. דער כרוב, וואָס האָט געהאַט מיט געוואָלט געבראַכט אַהין דעם גאָטפאַרכטיקן טעאָפילן, איז געוואָרן אויפגעבראַכט, ווען ער האָט דערהערט, ווי דער מוזיקער זינגט שירה צום האַר פון דער וועלט, און גענומען אים מכבד זיין מיט סטוסאַקעס איבערן קאָפּ, וואָס וואָלטן געקאָנט דערהרגענען אַן אָקס. אָבער דער קאָפּ פון אַ מוזיקער איז האַרטער

פון אַ געשניצטן אָקסישן שאַרבן. און די סטוסאַקעס, וואָס טעאָפיל האָט געקראָגן, האָבן ניט געענדערט די השגחה, וואָס דער דאָזיקער מלאך האָט זיך געהאַט געשאַפן פון דער געטלעכער השגחה. ארקאַד האָט אַקעגן זיטאַס פּראַגמאַטיזם אַרויסגעבראַכט באריכות זיין ווינסשאַפטלעכן אידעאַליזם, און דער שיינער ערד־מלאך האָט אים געזאָגט, אַז זיין אַרגומענטאַציע איז שוואַך.

— און איר וואונדערט זיך דערויף! — האָט דעם יונגן מאַריסעס שוץ־מלאך אויסגערופן — איך אַרגומענטיר, פּונקט ווי איר, אויף דעם מענטשלעכן לשון. און וואָס אַזוינס איז דען דאָס לשון פון מענטשן, אויב ניט דער חייהשער געשריי אין די וועלדער אָדער אויף די בערג, וואָס די גאַוואַהדיקע צווייפיסלער האָבן אים נאָר פאַרקאָמפּליצירט און פאַרדאָרבן? גייט זייט אַ בריה, זיטאַ, און דריקט זיך שכלדיק אויס דורך אָט־דעם געמיש פון צאָרנדיקע אָדער יאָמערלעכע קלאַנגען. די מלאכים דענקען ניט; די מענטשן, וואָס זענען העכער פון די מלאכים, דענקען שלעכט. איך רעד דאָ ניט פון די פּראָפעסאָרן, וואָס רעכענען, אַז זיי קאָנען דעפינירן דעם אַבסאָלוט מיט דער הילף פון אויסגעשרייען, וואָס זיי האָבן זיי בירושה פון די מענטשנענלעכע מאַלפּעס, פון די בייטל־חיות און פון די שרצים, זייערע אורעלטערן. עס איז אַן אַמתדיקער פּאַרס! ווי דער דעמיאורג וואָלט זיך עס אביסל אַמוזירט, ווען ער וואָלט געהאַט שכל!

די נאַכט איז געווען אַן אויסגעשטערנטע. דער גערטנער האָט ניט אויסגערעדט קיין וואָרט.

— נעקטאַר, — האָט דער שיינער ערד־מלאך געזאָגט, — שפּילט פאַר אונז אויף דער פלייט, אויב איר האָט נאָר קיין מורא ניט, אַז דער הימל מיט דער ערד זאָלן דערפון ניט אויפגעטרייסלט ווערן.

נעקטאַר האָט גענומען זיין פלייט. דער יונגער מאַריס האָט פאַררויכערט אַ ציגאַרעט. דאָס פלעמל האָט אויפגעלויכטן אַ ווײַלע, האָט אוועקגערוקט אין שאָטן אַריין דעם הימל מיט די שטערן און איז באַלד אויסגעגאַנגען. און נעקטאַר האָט באַזונגען אָט־דאָס

פּלעמל אויף זיין אינספּירירטער פּלייט. די זילבערנע שטים האָט זיך אויפגעהויבן און געזאָגט:

— דאָס דאָזיקע פּלעמל איז אַ וועלט אַ גאַנצע, וואָס האָט דערפילט איר מזל אין אַ קנאַפּער מינוט צייט. עס האָבן זיך דאָרט געהאַט אויסגעפאָרמירט זונען און פּלאַנעטן. ווענוס אוראַניא האָט געהאַט אויסגעמאָסטן דעם לויף־וועג פון די ספערן, וואָס האָבן אַרומגעוואַנדערט אין אָט־די אומענדלעכע רוימען. עראָס, דער בכור פון די געטער, האָט אַ הויך געטון — און עס זענען אויפגעקומען די פּלאַנצן, די חיות און די געדאַנקען. אין די צוואַנציק רגעם, וואָס זענען אָפּגעלאָפן צווישן דעם לעבן און דעם טויט פון אָט־די וועלטן, האָבן ציוויליזאַציעס זיך אויפגעוויקלט און מלוכות האָבן זיך געצויגן אין זייער לאַנגער ירידה. די מוטערס האָבן געוויינט, און די געזאַנגען פון ליבע, די אויסגעשרייען פון שנאה און די זיפצן פון די קרבנות זענען געגאַנגען אַרויף צו די שטומע הימלען. ווערליק איר קליינקייט, האָט די דאָזיקע וועלט פּראָפּאָרציאָנעל געדויערט אַזוי פיל צייט, וויפיל עס האָט געדויערט און וויפיל עס וועט געדויערן די וועלט, וואָס אייניקע פון אירע אַטאָמען זעען מיר איצט זיך לייכטן איבער אונזערע קעפּ. סיי די ערשטע וועלט, אַזוי אויך די אַנדערע איז ניט מער ווי אַן אויפבליץ אין דער אומענדלעכקייט.

און ווי נאָר די קלאָרע, לויטערע קלאַנגען האָבן אַרויסגעשטראָמט אין דעם באַצויבערטן חלל אַרויס, אַזוי איז פון דער ערד געוואָרן אַ ווייכער וואָלקן, די שטערן האָבן גענומען צייכענעז שווינדלדיק־שנעלע לויף־קרייזן, דער גרויסער בער איז צעפאַלן געוואָרן און זיינע גלידער האָבן זיך צעשפּרייט איבערן רוים; אָריאָנס גאַרטל איז צעריסן געוואָרן, דער פּאָלאַרשטערן האָט פאַרלאָזן זיין מאַגנעטישע אַקס; סיריוס, וואָס האָט געהאַט געוואָרפן אויפן האָריזאָנט זיין ווייס־גליענדיקן פלאַם, איז געוואָרן בלוי, דערנאָך רויט, האָט גענומען צאַנקען און זיך מיטאַמאָל פאַרלאָשן. די אויפגעטרייסלטע קאָנסטעלאַציעס האָבן פאָרמירט נייע צייכנס, וואָס זענען אויך באַלד אָפּגעווישט געוואָרן. די מאַגישע פלייט האָט מיט איר כישוף צונויפגענומען אין איין קורצער ווייַלע דאָס לעבן און די באַוועגונגען

פון אָט־דער וועלט, וואָס זעט אין די אויגן פון מענטשן! און מלאכים אוים צו זיין אייביק און אומפארענדערלעך. זי איז שטיל געווארן און דער הימל האָט ווידער אָנגענומען זיין אַנטיקע פאָרם. נעקטאַר איז ניט געוואָרן. קלאָדאָמיר האָט געפרעגט זיינע געסט, צי זענען זיי געוועזן צופרידן מיט דער זופ, וואָס האָט זיך געהאַט געקאָכט גאַנצע פיר־און־צוואַנציק שעה, און ער האָט געלויבט פאַר זיי דעם באָזשאָלע־ווייַן, וואָס זיי האָבן געהאַט געטרונקען.

די נאַכט איז געוועזן אַ שטילע. אַרקאַד, באַלייט פון זיין שוץ־מלאך, טעאָפיל, פרינץ איסטאַר און דער יאַפּאַנישער מלאך האָבן צוגעפירט זיטאַן ביז צו איר וואוינונג.

קאַפּיטל דריי־און־דרייסיק

ווי אַ שרעקלעך פאַרברעכן וואַרפט אַן אַן אימה אויף פּאַריז.

די שטאָט איז געשלאָפן. די טריט האָבן הויך אָפּגעקלונגען איבער דעם ליידיקן ברוקיר. אָנגעקומען צו דער מיטל־הויף פון מאָנמאַרטר, צום ראָג פון רו פּעיטריער, פאַר דער טיר פון דעם שיינעם ערץ־מלאך, איז די קליינע גרופּע געבליבן שטיין. אַרקאַד האָט געריעדט וועגן די טראָנען און די הערשאַפטן; זיטאַ, מיטן פינגער אויפן טיר־גלעקל, ניט צו באַשליסן זיך אָנצוקלינגען, האָט אים אויסגעהערט. פּרינץ איסטאַר האָט מיטן שפּיץ פון זיין שטעקן געצייכנט אויפן טראָטואַר פּלענער פון נייע מעכאַניזמען און אַרויס־געלאָזט אַזאַ געברום, אַז ער האָט אויפגעוועקט פון שלאָף די איינוואוינער און געבראַכט אין באַוועגונג די לענדן פון די שכנישע פּאַסיפּאַעס. טעאָפיל בעלע האָט געזונגען אויף די העכסטע טענער די באַרקאַראָלע, וואָס באַשיינט דעם צווייטן אַקט פון „אַלינע, קיניגין פון גאָלקאָנדאַ". מאַריס, מיט דעם אָרעם אין שאַליקל, האָט זיך געאיבט מיטן יאַפּאַנישן מלאך אין פעכטן מיט דער לינקער האַנט, האָט אַרויסגעזעצט פון ברוקיר פונקען און מיט אַ מוח־שפּאַלטנדיקן קול אויסגעשריגן: „אָנגעריירט! אָנגעריירט!"

אין דערזעלביקער צייט האָט דער פּאָליציי־אינספּעקטאָר גראָל, אויפן ראָג פון דער אַנדערער גאַס, געחלומט. ער האָט געהאַט די האַלטונג פון אַ רוימישן לעגיאָנער און פאַרמאָגט אַלע אייגנשאַפטן פון יענער פאַרנעמלעך־קנעכטישער ראַסע, וואָס זינט די מענטשן האָבן געהאַט אויפגעבויט שטעט, האַלט זי אויף די מלוכות און שיצט די דינאַסטיעס. דער פּאָליציאַנט גראָל איז געווען פול מיט כוחות און דאָך זייער מיד. ער האָט געלעבט אַ געפּלאָגט לעבן פון שווערער אַרבעט און פון ווייניק שפּייז. אַ מענטש פון פליכט, אָבער דאָך ניט מער ווי אַ מענטש, פלעג ער ניט קאָנען ביישטיין דעם צויבער, דעם רייץ און די חנדלעך פון די גאַלאַנטע מיידלעך, וואָס ער פלעג זיי גאַנצע באַפּטעס טרעפן אין שאָטן אויף

די אויסגעלייזדיקטע בולוואַרן, אַרום די ליידיקע שטיקער באָדן: ער האָט זיי ליב געהאַט. ער האָט זיי ליב געהאַט ווי אַ סאָלדאַט, שטייענדיק אונטער זיין סאָלדאַטישן געפּעק, און ער איז באַהערשט געוואָרן פון אַ מידקייט, וואָס נאָר זיין קוראַזש האָט זי געקאָנט בייקומען. נאָך ניט געהאַט דערגרייכט דעם מיטן פון זיין לעבנס־וועג, האָט ער שוין געבענקט נאָך דער זיסער רו און נאָך דער פרידלעכער פּראַצע אויפן לאַנד. אויפן ראָג פון רו מיולעי, אין אָט־דער שטילער נאַכט, האָט דער פּאַליציאַנט געחלומט; ער האָט געחלומט פון דעם הויז פון זיין געבוירן, פון דעם קליינעם איילבירט־וועלדל, פון דעם פּאַטערס שטיקל פעלד, פון זיין אַלטער מוטער, וואָס די יאָרן פון שווערער מי האָבן זי איינגעבויגן און וואָס ער וועט זי שוין מער קיינמאָל ניט קאָנען זען. אויפגעריסן דורך דעם ביינאַכטיקן טומל פון זיין חלום, איז דער פּאַליציאַנט גראָל צוגעקומען צום פּלאַץ, וואו עס גייען זיך צונויף די גאַסן מיולעי און פעיטריעי, און האָט אומפריינטלעך באַטראַכט אָט־די חברה פוסטע־פּאַסניקעס, אין וועלכער זיין סאָציאַלער אינסטינקט האָט חושד געווען שונאים פון אָרדענונג. ער איז געווען גערודלדיק און פעסט באַשלאָסן. נאָך אַ לאַנגן שטילשווייגן האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט אַ מאָויימדריקער רואיקייט:

— צעגייט זיך!

אָבער מאָרים און דער יאַפּאַנישער מלאך האָבן זיך געפּאַכטן און גאָרנישט ניט געהערט; דער מוזיקער האָט געהערט ניט מער ווי זיינע אייגענע מעלאָדיעס, פּרינץ איסטאַר איז געווען שטאַרק פאַרטון אין די פאָרמעלן פון די אויפריים־שטאָפן, זיטאַ האָט מיט אַרקאַדן אַרומגערעדט די גרעסטע אונטערנעמונג, וואָס דער שכל האָט אַמאָל משיג געווען, זינט די זון־סיסטעם איז געווען אַרויס פון איר לכתחילהדיקן נעפּיל־צושטאַנד, און אַלע זענען זיי געווען פרעמד דערפון, וואָס איז געווען אַרום זיי.

— איך זאָג אייך, איר זאָלט זיך פונאַנדערגיין, — האָט דער פּאַליציאַנט גראָל איבערגעחזרט.

דאַסמאָל האָבן די מלאכים שוין געהאַט דערהערט דעם פּייער־לעכן באַפעל, זיי האָבן אָבער, צי פון גלייכגילטיקייט אָדער פון

פאַראַכטונג וועגן, אים ניט אויסגעפאָלגט און זענען זיך ווייטער אָנגעגאַנגען מיט זייער שרייען, זייער זינגען און זייער שמועסן.

— הייסט עס, אַז איר ווילט, מען זאָל אייך איינשפאַרן? — האָט דער פּאָליציאַנט גראָל אַרויסגעברומט, אַרונטערלאָזנדיק מיט כּוח זיין גרויסע האַנט אויף פּרינץ איסטאַרם אַקסל.

אַן אויפגעבראַכטער פון דעם דאָזיקן באַליידיקנדיקן אָנריר, האָט דער כּרוב מיט איין קלאַפּ פון זיין שרעקלעכן פויסט אַ שליידער געטון דעם פּאָליציי־אינספּעקטאָר אין רינשטאָק אַריין. אָבער דער פּאָליציאַנט פּעזאַנדע איז שוין געלאָפן צוהילף זיין אויבער, אוןביידע האָבן זיי זיך אַ וואָרף געטון אויפן פּרינץ און אים גענומען שלאָגן מיט מעכאַנישער רציחה. ניט געקוקט אויף דעם כּרובס שטאַרקייט און געוויכטיקייט, וואָלטן זיי אים, אינגאַנצן אַ צעבלוטיקטן, געוועזן אפשר אַוועקגעשלעפּט אין דער פּאָליציי, ווען דער יאַפּאַנישער מלאך וואָלט זיי ניט געווען גאָר אַן מי אַנידערגעלייגט איינס נאָכן אַנדערן אויף דער ערד, לאָזנדיק זיי זיך קאָרטשן און מאַכן געוואַלטן אין דער בלאָטע, נאָך איידער מאָריס, אַרקאַד און זיטאַ האָבן געהאַט באַוויזן זיך אַריינצומישן. וואָס איז שייך דעם מלאך דעם מוזיקער, איז ער אין הוילער ציטער־ניש געשטאַנען אַן אַ זייט און האָט גערופן צו די הימלען.

אין דעם דאָזיקן מאָמענט זענען צוויי בעקער־יונגען, אין ווייסע שירצן און נאַקעטע ביזן גאַרטל, וואָס האָבן געהאַט געקנאָטן טייג אין אַ שכנישן קעלער, געקומען צולויפן אויפן געפילדער. דורך אַן אינסטינקטיוון געפיל פון סאָציאַלער סאָלידאַרישקייט האָבן זיי זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די אומגעוואָרפענע פּאָליציאַנטן. ווען טעאָפיל האָט זיי געהאַט דערזען, האָט ער מיט רעכט זיך דערשראָקן און גענומען לויפן; זיי האָבן אים געכאַפּט און געזאָלט איבערגעבן די אָרדענונג־היטער, ווען אַרקאַד און זיטאַ האָבן אים אַרויסגעריסן פון זייערע הענט. דער קאַמף, אַן אומגלייכער און אַ שרעקלעכער, איז ווייטער אָנגעגאַנגען צווישן די צוויי מלאכים און די צוויי בעקער־יונגען. געראָטן אין שטאַרקייט און אין שיינקייט צו אַן אַטלעט פון ליזיפּוס, האָט אַרקאַד איינגעקלאַמערט אין זיינע אָרעמס זיין שווערן קעגנער. די שיינע זיטאַ האָט מיט

איר קינזשאַל געטראָפן דעם בעקער, וואָס האָט זי געהאַט אָנגעגריפן. דאָס בלוט, אַ שוואַרץ שטרעמל, האָט גענומען פליסן איבער זיין האַריקער ברוסט, און די צוויי בעקער־יונגען, פריינט פון געזעץ, זענען אַנידערגעפאַלן אויפן ברוקיר.

דער פּאָליציאַנט פּעזאַנדע איז געבליבן ליגן אַ פּאַרחלשטער, מיטן פּנים אין רינשטאָק. אָבער דער פּאָליציי־אינספּעקטאָר גראַל האָט זיך אויפגעהויבן, האָט דערלאַנגט אַ פייף אויף זיין פּאָליציי־פייפל, וואָס האָט געזאָלט דערהערט ווערן אויפן צווייטן פּאָסטן, און זיך געטון אַ לאָז צו צום יונגן מאָריסן. ניט צו האָבן מער ווי איין אָרעם אויף צו פאַרטיידיקן זיך, האָט מאָריס מיט דער לינקער האַנט אויסגעשאָסן פון זיין רעוואָלווער אויפן פּאָליציאַנט, וועלכער האָט זיך אַ כאַפּ געטון מיט דער האַנט ביים האַרצן, האָט זיך געטון אַ וואַקל און איז אַוועקגעפאַלן. ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ לאַנגן זיפץ און די שאָטנס פון דער אייביקייט האָבן צוגעדעקט זיינע אויגן.

בעת מעשה האָבן די פענצטער פון די אַרומיקע הייזער זיך נאָכאַנאַנד געעפנט און קעפּ האָבן זיך אַריבערגעבויגן איבער דער גאַס. אַ גערויש פון שווערע טריט האָט זיך גענענט. צוויי פּאָליציסטן אויף וועלאָסיפּעדן האָבן זיך אַריינגעריסן אין רו פעיטריעי. דאָ האָט פּרינץ איסטאַר אַ וואָרף געטון אַ באָמבע, וואָס האָט אויפגעטרייסלט דעם באָדן, אויסגעלאָשן די גאַז־לאָמפּן, צעשמעטערט הייזער און איינגעוויקלט אין אַ געדיכטן רויך דאָס אַנטרינען פון די מלאכים און פון דעם יונגן מאָריס.

אַרקאַד און מאָריס האָבן גערעכנט, אַז די זיכערסטע זאַך נאָך אָט־דער אַוואַנטורע איז זיך אומצוקערן צוריק צו דער קליינער דירה אויף רו דע ראָם. עס איז געוועזן זיכער, אַז מען וועט זיי ניט גיין באַלד זוכן, און אפשר גאָר קיינמאָל ניט, מחמת דעם כרובס באָמבע האָט צום גליק פאַרטיליקט אַלע עדות פון דער געשעעניש. זיי זענען איינגעשלאָפן מיטן טאָג, און צען אזייגער אינדערפרי, ווען דער דינער האָט אַריינגעבראַכט טיי, האָבן זיי זיך נאָך ניט געהאַט אויפגעכאַפּט. עסנדיק דאָס צוגעברוינטע

ברויט מיט פוטער און שינקען, האָט דער יונגער ד׳עספּאַרוויעי געזאָגט צו זיין מלאך:

— איך האָב אַלץ געמיינט, אַז אַ פאַרברעכן איז אַן אויסער־געוויינטלעכע זאַך. איצט זע איך, אַז איך האָב געהאַט אַ טעות. עס איז די פּשוטסטע, די נאַטירלעכסטע האַנדלונג אין דער וועלט.

— און די טראַדיציאָנעלסטע, — האָט דער מלאך געענטפערט. — אין לויף פון לאַנגע יאָרהונדערטער איז פאַרן מענטשן געווען אַ געוויינטלעכע און נויטיקע זאַך צו הרגענען און צו באַרויבן זיינע מיטמענטשן. דאָס ווערט נאָך אַלץ רעקאָמענדירט אין דער מלחמה. עס איז אויך ערנהאַפטיק צו ווען אַוועקנעמען דאָס מענטשלעכע לעבן ביי געוויסע באַשטימטע אומשטענדן, און מען האָט אייך געגעבן רעכט, ווען איר, מאַריס, האָט מיך געוואָלט טויטן, ווייל עס האָט זיך אייך געדאַכט, אַז איך בין געווען אין אינטימע באַציאונגען מיט אייער געליבטער. אָבער הרגענען אַ פּאָליציאַנט — דאָס פּאַסט ניט פאַר אַ מענטשן פון דער הויכער געזעלשאַפט.

— שווייג! — האָט מאַריס אויסגעשריגן — שווייג, דו אויס־וואורף! איך האָב געהרגט דעם אָרעמען פּאָליציאַנט אינסטינקטיוו, ניט צו וויסן, וואָס איך טו. עס טוט מיר הארציק באַנג. אָבער ניט איך, נאָר דו, דו ביסט דער שולדיקער, דו ביסט דער מערדער. דו האָסט מיך פאַרשלעפּט אויף אָט־דעם וועג פון מרידה און געוואַלטלעכקייט, וואָס פירט אין שאול תחתיה אריין. דו האָסט מיך אומגעבראַכט, דו האָסט מקריב געווען מיין רו און מיין גליק צו דיין גאווה און צו דיין שלעכטיקייט. און דאָס איז אַלץ אומזיסט, ווייל איך וואָרן דיך, ארקאַד, דיין אונטערנעמונג וועט זיך דיר ניט איינגעבן.

דער דינער האָט אריינגעבראַכט די צייטונגען. מאַריס איז געוואָרן בלייך, ווען ער האָט זיי דערזען. מיט גרויסע אותיות האָבן זיי געמאָלדן וועגן דעם אַטענטאַט אויף רו פּעטריעי: אַ פּאָליציי־אינספּעקטאָר דערהרגעט, צוויי וועלאָסיפּעד־פּאָליציסטן און צוויי בעקער־יונגען שווער פאַרוואונדעט; דריי הייזער צעשמעטערט, אַ גרויסע צאָל קרבנות.

מאָרים האָט אַרויסגעלאָזן פון די הענט די צייטונג און אַרויסגעזאָגט מיט אַ שוואַכער, טרערנדיקער שטים:

— ארקאד, פאַרוואָס האָסטו מיך ניט דערהרגעט אין דעם קליינעם גאָרטן פון ווערסאַיל, צווישן די רויזן, אונטער דעם געצווּיטשער פון דראָסל?

אין דערזעלביקער צייט איז אויף פּאַריז אָנגעפאַלן אַן אימה. אויף די עפנטלעכע פּלעצער און אויף די איבערגעפילטע גאַסן האָבן באַלעבאָסטעס, מיט זייער אויסנייעכץ אין האַנט, אויסגעהערט מיט שרעק מעשיות וועגן דעם פאַרברעכן און געגעבן די שולדיקע די שרעקלעכסטע שטראָף. די קרעמער, שטייענדיק אויף די שוועלן פון זייערע קראָמען, האָבן אַרויפגעלייגט די שולד אויף די אַנאַרכיסטן, די סינדיקאַליסטן, די סאָציאַליסטן, די ראַדיקאַלן, און געמאָנט די שטראָף פון געזעץ. די, וואָס דענקען טיפער, האָבן איינגעזען, אַז דער איד און דער דייטש האָבן געהאַט אין דעם אַ האַנט, און געפאָדערט, אַז מען זאָל אַרויסטרייבן פון לאַנד די אויסלענדער. אַ סך האָבן געגלויבט די אַמעריקאַנער זיטן און געהאַלטן, אַז מען דאַרף זיי לינטשן. צו די נייעס, וואָס די צייטונגען האָבן געהאַט געדרוקט, זענען נאָך צוגעקומען גרויליקע קלאַנגען. מען האָט אין פאַרשיידענע ערטער געהערט דינאַמיט־אויפרייסן; מען האָט אומעטום אַנטדעקט באָמבעס. פאַרדעכטיקע פאַרשווינען, אָנגענומען פאַר פאַרברעכער, זענען אומעטום שווער געטראָפן געוואָרן פון דעם פאָלקס צאָרן און איבערגעגעבן, צעממיתטע, דער גערעכטיקייט. אויף פּלאַס דע לאַ רעפּובליק האָט די מאַסע צעריסן אויף שטיקער אַ שיכור, וועלכער האָט געהאַט געשריגן: „נידער מיט דער פּאָליציי!“

דער פּרעזידענט פון מיניסטאָרן־ראַט, דער מיניסטער פון גערעכטיקייט, האָט לאַנג זיך געעצהט מיטן פּרעפעקט פון דער פּאָליציי, און זיי האָבן באַשלאָסן צו אַרעסטירן אַ פינף־זעקס אַפּאַשעס פון די דרייסיק טויזנט, וואָס די הויפּט־שטאָט פאַרמאָגט, כדי דערמיט איינצושטילן די אויפגעקאָכטע פּאַריזער. דער שעף פון דער רוסישער פּאָליציי האָט געהאַט דערקענט אין דעם אַטענטאַט די מעטאָדן פון די ניהיליסטן און געפאָדערט, אַז מען זאָל איבערגעבן

זיין רעגירונג אַ טוצן פּאָליטישע עמיגראַנטן, וואָס מען האָט עס אים גלייך באַוויליקט. מען האָט אויך צוגעטראָטן צו מאַכען נאָך עטלעכע דעפּאָרטירונגען צוליב דער זיכערקייט פון דעם שפּאַנישן קיניג.

דערוואוסט זיך פון די דאָזיקע ענערגישע מיטלען, האָט פּאַריז פריי אָפּגעאָטעמט, און די אָונט־צייטונגען האָבן באַגריסט די רע־גירונג. די נייס וועגן די פּאַרוואונדעטע זענען געווען אויסגעצייכנט. זיי זענען געווען אַרויס פון געפאַר און האָבן געהאַט דערקענט זייערע אָנגרייפער אין די אַלע פּערזאָנען, וואָס מען האָט פאַר זיי פאָר־געשטעלט.

דער פּאָליציי־אינספּעקטאָר גראַל איז, אמת, געווען טויט, אָבער צוויי באַרעמהאַרציקע שוועסטער האָבן געוואַכט איבער אים און דער פּרעזידענט פון מיניסטאָרן־ראַט איז געקומען אַוועקלייגן דעם ערן־קרייץ אויף דער ברוסט פון דעם דאָזיקן קרבן פון פליכט.

ביינאַכט האָט אויסגעבראָכן אַ פּאַניקע. אויף דער אַוועניו דע לאַ רעוואָלט האָבן פּאָליציי־אַגענטן געהאַט באַמערקט אויף אַ ליידיקן פּלאַץ אַ בויד פון וואַנדערנדיקע קאָמעדיאַנטן, וואָס האָט זיי אויסגעזען צו זיין אַ נעסט פון באַנדיטן. זיי האָבן גערופן נאָך הילף, און ווען זייער צאָל איז געוואָרן גרויס, האָבן זיי באַלאַגערט די בויד. לאָיאַלע בירגער זענען צו זיי צוגעשטאַנען; פּופּצען טויזנט רעוואָלווער־שאָסן זענען אָפּגעפייערט געוואָרן. ווען מען האָט אויפגעריסן די בויד מיט דינאַמיט, האָט מען צווישן דעם ברוכווארג געפונען דעם טויטן קערפּער פון אַ מאַלפּע.

קאַפּיטל פיר־און־דרייסיק

וואו מען זעט מאַריסיען און בושאַטס אַרעסטירונג, די קאַטאַסטראָפע פון דער ביבליאָטעק פון די ד'עספּאַרוויעס און דאָס אַוועקגיין פון די מלאכים.

מאָריס ד'עספּאַרוויעי האָט פאַרבראַכט אַ שרעקלעכע נאַכט. ביים מינדסטן גערויש האָט ער זיך געכאַפּט פאַרן רעוואָלווער, ניט צו וועלן אַריינפאַלן אַ לעבעדיקער אין די הענט פון דער גערעכטיקייט. אין פרימאָרגן האָט ער געטון אַ ריס די צייטונגען פון דער אויפזעערינס הענט, איז זיי דורכגעלאָפן מיט גיריקע אויגן און האָט אַרויסגעלאָזן אַ געשריי פון פרייד: ער האָט נאָרוואָס געהאַט איבערגעלייענט, אַז דער פּאָליציי־אינספּעקטאָר גראָל, וועלכן מען האָט געהאַט אַריבערגעפירט אין מאָרג אויף צו פּאָלמעסן, האָט, לויט דער אָפיציעלער אונטערזוכונג פון די דאָקטוירים, געהאַט אויפן קערפּער ניט מער ווי זייער לייכטע וואונדן און אַז זיין טויט איז געקומען דורך דעם פּלאַצן פון אַן אַרטעריע.

— זעסטו, אַרקאַד, — האָט ער אויסגערופן מיט אַ טרי־אומפירנדיקער מינע, — זעסטו, איך בין ניט קיין מערדער. איך בין אומשולדיק. איך האָב זיך גאָר קיינמאָל ניט געהאַט פאַרגעשטעלט, אויף ווי ווייט עס איז אַנגענעם צו זיין אומשולדיק.

דערנאָך האָט ער זיך פאַרטראַכט און, ווי דאָס טרעפט געווייִנטלעך, די פאַרטראַכטקייט האָט פונאַנדערגעווייט זיין פרייִדיקע שטימונג.

— איך בין אומשולדיק. מען דאַרף אָבער זיך ניט פאַרשטעלן די אויגן, — האָט ער געזאָגט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, — איך בין איינער פון אַ באַנדע פאַרברעכער, איך לעב מיט באַנדיטן. דו געפינסט זיך אויף דיין ריכטיקן פּלאַץ, אַרקאַד, ווייל דו ביסט אַ צווייפּנימדיקער, גרויזאַמער און פאַרדאָרבענער נפש. איך אָבער קום פון אַ פיינער פאַמיליע, האָב געהאַט באַקומען אַן אויסגעצייכנטע דערציאונג, — און עס פלאַמט מיר דאָס פּנים פון בושה.

— איך, — האָט ארקאד געזאָגט, — האָב אויך באַקומען אַן אויסגעצייכנטע דערציאונג.

— וואו איז דאָס געשען?

— אין הימל.

— ניין, אַרקאַד, ניין! האָסט ניט געקראָגן קיין שום דערציאונג. ווען מען וואָלט אין דיר געווען אַריינגעגעבן פּרינציפּן, וואָלסטו זיי נאָך געהאַט. פּרינציפּן גייען קיינמאָל ניט פאַרלוירן. מיך האָט מען פון קינדווייז אָן געלערנט צו רעספּעקטירן די פאַמיליע, דאָס פאָטערלאַנד און די רעליגיע. איך האָב דאָס ניט פאַרגעסן און וועל דאָס קיינמאָל ניט פאַרגעסן. ווייסטו, וואָס איך קאָן מער פון אַלץ אין דיר ניט פאַרטראָגן? ניט דיין פאַרדאָרבנ־קייט, דיין גרויזאַמקייט, דיין שוואַרצע אומדאַנקבאַרקייט; ניט דיין אַגנאָסטיציזם, וואָס מען קאָן אים, ווען מען וויל שטאַרק, נאָך ווי עס איז פאַרטראָגן; ניט דיין סקעפּטיציזם, וואָס איז, אגב, זייער אַלטמאָדיש, ווייל זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן די נאַציאָנאַלע דערוואַכונג, איז מען מער ניט סקעפּטיש אין פראַנקרייך; וואָס עס שטויסט מיך פון דיר אָפּ, איז דיין שלעכטער געשמאַק, דער שלעכטער טאָן פון דיינע אידייען, די אומעלעגאַנטישקייט פון דיינע לערעס; דו דענקסט ווי אַן אינטעליגענט, דו דענקסט ווי אַ פּריידענקער, דו האָסט טעאָריעס, וואָס שמעקן מיט ראַדיקאַליזם, וואָס האָבן דעם שלעכטן ריח פון וואולגאַרער פּאָליטיק און פון געמיינע סיסטעמען. גיי דיר! עס קערט מיר די גאַל פון דיר... ארקאד, מיין איינציקער פריינט, אַרקאַד, מיין אַלטער מלאך, אַרקאַד, מיין טייער קינד, הער אויס דיין שוץ־מלאך: גיב נאָך מיין געבעט, זאָג זיך אָפּ פון דיינע נאַרישע געדאַנקען, ווער צוריק אַ גוטער, אַ פשוטער, אַן אומשולדיקער, אַ גליקלעכער. טו אָן דיין הוט; קום מיט מיר אין דער נאָטר־דאַם־קירך. מיר וועלן דאָרט גאָט בעטן און אוועקשטעלן אַ ליכט.

אין דערזעלביקער צייט איז די עפנטלעכע מיינונג נאָך אַלץ געווען אין אַ ברוויזיקן צושטאַנד; די גרויסע צייטונגען, די אָרגאַנען פון דער נאַציאָנאַלער דערוואַכונג, האָבן אין אַרטיקלען פון אמת־

דיקער דערהויבונג און אמתדיקער טיפקייט אויפגעוויקלט די פילאָ־זאָפיע פון אָט־דעם משונהדיקן אַטענטאַט, וואָס האָט אויפגערודערט דאָס געוויסן פון פאָלק. דער אמתדיקער אָפשטאַם פון דעם אַטענ־טאַט, זיינע אומדירעקטע, אָבער ווירקעוודיקע סיבות זענען אויפ־געדעקט געוואָרן אין די רעוואָלוציאָנערע לערעס, וואָס ווערן פראַנק און פריי פאַרשפּרייט, אין דער הפקרות פון די געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען, אין דער נאָכלאָזיקייט פון דער מאָראַלישער דיסציפּלין, אין דעם נאָכגאַנדיקן אויפרייצן יעדן מין אַפּעטיט, יעדן מין גלוסטונג. כדי אויסצוּוועטן דאָס בייז מיטן וואָרצל, וואָלט מען באַדאַרפט נויטיק אָפּשאַפן די פאַלשע אָפּדוכענישן און אוטאָפּיעס, ווי אַשטייגער, דעם סינדיקאַליזם, די הכנסה־שטייערן, א. אַ. וו., א. אַ. וו., א. אז. וו. . . . אייניקע צייטונגען, און ניט פון די קלענסטע, האָבן אין דעם ווידעראויפלעבן פון פאַרברעכן געזען די נאַטירלעכע פּרוכט פון גאָטלאָזיקייט, און זיי האָבן געמאַכט דעם אויספיר, אַז דאָס גליק פון דער געזעלשאַפט ליגט אין דעם איינשטימיקן און אויפריכטיקן צוריקקער צו דער רעליגיע.

אין דעם זונטיק נאָך דעם פאַרברעכן איז געווען צו מערקן אין די קירכן אַן אויסערגעוויינטלעכע מאַסע גאָטבעטער.

דער ריכטער סאַלנעיוו, וואָס מען האָט אים איבערגעגעבן צו מאַכן די אונטערזוכונג, האָט קודם כל אויסגעפרעגט די פּערזאָנען, וואָס די פּאָליציי האָט אַרעסטירט, און זיך געהאַט פאַרלוירן צווישן אַנלאָקנדיקע, אָבער פאַלשע שפּורן; שפּעטער איז אים צוגעשטעלט געוואָרן דער באַריכט פון דעם שפּיאָן מאָנטרעמען, וואָס האָט אים דאָך אַרויפגעפירט אויפן ריכטיקן וועג און אים געלאָזט באַלד איינזען, אַז די באַנדיטן פון לאַ זשאָנשער זענען דאָס געווען די שולדיקע אין דעם פאַרברעכן אויף רו פּעיטריעי. ער האָט געהייסן געפינען אַרקאַדן און זיטאַן און אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו אַרעסטירן פרינץ איסטאַרן. צוויי פּאָליציי־אַגענטן האָבן געלייגט אויף אים די הענט, בעת ער איז געווען אַרויסגעקומען פון בושאָטס וואוינונג, וואו ער האָט געהאַט אָפּגעלייגט אַ נייעם מין באָמבעס. דערוואוסט זיך, וואָס די אַגענטן האָבן בדעה צו טון מיט אים, האָט דער ברוב זיך פונאַנדערגעשמייכלט מיט אַ ברייטן שמייכל און זיי

געפרעגט, צי האָבן זיי מיט זיך עפּעס אַ שטאַרקן אויטאָמאָביל. אויף זייער ענטפער, אַז זייער אויטאָמאָביל שטייט ביי דער טיר, האָט ער זיי פאַרזיכערט, אַז דאָס איז אַלץ, וואָס ער האָט געוואָלט. באַלד נאָך דעם האָט ער אויף די שטיגן צעממיתט די צוויי אַגענטן, איז צו צו דעם אויטאָמאָביל, וואָס האָט אויף אים געוואַרט, האָט אַרונטערגעוואָרפן דעם שאָפער אונטער אַן אָמניבוס, וואָס איז גראָד פאַרביי־געפאָרן, און איז אָפּ פייל אויסן בייגן, פאַר די אויגן פון אַ צעשראָקענער מאַסע מענטשן.

אין דעמזעלביקן אָוונט איז מאָסיע זשאַנקור, דער פּאָליציי־קאָמיסאַר פאַר געריכט־ענינים, אַריינגעדרונגען אין טעאָפילס וואוינונג אין דעם מאָמענט, ווען בושאָט האָט געהאַלטן אין זופּן אַ רווי איין אויף דורכצולייטערן איר שטים: יענעם אָוונט האָט זי געזאָלט אין דער „נאַציאָנאַלער עלדאָראַדאָ" זינגען איר ניי לידל: „זיי האָבן עס ניט אין דייטשלאַנד". דער מוזיקער איז ניט געווען אין דער היים. בושאָט האָט אויפגענומען דעם מאַגי־סטראַט מיט אַ שטאָלצקייט, וואָס האָט דערהויבן די פּשוטקייט פון איר קליידונג: זי איז געווען אין איין העמד. דער חשובער מאַגיסטראַט האָט פאַרנומען די פּאַרטיטורן פון „אַלינע, קיניגין פון גאָלקאָנדאַ", און די ליבעס־בריוו, וואָס די זינגערין האָט זיי געהאַט זאָרגלעך באַהאַלטן אין דעם שופלאָד פון איר נאַכט־טישל, מחמת זי האָט געהאַלטן פון אָרדענונג. ער האָט שוין געזאָלט אַוועקגיין, ווען ער האָט דערשפּירט אַ וואַנטשאַפע און האָט זי נאָכלאָזיק אויפגעעפנט. ער האָט דאָרט געפונען מעכאַניזמען, וואָס מען וואָלט געקאָנט מיט זיי אויפרייסן האַלב פּאַריז, און אַ פּאָר גרויסע ווייסע פליגל, וואָס ער האָט זיך ניט געקאָנט קלאָר מאַכן ניט זייער נאַטור, אַזוי אויך ניט זייער געברויך. בושאָט איז געבעטן געוואָרן צו פאַרענדיקן איר טואַלעט און איז, ניט געקוקט אויף אירע געשרייען, אָפּגעפירט געוואָרן אין דער פּאָליציי.

מאָסיע סאַלנעיוו האָט געאַרבעט מעשים. נאָכדעם ווי ער האָט געהאַט עקזאַמענירט די פּאַפּירן, וואָס זענען פאַרנומען געוואָרן אין בושאָטס וואוינונג, האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו אַרעס־טירן דעם יונגן ד'עספּאַרוויעי. מיטוואָך, דעם 27טן מאַי, זיבן

אזייגער אינדערפרי, איז דער באפעל מיט גרויס פארזיכט אויסגע־פירט געווארן. זינט דריי טעג איז מארים ניט געשלאפן; ער האט ניט געגעסן, ניט געליבט זיך און ניט געלעבט. ער האט קיין רגע ניט געצווייפלט אין דעם כאראקטער פון דעם פרימארגנדיקן וויזיט. ביים אנבליק פון דעם פאליציי־קאמיסאר האט אן אומגעריכטע רואיקייט באהערשט זיינע חושים. ארקאד איז ניט געווען געקומען אהיים שלאפן. מארים האט געבעטן דעם קאמיסאר, ער זאל אויף אים צוווארטן, און האט זיך זארגלעך אנגעטון. דערנאך איז ער מיטגעגאנגען מיטן מאגיסטראט צום אויטאמאביל, וואס איז געווען געשטאנען ביי דער טיר. ער האט געפילט א רואיקייט, וואס האט זיך קוים געענדערט, בעת די טיר פון דער קאנסיערזשערי*) האט זיך געהאט נאך אים צוגעשלאסן. פארבליבן אליין אין זיין צעל, האט ער זיך ארויפגעשטעלט אויפן טיש צו זען דעם דרויסן. ער האט דערזען א ווינקל פון בלויען הימל און האט א שמייכל געטון. זיין רואיקייט איז געקומען צו אים פון דער מידיקייט פון גייסט, פון דער פארשטארטקייט פון די חושים און פון דעם, וואס ער האט שוין מער ניט באדארפט מורא צו האבן צו ווערן ארעסטירט. דאס אומגליק האט אים קלוג געמאכט. ער האט געפילט, ווי עס גייט אויף אים די געלייטערטקייט פון יסורים. ער איז ניט געווען ביי זיך צו שטאלץ, אזוי אויך ניט צו געפאלן, און ער האט זיך איבער־געענטפערט אין די הענט פון גאט. ניט צו וועלן פארבארגן זיין שולדיקייט, וואס ער האט זי אליין פאר זיך קלאר געזען, האט ער זיך געווענדעט אין דער מחשבה צו דער געטלעכער השגחה, כדי איר אנצואווייזן, אז אויב ער איז געווען ארייגעפאלן אין צעלאזנקייט און מרידה, האט ער עס געטון מיט דער כוונה צוריקצוברענגען זיין בלאנדזשעדיקן מלאך אויפן דרך הישר. ער האט זיך אויסגעצויגן אויפן בעטל און איז רואיק איינגעשלאפן.

פאריז און די פראווינץ האבן דערפילט א פיינלעכע דערשטוי־נונג, ווען זיי האבן זיך געהאט דערוואוסט, אז מען האט ארעסטירט א זינגערין און א זון פון אן אנגעזעענער פאמיליע. אויפגערודערט

---

*) נאמען פון בארימטער פאריזער תפיסה.—איבערזעצער.

דורך די טראַגישע בילדער, וואָס די איינפלוסרייכע צייטונגען האָבן פאַר איר אָפגעשילדערט, האָט די עפנטלעכע מיינונג געפאָדערט, אַז דאָס געזעץ זאָל ברענגען אויף דער אָנקלאָג־באַנק די משונה־ווילדע אַנאַרכיסטן, וואָס רויכערן און טריפן מיט בלוט און מיט פייער, און ניט געקאָנט גאָר באַנעמען, אַז מען זאָל וואַרפן די שולד אויף דער וועלט פון קונסט און פון עלעגאַנץ. ביי דער דאָזיקער נייס, וואָס ער איז געווען איינער פון די לעצטע צו דערוויסן זיך פון איר, איז דער פּרעזידענט פון מיניסטאָרן־ראַט, דער היטער פון די זיגלען, אויפגעשפּרונגען פון זיין שטול; די ספינקסן, וואָס האָבן באַצירט די שטול, האָבן ניט אויסגעזען צו זיין אַזוי שרעקליך ווי ער. אין אויפשוידער פון ווילדער צעטראָגנקייט האָט ער, לויט נאַפּאָלעאָנס שטייגער, צעשניטן מיט זיין מעסערל דאָס רויט־האָלץ פון דעם אימפּעריאַלן טיש. און ווען דער ריכטער סאַלנעיוו, וואָס ער האָט געהאַט געשיקט נאָך אים, האָט זיך באַוויזן פאַר זיינע אויגן, האָט דער פּרעזידענט אַריינגעוואָרפן דאָס מעסערל אין קאַמין אַריין, ווי לואי דער פערצענטער האָט געהאַט פאַר לאָזענען אַרויסגעוואָרפן זיין שטעקן דורכן פענצטער. ער האָט געמאַכט אויף זיך די גרעסטע אָנשטרענגונג זיך איינצוהאַלטן און אַרויסגעזאָגט מיט אַ געביטענער שטים:

— זענט איר משוגע?... איך האָב, דאַכט זיך, אייך שוין געהאַט גענוג אַרויסגעזאָגט מיין מיינונג, אַז די פאַרשווערונג איז געווען אַנאַרכיסטיש, אַנטי־סאָציאַל, דורכאויס אַנטי־סאָציאַל און אַנטי־מלוכהדיק, מיט אַ ניואַנס פון סינדיקאַליזם; איך האָב, דאַכט זיך, אייך שוין געהאַט גענוג אויסגעדריקט מיין וואונטש, אַז מען זאָל זיך האַלטן אין אָט־די גרעניצן, — און וואָס טוט איר אויף? איר לאָזט די אַנאַרכיסטן און די פריידענקער האָבן אין אונז אַ נקמה. וועמען אַרעסטירט איר? אַ זינגערין, וואָס ווערט פאַרערט פון דעם נאַציאָנאַליסטישן עולם, און דעם זון פון אַ מענטשן, וואָס ווערט הויך געשעצט אין דער קאַטוילישער פּאַרטיי, וואָס נעמט אויף אונזערע ביסקופּן און האָט אַ צוטריט צום וואַטיקאַן; דעם זון פון אַ מענטשן, וואָס קאָן יעדן טאָג באַשטימט ווערן פאַר אַמבאַסאַדאָר ביים פּויפּסט. מיט איין קלאַפּ באַזייטיקט איר מיר הונדערט

און זעכציק דעפּוטאַטן און פערציק סענאַטאָרן פון רעכטס, פּונקט ערב דער דעבאַטע וועגן דער רעליגיעזער שלום־מאַכונג; איר ברענגט מיך אריין אין א קריג מיט מיינע פריינט פון היינט, מיט מיינע פריינט פון מאָרגן. אויב איר האָט פאַרנומען די ליבעס־בריוו פון דעם יונגן מאָרים ד'עספּאַרוויעי, כדי אויסצוגעפינען, צי זענט איר אויך אזא אָפּגעגנאַרטער מאַן ווי אָט־דער אידיאָט דעזאָבעל, קאָן איך אייך אין דעם פּרט געבן מיין פאַרזיכערונג: איר זענט עס און גאַנץ פּאַריז וויים דערפון. ניט אָבער צוליב דעם פאַרנעמט איר די ריכטער־שטול, אַז איר זאָלט זיך אָפּרעכענען פאַר אייערע פּערזענלעכע קריוודעס.

— הער היטער פון די זיגלען, — האָט דער ריכטער, שיר ניט צו פּלאַצן פון אויפרעגונג, אַרויסגעזאָגט מיט א געשטיקטער שטים, — איך בין אַן ערלעכער מענטש.

— איר זענט אַן אידיאָט... און א פּראָווינציאַל. הערט מיך אוים: אויב מאָרים ד'עספּאַרוויעי און מאַדמואַזעל בושאָט וועלן ניט באַפרייט ווערן אין לויף פון א האַלבער שעה צייט, וועל איך אייך צעברעכן ווי מען צעברעכט א שטיק גלאָז. גייט!

מאָסיע רענע ד'עספּאַרוויעי איז אַליין געגאַנגען אָפּנעמען זיין זון פון דער קאָנסיערזשערי און האָט אים צוריקגעבראַכט אין דעם אַלטן הויז פון רו גאַראַנסיער. דער צוריקקער איז געווען א טריאומפירנדיקער. עס האָט זיך פאַרשפּרייט א קלאַנג, אַז דער יונגער מאָרים האָט אין זיין גרויסמוטיקער נאַרישקייט זיך געהאַט באַטייליקט אין א פאַרזוך צוריקצושטעלן די מאָנאַרכיע און אַז דער ריכטער סאַלנעיוו, א געמיינער פריימויערער, דאָס ווערק פון קאָמב און אַנדרעי, האָט געפּרואווט קאָמפּראָמעטירן אָט־דעם מוטיקן יונגנמאַן, צונויפפּאָרנדיק אים מיט באַנדיטן. אַזוי האָט אויסגעזען צו גלויבן דער גייסטלעכער פּאַטער, וועלכער האָט געענטפערט פאַר מאָריסן אַזוי ווי פאַר זיך אַליין. מען האָט, איבעריקס, געוואוסט, אַז דער יונגער ד'עספּאַרוויעי, אָפּברעכנדיק די באַציאונגען מיט זיין פאָטער, וועלכער איז געווען אַן אָנהענגער פון דער רעפּובליק, האָט זיך געהאַט אוועקגעלאָזט אויפן וועג פון דעם שטרענגסטן ראָיאַליזם.

די מענטשן, וואָס זענען געווען גוט אינפאָרמירט, האָבן אין זיין אָרעסט געזען די נקמה פון די אידן. איז דען מאָרים ניט געווען באַוואוסט פאַר אַן אַנטיסעמיט? די קאַטוילישע יוגנט איז אַוועק אַרויסצואווייזן דעם ריכטער סאַלנעיוו איר טיפע פאַראַכטונג אונטער די פענצטער פון זיין וואוינונג אויף רו גענעגאָ, קעגנאיבער דער מינצעריי.

אויפן בולוואַר דיו פּאַלעי האָט אַ גרופּע סטודענטן אונטערגע־טראָגן מאָריסן אַ פּאַלמען־צווייגל.

מאָרים איז געוואָרן טיף גערירט, ווען ער האָט ווידעראַמאָל דערזען דאָס אַלטע הויז, וואו עס זענען פאַרביי זיינע קינדערשע יאָרן, און מיט טרערן אין די אויגן איז ער אַריינגעפאַלן אין זיין מוטערס אָרעמס. עס איז געווען אַ שיינער טאָג, וואָס איז אָבער, צום אומגליק, צעשטערט געוואָרן דורך אַ פּיינלעכער געשעעניש.

מאָסיע סאַריעט, וועלכער איז נאָך דער דראַמע אויף רו דע קורסעל גערירט געוואָרן פון זינען, איז מיטאַמאָל אַריינגעפאַלן אין אַ ווילדקייט. ער האָט זיך פאַרשלאָסן אין דער ביבליאָטעק, וואו ער איז פאַרבליבן גאַנצע פיר־און־צוואַנציק שעה, האָט אַרויסגעלאָזט שרעקלעכע געשרייען און ניט געוואָלט ניט מיט גוטן, ניט מיט בייזן אַרויסגיין פון דאָרטן. ער האָט פאַרבראַכט די נאַכט אין אַ געוואַלטיקער אויפרעגונג, ווייל מען האָט געזען ווי דער לאָמפּ איז אָן אויפהער אַרומגעלאָפן הינטער די פאָרהאַנגען. אין פרימאָרגן, דערהערנדיק היפּאָליטס שטים, וואָס האָט אים גערופן פון הויף, האָט ער אויפגעעפנט אַ פענצטער אין דעם זאַל פון די פילאָזאָפן און גלאָבוסן און אַרונטערגעוואָרפן אַ צוויי־דריי גאַנץ וואָגיקע בענד אויפן קאָפּ פון דעם אַלטן משרת. די גאַנצע דינערשאַפט — מענער, פרויען און אינגלעך — זענען זיך אַנגעלאָפן, און דער ביבליאָטעקאַר האָט גענומען וואַרפן אויף זיי הויפנס ביכער. געזען, אַז עס האַלט שלעכט, האָט מאָסיע רענע ד'עספּאַרוויעי פאַרבויגן זיין כבוד און זיך אַריינגעמישט. ער האָט זיך באַוויזן אין נאַכטמיצל און אין כאַלאַט און געפּרואווט איינטענהן מיטן אָרעמען משוגענעם; אָבער סאַריעט האָט אים, ווען ער האָט ביז דעמאָלט געהאַט פאַרערט ווי זיין וואוילטוער, אָפּגעענטפערט מיט אַ שטראָם זידלווערטער און זיך

געמיט אים צו באַגראָבן אונטער אַלע ביבלס, אַלע עקזעמפּליאַרן פון תלמוד, אַלע הייליקע ספרים פון אינדיע און פון פּערזיע, אַלע גריכישע און אַלע לאַטיינישע פּאַטערס, אונטער דעם הייליקן זשאַן קריזאָסטאָם, דעם הייליקן גרעגאָרי פון נאַזיאַנס, דעם הייליקן אווגוס־טין, דעם הייליקן זשעראָם, אונטער אַלע אַפּאָלאָגעטן און אונטער דער „געשיכטע פון וואַריאַציעס", נאַטירט פון באָסיוע אַליין. די אָקטאַוואָ־בענד, די קוואַרטאָ־בענד, די פאָליאָ־בענד האָבן מיט שאַנד זיך אָפּגעקלאַפּט אָן דעם ברוקיר פון הויף. גאַסענדיס, פּאַטער מערסענס און פּאַסקאַלס בריוו זענען פונאַנדערגעפלויגן אויפן ווינט. די דינסט, וועלכע האָט זיך געהאַט אָנגעבויגן, כדי צוזאַמענצוקלייבן די בלעטער פון רינשטאָק, האָט געקראָגן איבערן קאָפּ מיט אַ ריזנדיקן האָלענדישן אַטלאַס. מאַדאַם רענע ד'עספּאַרוויעי, איבערגעשראָקן אויף טויט פון אָט־דעם אומהיימלעכן גערויש, איז, אַ קוים אָנגע־פּאַרבטע, געקומען צוגיין אויפן בייז־וואַונדער. ווען פּאַטער סאַריעט האָט זי דערזען, איז זיין ווילדקייט געוואָרן נאָך גרעסער. די ביוסטן פון די פּאָעטן, די פילאָזאָפן און די היסטאָריקער פון דער אַנטיקער צייט, — האָמער, עסכיל, סאָפאָקל, אייריפּידעס, העראָדאָט, טוקי־דידעס, סאָקראַט, פּלאַטאָ, אַריסטאָטל, דעמאָסטען, ציצעראָ, ווירגיל, האָראַציוס, סענעקאַ און עפּיקטעט, — זענען, נאָכאַנאַנד אַרונטער־געשליידערטע, געפלויגן אַרונטער און צעבראָכן געוואָרן איבערן ברוקיר; די גלאָבוסן פון דעם הימל און פון דער ערד האָבן זיך אַרונטערגעלאָזן מיט אַ מוראדיקן קראַך. נאָך דעם איז געקומען אַ שטילקייט, וואָס איז געווען אָנגעזאַפּט מיט שרעק און איז באַלד איבערגעריסן געוואָרן דורך דעם קלאָרן געלעכטער פון דעם קליינעם לעאָן, וועלכער האָט דורך אַ פענצטער צוגעקוקט דעם ספּעקטאַקל.

אַ שליאָסער האָט געעפנט די טיר פון דער ביבליאָטעק און אַלע הויז־מענטשן האָבן זיך אַהין אַריינגעריסן. אויסבאַהאַלטן הינטער בערג מיט ביכער, האָט פּאַטער סאַריעט געהאַלטן אין צערייסן אויף שטיקער דעם „לוקרעציוס" פון דעם פּריאָר פון וואַנדאָם מיט די אָנמערקונגען אין וואָלטערס האַנטשריפט. מען האָט באַדאַרפט זיך דורכצוברעכן אַ וועג דורך דער דאַזיקער באַ־ריקאַדע. ווען דער משוגענער האָט אָבער געהאַט דערזען, אַז זיין

באַהעלטעניש ווערט גענומען מיט שטורם, איז ער אַנטלאָפן דורכן אויבערשטיבל און אַרויף אויפן דאַך. צוויי שעה כסדר האָט ער דאָרט געמאַכט ווילדע קולות, וואָס האָבן זיך געלאָזט הערן ווייט אַרום. די מאַסע מענטשן, וואָס איז געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער, האָט זיך געדרענגט אויף רו גאַראַנסיער, קוקנדיק אויפן אומגליקלעכן און אַרויסלאָזנדיק אַ געשריי פון שרעק יעדן מאָל, ווען ער האָט געהאַט געשטרויכלט אָן די שיפער־שטיינער, וואָס האָבן זיך געבראָכן אונטער זיינע פיס. אויסגעמישט מיט דער מאַסע, האָט דער גייסטלעכער פּאַטוי, וועלכער האָט ערוואַרט, אַז אָט־אָט וועט דער ביבליאָטעקאַר פון דאָרט אַרונטערפאַלן, געזאָגט פאַר אים ווידוי און זיך געגרייט צו געבן אים די מחילה פאַרן טויט. די פּאָליציי האָט באַוואַכט דאָס הויז און געהאַלטן אָרדענונג. מען האָט אַרויסגערופן די פייערלעשער און באַלד האָבן זייערע טרומייטן אָפּגעקלונגען איבער דער גאַס. זיי האָבן צוגע־שטעלט אַ לייטער צו דער וואַנט פון הויז און נאָך אַ שרעקלעכן קאַמף בייגעקומען דעם ווילד־געוואָרענעם ביבליאָטעקאַר, וועלכער האָט אין זיין פאַרצווייפלטן ווידערשטאַנד זיך אויסגעצופּט אַ שטיק פלייש פון אָרעם. מען האָט אים גלייך אָפּגעפירט אין אַ משוגעים־הויז.

מאָרים האָט געגעסן מיטיק אין דער היים און דאָס הויז־געזינט האָט האַרציק געשמייכלט, ווען וויקטאָר, דער אַלטער סאַרווער, האָט דערלאַנגט צום טיש דעם קאַלבסבראַטן. דער גייסטלעכער פּאַטוי, זיצנדיק ביי דער רעכטער האַנט פון דער קריסטלעכער מוטער, האָט באַטראַכט מיט שמן־זייתדיקע בליקן די דאָזיקע גאָט־געבענטשטע פאַמיליע. דאָך איז מאַדאַם ד'עספּאַרוויעי געזעסן אַ פאַרזאָרגטע. יעדן טאָג האָט זי געהאַט באַקומען אַנאָנימע בריוו, וואָס זענען געווען פול מיט אַזוי פיל באַליידיקונגען און גראָבקייטן, אַז זי האָט זיי לכתחילה צוגערעכנט צו אַן אָפּגעזאָגטן הויז־דינער, זי האָט אָבער איצט געוואוסט, אַז זיי קומען פון איר איינגסטער טאָכטער, וועלכע איז געווען נאָך גאָר אַ קינד. דער קליינער לעאָן האָט איר אויך פאַרשאַפט עגמת־נפש. ער האָט זיך ניט געלערנט און געהאַט שלעכטע געוואוינהייטן. ער האָט אַרויסגעוויזן אַ נייגונג צו גרויזאַמקייט. לעבעדיקערהייט האָט ער אָפּגעשלייצט די פעדערן פון זיין

שוועסטערס קאַנאַריקלעך; ער האָט אָנגעשטאָכן מיט שפּילקעס דאָס בענקל, אויף וועלכן מאַדמואַזעל קאַפּאַראַל פלעג זיצן, און צוגעגנבעט פּערצן פראַנס ביי אַט־דער אָרעמער מיידל, וואָס פון פּרימאָרגן אָן ביזן אָוונט האָט זי מער ניט געטון ווי נאָר געוויינט און זיך געשנייצט די נאָז.

ווי נאָר דער מיטיק איז געווען פאָריבער, אַזוי איז מאָריס, אַן אומגעדולדיקער צוריקצוגעפינען זיין מלאך, אַוועקגעלאָפן צו דער קליינער וואוינונג אויף רו דע ראָם. ער האָט דערהערט דורך דער טיר אַ גערויש פון שטימען און דערזען אין דעם צימער פון דעם מלאכס אַנטפּלעקונג אַרקאַדן, זיטאַן, דעם מלאך דעם מוזיקער און דעם כרוב, וואָס האָט, אַן אויסגעצויגענער אויפן בעט, גערויכערט אַ ריזנדיקע ליולקע, פאַרברענענדיק נאָכלאָזיק די קישנס, די ליילעכער און די קאָלדרעס. זיי האָבן זיך אַרומגעכאַפּט מיט מאָריסן און אים געלאָזט וויסן וועגן זייער אַוועקגיין. די פּנימער האָבן ביי זיי געשיינט פון פרייד און פון קאַמפּלוסט. ניט מער, דער אינספּיריר־טער מחבר פון „אַלינע, קיניגין פון גאָלקאָנדאַ", האָט געגאָסן מיט טרערן און אויפגעהויבען צום הימל זיינע איבערגעשראָקענע בליקן. דער כרוב האָט אים ממש פאַר די אויערן אַריינגעצויגן אין דער פּאַרטיי פון ווידערשפּענונג, אַוועקשטעלנדיק פאַר אים די ברירה צו לאָזן זיך שלעפּן איבער די תפיסות פון דער ערד, אָדער צו טראָגן אייזן און פייער צום פּאַלאַץ פון יאַלדאַבאַאָט.

מאָריס האָט מיט האַרצווייטיק צוגעזען, אַז זיי האָבן קוים געקאָנט זיך האַלטן אויף דער ערד. זיי האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין, פול מיט באַרעכטיקטער האָפענונג. אוודאַי האָבן זיי פּאַרמאָגט ווייניק קריגער אויף אקעגנצושטעלן די אומצייליקע סאָל־דאַטן פון דעם הימלשן סולטאַן, זיי האָבן אָבער גערעכנט אויסצו־פילן די ווינציקייט פון צאָל דורך דעם אומווידערשטייליכן דראַנג פון אַן אומגעריכטער אַטאַקע. עס איז ניט געווען פון זיי פאַרבאָרגן, אַז יאַלדאַבאַאָט, וואָס גרייסט זיך מיט זיין אַלוויסנדיקייט, לאָזט זיך אַמאָל נעמען אומגעריכטערהייט; אויך די ערשטע מרידה וואָלט מסתמא אים געווען אויסגעקומען אומגעריכט, ווען דער ערץ־מלאך

מיכאל וואָלט אים פריער ניט געוועז געוואָרנט. די הימלשע אַרמיי האָט ניט געמאַכט קיין שריט ווייטער, זינט איר נצחון איבער די מורדים, פאַר דעם אָנהויב פון צייטן. בנוגע דער באַוואָפענונג און די מלחמה־מאַטעריאַלן, איז זי געוועזן פּונקט אַזוי אָפּגעשטאַנען ווי די מאַראָקאַנישע אַרמיי. אירע גענעראַלן זענען איינגעשלאָפן אין פוילקייט און אין אומוויסנקייט. איבערגעזעטיקטע פון עשירות און פון כבוד, האָבן זיי בעסער ליב געהאַט דעם עונג יום־טוב, ווי די מיזאַמקייט פון קריג. מיכאל, דער גענעראַליסימוס, אַ שטענדיק בראַווער און איבערגעגעבענער קריגער, האָט מיט די יאָרהונדערטער פאַרלוירן זיין ברען און זיין קאַמפּלוסט. אקעגן־אָבער די פאַרשווערער פון 1914 האָבן געהאַט אַ ידיעה אין די נייסטע און פיינסטע אָנווענדונגען פון דער ווּיסנשאַפט פאַר דער קונסט פון צעשטערונג. אַלצדינג איז געוועזן פאַרטיק און באַשלאָסן. די אַרמיי פון דער מרידה, פאַרזאַמלט אין קאַרפּוסן צו הונדערט טויזנט מלאכים אויף אַלע וויסטענייען פון דער ערד — אויף די סטעפּעס, די פּרעירים און די זאַמד־מדבריות, אויף די וויסטן פון אייז און פון שניי — איז געשטאַנען גרייט אַ לאָז צו טון זיך אין די הימלען.

דורך ענדערן דעם ריטם פון די אַטאָמען, וואָס שטעלן צוזאַמען זייער סובסטאַנץ, קאָנען די מלאכים דורכקרייצן די פאַרשיינדסטע סביבות. די סובסטאַנץ פון די גייסטער, וואָס האָבן אַראָפּגענידערט אויף דער ערד, באַשטייט זינט זייער פאַרמענטשלעכונג, פון אַ צו־קאָמפּאַקטער מאַסע און זיי קאָנען מער פון זיך אַליין ניט פליען; כדי אויפצוהויבן זיך אין די עטערישע ספערן און דאָרט אומבאַמערקט צוריקקריגן זייער געפליגלטקייט, מוזן זיי אָנקומען צו דער הילף פון זייערע ברידער, וואָס כאָטש ווידערשפּעניקע ווי זיי אַליין, האָבן זיי אָבער ניט פאַרלאָזן די הימלען און זענען פאַרבליבן ניט אומממשותדיקע (ווייל אַלצדינג אין דעם אוניווערז איז ממשותדיק), נאָר גלאָררייך אומגעבונדן און באַפליגלט. אַ געפיל פון פיינלעכער אומרואיקייט האָט זיכער געמוזט באַהערשן אַרקאַדן, איסטאַרן און זיטאַן, בעת זיי האָבן זיך געגרייט אַריבערצוגיין פון דער געדיכטער אַטמאָספערע פון דער ערד אין די קלאָרע טיפקייטן פון הימל. ביים אָפּטוקן זיך אין עטער קומט זיי אויס צו מאַכן אַזאַ אָנשטרענגונג, אַז אפילו די

דרייסטע פון זיי איילן זיך ניט אוועקצורייסן זיך פון דער ערד. דורכדרינגענדיק די דאזיקע פיינע סביבה, מוז זייער סובסטאנץ גופא אויך ווערן פארפיינערט, נעפילהאפטיק און איבערגיין פון דער מענטשלעכער גריים צו דער מאס פון די אויסגעברייטסטע וואלקן, וואס האבן וועןעס־איז איינגעהילט אונזער ערד. באלד וועלן זיי מיט זייער גריים אריבערשטייגן די טעלעסקאפישע פלאנעטן און, ניט־אנזיכטיקע, אנוואגיקע, דורכוואנדערן אומגעשטערט זייער לויף־וועג. אין דער דאזיקער אנשטרענגונג, דער גרעסטער, וואס די מלאכים זענען בכוח ארויסצואווייזן, וועט זייער סובסטאנץ זיין נאכאנאנד הייסער פון פייער און קעלטער פון אייז, און זיי וועלן דערפילן א ווייטיק, וואס איז ערגער פון טויט.

מארים האט אין ארקאדס אויגן איבערגעלייענט די געוואגטקייט און די פיינלעכקייט פון אזא אונטערנעמונג.

— דו גייסט אוועק, — האט ער ארויסגעזאגט מיט געוויין.

— מיר גייען מיט נעקטארן זוכן דעם גרויסן ערץ־מלאך, וואס וועט אונז פירן צום זיג.

— וועמען רופסטו עס אזוי?

— דעם, וואס דעם דעמיאורגס פריסטער האבן דורך בלבולים אים באקענט געמאכט פאר דיר.

— אומגליקלעכער! — האט מארים ארויסגעזיפצט.

און האלטנדיק דעם קאפ אין די הענט, האט ער געוויינט מיט א גרויס געוויין.

קאַפּיטל פינף־און־דרייסיק

דאָס לעצטע קאַפּיטל, וואו עס ווערט אויפגעוויקלט דעם שטנס דער־הויבענער חלום.

ארויפגעקלעטערט די זיבן הויכע טעראַסן, וואָס הויבן זיך ארויף פון דעם משופּעדיקן ברעג פון גאַנגעס־טייך ביז צו די טעמפּ־לען, פאַרהילטע אין בינד־געוועקסן, האָבן די פינף מלאכים דורך פאַרווישטע שטעגן דערגרייכט דעם ווילדן גאָרטן, אַן איבערגעפילטן מיט הענגלען וויינטרויבן און לאַכנדיקע מאַלפּעס, און דאָרט, אין דער טיף, האָבן זיי געפונען דעם, וואָס זיי זענען אים געקומען אהין זוכן. דער ערץ־מלאך איז געלעגן מיטן עלנבייגן אָנגעלייגט אויף שוואַרצע קישנס, אויסגעהאַפטענע מיט גאָלדיקע פלאַמען. לייבן און גאַזעלן האָבן געהויערט ביי זיינע פיס. צוזאַמענגעדרייטע אויף דיביימער, האָבן שטוביקע שלענג געווענדט צו אים זייערע פריינטלעכע בליקן. ביים אָנבליק פון די מלאכישע געסט האָט אַן אומעט זיך פאַרצויגן איבער זיין געזיכט. שוין אין יענער צייט, ווען ער, — זיין שטערן געקרוינט מיט טרויבן און טראָגנדיק אַ סצעפּטער פון וויינשטענגלעך, — פלעג באַלערנען און טרייסטן די מענטשן, איז זיין האַרץ ניט איינמאָל איבערגעפילט געוואָרן מיט טרויער; אָבער קיינמאָל נאָך, זינט זיין גלאָררייכער ירידה, האָט זיין שיין געזיכט ניט אויסגעדריקט אַזוי פיל ווייטיק און אַנגסט.

זיטאַ האָט אים דערציילט וועגן די שוואַרצע פאָנען, וואָס זענען פאַרזאַמלט אין מאַסן איבער די וויסטענייען פון דער ערד; וועגן דער באַפרייאונג, וואָס איז געפּלאַנט און צוגעגרייט געוואָרן אין די הימלשע פּראָווינצן, וואו די ערשטע מרידה האָט שוין אַמאָל געהאַט אויפגעיערט. און זי האָט צוגעגעבן:

— פירשט, דיין אַרמיי וואַרט אויף דיר. קום און פיר זי צום זיג!

— פריינט, — האָט דער גרויסער ערץ־מלאך געענטפערט, — איך האָב געוואוסט נאָך וואָס איר זענט אהער געקומען. פרוכט און האָניק וואַרטן אויף אייך אין שאָטן פון אָט־דעם גרויסן בוים. די

זון האָלט ביים פאַרגיין אין די ראַזיקע וואסערן פון הייליקן טייך. איר וועט אונטערליינען אייער האַרץ און זיך איבערגעבן דעם זיסן שלאָף אין דעם דאָזיקן גאָרטן, וואו שכל און לוסט האָבן די ממשלה, זינט איך האָב געהאַט אַרויסגעטריבן פון דאַנען דעם גייסט פון דעם אַלטן דעמיאורג. מאָרגן וועל איך אייך געבן מיין ענטפער.

די נאַכט האָט אויסגעשפּרייט איבערן גאָרטן אירע בלויע דעקטוכן. דער שטן איז איינגעשלאָפן און האָט געחלומט אַ חלום. ער האָט אין חלום געשוועבט איבער דער ערד און זי געזען, אַ באַדעקטע מיט ווידערשפעניקע מלאכים, וואָס זענען געווען שיין ווי געטער און וואָס זייערע אויגן האָבן געוואָרפן פון זיך בליצן. און פון פאָליום צו פאָליום האָט זיך געהויבן אַרויף צו אים איין געשריי, צונויפגעגאָסן פון מיריאַדן געשרייען, פול מיט בטחון און ליבע. און דער שטן האָט געזאָגט:

— קומט! לאָמיר זוכן דעם אַלטן שונא אין זיין דערהויבענעם וואוינאָרט. —

און ער האָט געפירט איבער די הימלשע פליינען די אומצייליקע חיילות פון די מלאכים. מען האָט געלאָזט דעם שטן וויסן, וואָס עס איז דעמאָלט פאָרגעקומען אין דער הימלשער פעסטונג. ווען די נייס פון דער דאָזיקער צווייטער מרידה איז אַהין אָנגעקומען, האָט גאָט דער פאָטער געזאָגט צום זון:

— דער פאַרביסענער שונא אונזערער הויבט זיך שוין ווידער אויף. לאָמיר באַטראַכטן, ווי אַזוי מיר זאָלן זיך פאַרטיידיקן אין אָט־דער שעה פון סכנה, וואָרען מיר קאָנען נאָך פאַרלירן אונזער הויכע וואוינונג.

און דער זון, איינס מיטן פאָטער, האָט געענטפערט:

— מיר וועלן מנצח זיין אונטער דעמזעלביקן צייכן, וואָס האָט געבראַכט נצחון קאָנסטאַנטינען.

אַ ווילדע אויפרעגונג האָט אויסגעבראָכן אויפן באַרג פון גאָט. די געטרייע שרפים האָבן לכתחילה איבערגעענטפערט די ווידער־שפעניקע מלאכים צו שרעקלעכער מאַטערניש, דערנאָך אָבער האָבן זיי באַשלאָסן צו האַלטן מיט זיי מלחמה. דער צאָרן, וואָס האָט געברענט אין די הערצער, האָט פאַרפלאַמט די פנימער. זיי האָבן

ניט נעצווייפלט אין דעם נצחון, זיי האָבן אָבער מורא געהאַט פאַר פאַראַט און גפאָדערט די שטראָף פון אייביקער פינצטערניש פאַר שפּיאָנען און העצער. זיי האָבן געשריגן, געזונגען די אַלטע הימנען און געלויבט דעם האר פון דער וועלט. זיי האָבן געטרונקען די מיסטישע ווייגען. דער מוט זייערער, צופיל אויפגעבלאָזן, האָט געהאַלטן אין פּלאַצן און אַ פאַרבאָרגענע אומרואיקייט האָט זיך אריינגעשלייכט אין די טונקעלע טיפעניש פון זייערע נשמות. דער ערץ־מלאך מיכאל האָט איבערגענומען די העכסטע קאָמאַנדע. מיט זיין רואיקייט האָט ער געשטאַרקט זייער מוט. זיין געזיכט, וואָס האָט דורכגעזיכטיקט זיין נשמה, האָט געוויזן זיין ניט־אָפּשרעקן זיך פאַר קיין סכנה. די כרובים, די ממונים פון די דונערן, וואָס דער לאַנג־דויערדיקער שלום האָט זיי אָנגעלאָדן מיט שווערקייט, זענען אויף זיין באפעל דורכגעגאַנגען מיט אַ שווערן טראָט די וואלן פון דעם הייליקן באַרג, און דורכפירנדיק דעם לאַנגזאַמען בליק פון זייערע אָקסישע אויגן איבער די בליציקע וואָלקן פון זייער האר, האָבן זיי זיך גענומען צו ברענגען אין אָרדענונג די געטלעכע באַטאַריעס. נאָכדעם ווי זיי האָבן געהאַט רעווידירט די פעסטונגען, האָבן זיי געשוואוירן פאַרן אַלערהעכסטן, אַז אַלץ איז פאַרטיק צום קאַמף. עס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ באַראַטונג וועגן די טאַקטישע פּלענער. מיכאל האָט זיך ארויסגעזאָגט פאַר דער אָפענסיווע. „דאָס, — האָט ער, אַן אמתדיקער סאָלדאַט, געזאָגט, — איז דער העכסטער כלל. אַן אָנגרייפער אָדער אַן אָנגעגריפענער. ניטאָ קיין מיטלוועג".

— און ווידער, — האָט ער צוגעגעבן, — איז אָט־די אָפענ־סיווע שטעלונג באַזונדערס צוגעפּאַסט צו דער קאָמפּלוסטיקייט פון די טראָנען און די הערשאַפטן.

מער האָט מען ניט געקאָנט ארויסקריגן קיין וואָרט פון אָט־דעם בראַוון פירער, און דאָס דאָזיקע שטילשווייגן האָט אויסגעזען צו זיין דער צייכן פון אַ גאון, וואָס איז זיכער אין זיינע כוחות.

ווי נאָר דער סיגנאַל איז געגעבן געוואָרן, אַז דער שונא קומט, אזוי האָט מיכאל ארויסגעשיקט אים צו באַגעגענען דריי ארמייען, אונטער דער קאָמאַנדע פון די מלאכים אוריאל, רפאל און גבריאל. די פאָנען אין די קאָלירן פון אָריענט האָבן געפּלאַטערט איבער די

עטערישע פעלדער און די דונערן האָבן זיך געראָלט איבער דעם ברוקיר פון די שטערן. דריי טעג און דריי נעכט האָט מען אויף דעם באַרג פון גאָט ניט געוואוסט וועגן דעם גורל פון די דאָזיקע גלאָררייכע און שרעקלעכע חיילות. באַגינען פון פערטן טאָג זענען אָנגעקומען די נייס, אומקלאָרע און אומבאַשטימטע נייס. מען האָט זיך דערוואוסט וועגן ניט־זיכערע נצחונות, וועגן צווייפל־האַפטיקע טריאומפן. די גלאָררייכע פאַקטן האָבן זיך אויפגעקליבן און זענען פונאַנדערגעפאַלן אין עטלעכע שעה צייט. רפאלס דונערן, האָט מען פאַרזיכערט, געשליידערט אויף די ווידערשפּעניקע, האָבן פּאַרטיליקט גאַנצע עסקאַדראָנען. די טרופּן, קאָמאַנדירט פון דער אומריינער זיטאַן, זענען, ווי גוט־אינפאָרמירטע לייט האָבן פאַרזי־כערט, אומגעקומען אין דעם געווירבל פון אַ פייער־שטורם. מען האָט דערציילט, אַז דער ווילדער איסטאַר איז אַזוי שווינדלדיק־שנעל אַרונטערגעשליידערט געוואָרן מיטן קאָפּ אַראָפּ אין שאול־תחתיה אַריין, אַז די גאָטלעסטערדיקע ווערטער, וואָס האָבן אויסגעבראָכן פון זיין מויל, זענען מגולגל געוואָרן אין אַ שטורמישן ווינט־צוג. מען האָט געוואָלט גלויבן, אַז דער שטן, געשמידט אין דימענטענע קייטן, איז ווידעראַמאָל אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין גיהנום אַריין. די קאָמאַנדירן פון די דריי אַרמייען האָבן דערוויל נאָך ניט געהאַט צוגעשיקט קיין שום נייס. צו די קלאַנגען וועגן גלאָררייכן זיג איז צוגעקומען אַ פאַרשטיקט געמורמל, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ מורא פאַר אַ ניט־זיכערער שלאַכט, פאַר אַ האַסטיקן צוריקטריט. בייזע צינגער האָבן געטענהט, אַז אַ גייסט פון דער לעצטער קאַטעגאָריע, אַ שוץ־מלאך, דער נישטיקער אַרקאַד, האָט פאַריאָגט און אַריינגע־בראַכט אין אַ מהומה די גלענצנדיקע אַרמיי פון די דריי גרויסע ערץ־מלאכים.

מען האָט אויך גערעדט וועגן מאַסן־אַפּפאַלן אין דעם דרום־הימל, וואו די מרידה האָט געהאַט אויסגעבראָכן נאָך פאַרן אָנהויב פון צייטן, און אייניקע האָבן אַפילו געזען שוואַרצע מאַסן גאָטלאָזע מלאכים, וועלכע זענען צוגעשטאַנען צו די רעבעלישע חיילות, וואָס האָבן זיך פאָרמירט אויף דער ערד. אָבער די גוטע בירגער האָבן זיך ניט צוגעהערט צו אָט־די מיאוסע קלאַנגען און זיך געהאַלטן

פעסט ביי די נייס פון נצחון, וואָס זענען איבערגעגאַנגען פון מויל צו מויל, צו ווערן דורך דעם נאָך מער פאַרזיכערט און באַפעסטיקט. די הויכע ערטער האָבן אָפּגעקלונגען מיט הימנען פון פריידיקייט; די שרפים האָבן אויף האַרפן און פסאַלטערן געלויבט דעם אל צבאות, דעם גאָט פון דונער. די שטימען פון די אויסדערוויילטע האָבן זיך פאַראייניקט מיט די שטימען פון די מלאכים צו זינגען לויב־געזאַנגען צום ניט־אָנזיכטיקן גאָט. ביים געדאַנק וועגן דער שחיטה, וואָס די שלוחים פון דעם הייליקן צאָרן האָבן געמאַכט אויף די ווידערשפעניקע, האָבן יובלדיקע זיפצן זיך געהויבען פון דעם הימלשן ירושלים ארויף צום אַלערהעכסטן. אָבער די פרייד פון די גליק־זעליקע, דערגאַנגען פאַר דער צייט ביז צו דער העכסטער מדרגה, האָט שוין ווייטער ניט געקאָנט גיין, און דער איבערפלוס פון זייער גליקזעליקייט האָט אָפּגעטויט אַלע זייערע געפילן.

די לויבגעזאַנגען זענען נאָך ניט געווען פאַרשטילט געוואָרן, ערשט די שומרים, וואָס האָבן געהאַלטן וואך אויף דעם באַרג פון גאָט, האָבן אָנגעזאָגט דאָס אָנקומען פון די ערשטע אַנטלאָפענע פון דער געטלעכער אַרמיי: צעלומפּטע שרפים, וואָס זענען גע־פלויגן אין אומאָרדענונג, פאַרמלאָזע כרובים, וואָס זענען געגאַנגען אויף דריי פיס. מיט אַ רואיקן בליק האָט מיכאל, דער פרינץ פון די קריגער, אָפּגעמאָסטן די גרייס פון דעם אונגליק און זיין קלאָרער מוח האָט דורכגעדרונגען די סיבה דערפון. די חיילות פון דעם לעבעדיקן גאָט האָבן אָנגענומען די אָפענסיווע, אָבער דורך איינעם פון יענע פאַטאַלע צופאַלן, וואָס צעשטערן אין מלחמה די פּלענער פון די גרעסטע קאָמאַנדירן, האָבן די שונאים אויך אָנגענומען די אָפענסיווע, און אָט האָט מען געזען, וואָס עס איז דערפון ארויסגע־קומען. ווי נאָר די טויערן פון דער ציטאַדעל האָבן זיך פונאַנדער־געעפנט, כדי אויפצונעמען די גלאָררייכע און פאַרמלאָזע רעשטלעך פון די דריי אַרמייען, אַזוי האָט אַ פייערדיקער רעגן גענומען פליצן אויפן באַרג פון גאָט. דעם שטנס חיילות האָבן זיך נאָך ניט געהאַט באַוויזן, ערשט די ווענט פון טאַפּאַז, די קופּאָלן פון שמאַראַגד און די דעכער פון דימענטשטיין זענען מיט אַ שרעקלעכן קראַך איינגע־פאַלן אונטער דער שיסעריי פון די עלעקטראָפאָרן. די אַלטע וואָלקן

האָבן געפּרואווט אָפּענטפערן, זייערע דונערן האָבן אָבער ווייט ניט נעגרייכט און זיך פאַרלוירן אין די וויסטע פליינען פון הימל.

געטראָפן פון א ניט־אַנזיכטיקן שונא, האָבן די געטרייע מלאכים פאַרלאָזן די פעסטונג. מיכאל איז געקומען אָנזאָגן זיין גאָט, אַז דער הייליקער באַרג וועט אין פיר־און־צוואַנציק שעה אַריינפאַלן אין די הענט פון די דעמאָנס און אַז דער האָר פון דער וועלט מוז מאַכן פּליטה, אויב ער וויל זיך ראַטעווען. די שרפים האָבן אַריינגעלייגט אין קופערטן די איידלשטיינער פון דער געטלעכער קרוין. מיכאל האָט אָנגעבאָטן זיין אָרעם דער קיניגין פון די הימלען און די געטלעכע פאַמיליע איז דורך אַן אונטערערדישן וועג פון פּאָרפירשטיין אנטלאָפן פון פּאַלאַץ. א מבול פון פייער האָט געפּליוצט אויף דער ציטאַדעל. פאַרנומען צוריק זיין פּאָסטן אויפן שלאַכטפעלד, האָט דער גלאָררייכער ערץ־מלאך דערקלערט, אַז ער וועט קיינמאָל ניט קאַפּיטולירן, און באַלד האָט ער געהייסן אַוועקנעמען די פאָנען פון דעם לעבעדיקן גאָט. אין דעמזעלביקן אָוונט איז די אַרמיי פון דער מרידה אַריינגעקומען אין דער דריימאָל הייליקער שטאָט. רייטנדיק אויף א פייערדיקן פערד, האָט דער שטן געפירט זיינע דעמאָנס. הינטער אים האָבן מאַרשירט אַרקאַד, איסטאַר און זיטאָ. פּונקט ווי אין דיאָניזוסעס טריאומף־צוגן, האָט דער אַלטער נעקטאַר געריטן אויף זיין אייזל. ווייט הינטער זיי האָבן געפלאַטערט די שוואַרצע פאָנען.

דער גאַרניזאָן האָט אַוועקגעלייגט פאַרן שטן די וואָפן. מיכאל האָט געלייגט צו די פיס פון דעם זיגערישן ערץ־מלאך זיין בלאַנקעדיקע שווערד.

— נעמט צוריק אייער שווערד, מיכאל, — האָט דער שטן געזאָגט, — לוציפער גיט זי אייך אַוועק. טראָגט זי פאַר דער פאַרטיידיקונג פון שלום און פון געזעצלעכקייט.

דערנאָך האָט ער געווענדט זיינע בליקן צו די פירער פון די הימלשע שלאַכט־רייען און אויסגערופן מיט א קלינגעוודיקער שטים:

— ערץ־מלאך מיכאל, און איר, מאַכטיקייטן, טראָנען און הערשאַפטן, שווערט אַלע געטריישאַפט צו אייער גאָט!

— מיר שווערן! — האָבן זיי געענטפערט בקול אחד.

און דער שטן האָט ווייטער געזאָגט:

—מאַכטיקייטן, טראָנען און הערשאַפֿטן, פֿון אַלע פֿאַרגאַנגענע מלחמות וויל איך קיין זאַך ניט געדענקען ווי נאָר דעם אומבאַזיגלעכן מוט, וואָס איר האָט געהאַט אַרויסגעוויזן, און אָט־די טריישאַפֿט, וואָס איר האָט געהאַט אויפֿגעהיט צו אייער האַר, און דאָס גיט מיר די זיכערקייט אין דער טריישאַפֿט, וואָס איר האָט מיר נאָרוואָס געהאַט געשוואוירן.

דעם צווייטן טאָג, אויף דעם עטערישן פּליין, האָט דער שטן געהייסן אויסטיילן די שוואַרצע פֿאָנען צווישן די טרופּן. די באַפֿליגלטע סאָלדאַטן האָבן זיי באַדעקט מיט קושן און נאָס געמאַכט מיט זייערע טרערן.

און דער שטן האָט זיך געלאָזט קרוינען פֿאַר אַ גאָט. אַפּאָסטאָלן, פּויפּסטן, יונגפֿרויען, מאַרטירער, קדושים, די גאַנצע באַפֿעל־קערונג פֿון די אויסדערוויילטע, וואָס בעת דער שרעקלעכער שלאַכט האָבן זיי הנאה געהאַט פֿון דער זיסער הימלישער רו, האָבן זיך איצט געדרענגט אויף די פֿינקלדיקע ווענט פֿון דעם הימלישן ירושלים און דער ספּעקטאַקל פֿון דער קאָראָנאַציע האָט זיי פֿאַרשאַפֿט אומענדלעכע פֿרייד. די אויסדערוויילטע האָבן, באַצויבערטע, צוגעזען, ווי דער אַלערהעכסטער ווערט אַריינגעשליידערט אין גיהנום אַריין און ווי דער שטן פֿאַרנעמט זיין טראָן. לויט דעם ווילן פֿון גאָט, וואָס האָט זיי פֿאַרווערט יעדער פֿיינלעכקייט, האָבן זיי אויפֿן אַלטן שטייגער געזונגען שירה צום נייעם האַר.

און דורכשטעכנדיק דעם חלל מיט זיינע שפּיזיקע בליקן, האָט דער שטן באַטראַכט אָט־די קליינע קויל פֿון ערד און פֿון וואַסער, וואו ער האָט אַמאָל געהאַט געפֿלאַנצט דעם וויינשטאָק און געשאַפֿן די ערשטע טראַגישע כאָרן. און ער האָט אָנגעשטעלט זיינע בליקן אויף אָט־דער שטאָט רוים, וואו דער געפֿאַלענער גאָט האָט דורך שקר און פֿאַרפֿירונג געהאַט געגרינדעט זיין מאַכט. דאָך איז אַ הייליקער אין יענער צייט געווען דער מושל איבער אָט־דער קירך. דער שטן האָט אים געזען תּפֿילה־טון און פֿאַרגיסן טרערן. און ער האָט צו אים אַזוי געזאָגט:

— איך געטרוי דיר מיין פרוי. היט זי אָפּ מיט טריישאַפט. איך טו דיך פעסטשטעלן אין דיין רעכט און אין דיין מאַכט צו זיין א פוסק אין ענינים פון אמונה, צו רעגולירן דעם געברויך פון די סאקראמענטן, צו מאַכן געזעצן און צו דערהאלטן די ריינלעכקייט פון די זיטן. און יעדער רעכטגלויביקער איז מחוייב אונטער דעם זיך אונטערצואווארפן. מיין קירך איז אייביק און די טויערן פון גיהנום וועלן אקעגן איר ניט באַשטיין. ביסט ריין פון זינד. קיין זאַך האָט זיך ניט געביטן.

און דער יורש פון די אַפּאָסטאָלן האָט דערפילט אין זיך אַן אָנפלייץ פון חדווה. ער איז געפאלן כורעים, מיטן שטערן אויפן שטיינערנעם דיל, און האָט געענטפערט:

— גאָט מיין האר, איך דערקען דיין שטים. דיין הויך האָט ווי א באַלזאַם זיך אויסגעשפרייט איבער מיין האַרץ. געבענטשט זאָל זיין דיין נאָמען. דיין ווילן זאָל געשען אויף דער ערד אַזוי ווי אויפן הימל. ברענג אונז ניט אריין אין קיין נסיון, נייערט היט אונז אויס פון בייז.

און דעם שטן זענען וואוילגעפעלן די לויבגעזאַנגען און דאָס אויסטיילן גענאַד. ער האָט ליב געהאַט צו הערן ווי עס ווערן גערימט זיין חכמה און זיין מאַכט. מיט פרייד האָט ער אויסגעהערט דאָס שירה־זינגען פון די כרובים, וואָס האָבן געלויבט זיינע מעשים טובים, און עס האָט אים גאָרנישט פאַרשאַפט קיין פאַרגעניגן צו הערן נעקטאַרס פלייט, מחמת זי האָט באַזונגען די נאַטור, האָט צוגעגעבן דעם פליגעלע און דעם גרעזעלע זייער חלק קראַפט און ליבע און גערופן צו פרייד און צו פרייקייט. דער שטן, וואָס א ציטער פלעג פאַרצייטנס אדורכנעמען אלע זיינע גלידער ביים געדאַנק וועגן די לייד, וואָס הערשן אויף דער וועלט, האָט זיך איצט פאַר־פאַנצערט קעגן דעם געפיל פון רחמנות. ער האָט באַטראַכט די לייד און דעם טויט פאַר דעם גליקלעכן אויפטו פון זיין אַלמעכטיקייט און פון זיין העכסטער לייטזעליקייט. און דאָס בלוט פון די קרבנות האָט זיך גערויכערט ארויף צו אים ווי אננענעמער וויירעך. ער האָט פאַרדאַמט דעם שכל און פיינט געהאַט די נייגיר. ער אַליין

האָט זיך אפגעזאגט עפּעס נאָך צו לערנען, ווייל ער האָט מורא געהאט, טאָמער וועט דאָס ניי־צוגעקראָגענע וויסן ווייזן, אז ער איז לכתחילה ניט געווען קיין אַלוויסער. די מיסטעריע איז אים געווען צום הארצן; ער האָט געגלויבט, אז זיין גרויסקייט וועט געמינערט ווערן דורך דעם, וואָס ער וועט ווערן פארשטאַנען, האָט ער געמאַכט דעם אָנשטעל, אז ער איז איבער יעדער השגה. אַ גערדיכטער רויך פון טעאָלאָגיע האָט פארטשאַדעט זיין מוח. איינמאָל איז אים איינגעפאלן צו דערקלערן זיך, לויטן ביישפּיל פון זיין פאָרגייער, פאר איין גאָט אין דריי געשטאַלטן. ווען ער האָט נאָך דער דאָזיקער דערקלערונג דערזען ווי ארקאַד שמייכלט, האָט ער אים פארטריבן פון זיין אָנגעזיכט. איסטאַר און זיטאַ האָבן זיך שוין לאַנג געהאַט אומגעקערט צוריק אויף דער ערד.

אזוי זענען די יאָרהונדערטער פארבייגעלאָפן ווי רגעס. און איינמאָל האָט ער פון דער הייך פון זיין טראָן אַרונטערגעלאָזן זיין בליק אין דער סאַמע טיפעניש פון שאול־תחתיה און דערזען יאַלדאַבאַאָט אין גיהנום, וואוהין ער האָט אים געהאַט אַרונטערגע־שליידערט נאָכדעם ווי ער אליין איז דאָרט אַ לאַנגע צייט געלעגן אַ געשמידטער אין קייטן. יאַלדאַבאַאָט האָט אין דער אייביקער פינצ־טערניש אויפגעהיט זיין שטאָלץ. אַ פארשווארצער און אַ צעבראָ־כענער, אַ שרעקלעכער און אַ דערהויבענער, האָט ער אויפגעהויבן צום פּאַלאַץ פון דעם הימלשן קיניג אַ בליק פון פאַראַכטונג, דערנאָך האָט ער אָוועקגעדרייט דעם קאָפּ. און דער נייער גאָט האָט באַטראַכט זיין שונא און געזען ווי איבער זיין ליידנדיקן געזיכט ציט זיך דורך דאָס ליכט פון שכל און גוטסקייט. יאַלדאַבאַאָט האָט איצט באַטראַכט די ערד, און ווען ער האָט דערזען ווי זי איז איינגעטונקען אין שלעכטיקייט און אין פּיין, האָט ער געגומען נערן אין זיין הארץ דאָס געפיל פון מענטשנליבע. מיטאַמאָל האָט ער זיך אויפגעהויבן, און פאַטשנדיק מיט זיינע גרויסע אָרעמס אזוי ווי מיט רודערן איבערן עטער, האָט ער זיך אַרונטערגעלאָזן אויף דער ערד צו באַלערנען און צו טרייסטן די מענטשנקינדער. און שוין האָט זיין ווייט־אויסגעברייטער שאָטן געבראַכט דער אומגליקלעכער פּלאַנעטע אַ שאָטנדיקייט, וואָס איז געווען אזוי אָנגענעם ווי אַ נאַכט פון ליבע.

און דער שטן האָט זיך אויפגעכאַפּט, א באַגאַסענער מיט אַן אייז־קאַלטן שווייס.

נעקטאַר, איסטאַר, אַרקאַד און זיטאַ זענען געשטאַנען לעבן אים. די פייגל האָבן געזונגען.

— חברים, — האָט דער גרויסער ערץ־מלאך געזאָגט, — ניין, מיר ווילן ניט איינגעמען דעם הימל. עס איז גענוג, אַז מיר זענען בכוח דאָס צו טון. מלחמה איז גורם מלחמה און נצחון ברענגט מפּלה.

„גאָט, אַ באַזיגטער, וועט ווערן שטן, דער שטן, אַ זיגערישער, וועט ווערן גאָט. באַהיט זאָל איך ווערן פון אָט־דעם שרעקלעכן גורל! איך האָב ליב דעם גיהנום, וואָס האָט מיר געגעבן מיין גאונות, איך האָב ליב די ערד, וואו איך האָב געהאַט געטון גוטס, אויב עס איז נאָר מעגלעך צו טון גוטס אין אָט־דער שרעקלעכער וועלט, וואו אירע ברואים קאָנען אַנדערש ניט עקזיסטירן ווי נאָר דורך מאָרד. אונז צו פאַרדאַנקען, איז דער אַלטער גאָט איצט פאַרטריבן פון דער ערדישער מלוכה און יעדער איינער, וואָס דענקט אויף דער דאָזיקער ערד, האָט אים פיינט אָדער וויל אינגאַנצן פון אים ניט וויסן. וואָס קומט אָבער אַרויס, וואָס די מענטשן זענען מער ניט אונטערטעניק צו יאַלדאַבאַאָטן, אַז דער גייסט פון יאַלדאַבאַאָט איז נאָך אַלץ אין זיי, אַז פּונקט ווי ער זענען זיי אייפערזיכטיק, גע־וואַלטלעך, קריגעריש, גייציק, שונאים פון קונסט און פון שיינקייט? וואָס קומט אַרויס, וואָס זיי האָבן צוריקגעוויזן דעם בייזן דעמיאורג, אַז זיי הערן זיך ניט צו צו די פריינטלעכע דעמאָנס, וואָס לערנען דעם גאַנצן אמת, — צו דיאָניזוסן, אַפּאָלאָן און די מוזן? וואָס איז שייך אונז, הימלשע גייסטער, דערהויבענע דעמאָנס, האָבן מיר פאַר־טיליקט יאַלדאַבאַאָטן, אונזער טיראַן, אויב מיר האָבן פאַרטיליקט אין זיך דעם אומוויסן און די מורא".

און ווענדנדיק זיך צום גערטנער, האָט דער שטן געזאָגט:

— נעקטאַר, דו האָסט מלחמה געהאַלטן אינאיינעם מיט מיר,

פאַר דעם געבוירן פון דער וועלט. מען האָט אונז געהאַט מנצח
געווען, ווייל מיר האָבן ניט פאַרשטאַנען, אַז נצחון איז גייסט און
אַז אין זיך און נאָר אין זיך אַליין באַדאַרפן מיר אָנפאַלן אויף
דעם טיראַן פון די הימלען און אים פאַרטיליקן.

ס ו ף.

פארלאג מאקס יאנקאוויטש

179 EAST BROADWAY, NEW YORK, N. Y.

חיים שווים:	
די גרויסע אידישע געשיכטע 4 בענדער — —	10.00
ליטעראַרישער דעקלאמאטאר און פארלעזער .30	.70
ראבערט אינגערסאל: טעות'ן פון משה רבנו — .40	.75
א. שאפענהויער: "די חכמה פון לעבען", און אנדערע עסייען — — — — — — — — — — —	2.00
דר. מוזיקאנט: דאס נייע אפערא בוך מיט 40 אפעראס — — — — — — — — — — — —	2.25
ברוך שפינאזא: טעאלאגיש־פאליטישער טראקטאט	2.25
טאמאס פיין: די צייט פון פארשטאנד — — —	2.00
אנאטאל פראנס: דער אויפשטאנד פון די מלאכים	2.00
מ. ארציבאשעוו:	
סאנין — — — — — — — — — — — — — —	1.50
מיליאנען — — — — — — — — — — — —	1.20
פרויען — — — — — — — — — — — — —	1.00
דער לעצטער שטריך (אין 2 בענד.) — — —	3.50
אסקאר ווייילד: דאס בילד פון דאריאן גרעי —	1.50
לעאניד אנדרעיעוו: דער רויטער געלעכטער —	.70
ראמען ראלאן:	
שוועסטער נאנעט און סילוויא — — — — —	1.75
זומער, ראמאן אין 3 טיילען — — — — — — —	2.25
פ. דאסטאיעווסקי:	
ארעמע מענשען — — — — — — — — — — —	1.00
ערנידעריגטע און בעליידיגטע (אין 2 בענד) —	3.00
פארברעכען און שטראף (אין 2 בענד) — —	3.50
אידיאט (אין 2 בענד, 1,000 זייטען) — —	5.00
וויקטאר הוגא: דער מענש, וואס לאכט אין 2 ב.	3.00
אויגוסט סטרינדבערג: דאס רויטע צימער — —	1.50
פראפ. א. פארעל: געשלעכטספראגע. פולשטענדיג אין 2 בענדער — — — — — — — — — — —	4.00
ס. פשיבישעווסקי: דעם טייוועל'ס קינדער — —	1.50
וויניטשענקא: עהרליך צו זיך אליין — — — — —	2.00